STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04643

# SHOLEM-ALEYKHEM

## Uri Finkel

*Permanent preservation of this book was made possible
by Harold & Hazel Handelman
in memory of
Benjamin Orenstein, Rose Ross & Morris Handelman*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג
פון שלום־עליכם

אורי פינקעל

---

# שלום־עליכם

(מאָנאָגראַפיע)

אורי פינקעל

# שלום-עליכם

(מאָנאָגראַפיע)

פאַרלאַג יידיש בוך וואַרשע

1959

URI FINKIEL

# SZOLEM ALEJCHEM

(monografia)

Redaktor: D. SFARD
רעדאַקטאָר: דוד ספאַרד

Okładkę projektował: R. CHWOLES
הילע פֿראָיעקטירט: ר. כוואָלעס

WYDAWNICTWO „IDISZ BUCH" WARSZAWA, NOWOGRODZKA 5

Nr zam. 4659. Nakład 3000 egz. Druk ukończono w maju 1959 r.
Ark. druk. 21, wydawniczych 18. Papier druk sat. kl. V 61×86, 70 g.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8.

שלום־עליכם אין וויסבאַדען (יולי 1913).

## קאַפּיטל איינס

# דאָס יאָר טויזנט אַכט הונדערט ניין און פופציק

א גאַנצע וואָך האָט א פּאַרטונקלטער הימל געשמיסן מיט א רעגן איבערן שנייַ און געטריבן אים פון פעלדער און וועלדער. דער שניי האָט צעווייקט די ערד און מיט א קאַלעמוטנע וואַסער געיאָגט זיך אין טייכלעך און טייכן. טייכן האָבן זיך צעגאָסן ווייט אריבער די ברעגעס און אויף שוימיקע כוואַליעס אוועקגעטראָגן אַלץ מיטן האַסטיקן שטראָם אין העטווייט.

ערשטער מאַרט פון יאָר 1859.

הייַנט איז שוין דער הימל אויסגעלייטערט, און אצינד איז א בלויע ליכטיקע נאַכט פון אָנהייב פרילינג.

אויף דער פּאָסט-סטאַנציע וואָראָנקאָוואָ איז שוין אייניקע טעג פוסט. עס קומען נישט קיין דורכפאָרנדיקע געסט, די פערד אין שטאַל שטייען זאַט און אויסגערוט.

אין דעם צימער פאר די געסט זיצן די אָנטרייבער. שוין אייניקע טעג נישט געווען אין וועג. זיי דערציילן מעשות איינער דעם אנדערן, דערציילן גוזמאות אָן אַ שיעור. אַ מעשה האָט זיך פאַרלאָפן מיט יאָרן צוריק מיט א וואונדערבאַר פערד, וואָס האָט אין א צייט פון פאַרפלייצונג מיט איין שפרונג דאָ איבערגעשטייגט דניעפּר דעם טייך. א מעשה וועגן מענטשן, וואָס זענען געפאָרן פון א ווייט לאַנד, און עס האָבן זיי די כוואַליעס פארשלונגען, און זיי זיינען אויף אייביק אוועק פון דער וועלט און מע ווייסט נישט, וווּ זייער געביין איז אהינגעקומען.

שוין לאַנג, כמעט א וואָך, אז מע הערט נישט קיין פרעמדן גלאָק.

די טיר פון דער קאַנטאָר איז פארמאַכט. דאָרט זיצט דער ארענדאַר פון דער פּאָסט-סטאַנציע נחום ראַבינאָוויטש. א לעמפּל באַלויכט דעם טיש, און ער, נחום ראַבינאָוויטש, קוקט אין אן אָפענעם בוך. דאָס לייענט ער

שוין דעם ווײַפֿלטן מאָל איינעם פֿון די צוויי ביכער, וואָס ער האָט זיך געבראַכט פֿון פּערעיאַסלאַוו.

דאָס זענען יצחק־בער לעווינזאָנס ביכער: „תעודה בישראל“ און „אפס דמים“ — אַ בוך וועגן בלוט־בילבולים.

נחום ראַבינאָוויטש קוקט אַרײַן אינעם בוך, אָפּטמאָל גיט ער זיך אַ שאָקל, און עס באַוועגט זיך מיט אים אויך זײַן שאָטן אויף דער וואַנט. מיט זײַן שמשון־לער ווײַסער האַנט גלעט ער זײַן נאָך גאָר קורץ שוואַרץ בערדל.

מיטאַמאָל צעזינגט ער זיך איבערן בוך מיט אַן אומעטיקן, געקרײַזלטן ניגון און חזרט איבער אין דער הויך אויף ייִדיש, דאָס, וואָס ער האָט געלייענט אויף העברעיִש.

— אמר הכומר — דער אַרכיבישאָף האָט געזאָגט: זיי טוען נאָר לעכצן נאָך אונדזער בלוט, ווײַל זיי, די ייִדן, דאַרפֿן זיך ריינוואַשן מיט דעם. אַנדערש קאָנען זיי נישט קומען אויף דער אמתער וועלט.

ער ווערט אַנטשוויגן, און זײַן בלייך פּנים ווערט נאָך בלייכער, זײַנע שוואַרצע גלאַנציקע אויגן קוקן ווידער אָנגעשטרענגט אין בוך. אַ לייכטער ציטער טראָגט זיך אַדורך איבער זײַן לײַב, און ער לייענט ווידער אין דער הויך, שוין מיט אַ פֿריילעכן ניגון:

— אָמר החכם — דער פֿילאָסאָף האָט אַזוי געזאָגט: דאָס זײַנען נאָר אויסטראַכטענישן פֿון דער קאַטוילישער קירך. די בילבולים זײַנען בלויז זאַבאַבאָנעס פֿונעם גלייביקן, פֿינצטערן פֿאָלק. די אויפֿגעקלערטע פֿעלקער האָבן שוין לאַנג פֿאַרגעסן אין די דאָזיקע זאַבאַבאָנעס.

אַ וואָך צײַט, אַז נחום ראַבינאָוויטש איז שוין אָפּגעריסן פֿון פּערעיאַסלאַוו. אַזוי פֿרי געקומען היי־יאָר דער פֿרילינג. די געהילצן, וואָס ליגן בײַם ברעג פֿונעם דניעפּר פֿאַר צענדליקער מײַל פֿון דאַנען, — ווער ווייסט, וואָס עס טוט זיך מיט זיי. און אין דער היים?... וואָס הערט זיך אין דער היים?

עס זיצט זיך נישט אײַן בײַם בוך. ער פּרוּווט איבערציילן די קאַסע. שוין די קאַסע אויך נישט איינמאָל געציילט — עס פֿעלט גאָרנישט, עס קומט גאָרנישט צו...

ער וועט אַרויס אויפֿן גאַנעק, אפֿשר האָט זיך ווער געלאָזן אין וועג אַרײַן. אפֿשר פֿאָרט עמיצער פֿון פּערעיאַסלאַוו, און ברענגט אים אַ גרוס פֿון דער היים.

קעגנאיבער דעם גאַנעק איז, ווי אלעמאָל, געשטאַנען דער וועג־סלופּ מיט די ווייסע און שווארצע פּאַסן באַמאָלט. די לבנה האָט באלויכטן דאָס ברעטל, וואָס איז געווען צוגעקלאַפּט אויף אים, און נחום ראבינאָוויטש האָט נישט ווילנדיק איבערגעלייענט די אים שוין פון לאַנג באַקאַנטע ווער־טער פון דער רוסישער אויפשריפט:

## פּאָסט־סטאַנציע וואָראָנקאָ

און די אונטערשטע שורות, וואָס זענען געווען אויפגעשריבן אויפן ברעטל, האָט ער אויך נישט ווילנדיק איבערגעלייענט:

פינף הונדערט פיר און פופציק נפשות פון מענלעכן געשלעכט,
זיבן הונדערט צוויי און פופציק נפשות פון ווייבלעכן געשלעכט.

און, מיטאַמאָל, עס הערט זיך אַ גלאָק, וואָס פּארליהט זייגע אָפּגע־ריסענע קלאַנגען אין דער טיפקייט פון דער נאכט. „צי פּאָרט מען נישט פון פּערעיאסלאַוו?" — האָט ער אַ טראכט געטאָן. דער גלאָק ווערט אַלץ נעענטער און נעענטער. עס הערט זיך, ווי עס רייבן זיך די אַקסן אָן דעם אויסגעווייקטן קלעפּיקן באָדן.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט איצט אויסגעזען נאָך העכער ווי אלעמאָל. די פערד זענען שוין געווען גאָר נאָענט, און נחום ראבינאָוויטש האָט אוועקגעשפּאַנט זיי אַנטקעגן.

די פּאָסט־פערד זענען אריינגעפּאָרן אין הויף פון דער סטאַנציע, און אין אַ פּאָר מינוט ארום איז דער באָר־וואָס געקומענער הערצל שמשופּאָק, די ראבינאָוויטשעס עלטסטער משרת, געזעסן אין קאַנטאָר ביים טיש אַנט־קעגן ראבינאָוויטשן. הערצל שמשופּאָק האָט געביסן דעם שפּיץ פון זיין גרויער באָרד און מיט די ברעמען אַלץ געפינטלט און געפינטלט, קוקנ־דיק גלייך נחום ראבינאָוויטשן איבערן קאָפּ.

ער האָט געוואַרט ביז נחום ראבינאָוויטש וועט אויפהייבן דעם קאָפּ פונעם אָפענעם פּאַפּיר, וואָס ער, הערצל שמשופּאָק, האָט אים געבראכט פון דער היים. דער אלטער „מענטש" האָט איצט נאָך מער איבערגעלעבט

דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט מיט עטלעכע טעג צוריק אין פּערע־יאַסלאַוו ביי זיינע באַלעבאַטים אין שטוב. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך גע־טראָגן די קלעצער פון די צעשלאָגענע פּליטן. געטראָגן זיך איבער דעם קאַלעמוטנעם שוים פונעם רווישנדיקן דניעפּר. ס'איז אים שווער געווען, הערצל שטשופּאַקן, צו מאַכן קוראַזש, צו פאַרשטעלן זיך, אז ער ווייסט פון גאָרנישט. ער האָט זיך אָבער געמאַכט נישט ווּיסנדיק און געוואַרט, דער באַלעבאָס זאָל אים אליין פרעגן.

נחום ראַבינאָוויטש האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין שטול, האָט אויס־געזען ווי אויפגעהאַרבעט, און גענומען לייענען אויפן קול:

„...העצים זיינען אַוועק מיטן וואַסער בשביל האַפּאַוואָדקעס, וועהאַ־פּליטן זיינען צעקלאַפּט געוואָרן על האַפּאַראָגן...“

הערצל שטשופּאַק האָט זיך אויך אויפגעשטעלט, האָט צעפירט מיט די הענט.

— הערט איר, באַלעבאָס, א פּאַוואָדקע מיט סכנות, זינט די וועלט שטייט... בימערע צייטן געקומען. אָבער ווי זאָגט דער פּסוק: הרכוש קח לך, והנפש תן לי — נעם זיך די קלעצער צו אלדי קאַדיק און דאָס ווייב און קינדער לאָז מיר איבער.

הערצלס קווימשעדיק קעלבל האָט זיך געקאָנט אויסדרוקן ווי א קינ־דיש געוויין. נחום ראַבינאָוויטש האָט אָבער גלייך ווי גאָר נישט געלייגט קיין אַכט אויף הערצלס רייד, איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף א ווילע און האָט באַלד ווידער געלייענט:

„...האגראַף מיבאַסלאַוו האָט זיך אויפגעהאַנגען טאַקע בימי האפּאַ־וואָדקעס. און די אנשי שלומינו פון דעם טאַלנער שטיבל זאָגן, אז דער־פאַר זענען דאָס די היי־יאָריקע פּאַוואָדקעס מיט סכנות. פּסח־עליע דער ווינער האָט אים אָנגעטאָן א פיין היטל, דעם גראַף, געשטעלט בדיל־הדל. א גוטער ימחשמוניק! וועגן דער אייזנבאַן דערציילט מען גאָר ביי אונדז חידושים, און זיין ליבער נאָמען ווייסט, צי וועט עס נישט שלאָגן על הפּר־נסה של האַפּאָטשט“.

נחום ראַבינאָוויטש האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך א ביסל פאַר־טראַכט, און א לייכטער שמייכל האָט זיך געוויזן אויף זיין פּנים. עפּעס האָט אים היינטיקס מאָל דאָס לשון פונעם בריוו דערמאָנט אָן יוסף פּערלס בוך „מגלה טמירין“ (אַנטפּלעקער פון געהיימנישן), עפּעס שרייבט זיין ברודער פּנחס פּונקט ווי יענער פּליאַסק דער חסיד ביי פּערלען.

— נו, זאָל זיין אזוי! ווי האָט איר געזאָגט, רב הערץ? נעם זיך די קלעצער צו אלדי שווארצע יאָר, דאַכט זיך, האָט איר געזאָגט, און דאָס ווייב און קינד לאָז מיר איבער, אזוי זאָגט איר, רב הערץ?

הערצל שטשופאַק האָט זיך צעשמייכלט. עס האָט אים הנאה געטאָן, וואָס זיין יונגער באַלעבאָס האָט אים דאָך געהערט און האַלט אפילו פון זיינע רייד.

— און וועגן דער אייזנבאַן, באַלעבאָס, קאָן איך זאָגן אז דאָס איז בלאָטע, פוסטע מעשות. ווער עס איז איין מאָל געפאָרן מיטן גלאָק, וועט זיך גישט העצקען מיטן פייף. פוסטע מעשות! א וואָלף קוקט אין וואלד...

— נו, זאָל זיין אזוי! — האָט נחום ראבינאָוויטש געזאָגט און דורכ־געלייענט די לעצטע שורות פונעם בריוו.

„...אייערער אשתך חיה־אסתר, זאָל האָבן לאַנגע יאָר, איז מיט מזל געלעגן געוואָרן, איז איר געקומען צו חלום שלום הייסינער, דער חזן פון טאַלנער שטיבל. ער קער אָן אן עלטער־פעטער איר מאַמען, זאָל לעבן, און זי, חיה־אסתר, זאָל געזונט זיין, געדענקט אָט ווי היינט, ווי ער האָט צו איר געזאָגט:

— וואָס מאַכסטו, חיה־אסתר סערדצע?

— נישקשה, — האָט זי געענטפערט.

— וועסט אם ירצה השם האָבן א לאַנג־לעבעדיק ייִנגל, — און איז תיכף נישט געוואָרן.

ס'וואָלט געווען א יושר גדול, מ'זאָל דאָס ניי־געבוירענע ייִנגל א נאָ־מען געבן נאָך אים: ער האָט, נעבעך, נאָך זיך קיין נאָמען נישט. און זאָל ער זיין אַ גוטער בעטער פאַרן ייִנגל, פאַר טאַטע־מאַמע, פאַר אונדז אלע־מען, פאַר כל ישראל אמן".

אויף מאָרגן זענען זיי ביידע, דער באַלעבאָס און זיין „מענטש", גע־קומען אין פערעיאסלאַוו. און אין א פאָר טעג אַרום זענען אין דער גרוי־סער שטוב פון וועוויק ראבינאָוויטשעס יורשים געווען צונויפגעשטעלט טישן צו טישן און אינמיטן טאָג האָבן ליכט געברענט אויף זיי. און ביי די טישן זענען געזעסן באזונדער מענער און פרויען, געגעסן און געטרונקען.

מענטשן האָבן געזונגען און געטאַנצט, און פנחס, נחום ראבינאָווי־טשעס עלטערער ברודער, האָט אָנגעטאָן א ווייסן קיטל איבער זיין יום־טובדיקער זייַדענער קאַפּאָטע און האָט געטאַנצט א מיסטישן טאַנץ, וואָס שטעלט פאָר דעם מענטשנס לעבן פונעם ערשטן טאָג ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

פרויען און מענער זענען געשטאַנען ארום אים, געהויבן די הענט אין דער הויך, געמאַכט פרויעריקע מינעס, און ער האָט געטאַנצט מיט פאַרמאַכטע אויגן, אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך, געשאָקלט מיט זיין שווארצער לאַנגער באָרד. ער האָט געדענקט וועגן די צעשלאָגענע פליטן, וועגן די רייכטימער, וואָס זענען אוועקגעשווומען מיטן וואסער, וועגן דער פארפלוכטער אייזנבאַן, וואָס שלאָגט אָפּ דער פרנסה פון וועווייק ראבינאָוויטשעס יורשים.

פנחס האָט געענדיקט טאַנצן, און דער יינגסטער ברודער, ניסל ראבינאָוויטש, האָט זיך צעזונגען. ער האָט געזונגען פאָלקס־לידער, און אלע האָבן צוגעפליעסקעט מיט די הענט, געטופּעט מיט די פיס.

אין אָט דעם טאָג איז אויף דעם בלאַט פון די ראבינאָוויטשעס אין דער פערעיאסלאַווער סקאַזקע צוגעקומען א נייער נאָמען:

שלום נאָכימאָוו ראבינאָוויטש.

## פון פערעיאַסלאַוו קיין וואָראָנקאָ

אין א פּאָר יאָר ארום, אין א זומערדיקן טאָג זיינען אין וואָראָנקאָ אָנגעקומען עטלעכע פורן. פּאָרויס זענען געגאַנגען א פּאָר פּאָסט־פערד, געשפּאַנט אין א גרינעם וועגל מיט א לעדערןביידל. דאָרט זענען געזעסן נחום ראבינאָוויטשעס מיטער מינדל, א הויכע, שטשופּלע, באַאָרעמע פרוי, זיינע עלטערע קינדער און זיין ווייב חיה־אסתר, א קליינוווקסיקע, א בלאָנדע, און איר קלענסטער זון שלום ביי איר אויף די הענט. דאָס איז געווען אומגעפער אין יאָר 1861.

הינטער די פּאָסט־פערד זענען נאָכגעפאָרן א פּאָר פורן, אָנגעפּאַקטע מיט פערענעס, קישנס, פעקלעך און מיט מעבל. דאָס איז נחום ראבינאָוויטשעס פאמיליע אריבערגעפאָרן פון פערעיאסלאַוו קיין וואָראָנקאָ.

„א קליין שטעטעלע, אָט דאָס וואָראָנקע, נאָר א שיינס... איר קאָנט דורכשפּאַצירן דאָס גאנצע שטעטל אין דער לענג און אין דער ברייט אין איין האַלבע שעה... אָן א באַן, אָן א ים, אָן א רעש, מיט צוויי יארידן סך־הכל יעדן יאָר". — אזוי דערציילט שלום־עליכם אין זיין קינסטלערישער אויטאָביאָגראפיע „פונעם יאריד".

אָט האָ אין וואָראָנקאָ האָט נחום ראבינאָוויטש, דער אַרענדאַר פון דער פּאָסט, געהאַלטן א פּאָסעסיע, געהאַנדלט מיט תבואה, געשטעלט אָקסן

אויף דער בראָהע, און זי, די פֿלינקע, בלאָנדע חיה־אסתר, האָט געהאַלטן א שניט־קראָם.

דאָ, אין וואָראָנקאָווא, ביי פּאָלטאַווער גובערניע, אין אוקראַאינע האָט שלום־עליכם פֿאַרבראַכט זיין קינדהייט. „קיין אנדער שטאָט אויף דער וועלט האָט נישט געהאַט אזוי פיל חן אין זיינע אויגן, אזוי, אז ער קאָן עס נישט פֿאַרגעסן און וועט עס נישט פֿאַרגעסן אייביק און אייביק".

דאָס בלאָנדע, יאָדערדיקע יינגל שלום פֿלעגט דאָ ארומלויפֿן מיט די חברים פון זיין קינדהייט איבער דעם גרויסן ברייטן מאַרק מיט זיינע „פיל יידישע קלייטן און קליימלעך, טישן, טישעלעך און שטעלעכלעך, מיט... פרישע, שמעקעדיקע עפּעלעך און באַרעלעך, דיניעס און קאַווענעס, וואָס ציגן און חזירים האָבן חשק צו גנבענען פֿון זיי צו יעדער צייט, און די מאַרק־ווייבער פירן מיט זיי שטענדיקע מלחמות".

עס איז אן אַלט שטעטל וואָראָנקאָווא. עס האָט אן אלטע קליינצאָ־ליקע יידישע באַפעלקערונג און איז פול מיט מעשות און לעגענדעס, „וואָס מע וואָלט פון זיי אליין געקאָנט אָנשרייבן א גאַנץ בוך". און א באַרג, א הויכער באַרג, וואָס דערגרייכט ביזן הימל, צאַמט אָפּ דאָס שטעטל פון פעלדער און פון דערפער. און אלע ווייסן, אז אויף יענער זייט באַרג „ליגט באַהאַלטן אן אוצר נאָך פון באָגדאַן כמיעלניצקים צייטן".

די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט דער צוקונפטיקער שלום־עליכם פֿאַרבראַכט אין וואָראָנקאָווא.

טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו, ניעקראַסאָוו זענען געוואָרן די גע־דאַנקען־הערשער פון דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ. עס האָבן זיי שוין געוויזן די ערשטע שוואַלבן פון דער יידישער דעמאָקראַטישער און רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ.

עס האָבן אַ ציטער געטאָן די ווענט, וואָס האָבן אָפּגעמיילט דאָס יידישע שטעטל פון דער ארומיקער גרויסער וועלט.

דער גרויסער יידישער קלאַסיקער מענדעלע מוכר־ספרים האָט שוין דעמלט פֿאַרעפֿנטלעכט אייניקע פון זיינע ווערק. נייע אידעען האָבן זיך געטראָגן צווישן די פֿאָרגעשריטענע פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַלץ גרעסער און גרעסער ווערט די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די גרעסערע שטעט. דאָס קליינע שטעטל הייבט אָן אָוועקצושיקן זיינע בעסטע כוחות אין דער גרויסער שטאָט.

גרויסע טיילן פון דעם יידישן קליינבירגערטום ווערן נאָך מער פֿאַר־אָרעמט. דאָס פֿויערטום פֿאַלט נאָך דער באַפרייונג אריין נאָך אין אַ גרע־

טערן דלות ווי פריער. דאָס איז געווען די צייט, ווען דער גרונטלייגער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור מענדעלע מוכר־ספרים, וועמען שלום־עליכם האָט דער ערשטער אָנגערופן „דער זיידע פון דער יידישער ליטע־ראַטור“, האָט בילדעריש כאַראַקטעריזירט די מאַטעריעלע לאַגע פון די יידישע פאָלקס־מאַסן מיטן וואָרט „די טאַרבע“.

נחום ראַבינאָוויטש, שלום־עליכם׳ס פאָטער, האָט מען אין וואָראָנ־קאָווע געהאַלטן פאַרן גרעסטן נגיד. דעם דאָזיקן נאָמען האָט ער באַקומען בירושה פון זיין פאָטער וועוויק.

אָבער נישט אַלע נגידים פון פאַר דער רעפאָרמע האָבן זיך געקענט צופאַסן צו די נייע פאַדערונגען פונעם שטייגנדיקן קאַפּיטאַליזם. פיל פון זיי זענען געוואָרן פאַראָרעמט און געבליבן בלויז ביים אַמאָליקן יחוס, און נישט מער.

אין וואָראָנקאָווע איז ביסלעכווייז אונטערגעגאַנגען דער מאַטעריעלער ווילשטאַנד פון נחום ראַבינאָוויטש. אין וואָראָנקאָווע איז ער, ענדלעך, געבליבן נישט מער ווי ביים יחוס פון אַמאָליקער גבירישקייט.

אינעם שטעטעלע אויף פאָלטאַווישטשינע איז שלום געוואַקסן, באַקו־מען זיינע ערשטע איינדרוקן, באַקאַנט זיך צום ערשטן מאָל מיט דער קאַסרילעווקער קינדער־וועלט, געוואָרן דער דיכטער פון דער קאַסרילעווקער קינדערשער נשמה און האָט זיך צוערשט באַקאַנט מיט דער קאַסרילעווקע פון די דערוואַקסענע.

## גזלנים באַפאַלן הירשקע דעם סין

אַ גאַנצן חודש איז הירשקע דער סין, ראַבינאָוויטשעס שותף, אָפּגע־ווען אין וועג. מע האָט אים אין וואָראָנקאָ גערופן אַזוי, ווייל ער האָט נישט געקאָנט אויסרעדן קיין „שין“. ער האָט אָוועקגעפירט די תבואה אין שטאָט אריין און האָט אויך באַקומען ביי נחום ראַבינאָוויטשן אַ באַפולמעכטיקונג אויסצורעכענען זיך אין דעם נאָענטן צוקער־זאַוואָד און באַקומען דאָס געלט.

ווען הירשקע דער סין איז געקומען אין וואָראָנקאָווע צוריק, האָט ער וועגן דעם די ראַבינאָוויטשעס נישט אָנגעזאָגט באַלד. אויף מאָרגן נאָך זיין קומען איז ער אַוועק אין בית־המדרש, געמאַכט אַ פרום פנימל, גע־שפייט אויף די שפּיצן פון זיינע פינגער און געקייקלט זיינע געלע פאות,

אוועקגעשטעלט זיך הינטער דער בימה לעבן דער צדקה־פושקע, געקלאפּט זיך אין הארצן, געוויינט און אריינגעוואָרפן אין דער פושקע אַ פּאָר קופּער־נע מטבעות. ער האָט מיט קיינעם נישט גערעדט, איז צוגעפאַלן צום ארון־קודש, פאַנאַנדערגעעפנט אים און האָט זיך צעוויינט אויפן קול, געקושט די ספר־תורות און געשריגן מיט אַ געוויין: „רבונו של עולם, וואָס האָסטו צו מיר געהאַט, וואָס האָסטו אָנגעטיקט אויף מיר „רעסאָים“ און ווע־גיביי וואָלטן זיי סוין צוגענומען מיין נפש אויך“.

נאָכן אָפּשרייען אין ארון קודש אריין האָט ער אַליין פאַרמאַכט די פירלער, אומגעקערט זיך צום עולם, געדרייט זיינע גרעלע פאות, אַראָפּגע־לאָזט די וויעס פון די אויגן און איז אַוועק אויף זיין באַשטענדיקן אָרט. און דער עולם האָט דעמלט אַזוי גערעדט צווישן זיך:

— הערט אים, רשעים זענען אים באַפאַלן, דעם סין! ביי נחום ווע־וויקס טאָגט אין קעשענע, און ער האָט אויסגעבויט צוויי שטיבער. וואָס דען, אַ לאַנטור טראָגט אים געלט? אַז אוצר האָט ער געפונען? הערט אים, דעם סין!

שוין אַ שעה צייט, אַז הירשקע דער סין זיצט ביי נחום ראַבינאָוויטש אין שטוב און גיט אָפּ חשבון. היינטיקס מאָל זיצן דערביי אויך זיין מוטער מיגדל ראַבינאָוויטש און זיין ברודער ניסל.

— וו איז מען דיך באַפאַלן, ווען איז מען דיך באַפאַלן? אַז איך זאָג דיר די גאַנצע צייט, ער טוט דיר אָן אַ ספּאָדעק. — האָט ניסל געשריגן — זנאַט ניע זשעלאיעם, גיב אָפּ דאָס געלט.

— פּאָסעט איז פּאָסעט. גזלנים האָבן מיך באַפאַלן, אַ דאַנק דעם לעבעדיקן, וואָס מע האָט מיך נאָך געלאָזן ביים נעפעש, — האָט הירשקע אַ ביסל איבערגעשראָקן געזאָגט און געכאַפּט זיך דרייען זיינע גרעלע פאות.

אין דער צייט האָט ביי נחום ראַבינאָוויטשן אין קיך געשריגן און געפּאַרעט פרומע די מויד. זי האָט נישט געזשאַלעוועט קיין בוכענצעס די קינדער, געשאָלטן און געשריגן, און מער ווי אויף אַלעמען האָט זי געשריגן אויף דעם בלאָנדן, יאָדערדיקן יינגל שלום. זי אַליין האָט היינט מיט דעם איינציקן אויג באַמערקט, ווי ער שטייט הינטער איר און קרימט זי איבער: שטעלט ארויס די אונטערשטע ליפּ, רייבט מיט אַ הענטל איבער אַן אויג און שרייט פּונקט ווי מיט איר קול „סאַמאָוואָלעץ“.

„אָט אַ סאַמאָוואָלעץ, ליבינקער פאָטער! הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן, עס וועט פון אים קיין גוטס נישט אַרויסקומען, אָט דער גיעדאָראָסט וועט מיט זיין טויט נישט שטאַרבן“.

זי וואָלט אים גאַנץ גוט אָפּגעצאָלט מיט אַ פּאָר בוכענצעס אין די זייטן אַריין, אָבער ווי זי האָט זיך נאָר אַ קער געטאָן צו אים, איז ער שוין אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס. עס האָט איר שטאַרק פאַרדראָסן, פאַרוואָס זאָל עס אַ טאַטנס אַ קינד זיין אַזאַ „סאַמאָוואָלעץ". עס האָט זיך איר געוואָלט פאַר עמעצן אויסרעדן דאָס האַרץ. אין קיך איז אָבער קיינער נישט געווען. האָט זי זיך צערעדט פאַר זיך:

— וואָסי, זאָל ער מיר געזונט זיין, דער באַלעבאָס, זאָל אים גאָט נישט שטראָפן, ער גיט עפּעס אכטונג אויף זיינע קינדער? עס אַרט אים עפּעס פאַר א וועלט? יענע האָרעוועט נעבעך אַ גאַנצענעם טאָג, שרייט זיך אָן, ווי אַ פּויק, אין קראָם, און אים שטעלט דער סין אַרויס א צונג...

פרומע די מויד איז פלוצים צוגעלאָפן צום אויוון, אַ כאַפּ געטאָן אַ טאָפּ מיט הייסן אָקרעפּ און פּליוך אויפן הונט, וואָס איז פאַרקראָכן אין קיך. סירקע האָט זיך צעקוויטשעט, און פרומע די מויד האָט נאָך העכער פון אים געשריגן, האָט געקלאַפּט מיט אַ שטעקן איבערן דיל און אין וואַנט, אַז עס איז אַראָפּגעפאַלן דאָס קופּערנע געפעס פון דער גראַטקע. דער קלאַפּ פונעם געפעס האָט אָפּגעהילכט איבער דער גאַנצער שטוב.

פרומע האָט אויפגעהערט צו שלאָגן מיטן שטעקן איבער דער וואַנט. ווען עס האָט זיך האַסטיק אויפגעעפנט די טיר פון קיך און עס זענען איבערגעשראָקענע אריין די באָבע מינדל, נחום ראַבינאָוויטש, הירשקע דער סין, ניסל, נחומס יינגערער ברודער, און שלום, וועלכער איז געשטאַנען הינטער אַלעמען און האָט זיך צעשריגן:

— פאָסעט איז פאָסעט, וואָס איז דאָס פאַר אַ געסריי, וואָס איז דאָ כאַסוועסאָלעם געסען? — דאָס האָט ער איצטער איבערגעקרימט הירשקע דעם סין.

וואָלט עס געשען אַן אַנדערש מאָל, אַז די ראַבינאָוויטשעס וואָלטן הערן, ווי ער קרימט איבער זיין שותף, וואָלט אים שוין די באָבע מינדל צוגעשטעלט אַ בענקעלע פאַרן רבין. און זאָל דער קונדס וויסן, ווער עלטער איז. אָבער היינט איז עס די ראַבינאָוויטשעס נישט געלעגן אין קאָפּ. סירקעס האַווקעריי און פרומעס געשרייען האָבן בלויז איבערגעריסן דאָס געשריי און דאָס קריגעריי, וואָס איז פאָרגעקומען ביי נחום ראַבינאָוויטשן אין גאַסטצימער.

# גערגעלע־חבר

אַ גאַנצן זומער, אַז שלום, נחום ראַבינאָוויטשעס ייִנגל, חברט זיך־שפּילערהייט מיט גרשון דעם יתום, וואָס זיין מאַמע, שׂרה־פּייגע די קעכין, רופט אים גערגעלע און זיין שטיף־מאַמע, יוסף־מאיר דער העקער — גערגעלע־גנב.

אַלע דאָנערשטיק ביילט שלום אָפּ פון זיין „מיט זיך", וואָס פּרומע די מויד גיט אים אין חדר. ער לייגט עס אַריין אין אַ באַזונדערע קעשענע און וואַרט, ביז גערגעלע וועט קומען צו זיין רבין, דעם שוחט, קוילען אַן עוף.

אַ גאַנצע וואָך וואַרט ער, שלום, אויף אָט דעם דאָנערשטיק. גערגעלע פאַררייסט זיין צעשפּאָלטענע ליפּ, ער צעקרייעט זיך ווי אַ האָן. דער רבי שרייט אויף אים, און די קינדער צעקוואָטשען זיך ווי די הינער.

גערגעלע הערט אויף צו קרייען, אין חדר ווערט שטיל, דער רבי זיצט שוין אויף זיין באַשטענדיק אָרט. און גערגעלע הייבט פּלוצים ווידער אָן צו וויזן שטיק. ער מאַכט שוין נאָך אַן אינדיק און שרייט אויס:

האלט דיר, האלט דיר, האלט דיר,
האלט דיר, נעם דיר, האלט דיר.

די קינדער אין חדר קאַטשען זיך פאַר געלעכטער, העלפן אים אונטער, הייבן אָן צו שפּרינגען פון די בענק. דער רבי יאָגט זיך נאָך גערגעלען, און גערגעלע שרייט שוין הינטערן פענצטער:

קו־קאַ־רי־קו, לאנגע נאָז!
מ׳עט דיך כאפּן ווי אַ האָז!
מ׳עט דיך בינדן, מ׳עט דיך שלאָגן,
מ׳עט דיך לייגן אין אַ וואָגן,
מ׳עט דיך מוטשען אָן אַ סוף,
מ׳עט דיך קוילען ווי אַן עוף...

און אַלע דאָנערשטיק מערקירט גערגעלע אויס צו קומען מיטן עוף אין דער צייט, ווען דער חבר האַלט ביי פאַנאַנדערלאָזן די קינדער פון חדר.

העמלט ווערט גערגעלע אָפּ שלומען אויף דער גאַס, און זיי גייעןביידע אינאיינעם אַוועק. גערגעלע גייט פאָרויס מיט דעם עוף, און שלום גייט אים נאָך פון הינטן. גערגעלע טראָגט אָפּ דאָס עוף דער באַלעבאָסטע, און נאָכדעם גייט שלום פאָרויס, און גערגעלע הינטער אים, ביז זיי קומען צו־

נחום ראַבינאָוויטשעס שטוב. שלום גייט אַריין אין שטוב, און גערגעלע וואַרט, ביז וואַנען שלום טראָגט אים עפּעס נישט אַרויס.

שלום האָט זיך געפּרוווט אַריינכאַפּן אין שטוב דורך דער גאַס־טיר. אפשר וועט אים די באָבע מינדל פרעגן, צי ער האָט שוין געגעסן, און וועט אים געבן אַ שטיקל קוילעטש און אפשר נאָך עפּעס וואָס, וועט ער שוין האָבן וואָס צו געבן גערגעלען.

דער טאָג, וואָס האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן אָפּצוקערן זיך מיט די פּלייצעס צו וואָראָנקאָוואָ און באַהאַלטן זיך פון דער נאַכט, איז געווען אַ הייסער און האָט געברענט דעם זאַמד אונטער די באָרוועסע פיס. אַצינד איז קילבלער, אַ פריש פרייליך ווינטל שפּילט זיך מיט דעם זאַמד און גלעט די גרעזער, די סאָניעטשניקעס פונעם גאָרטן, וואָס ליגט לעבן נחום ראַבינאָוויטשעס הויף.

גערגעלע זיצט אויף די קלעצער קעגנאיבער דער שטוב און דעם גאָרטן. עפּעס האָט ער דערפילט אַ פרישקייט, וואָס האָט אים געגלעט איבערן פּנים, און ער האָט זיך אַזוי פאַרבענקט נאָך צערטלעכקייט.

זיינע אויגן האָבן זיך פאַרקוקט אויף די געהאָפּטע און געשפּיצטע פאָרהענגלעך, וואָס זענען געהאָנגען אויף די פענצטער פון דעם נגידים שטוב קעגנאיבער די קלעצער. ער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען ביי אַ נגיד אין שטוב. ער איז געווען אויף דער שוועל נאָר פון אַ נגידישער קיך, און ווייטער נישט.

און עס האָט אים עפּעס, גערגעלען, גענומען ציען און דריקן דאָס האַרץ. און זיינע גרויע אייגעלעך האָבן זיך פאַרצויגן מיט עפּעס אַ פייכטן, פאַרנאַכטיקן נעפּל. און עס האָט זיך אים פאַרגלוסט גלאַט אַזוי זיך אַריינגיין און א קוק טאָן, ווי לעבט מען עס ביי נגידים און ווי זעט עס אויס אַ נגידס א שטוב. קיינמאָל האָט זיין האַרץ עפּעס אַזוי נישט געצויגן, קיינמאָל האָבן זיינע אויגן אַזאַ פרישן נעפּל נישט געזען ווי היינט.

ער האָט גאָרנישט באַמערקט, אַז ער איז אַראָפּ פון די קלעצער, אַז זיינע באָרוועסע, קויטיקע פיסלעך זענען אַדורך די ברייט פון דער גאָר אָנגעגליטער וואָראָנקאָווער גאַס, אַז ער איז ארויף אויפן גאַנעק, געעפנט די גאַס־טיר פון נחום ראַבינאָוויטשעס שטוב און איז אריין גלייך אין דעם פאָדערשטן צימער אריין, אין דעם צימער פאַר די געסט.

אויסער שלומען איז קיינער פון די קינדער אין שטוב נישט געווען. אין שטוב זענען געזעסן נחום ראַבינאָוויטש, זיין מאַמע מינדל, זיין ברו־דער ניסל און הירשקע דער סין. מע האָט זיך געקריגט און געאַמפּערט און

טע איז געווען פאַרטיפט אין געשעפט. קיינער האָט אפילו נישט באַמערקט, אַז עס האָט זיך געעפנט די גאַס־טיר.

גערגעלע איז אריין אין שטוב און זיך געלאָזט גיין. ער האָט דערזען, אַז פון דער אַנטקעגנדיקער טיר גייט אים אַנטקעגן אַן אומבאַקאַנט ייִנגל, אַן אָפּגעריסנס, אין שמאַטעס אָנגעטאָן. ער האָט נאָך אים קיינמאָל נישט געזען, אָט דאָס ייִנגל, אין וואָראָנקאָ. און עפּעס קוקט אויף אים דאָס ייִנגל מיט אַזוינע פאַרחידושטע אויגן און גייט אים גלייך אַנטקעגן. מיט־אַמאָל דערזעט ער, דאָס ייִנגל שטעלט אים אויס אַ צעהאַקטע אויבערשטע ליפּ. עפּעס אַזוי זעט אויס די ליפּ ביי די קינדער, וואָס קרימען אים נאָך, ווען זיי שרייען אויף אים „צעהאַקטע ליפּ“, אָבער דאָס ייִנגל שווייגט, ער גייט נאָר אים אַנטקעגן, פאַררייסט און שאָקלט די צעשפּאָלטענע ליפּ.

„ער קרימט מיך איבער“, — האָט גערגעלע געטראַכט.

ער האָט זיך געוואָלט אַ לאָז טאָן צום ייִנגל און אַ זעץ טאָן אים אונטער די „פּאָדרובעס פון זיינע פענצטער“. אָבער ער. האָט דערפילט, ווי אַ צערטלעכע קינדערשע האַנט האָט אים אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל. און ער האָט דערזען, ווי שלום האָט אים אַ ווונק געטאָן מיט זיינע בלויע אייגלעך, האָט אים אָפּגעפירט אין אַ ווינקעלע, אַוועקגעזעצט זיך מיט אים און דערלאַנגט אים אַ שטיקל קוילעטש מיט קעז.

ווען פרומע די מויד האָט אָפּגעגאָסן סירקען מיט אַ טאָפּ הייסן אָקרעפּ און ווען אַלע מיט שלומען אינאיינעם זענען אַוועקגעלאָפן אין קיך צוליב פרומעס און סירקעס גוואַלדן, האָט זיך גערגעלע אויפגעהויבן פון ווינקל און זיך געלאָזט באַקוקן דעם גרויסן אויפגערוימטן נגידישן צימער.

ער האָט געקוקט אויף די בילדער, וואָס זענען געהאָנגען אויף די ווענט. עפּעס איז אים זייער געפעלן געוואָרן אַ באַטאַליש בילד, וואָס האָט פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי קאַוואַלעריסטן שפּרינגען איינע אויף די אַנדערע מיט די פערד, שטעכן זיך מיט לאַנגע פּיקעס, און ווי אין אַ זייט פון אָט די רייטערס שטייט אַ יונגע פרוי מיט אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ, מיט אַ רויטן צלם אויף דער האַנט און בינדט ארום דעם צעבלוטיקטן קאָפּ אַ באַלדאַט.

ער האָט זיך אָפּגעקערט אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך אויף נאָך אַ וואַנט. דאָס פריערדיקע ייִנגל מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ גייט ווידער אים אַנטקעגן גלייך פון דער טיר מיט די רויטע ברעט־ראַמען.

און דאָס ייִנגל איז איצט שעלמישער ווי פריער, אַן אויפגערעגטער. ער, גערגעלע, ווייזט אים אַ פויסט, ווייזט ער אים אויך אַ פויסט, גערגעלע

דערלאַנגט אַ שפּיי, שפּייט ער אויך. אַצינד איז קיינער נישטאָ, ער וועט אים ווייזן, וואָס ער, גערגעלע, איז. ער וועט אַ שפּרונג טאָן און מיטן קאָפּ אַ זעץ טאָן אים „אין דער מצבה אַריין”, און זאָל ער וויסן ווי איבערצוקרימען זיך.

גערגעלע האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, פאַרקוועטשט די פּויסטן, האָט זיך אַ לאָז געטאָן קעגן יינגל און האָט אַ זעץ געטאָן מיטן קאָפּ און מיט די פּויסטן גלייך... אין שפּיגל אַריין. דער שפּיגל האָט אַ דרוזשקע געטאָן..

ווען אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון קיך אין גאַסטצימער, איז גערגעלע געלעגן אין אָנמאַכט לעבן וואַנט מיט צונויפגעדריקטע, צעבלוטיקטע פּויסטן.

## חלום און וואָר

שוין דער דריטער טאָג, אַז שלום גייט נישט אין חדר. ער איז פריי געוואָרן און מיט דריי נעכט צוריק האָט זיך אים געחלומט אַ חלום:

שמוליק, זיין חבר, וואָס איז מיט אייניקע חדשים צוריק אַוועקגעפאָרן פון וואָראָנקאָ, זיצט לעבן אים אויפן גראָז ביי זיין טאַטן אין גאָרטן. אין גאָרטן איז שטיל. עס הערט זיך בלויז שמוליקס הייזעריקלעכע שטים, ווי ער דערציילט:

— איז אָט דער מאַן, וואָס מע האָט אים ביים נאָמען גערופן רב נחום, געבליבן אין דער וויסטע איינער אַליין מיט זיין געביין. איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ פּחד און אַ שרעק. הערט ער עפּעס, ווי מענטשן רעדן צווישן זיך, און עפּעס זעט אויס דאָס קול זייערס גאָר משונה. ער קערט זיך אָפּ, עס שטייען לעבן אים מאָדנע ווילדע מענטשן, הוילע מיט שוואַרצע לייבער, און זייערע קעפּ זענען מיט לאַנגע, גרויסע שנאָבלען, ווי ביי פויגלען. איז רב נחום געווען זייער אַ קלוגער און געלערנטער מאַן, ער האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון אַלעמען: פון פיש אין וואַסער, פון פויגלען אין הימל, פון קי אין פעלד און פון חיות אין דער וויסטע. הערט ער, ווי די ברואים פּישטשען עפּעס: געלויבט איז דער גרויסער גאָט, וואָס ער האָט אונדז צוגעשיקט אַזאַ גוט, פעט און געשמאַק געריכט. האָט ער גלייך פאַרשטאַנען אַז ער איז צווישן מענטשן-פרעסער...

און נאָך אַ חלום האָט זיך אים, שלומיען, געחלומט. ער גייט אַזוי מיט שמוליקן אויפן באַרג אַ הינטערן בית-מדרש. זיי האָבן שוין אָפּגעפּאַטשט

פּערציק טעג און פּערציק נעכט. פּערציק טעג און פּערציק נעכט מיט קיינעם נישט גערעדט און וועגן גאָרנישט קיינעם דערציילט. זיי זענען אויפֿן באַרג הינטערן בית־מדרש.

שמוליק גייט מיט אַ יאַמשאָוון שטעקן אין האַנט, און ער גייט אים נאָך. שמוליק גיט אַ קלאַפּ איבער דעם גרינעם, מיט מאָך באַוואַקסענעם שטיין, וואָס סטאַרטשעט פֿונעם באַרג אַרויס. דער שטיין צעפּאַלט זיך אויף פּיצלעך און עס ווערט אַזוי ליכטיק, כאָטש איבערן באַרג איז פֿאַרצויגן אַ געדיכטע, שוואַרצע נאַכט. אונטערן שטיין באַווייזט זיך אַ הייל, און קרישטאָלענע זיילן שפּאַרן אונטער די סטעליע אירע. זיי גייען אין הייל, ביז זיי קומען צו אַ טיר. איז די טיר פֿאַרריגלט מיט זיבן ריגלען, און זיבן שלעסער הענגען אויף יעדן ריגל. שמוליק גיט אַ קלאַפּ מיטן יאַמשאָוון שטעקן איבער אַ שלאָס:

טירעלע, טירעלע, טייערער טראָפּ,
גיכער, גיכער ריגל זיך אָפּ!

די שלעסער פֿאַלן אַראָפּ, די זיבן ריגלען צעברעכן זיך, און זיבן טירן צעעפֿענען זיך. אַ העלע שיין, געפֿלאַכטן מיט גרינע, בלויע, רויטע שטראַלן, האָט זיי געבלענדט די אויגן, מיט רויטע, בלויע, גרינע דימענטן און בריליאַנטן איז געפֿלאַסטערט דער דיל, און די ווענט זענען פֿון ריינעם גינגאָלד. שוואַרצע לייבעלעך האָבן אַרויסגעשטעקט רויטע, פֿאַרקאַטשעטע צינגער.

דאָס גייען זיי, שלום און שמוליק, נאָך דעם אוצר, וואָס ליגט דאָרטן באַהאַלטן נאָך פֿון באָגדאַן כמעלניצקים צייטן. און ער, שלום, טאָר קיין וואָרט נישט רעדן. רעדן מעג נאָר שמוליק אַליין. ער מוז שווייגן. שמוליק שאַרט מיטן יאַמשאָוון שטעקן איבערן דיל. שמוליק דרייט מיטן קאָפּ, און שלום פֿאַרשטייט, אַז דער אוצר איז נאָך נישט דאָ. שמוליק הייבט אָן שאַרן מיטן שטעקן איבער דער וואַנט, זיינע אויגן הייבן אָן צו פֿינקלען, די הענט צו ציטערן. ער גיט אַ קלאַפּ אין וואַנט לעבן אַ שוואַרץ לייבעלע מיט אַ פֿאַרקאַטשעט צינגל און הייבט אָן מיט אַ געבעט:

שטיינער, — דימענט און בריליאַנט, —
קומט צו מיר, צו אונדז אין האַנט.
ס׳רופֿט אייך שמוליק, ס׳רופֿט אייך שלום:
יידישע קינדער פֿון פֿיינעם שטאַנד.

די ליכטיקייט פון פּאַלאַץ ווערט פאַרשווונדן, און אַ פינצטערניש צעשיידט די טרייע חברים איינעם פונעם צווייטן. עס ווערט ווידער ליכטיק, אַ טונקל־ראָזע ליכטיקייט. עס דערהערט זיך אַ דונער, גלייך טויזנטער שטיינער וואָלטן געפאַלן אויף זיי, און עס ווערט ווידער פינצטער. אין דער פינצטערקייט באַווייזן זיך פייערדיקע עקדעשן, פייערגאָטערס און שלאַנגען. זיי קריכן הירד צווישן שלומען און שמוליקן און שטויסן זיי אַוועק צו די ווענט. שמוליק זאָגט ווייטער מיט אַ ציטערדיק געבעט:

עקדעש און שלאנג,
הערט אויס אונדזער פארלאנג,
שטיינער, — דימענט און בריליאַנט —
קומט צו מיר, צו אונדז אין האַנט.

עס טוט אַ פּראַל אויף די סטעליע אין דער־הייך און עס דערזעט זיך אַ בלויער הימל, פון וועלכן עס שיטן זיך רעגנדלעך, דימענטן און בריליאַנטן אָן אַ סוף. שלום און שמוליק האָבן אָנגעהויבן צו כאַפּן פאַר פרייד מיט די פיס, אָפּצורוקן זיך פון דעם דימענטענעם האָגל. ערשט עליע, שלומס עלטערער ברודער, האַלט אים פאַרן עלנבויגן און שרייט: — וואָס שטויסטו זיך אַזוי, וואָס דריגעסטו מיט די פיס!

נאָכדעם, ווי שלום האָט אַ שלאָפעדיקער געענטפערט מיט אָפּגעריסענע ווערטער: — געפאַנט זיך אַ פענצטערל אין הימל, דימענטן, בריליאַנטן קלייבן, — האָט ער זיך ארומגעזען, אַז דאָס איז אַ חלום. און אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט שלום געבענקט נאָך די קרישטאָלענע זיילן, נאָך דעם גינגאָלדענעם פּאַלאַץ, נאָך דעם אָפענעם פענצטערל אין הימל און נאָך דעם אוצר. א בלאַסקייט האָט פאַרצויגן זיין קינדעריש פנימל, און א טרויער האָט געצאנקט אין זיינע בלויע אויגן.

. . . . . . . . . . . . .

עס איז שוין באַלד האַלבער טאָג, און שלום וואַרט אויף מאירן, ער זאָל קומען. עס איז שוין געקומען כמעט אַ האַלבער הדר יינגלעך צו נחום ראַבינאָוויטשן אויפן הויף. איין יינגל האַלט דעם אַנדערן פאַר די פּאָלעס. דאָס פאָרן זיי. איינער איז דאָס פערד, דער אַנדערער — דער אָנטרייבער. איינער טרובעט אין די קולאַקעס, אַ צווייטער פייקלט אין אַן אַלטער, פאַרזשאַווערטער בלעך, די איבעריקע קינדער שרייען.

שלום גייט ארום צווישן זיי אַ צופֿרידענער, אָבער עס פֿאַרדריסט אים, וואָס שמוליק איז נישטאָ. און פֿאַר זיינע אויגן ווייזט זיך אויך אַ צעבלו־טיקטער גערגעלע, וואָס מע קען אים נישט נעמען אין קאָמפּאַניע.

מאיר איז געקומען און דער גאַנצער עולם קינדער קלייבט זיך צונויף ארום אים און ארום שלומען. מע גייט אַוועק אויף דער מאַרהאָוויצע. גע־קומען צו היה־אסתרס קראָם.

אויפֿן פּלאַץ פֿון דער מאַרהאָוויצע איז פּוסט, עס שטייט בלויז איין אַלט װעגל, לעבן דעם אַן אויסגעדאַרטע ווייסע שקאַפּע מיט שוואַרצע פֿינטלעך. זי קוקט מיט אירע גרויסע, צעיאָמערוועטע אויגן אויף אַ רויטער שמאַטע, וואָס הענגט אויף דער טיר פֿון היה־אסתרס קראָם. אויפֿן וועגל זיצט אַ בלינדע, געשטופּלטע יונגע אוקראַאינערן מיט אַ קינד אויף די הענט, און לעבן וואָגן אויף אַ קלעצל — אַ באַאַרטער אוקראַאינער מיט אַ קאָבזע אויפֿן שויס. דאָס איז אַ פֿאַמיליע פֿון אַ בעטלער — אַ קאָבזאַר איבער־געבליבן פֿון נעכטיקן יאַריד און וואַרט אויף דעם קומענדיקן זונטיק.

די קינדער האָבן זיך צעזעצט אויפֿן גאַנעק פֿון היה־אסתרס קראָם, און מאיר איז געבליבן שטיין און האָט אָנגעהויבן צו זינגען:

גיי איך ארויס אויף דער ווילנער גאַס...

אַן עכאָ פֿון אַ העלער ליכטיקער שטים האָט זיך געקייקלט איבער דער מאַרהאָוויצע. און אַ געוויין אַ זוויבערער, אַ קינדערשער האָט אים נאָכגעיאָגט; און געפֿלויגן איז אָט דער זינגעוודיק־וויינענדיקער עכאָ אין די אָפֿענע טירן פֿון די פֿינצטערע קלייטן און האָט איבערגעריסן דעם שמועס פֿון עלטערע און יינגערע קלייטניצעס און קלייטניקעס אין די קראָ־מען, אַז אייניקע פֿון זיי זענען באַלד אַרויסגעלאָפֿן אויף די גאַנקעס.

איצט האָט מאיר מעדוועדיעווקער מיט מער געפֿיל געזונגען, פֿאַר־בראָכן די הענטלעך, פֿאַרגלאָצט זיינע שוואַרצע ברענענדיקע אייגלעך, און דאָס פּנים זיינס איז געוואָרן בלייך, אַז עס האָבן זיך אַזש געשטעלט גרייפּלעך אונטער דער הויט. ער האָט געזונגען, און אַלע קינדער האָבן אונטערגעכאַפּט:

— אוי־וויי!

מע וויינט אזוי...

— זינג נאָך עפּעס, מאירקע, זינגט נאָך, קינדער, — האָבן זיך די קלייטניצעס געבעטן. מאיר האָט אָבער מער נישט געזונגען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן גאַנעק, איז געבליבן זיצן פֿאַרטראַכט. פֿאַר זיינע קינ־

דערשע אויגן איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס בילד פונעם קינד מיט דער מאַמען, פון יידן און יידענעס, וואָס האָבן געבראָכן די הענט און געוויינט. און אין זיינע אויערן האָט געקלונגען דער ביטערער יאָמער און געוויין פון דער ווילנער גאַס. דאָס ייִנגל מיטן אויסגעדרייטן היטל האָט געטרובעט, און אים האָט צוגעקלאַפּט דער צווייטער מיט דער פאַרזשאַווערטער בלעך, און לעבן מאירן איז געזעסן בלויז שלום. ער האָט אים געקוקט אין זיינע אויגן אריין, און שלומס אויפגערעגט פּנים האָט אַלץ נייגעריק ווי געפרעגט און געוואָלט זיך דערוויסן, וואָס טראַכט איצטער מאירקע.

אין עלטערע סעהעכיע, וואָס האָט סיי זומער, סיי ווינטער געטראָגן אן אַלטן ווינטערדיקן מאַנצבילשן טוזשליק, איז צוגעגאַנגען צו מאירן:

— נאַ, מאירקע, א באָקסערל און זינג נאָך עפּעס, זינג, מאירקע, אזוי, א מחיה צו הערן! — האָט זי זיך געווענדט צו היה=אסתרן, וועלכע איז געשטאַנען אויפן גאַנעק און געווישט די טרערן פון די אויגן.

מאיר האָט זיך ווידער געשטעלט:

— ניין, איצטער וועלן מיר נישט זינגען, מיר וועלן זיך פאַרשטעלן. שלום וועט זיך אויך פאַרשטעלן, — און באַלד האָט מען זיך גענומען פאַרשטעלן.

שלום איז געוואָרן נאָך קלענער ווי ער איז. אויף דער פּלייצע איז ביי אים אויסגעוואַקסן א גרויסער האָרב פון אָנגעשטאָפּטן היי, אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן א גרויסן סוקעוואַטן שטעקן, און א טאָרבע איז אראָפּגעהאָנגען צו דער לינקער האַנט זיינער. ער איז געגאַנגען און געציטערט פאר שרעק. ארום אים זענען געשטאַנען קינדער מיט איבערגעקערטע בעזעמער אין דער הייך. דאָס האָבן די קינדער פאָרגעשטעלט א וואַלד, און שלום האָט געבלאָנדזשעט צווישן זיי.

מיטאַמאָל, עס ווייזט זיך אַנטקעגן מאירקע. די היזן זענען פארקאַטשעט אריבער די קני פון זיינע באָרוועסע פיס. ער איז ארומגעבונדן מיט א שטריק ארום בויך, זיין מאַמעס קאַלאַטשן מעסער ארייגעשטעקט אונטערן שטריקל. מאירקע האָט פאַרריסן דעם קאָפּ זיינעם, אויסגעטאַראַשטשעט די אויגן, אויסגעשטעלט די אונטערשטע ליפּ, דאָס היטל אראָפּגעוואָרפן און האָט זיך צעשריען:

— סט=וי=וי!

און שלום, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דעם אָרעמען האָרבאַטן, האָט גענומען וואַרפן מיט די הענט און טרייסלען מיטן קאָפּ, צעזונגען זיך מיט א קווימשעדיק=וויינענדיק קול:

— מיין הארץ קלאפּט אין מיר,
עס טרייסלט מיר א צאָן אָן אַ צאָן.
וואָס האָב, איך, גאָטעניו,
פאר אן אומרעכט געטאָן?

מאירקע דער גזלן האָט זיך א צופּ געטאָן צו אים, א נעם געטאָן אים פאר די אַקסלען, א שליידער געטאָן אויף דער ערד און אויסגעשריען:

— דיענגי דאַ־וואַי־אַי!

שלום האָט זיך כּלומרשט קוים אויפגעהויבן פון דער ערד און האָט זיך אוועקגעשטעלט. מאירקע האָט זיך ווידער א צופּ געטאָן צו אים, און שלום האָט זיך צעוויינט און געבעטן:

— נא דיר אָפּ די שיך מיט די שקראבבעס
און לאָז מיר גיין אהיים אויף שבת.

מאירקע האָט גענומען האַסטיק פּאַכען מיט דער שווערד און געריבן די שארף אירע אין דעם שמעקן.

— די שיך מיט די שקראבבעס טו איך נישט באדארפן,
נאָר איך טו דאָס חלפל שארפן.
שלום האָט זיך ווידער געבעטן:
— נאַ דיר אָפּ דאָס העמד פון מיין לייב
און לאָז מיך גיין אהיים צו מיין ווייב.

מאירקע קלאַפּט ווידער מיטן מעסער איבערן שמעקן:

— דאָס העמד פון דיין לייב טו איך נישט באדארפן,
נאָר איך טו דאָס חלפל שאַרפן.

און נאָך ביידנס רעפּליקעס זינגען די קינדער אויס:

— אוי־אוי־אוי־אוי־אוי־אוי.

די קרעמערקעס זענען געשטאַנען פאַרגאַפטע ארום די שוישפּילער, און מאירקע האָט זיך אַליין מיטן גרעסטן צאָרן געשטויסן זיך און געוואָרפן זיך אויף שלומען, ביז ער האָט אים ענדלעך אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד. חיה־אסתר האָט זיך אַ דערשראָקענע צעשריגן:

— אוי, וויי, גזלן! ער האָט מיר אַוועקגעהרגעט דאָס יינגל!

שלום האָט זיך געשווינד אַוועקגעשטעלט, ארויסגעוואָרפן דעם האָרב פון פּלייצע. שלום און אַלע איבעריקע קינדער האָבן זיך צעלאַכט.

דער קאָבזאַר, וואָס איז געשטאַנען פונדערווייטן און האָט זיך צוגעקוקט צו דער קינדער־שפּיל, איז צוגעגאַנגען צו די קרעמערקעס און האָט מיט באַדויערן געזאָגט:

— אָט, ווען איך האָב אַזוינע יינגלעך, וואָלטן גאַנצע יאַרידן ביי מיר געוויינט און געלאַכט.

די וועגן פון ביידע חברים האָבן זיך שפּעטער צעשיידט. ביידע זענען אַוועק ווייט איינער פון דעם אַנדערן, אין צוויי פאַרשידענע וועגן פון דער קונסט. מאירקע איז שפּעטער געוואָרן מיכאיל יעפימאָוויטש מעדוועדיעוו — דער באַקאַנטער אַקטיאָר פון דער קייזערלעכער אָפּערע אין סאַנקט־פּעטערסבורג. שלום איז געוואָרן דער גרויסער יידישער פאָלקסשרייבער — שלום עליכם.

## נחום ראַבינאָוויטשן טוט מען אָן אַ ספּאָדעק

אַן אומעט, אַן אומצופרידנקייט האָט זיך ביסלעכווייז צעשפּרייט אין דער שטוב פון די ראַבינאָוויטשעס אין וואָראָנקאָ. אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער איז די אומצופרידנקייט געוואָרן. דער הויכער, פאַרטראַכטער נחום ראַבינאָוויטש איז געוואָרן נאָך מער פאַרטראַכט ווי פריער. קנייטשן האָבן זיך גענומען וויזן אויף זיין ברייטן שטערן, און גאַנץ אָפט פלעגט זיך אומגעריכט ארויסכאַפּן פון זיין ברוסט אַ שטילער זיפץ. חיה־אסתר איז געוואָרן נישט אַזוי רירעוודיק ווי פריער, און אויף איר פּנים האָט זיך געוויזן עפּעס אַ פאַרזאָרגטקייט, וואָס האָט זיך אויף לאַנג באַזעצט אין די קנייטשעלעך לעבן די ווינקלען פון אירע ליפּן.

אין דער באַלעבאַטישקייט האָט געטאַראַראַמט די באָבע מינדל. זי איז איצט געוואָרן די איינציקע הערשערן אין קיך. זי האָט איצט אַכטונג געגעבן אויף די קינדער, אויף אירע אייניקלעך. שוין באַלד אַ האַלב יאָר, אַז פרומע די מויד איז ביי די ראַבינאָוויטשעס נישטאָ. די קינדער האָבן זיך סוף־כל־סוף באַפרייט פון איר יאָך, און זי האָט סוף־כל־סוף חתונה געהאַט. זי וואָלט נאָך אַזוי גיך נישט חתונה געהאַט און וואָלט נאָך אַזוי גיך נישט אַוועק פון ראַבינאָוויטשעס שטוב, אָבער זי האָט נישט געקאָנט צוזען די פאַרזאָרגטקייט, וואָס האָט ביסלעכווייז איינגעבויגן דעם שלאַנקן נחום ראַבינאָוויטש און איר באַלעבאָסטע חיה אסתר. איז פרומע שוין געוואָרן נישט אַזאַ איבערקלייבערקע אין שידוכים.

פרומע איז געווען בלינד אויף איין אויג און געשטופלט, אָבער זי האָט זיך באַרימט מיט איר יחוס. דער טאַטע אירער איז געווען אַ שמש אין באָסלעווער שול, און איר שטיפמאַמעס אַן עלטער-פעטער איז דאָך געווען רב הודל דראַזשנער. מיט כעס און מיט פאַרדראָס פלעגט זי כמעט שטענדיק ענטפערן באַסיע-ריווען דער שמשטע:

— אָ, נישט דערלעבן וועט אַ באַלעגאָלע, אַ באַלמעלאָכע צו עסן מיט מיר פון איין שיסל.

אָבער די פאַרזאָרגטקייט ביי די ראַבינאָוויטשעס אין שטוב און די סיבה, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט איר חתן, דעם פופציקיאָריקן יאַדעשע-ליווער אַלמן פון הייסיג, אַ דרדקי-מלמד, וועלכער איז אַ וואָך צייט פאַר דער חופה געשטאָרבן, האָט זי געצוווּנגען ענדערן די באַציִונג צו באַסיע-ריוועס פאָרשלאַגן.

באַסיע-ריווע האָט איצט אויף אַ נייעם קאָן אָנגעווענדט איר מענה-לשון ביים רעדן פרומען שידוכים.

— וואָס-זשע מיינסטו וואָס, פרומע סערצע? אַ באַלמעלאָכע, איך כאַפּ דיר אָנעט, טאָר שוין גאָר נישט לעבן אויף דער וועלט, טאָר שוין גאָר נישט פאַרדינען די מצווה צו האָבן אַ ווייב און קינדער? אָט גיי הער, וואָס פאָסי די זאָגערקע האָט געלייענט פון אונדזערע הייליקע ספרים: ס'איז געווען א תנא רב יצחק, רב איציקל, איז ער גאָר געווען אַ שמיד, אַ פראָסטער קאָוואַל, איך כאַפּ דיר אָנעט. און נאָך איינער א תנא רב יוחנצע, איז גאָר געווען אַ שוסטער, אַ פראָסטער שוסטערוק, איך כאַפּ דיר אָנעט, איז וואָס זשע, פרעג איך ביי דיר, פרומעניו, האָט ער קיין תנא נישט געדאַרפט זיין און קיין ווייב און קינדער נישט געדאַרפט האָבן, וואָסי וואָס, ער איז געווען אַ שוסטער. וואָס וועסטו שוין זאָגן אויף דערויף, האַ?

אַ צופרידענער שמייכל פלעגט דעמלט אַ שיין טאָן אויף פרומעס צעשטופלט פנים. דאָס פלעגט אָבער געדויערן נאָר איין רגע, און זי פלעגט ווידער ווערן אומעטיק, אַ זיפץ טאָן און זאָגן:

— אַ משל! איז דאָס דאָך אַ שוסטער און אַ שמיד, אָבער נישט קיין שמייסער, נישט קיין באַלעגאָלע.

— אי, פרומעניו, און שלמה המלך האָט נישט געהאַט קיין פערד? און פונדעסטוועגן איז ער געווען הער קלוגסטער מענטש אויף דער וועלט. וואָס האָט געקאָנט זיבן און זיבעציק לשונות, און פונדעסטוועגן איז די מלכה שבא געווען נאָך אים די כפרה. און צוריק גערעדט, לאָמיר קערן

דאָס בלעטעלע פאַרקערט: און דיין באַלעבאָס רב נחום האָט גאָר נישט קיין פערד, איך כאַפּ דיר אָנעט?

אויף דעם פלעגט פרומקע ענטפערן:

— אַ משל! רב נחום האָט פערד, און שמייסערס זענען דאָך אַנדערע.

— אי, פרומעניו, ביי גאָט איז אַליץ אין די הענט. פריער איז מען אַ שמייסער אויף אַ פרעמד פערד, נאָכדעם שמייסט מען אַן אייגן פערד און נאָכדעם הייסט מען אַן אַנדערן שמייסן דאָס פערד, און אַליין איז מען דער מאַנאַרכע.

און אַזוי פלעגט באַסיע־ריווע ביסלעכווייז געבן פרומען דער מויד צו פאַרשטיין, און זי האָט זיך ביסלעכווייז געלאָזט איינרעדן און האָט די זאַך פון יחוס באַהאַלטן ווייט־ווייט אין די טיפעניש פון איר האַרץ, האָט התונה געהאַט מיט אַ באַלעגאָלע און איז אַוועק פון די ראַבינאָוויטשעס.

מער פון אַלעמען זענען פון פרומעס חתונה געווען צופרידן נחום ראַבינאָוויטשעס קינדער, און שלום צווישן זיי. אָבער די פרייד איז צע־שטערט געוואָרן פון דער אַלגעמיינער פאַרזאָרגטקייט אין שטוב.

אויף דער גאַס, וווּ עס וווינען די ראַבינאָוויטשעס, איז היינט טומלדיק, און וואָלקנס שטויב הייבן זיך אין דער הייך איבער די דעכער. עס שטייען רעדלעך מענטשן לעבן די בוידן, וואָס זענען אָנגעפּאַקט מיט בעבעכעס און מעבל. מע רעדט וועגן דעם, אַז ביסלעכווייז צעפּאָרט מען זיך פון וואָ־ראָנקאָווע און עס בלייבט אַ האַלבע שטאָט, אַז אין אָדעם וואַלגערן זיך אוצרות אין די גאַסן, און אַז די, וואָס פאָרן אַוועק אַהין, זענען גליקלעך איבער גליקלעך.

אין שטוב פון די ראַבינאָוויטשעס איז פּוסט, אָנגעוואָרפן שמוץ. זוייבער שטייען מיט ארויפגעליגטע הענט אויף די בייכער, מיט זויערע מינעס אויף די פנימער און גרייטן זיך אָפּצוגעזעגענען מיט די, וואָס פאָרן אָפּ. עס הערט זיך אָפט אַ זיפץ, אויף וועלכן עס ענטפערט אַ פרוי: „אַז עס איז איצט גנב און גזלן, אַז נאָר דער גנב לעבט איצטער".

שלום דרייט זיך היינט ארום איבער דער שטוב, איבער דער גאַס אַן אומצופרידענער. עס פאַרדריסט אים, פאַרוואָס ער פאָרט אויך נישט מיט טאַטע־מאַמע און מיט די קלענערע קינדער אין דער גרויסער שטאָט, „וווּ עס זענען פאַראַן פעשעכאָדן אין די גאַסן", גרויסע צווייטאָקיקע מויערן מיט ראַכלקעס געדעקט.

— איר וועט דאָ בלייבן איבערן זומער לערנען, אַן עבירה אייך איי־מיטן זמן אָפּצורייסן, און אם ירצה השם אויף סוכות וועט מען שיקן נאָך אייך אַ פור, וועט איר קומען צופאָרן.

אַזוי האָט נחום וועוויקס געגעבן צו וויסן די קינדער.

און נאָכן אָפּגעזעגענען זיך מיטן שמעטל, האָבן זיך עטלעכע פורן געריכט איבער דער גאַס, און די גאַס האָט זיך איינגעהילט אין נאָך אַ גרע־סערן שטויביקן וואָלקן ווי פריער.

ביז וואַנען די פורן זענען נישט אַרויסגעפאָרן פון שטעטל, זענען נחום און די באַגלייטערס געגאַנגען צופוס.

— דער עולם צעקריכט זיך... מע פאָרט זיך פאַנאַנדער... עק וועלט, — האָבן זיך אַליין געלאָזט הערן צווישן די באַגלייטער.

הינטערן שטעטל האָט זיך נחום ראַבינאָוויטש אריינגעזעצט אין בויד, די פורן זענען אוועקגעפאָרן.

די באַגלייטער האָבן זיך אומגעקערט אין שטעטל אריין. הייגט האָט זיך ניסל ראַבינאָוויטש פאַרקוקט אויף דעם סלופּ מיט די ווייסע און שוואַר־צע פאַסן און אויף דער אויפשריפט אויף אים:

פינף הונדערט פיר און פופציק נפשות פון מענלעכן געשלעכט,
זיבן הונדערט צוויי און פופציק נפשות פון ווייבלעכן געשלעכט.

אַ נעפּל האָט זיך פאַרצויגן איבער ניסלס אויגן, און אַ קנויל, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט געשטיקט אונטערן האַלדז, האָט איצט נאָך מער אָנגעגריפט. ער איז געוואָרן בלאַס און האָט אויף אַ ווײַלע פאַרשטעלט זיינע אויגן מיט דער האַנט...

## קאַפּיטל צוויי

# אַז טאַטע־מאַמע זענען אַוועקגעפֿאָרן

אַ פּאָר וואָכן, אַז שלומס עלטערן, אַז שלומס יינגערע ברידער און שוועסטער געפֿינען זיך שוין נישט אין וואָראָנקאָ און וווינען נישט אין דער גרויסער נגידישער שטוב מיט אירע גערוימע צימערן, מיט אירע גרויסע פֿענצטער, וואָס קוקן מיט גאווה אין דער וואָראָנקאָווער גאַס אַריין.

שלום גייט שוין נישט אין דעם גאָרטן, וואָס לעבן דער שטוב. ער קען זיך שוין מער נישט פֿאַרקלייבן אונטער די ווײַנשל־ביימער, ווו ער פֿלעגט זיך צעלייגן מיטן פּנים אַראָפּ אויפֿן גראָז מיט זײַנע חברים און זיי פֿלעגן דערציילן אײַנע די אַנדערע מעשיות. די חברים זענען נישטאָ שוין פֿון לאַנג, אַוועקגעפֿאָרן פֿון וואָראָנקאָוואָ איידער זײַנע עלטערן. און אונטער די ווײַנשל־ביימער קען ער איצט נישט קומען.

אינעם גאָרטן שפּילן זיך איצטער גאָר פֿרעמדע, אומבאַקאַנטע קינדער. זיי גייען מיט קאָקאַרדעס אויף די היטלען און לערנען זיך אין אַ גרויסער שטאָט. זיי קומען נאָר אַהער אויף די זומער־וואַקאַציעס, און דער באַלעבאָס פֿון נחום ראַבינאָוויטשעס שטוב איז אַ הויכער, אַ בייזער, מיט לאַנגע באַקנבאַרדן און מיט אַן אויסגעגאָלטער גאָמבע. ער פֿאַרקערט ווײַניק, אָט דער נײַער באַלעבאָס פֿון נחום ראַבינאָוויטשעס הויז, מיט די ייִדישע אײַנוווינער פֿון שטעטל. און דער הויף איז פֿאַרשלאָסן, און אויף יענער זײַט טויער שטייט צוגעבונדן אויף אַ קייט אַ גרויסער בייזער הונט.

אָפּטמאָל ווילט זיך אים, שלומען, אַרײַנגיין אין דעם גאָרטן, אַרײַנגיין אין שטוב און אַ קוק טאָן, ווי זעט עס אויס דער צימער, וווּ זײַן טאַטע פֿלעגט שפּילן אין שאַך, וווּהין עס פֿלעגן קומען שטעטלדיקע אײַנוווינער צו פֿאַרברענגען און ווי ער פֿלעגט זיך צוקוקן צו יעדערן, צו יעדערנס מאַנירן און גענג, און ווי ער פֿלעגט זיי שפּעטער נאָכמאַכן, און דער פֿעטער ניסל און זײַן טאַטע פֿלעגן לאַכן.

דאָס פריילעכע זאָרגלאָזע קינד שלום ווערט פאַרזאָרגט און באַטריבט. אייגנס אָבער האָט שלום געוווּנען פון דעם, וואָס זיינע עלטערן זענען אַוועקגעפאָרן פון וואָראָנקאָווע. ער דאַרף איצטער נישט היטן קיין שטאַט, פונקט אַזוי ווי דאָס האָבן געפאָדערט פון אים זיינע עלטערן. ער איז פריי, און ער קאָן זיך חברן מיט וועמען ער וויל. ער קאָן אַריינגיין, וווּהין ער וויל, ער קאָן אַרומגיין מיט וועמען ער וויל.

גערגעלע איז שוין געזונט, און איצטער ווערט נאָך שטאַרקער די חברשאַפט צווישן גערגעלען מיט שלומען. זיי גייען ביידע אַרום פאַרגאַפט אויפן באַרג הינטערן בית־מדרש. גאַנץ אָפט קריכן זיי ביידע אין אַ פרעמדן גאָרטן, רייסן באַרעלער און עפל. עס איז געשלאָסן געוואָרן די סאַמע נאָענטסטע חברשאַפט צווישן שלומען און אָט דעם יינגל מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ און מיט די קלוגע אויגן, דעם שטענדיק הונגעריקן, דערצאָרנטן גערגעלען.

זיי זענען נאָענט, אָט די צוויי חברים, איינער צום צווייטן. זיי פאַרמאָגן עטוואָס געמיינזאַמס, וואָס עס פאַרבינדט זיי. גערגעלע קרימט איבער און לאַכט פון אַלעמען דערפאַר, וואָס אַלע טרעטן איבער אים, דערפאַר, וואָס ער פילט צו יעדערן אַ שנאה. שלום קרימט איבער, מאַכט נאָך, ווייל ער באַמערקט אין יעדן איינציקן מענטשן אָט די אייגנשאַפטן און שטריכן, וואָס דערציילן, אַז דער מענטש איז נישט פולקאָם, אַז ער האָט חסרונות. דער געלעכטער באַפריינדט זיי ביידן. און נאָך וואָס דערנענטערט איצטער גערגעלען און שלומען: אי גערגעלע, אי שלום פילן זיך איצטער פרעמד אין שטעטל.

און שלום בענקט נאָך דער זאָרגלאָזיקייט. ער וויל איצט באַקעמפן די שווערע לאַסט, וואָס האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף זייער פאַמיליע. ער האָט אַליין אויך דערפילט, וואָס הייסט לאַסט, און ער פילט די לאַסט נאָך אויף אַנדערע מענטשן אין וואָראָנקאָווע און אויך אויף גערגעלען. עס ווילט זיך אים באַפרייען אַלעמען פון זאָרג, פון נויט, פון לייד און פון שווערער האָרעוואַניע.

דאָס עלפיאָריקע יינגל שלום איז אַלץ באַשעפטיקט מיט איין פראַגע, ווי אַזוי קריגט מען אַ מיטל קעגן זאָרג. און דאָס מיטל איז: געפינען דעם אוצר, וואָס ליגט באַהאַלטן נאָך פון באָגדאַן כמעלניצקיס צייטן אָן אין באַרג, הינטערן בית־מדרש. ער וועט געפינען דעם אוצר און וועט דערמיט דורכפירן אַ גאַנצע רעפאָרמע אינעם לעבן פון וואָראָנקאָווע.

רודע-באַסיע די בייגל-בעקערקע וועט אַזוי שפּעט ביינאַכט נישט האָרעווען, גערגעלע וועט ווערן אויס גנב, און אַלע אָרעמעלייט אין שטעטל וועלן ווערן אויס אָרעמעלייט. אויך פון זיין פּאָטערס הויכן שטערן וועלן פאַרשווינדן די קנייטשן. ער וועט שוין נישט זיין אַזוי געל. זיין פּאָטער וועט ווידער ווערן שלאַנק ווי פריער און וועט נישט זיין אויפגעהאָרבעט ווי איצטער.

און וואָס עס טוט זיך דאָרטן אין באַרג, ווייסט דאָך שלום זייער גוט. עס האָט דאָך אים שמוליק דערציילט וועגן דעם. ער געדענקט אפילו דעם חלום, וואָס האָט זיך אים געחלומט וועגן דעם אוצר, ווען ער מיט שמוליקן זענען אַראָפּגעגאַנגען פון באַרג אין דער הייל מיט די קרישטאָלענע זיילן און אין דעם פּאַלאַץ מיט די גינגאָלדענע ווענט.

עס איז געווען אַ פאַרנאַכט אין וואָראָנקאָווע. די זון האָט זיך שוין געזעצט, און דער הימל אין מערב האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ פייערדיקער רויטקייט. אין דער לופט האָט זיך געטראָגן אַ בענקעניש נאָך דעם נאָרוואָס אַנטרונענעם טאָג. שלומען האָט עפּעס אַזוי גענומען ציען אין האַרצן.

עס האָט זיך אים איצטער שטאַרק פאַרוואָלט זען דעם טאַטן, די באָבע, די מאַמע. ער זיצט שוין פון לאַנג אויפן באַרג הינטערן בית-מדרש. זיינע בלויע אויגן קוקן ווייט אַריבער די דעכער, קוקן אין דער פייערדיקער רויטקייט פון הימל, און פונווייטן זעט ער דעם דאַך פון זייער שטוב, וואָס איז העכער פון אַלע אַרומיקע. און עס ציט אים אַהין אין שטוב אַריין.

מיטאַמאָל, מע דערלאַנגט אים אַ קלאַפּ איבער די אַקסלען.

— קום, וואָס זיצסטו דאָ, לאָמיר גיין! — האָט גערגעלע געזאָגט צו אים און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין דער זייט פון נחום ראַבינאָוויטשעס שטוב.

שלום האָט זיך גאָר נישט דערשראָקן פאַר דעם אומגעריכטן קלאַפּ איבער דער פּלייצע. שלומען האָט זיך געדוכט, אַז ער רעדט די גאַנצע צייט מיט גערגעלען, אַז ער דערציילט אים וועגן דעם אוצר און מאָלט פאַר אים אויס זיין אייגענע צוקונפט, די צוקונפט פון גערגעלען און פון אַלע ליידנדיקע אין שטעטל. האָט זיך דעריבער שלום באַלד אויפגעשטעלט און איז אַוועק מיט גערגעלען, גלייך זיי וואָלטן נאָך פריער וועגן דעם גערעדט, אַז זיי גייען אַהין אין גאַס אַריין. שלומען האָט זיך געדוכט, אַז דאָס רופט מען אים אַהיים.

גערגעלען האָט זיך פֿאַרגלוסט אַ רייַן טאָן זיך מיט דעם גרויסן הונט, וואָס שטייט הינטערן טויער פֿון נחום ראַבינאָוויטשעס געוועזענעם הויף. גערגעלע האָט צו דעם ייִדן מיט די באַקנבאַרדן און מיט דער אויסגעגאָלטער גאָמבע אַ צווייענדיקע שנאה: ערשטנס, לאָזט ער אפילו שלומען נישט אַרויף אויפֿן הויף. ער פֿאַרשטייט עס נישט, גערגעלע, ווי האָט עס פֿיינט אַ נגיד אַ נגיד; צווייטנס, איז ער עפּעס, אָט דער ייִד מיט דער אויסגעגאָלטער גאָמבע, אַ מאָדנער נגיד: רעדט נישט אויף ייִדיש און חברט זיך בלויז מיט דעם אוריאַדניק און סטאַנאָוואָי. גערגעלע וועט באַטש דעם הינט זייַנעם מכבד זייַן מיט אַ פּאָר שטיינער אין זייַט.

די פֿייערדיקע רויטקייט פֿונעם הימל האָט זיך באַדעקט מיט אַ שוואַרצער נאַכט. אין וואָראָנקאָוואָ איז שוין געווען פֿינצטער, שטיל. אויף דער גאַס, וווּ עס האָט געוווינט אַמאָל נחום ראַבינאָוויטש און וווּ עס וווינט איצטער דער ייִד מיט די באַקנבאַרדן און מיט דער אויסגעגאָלטער גאָמבע, איז כמעט אין אַלע הייַזער פֿינצטער, מע שלאָפֿט שוין, נאָר אין דער געוועזענער ראַבינאָוויטשעס שטוב איז ליכטיק, עס ברענט אַ גרויסער בליצלאָמפּ, און פֿון די פֿענצטער שלאָגט אָפּ אַ שייַן אויף דער גאַס.

די פֿענצטער זענען אָפֿן, און פֿון דאָרטן דערטראָגט זיך אַ פֿרייַלעכער געלעכטער, און עס הערט זיך, ווי עס שפּילט אַ פֿידל, און די קלאַנגען פֿון דער פֿידל זענען ווייכע און גלעטנדיקע, אַז עס דוכט זיך אים, שלומען, אַז עפּעס דערציילט אים איצטער שמוליק די מעשה וועגן דעם פּאַסטעכל, וואָס פֿלעגט שפּילן אויף אַ פּייפֿל און וואָס די גאַנצע וועלט חיות און פֿייגעלעך פֿלעגן אים קומען הערן, אָנשטעלן מויל און אויערן און קוקן אים גלייַך אין די אויגן אַרייַן און אויף זייַן פּייפֿל.

שלומס אויגן האָבן זיך שטאַרק צעעפֿנט. ער האָט איצטער געזען אַנטקעגן זיך דעם גינגאָלדענעם פּאַלאַץ, וווּ עס געפֿינט זיך דער אוצר. און נאָך האָט ער געזען: אַ גרינע לאָנקע, אינמיטן דער לאָנקע — אַ הויכע קופּע שטיינער, אויף דער קופּע שטיינער — אַ באָרוועסער פּאַסטעך מיט אַ פּייפֿעלע אין מויל, און אַרום אויפֿן פֿעלד — לייבן, לעמפּערטן, פּאַנטערן, פּערנאָטערס מיט אָפֿענע מייַלער, פֿייגעלעך מיט אַראָפּגעלאָזענע שנאָבלען, און לעבן דעם פּאַסטעכל זעט ער דעם טאַטן, די מאַמע, די באָבע מינדע, אַלע זייַנע קלענערע שוועסטער און ברידער. און ער, גערגעלע, שמוליק, מאירקע מעהוועדיעווקער צווישן זיי.

ער איז געבליבן שטיין, גערגעלע האָט אים אַ צי געטאָן בייַ דער האַנט און זיי זענען אַוועק אויף דעם קלאָץ, וואָס איז געלעגן קעגנאיבער דער

שטוב, וו עס וווינט איצט דער ייִד מיט די באַקנבאַרדן און מיט דער אויסגעגאָלטער גאָמבע. דער הונט, וואָס איז געשטאַנען אויף יענער זייט טויער, האָט דערשפּירט פרעמדע טריט און האָט זיך שטאַרק צעבילט. גערגעלע האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט פאַר אים אָנגעגרייט שטיינער, און האָט באַלד אַ זעץ געטאָן אין טויער מיט אַ שטיין. דער הונט האָט נאָך מער געבילט. גערגעלע איז צוגעלאָפן צום טויער, אַ כאַפּ געטאָן דעם שטיין און ווידער אַ זעץ געטאָן אין טויער, דער הונט האָט זיך צעסקאַוווטשעט.

שלום איז אַראָפּ פון קלאָץ, איז געבליבן שטיין אַנטקעגן דעם פענצטער, פון וועלכן עס האָט איצטער געפּראַלט מיט שיין פונעם בליצלאָמפּ און לעבן וועלכן עס פלעגט זיצן זיין טאַטע, שפּילן אין שאָך אָדער לייענען אַ בוך. ער האָט איצטער גאָר נישט געהערט אפילו דאָס שפּילן פון פידל, ער האָט נישט געהערט דאָס בילן פונעם הונט.

דאָס שפּילן פון פידל האָט זיך איבערגעריסן, עס האָט זיך האַסטיק געעפנט די גאַס־טיר, און עס זענען אַרויסגעלאָפן צוויי ייִנגלעך, אָנגעטאָן אין הימלען מיט הויכע רענקעס און קאָקאַרדעס. ביידע ייִנגלעך האָבן עפּעס געשריגן אויף רוסיש. ביידע האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן צום טויער און געפּאַקט דעם, וואָס האָט געשטערט זייער פאַרוויילונג.

— ווילדע פּאַנאַמיקער! אַבסקוראַנטן! — האָט אויסגעשריגן איינער פון די ייִנגלעך אין די הימלען מיט די הויכע רענקעס, אַ העכערער, אַ דאַרער, מיט אַ לאַנגער נאָז, דער זון פון דעם ייִדן מיט די באַקנבאַרדן און מיט דער אויסגעגאָלטער גאָמבע.

— מע דאַרף זיי אויסרייסן די פּאות! — האָט ער זיך געווענדט צו דעם נידעריקן דיקלעכן גימנאַזיסט מיט דער ברייטער, פאַרריסענער נאָז, דעם סטאַנאָוואָיס זון, — און ביידע האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן צו גערגעלען און צו שלומען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג צווישן גערגעלען און שלומען פון איין זייט, און די ייִנגלעך אין די הימלען מיט די הויכע רענקעס און קאָקאַרדעס — פון דער אַנדער זייט. מע האָט זיך געשלאָגן. די ייִנגלעך מיט די קאָקאַרדעס האָבן גערופן צו הילף דעם הונט. שלום און גערגעלע זענען אַנטלאָפן.

אויף מאָרגן פאַרטאָג האָט גערגעלע לעבן טויער פון דער געוועזענער נחום ראַבינאָוויטשעס שטוב געפונען צוויי הימלען. גערגעלע איז אַוועק

צו ניסל ראַבינאָוויטשעס שטוב, האָט שטיל געעפנט די טיר און אַריינגע־וואָרפן שלומס היטל.

## קיין פּערעיאַסלאַוו

„פיל פרייד צו מיין טייערן ברודער ניסל און צו מיין שוועגערן, דער צנועה האָדל, און צו זייערע קינדערלעך, זאָלן לעבן און געזונט זיין, אמן.

דאָס ערשטע, וואָס איך קום צו מעלדן דעם כבוד אייערן, איז, אז אונדזער מוטער, די צנועה מינדע, אז איך, אייער ברודער נחום, אז מיין ווייב, אייער שוועגערן חיה אסתר, און אז אונדזערע טייערע קינדער זענען געזונט. גאָט זאָל געבן נישט ערגער פון אייך צו הערן.

די גערעכטיקייט איז מיט אייך, אויב איר טוט אָפּקערן אייער פּנים דערפאַר, וואָס מיר האָבן אייך נישט געגעבן קיין ידיעה וועגן דעם, ווי עס גייען דאָ אונדזערע געשעפטן אויפן נייעם אָרט. אָבער איך טו גלויבן, אז פריער דער גרויסער גאָט, נאָכדעם איר וועט אונדז פאַרגעבן.

דו ווייסט דאָך, מיין טייערער ברודער, אז אַלע אָנהייבן זענען שווער, בפרט, אז עס קומט אָנצוהייבן פונדאָסניי, און די האַנט אונדזערע איז גאָר געווען געשיקט אין אנדערע געשעפטן. עס איז דאָך נישט פאַרהוילן פון דיר, אז מיר האָבן זיך גענומען צו אזא געשעפט, וואָס אונדזערע עלטער־זיידעס און עלטערן האָבן אהין קיין פוס נישט געטראָטן. און עס איז מיר שווער צו קוקן אויף מיין איידעלער פרוי חיה אסתר, זאָל לעבן, ווי זי דאַרף באַדינען ווילדפרעמדע מענטשן גאָר נישט פון אונדזער שטאַנד און דאַרף זיין א בעל־אכסניה'טע.

גאַנץ אָפט וואָלסטו געקענט באַמערקן, ווי אין שטוב ביי אונדז שטייט אין איין ווינקל אונדזער טייערע מוטער די צנועה מינדע און אין א צווייטן ווינקל מיין איידעלע פרוי חיה אסתר, און טרערן גיסן זיך, ווי קוואַלן וואַסער, פון זייערע אויגן.

איך ווייס, אז גאָט וועט מיר באַצאָלן פאַר די יסורים און פאַר די ווייטיקן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די קעמערלעך פון מיין האַרצן, ווייל וואָס קאָן זיין גרעסער, ווי די מצווה פון גאַסטפריינדלעכקייט. אָבער די דאָזיקע מצווה פאַרמיידט מיין שטוב, וואָס הייסט איצטער אַכסניה, און גאַנצע וואָכן גייען אוועק, וואָס מע זעט אפילו קיין אורח נישט, און אויב עס קומט ווען אן אורח, איז עס פון אָרעמען פאָלק, וואָס עס האָט אים

אַן אומגליק. אַרויסגעריסן פון זיין אָרט און געבראַכט אים אַהער אין שטאָט אַריין צו זוכן אַ הילף פאַר זיין שוואַכן געזונט אָדער פאַר זיינע קינדער. פאַר רייכע געשעפטסמענטשן איז מיין אַכסניה צו אָרעם, און אין שטאָט זענען פאַראַן אַ סך בעסערע אַכסניה׳ס מיט שיינע צימערן, מיט געפּאַרבטע ווענט און דילן. און אונדז קומט טאַקע אויס צו בלייבן נישט מער ווי ביי דער מצווה פון הכנסת-אורחים.

נאָך דעם אַלעם וועסטו מיר, טייערער ברודער, פאַרגעבן אויף דעם, וואָס איך האָב געשריבן מיט אַזאַ אַ האַרץ. ווייל ווער האָט נאָך אַזאַ האַרץ מיט געפילן, ווי דו? איז האָב טאַקע קיין פאַריבל נישט אויף אונדז און פאַררעכן עס מיר נישט פאַר קיין זינד קעגן גאָט און קעגן דיר.

פון מיר, דיין ברודער, וואָס לעכצט צו וויסן וועגן דיין געזונט, וועגן דעם געזונט פון דיין פאַמיליע און וועגן דיינע געשעפטן.

נחום ראַבינאָוויטש

עיקר שכחתי, מאיר-וועלוול וועט דיר איבערגעבן דריי פאָר שטי-וועלעך פאַר די קינדער, זאָלן לעבן. דאָס האָבן מיר זיי אויפגעגייט אויף יום-טוב, און זאָל פון זיי נישט פאַרמיטן ווערן די אומשולדיקע פרייד. קינדער דאַרפן נישט וויסן, וואָס עס וויקלט זיך ביי די עלטערן אויפן האַרצן. אויך ליגט ביי מאיר-וועלוולען שפּייז אויפן וועג און אַ קאַלדרע, וואָס אונדזער טייערע מוטער די צנועה מינדע האָט געשיקט מאָמער גייט הס-ושלום אַ רעגן. און זאָלן זיי זיין איינגענעם מיט זייער טאַטן און מאַ-מען, אפשר וועט דערמלט דאָס מזל מער איינשטיין ביי אונדז אין שטוב, און גאָט וועט פון אונדז זיין חסד נישט אָנטאָן.

דער אויבן-אונטערגעשריבענער".

אָט אַזאַ בריוו, געשריבן אין העברעיש, האָט נחום ראַבינאָוויטש גע-שיקט פון פּערעיאַסלאַוו קיין וואָראָנקאָ צו זיין ברודער ניסל הורך מאיר-וועלוול דעם באַלעגאָלע, וועלכער האָט געדאַרפט אָפּפירן די קינדער פון וואָראָנקאָווע קיין פּערעיאַסלאַוו.

ניסל האָט דורכגעלייענט דעם בריוו און פאַרטייטשט אים פאַר האָדל זיין ווייב. און האָדל האָט געזיפצט, געבראָכן די הענט, געשאָלטן מיט בי-טערע קללות הירשקע דעם סין: — אַז ס׳איז טאַקע ריכטיק, ווי חיהי אסתר האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אַ וועלט פון גנב און גזלן, ווער עס גנבעט נישט, יענער לעבט נישט.

האָדל האָט זיך באַלד געגומען באַקוקן, וואָס פאַר א „מ י ט ז י ך“ האָט מען די קינדער געשיקט אויפן וועג.

— אוי, אז אַך און וויי, — האָט זי פאַרבראָכן די הענט, — דאָס וועט דאָך זיי קלעקן אויף א צאָן: דריי מיילער, קיין עין־הרע — און האָט באַלד גענומען פאַקעווען פאַר זיי א „מיט זיך“ פון אירע אייגענע שפייז.

שלום האָט זיך געבאָבערעט ארום דער בויד מיט די דריי פערד. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער פאָרט צו זיין טאַטן און מאַמען אין דער נייער היים אין דער גרויסער שטאָט. ער האָט זיך געפרייט מיט די נייע שטיוועלער, וואָס דער פעטער ניסל האָט אים אָנגעטאָן. עס האָט אים אָבער געקלעמט די מעשה מיטן אוצר. וואָס וועט זיין מיטן אוצר? און ער איז אַוועק אויפן באַרג אַהינטערן בית־מדרש.

ער האָט „זיך אָפּגעשטעלט אויף יענעם אָרט, ווו עס איז געלעגן, ווען ליק שמוליק האָט געוווסט כמעט פאַר געווים, באַהאַלטן דער אוצר; ווי א פאַרכישופטער איז ער געשטאַנען איינער אַליין אין אַ הייליקער שטיל־קייט, און א גאַנצע ריי פון מחשבות האָבן זיך דורכגעטראָגן אין זיין קאָפּ“...

איינעם אין וואָראָנקאָ פאַרדריסט זייער שטאַרק, וואָס שלום פאָרט אַוועק. ער איז היינט נישט אויפגעלייגט, פון זינט ער האָט דערזען די בויד מיט די פערד לעבן ניסל ראַבינאָוויטשעס שטוב. ער זוכט שלומען, און שלום איז אויפן באַרג, ווו עס דאַרף זיך געפינען דער אוצר.

## אויפן נייעם אָרט

נאָך צוויי טעג פאָרן איז שלום מיט זיינע עלטערע ברידער געקומען אין פערעיאסלאַוו, ווו זיין פאָטער און מוטער האָבן שוין אייניקע חדשים געוווינט.

אין שטאָט איז מען שוין געשלאָפן, און ווו מע איז נישט געשלאָפן, זענען געווען די לאָדן צוגעמאַכט. א שוואַרצער הימל האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט, און עס האָט זיך גערוכט, אז עס וועט שוין קיינמאָל נישט קומען דער טאָג. א רעגן האָט לאַנגזאַם געשפּריצט איבער די הָעבער און איבערן בויד. די פערד זענען ארויסגעפאָרן פון דעם שטויביקן פּאָסט־וועג אויפן ברוק, און שלום האָט זיך קוים דערוואַרט, ביז די טראַסקענדיקע

רעדער האָבן זיך דורכגעקייקלט דורך די פינצטערע פאַר גאַסן און האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן הויז, וווּ עס וווינען איצט זיין פאָטער און מוטער.

אין וועג פאַרנדיק, האָט זיך שלום פאַרגעשטעלט, אַז זייער שטוב אין פערעיאַסלאַוו איז אַזאַ שיינע, איז אַזוי שיין צוגעקליבן, פּונקט ווי יענע, וועלכע עס האָט אים אַמאָל אָפּגעמאָלט אין וואָראָנקאָווע זיינער אַ חבר פּיניע שימעלעס, וואָס איז געווען אמאָל אין פערעיאַסלאַוו און האָט שוין לאַנג פאַרלאָזן וואָראָנקאָווע.

זיי זענען געקומען, און מע האָט זיי גאָר קאַלט באַגעגנט. באַזונדערס די מאַמע. און די נייע שטוב איז עפּעס גאָר נישט קיין גאַסטפריינדלעכע. זי איז אַ גרויסע, אַ סומנע און איז צעצאַמט אויף קליינע חדרימלעך. זייער שטוב איז אַן איינפאָר־הויז, די קלייניקע חדרימלעך זענען פאַר די אורחים.

די מאַמע — זי טאַרעראַמט איצטער אַרום דער שטוביקער באַלע־באַטישקייט, זי איז מער פאַרזאָרגט, ווי אין די לעצטע פאָר וואָכן אין וואָראָנקאָווע, און איז זייער קאַרג: טיילט אויס יעדערן צו שטיקלעך ברויט.

נחום ראַבינאָוויטש איז דאָ נאָכמער איינגעבויגן, ווי אין וואָראָנקאָווע, אָבער אַ צופרידענער שמייכל איז אויף זיין פּנים: עס זענען געקומען די יינגלעך, באַלד וועט ער זיי פאַרהערן און וועט זיך דערוויסן, ווי האַלט עס מיט זיי אין לערנען.

דערפילט נחום ראַבינאָוויטש, אַז זיינע קינדער ווייסן און קענען דאָס, וואָס זיי לערנען, איז ער דערמיט צופרידן ביז גאָר, ער איז דערמיט צוגע־לאָזט און אפילו פריילעך.

די קינדער ענטפערן אויף אַלע פראַגן, וואָס ער שטעלט זיי, באַזונ־דערס צייכנט זיך אויס דער קליינער שלום. ער קאָן אויף אויסנווייניק גאַנצע אויסצוגן פון תנ"ך. נחום ראַבינאָוויטש איז זיכער, אַז זיין שלום וועט געווים שרייבן שיינע מליצה, ער האָט דאָך אַ שיין הענטל און קען אַזוי די שפּראַך פון דער ביבל.

שלום האָט צערייצט זיין פאָטערס האָפענונג און פאַנטאַזיע. שלום וועט געווים אויך טאָן אַזוי, ווי די באַקאַנטע העברעיִשע מליצה־שרייבער, פּסעוודאָקלאַסיקער, וועלכע נחום ראַבינאָוויטש שעצט און פאַרערט. ער וועט אויפשטעלן פון די ביבלישע פּסוקים שיינע, וווּנדערבאַרע ביכלעך, מע וועט זיי לייענען אומעטום און אין וואָראָנקאָווע און אין פערעיאַסלאַוו

וועט מען זיי אויך לייענען. מע וועט אָנקוועלן פון זיין לשון. און פאר נחום ראבינאָוויטשעס אויגן שטייט די ליכטיקע צוקונפט פון זיין זון שלום.

ער פארגעסט זיין אייגענע פארגאנגענהייט, די בערלינעס און בארדישעס, וואָס ער פלעגט שיקן אמאָל קיין גינשפעריק און דאַנציק, ער פארגעסט די פּאָסעסיע, וואָס מע האָט ביי אים אויסגעדונגען. ער פארגעסט אויף א ווײַלע אויך, אז ער איז איצטער א פערעיאסלאווער בעל־אכסניה און אז די אַכסניה גייט שלעכט. ער פארגעסט, אַז זיין חיה אסתרס צירונג און דאָס זילבערנע און גילדענע געפעס איז פארמשכנט.

אויף מאָרגן איז נחום ראבינאָוויטש געגאַנגען מיט שלומען צו זיינע קרובים און האָט זיי געוויזן, וויאזוי שלום קען תנ״ך אויף אויסנווייניק.

באזונדערס האָט זיך שלום ארויסגעוויזן מיט זיין ביבל־קענען און מיט זיין שיין שרייבן ביי זיין פעטער פיניע אין שטוב. ער האָט אפילו איבערראַשט דאָרט דעם גאַנצן עולם, און איבערראַשט האָט ער דערמיט, וואָס ער האָט אויף זיין פעטער פיניעס זונס סידורל אָנגעשריבן דעם אויפשריפט, וואָס ער האָט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד געשריבן ביי רב זרחן אין חדר אין וואָראָנקאָווע.

„איינגעטונקען די פען, האָט דער בעל־תנ״ך, אָדער דער כתבאָ רבאָ א ביסל א טראכט געגעבן, נישט געהאַט וואָס צו שרייבן, כאָטש טו זיך אָן א מעשה!... גאָר דאָ איז אים געקומען אויפן זכרון דאָס, וואָס כמעט אויף יעדן יידישן ספר פלעגט יענע יאָרן שטיין געשריבן, און שלום האָט פארקאַטשעט דעם ארבל, געגעבן א דריי מיט דער האַנט, איינגעטונקען נאָכאַמאָל די פען“, און אין עטלעכע מינוט ארום איז געווען אָנגעשריבן אויף העברעיש, וואָס אויף יידיש וועט דאָס הייסן אזוי:

„כאָטש אפילו אויף א ספר שרייבן טאָר מען נישט, גאָר צוליב א סימן מעג מען“.

דאָס איז געווען א מין הקדמה, נאָך וועלכער עס קומט די דאָזיקע באַקאַנטע אויפשריפט:

„דאָס דאָזיקע סידורל געהערט. צו וועמען געהערט דאָס סידורל? צו וועמען עס געהערט געהערט עס. פאָרט צו וועמען? צו דעם, וואָס האָט עס געקויפט. ווער האָט דאָס געקויפט? ווער עס האָט עס געקויפט האָט דאָס געקויפט. פאָרט ווער האָט דאָס געקויפט? ווער עס האָט געגעבן געלט. ווער האָט געגעבן געלט? ווער עס האָט געגעבן האָט געגעבן. פאָרט ווער האָט געגעבן? ווער ס'איז א נגיד. ווער איז א נגיד? ווער ס'איז א נגיד איז א נגיד. פאָרט ווער איז א נגיד? א נגיד איז דער בארימטער בחור

יצחק דער זון פון דעם באַרימטן נגיד פנחס ראַבינאָוויטש אין דער שטאָט פּערעיאַסלאַוו".

אָבער נישט לאַנג האָט נחום ראַבינאָוויטש געהאַט א מעגלעכקייט צו פרייען זיך און צו טרייסטן זיך מיט די גרייסע דערפאָלגן פון זיין זון. צו זיין פאַראַרעמונג קומט צו נאָך א קלאַפּ, וואָס האָט אפילו ווי אויסגעוויזן, אַז ער זאָרגט זיך ווייניק־וואָס פאַר זיינע קינדער.

## ביים יצר־הרע אין די הענט

א נייער עטאַפּ הייבט זיך אָן אין שלומס לעבן אין פּערעיאַסלאַוו. עס ווייזט זיך פאַר אים א לעבן פון פאַרשאַרפטע ליידן און ליידנשאַפטן. פּערעיאַסלאַוו איז אַנטקעגן וואָראָנקאָווע א גרייסע שטאָט. פּערעיאַסלאַוו האָט שוין געהאַט א נייע יידישע בורזשואַזיע מיט נייע געוווינהייטן, און די פאָרשטייער פון דער נייער יידישער בורזשואַזיע, — זיי גייען איירא־פּעיש געקליידט, זייערע קינדער שפּילן פּיאַנע, לערנען זיך רעדן פראַנ־צויזיש. די קינדער פון דער נייער יידישער בורזשואַזיע באַציען זיך מיט פאַראַכטונג צו די פאַראָרעמטע מיוחסים צו די אָרעמע און האָרעפּאַשנע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אין וואָראָנקאָווע האָט שלוים נישט געהאַט אויסצושטיין אַזוינס, ווי אין פּערעיאַסלאַוו אויף דער גאַס. האָרטן האָט ער געדאַרפט היטן שטאַט, נישט הברן זיך מיט גערגעלען און מיט אנדערע קינדער פון דער אָרעמ־שאַפט. ער אליין איז אָבער געווען דאָס אייבערשטע פון שטייסל, ער איז געווען דעם נגידס יינגל.

א זומערדיקער אָוונט. פונעם טונקל־בלויען פּערעיאַסלאַווער הימל ווינ־קען שטערן. און די לופט עטעמט מיט פאַרנאַכטיקער קילבלעכקייט. פונ־דערווייטנס דערטראָגן זיך קלאַנגען פונעם בלאָז־אָרקעסטער, וואָס שפּילט אין שטאָט־גאָרטן. און עס ציט אזוי אהין, פונוואַנען עס טראָגן זיך די קלאַנגען. עס ציט אוועקצוזעצן זיך אונטער א דרעמלענדיקן בוים און קוקן אויף דעם שפּיגלדיקן טייך, וואָס שניידט דורך דעם שטאָט־גאָרטן, זען, ווי מען פאָרט אויף שיפלעך און אפשר אליין אויך פאָרן אויף א שיפל.

שלומען ווילט זיך גיין אין גאָרטן. אָבער ער איז א „טאַטנס אַ קינד" ער דאַרף לערנען, ער טאָר נישט נאָכגעבן דעם יצר הרע, אָט די סטראַ־שידלע, מיט וועלכער די הערשנדיקע קלאַסן ביי יידן האָבן טויזנטער יאָרן

אָפּגעצויגן די מאַסן פון פאַרגעניגנס, פון ערדישע זאַכן און געהאַלטן זיי אין קלעם פון אַסקעטיזם. „מע גייט נישט אין אַ צירק — ס'איז געגליכן ווי מען וואָלט געדינט צו אָפּגעטער“, — טייטלט צו שלומען מיט זיין אויסגעדאַרטן פינגער דער אַסקעטישער יצר־טוב. און עס קומט פאָר אַ שטאַרקער אינערלעכער קאַמף אין דער נשמה פון דעם קינסטלעריש־באַגאַבטן קינד שלום.

שלום דאַרף בייקומען דעם יצר־טוב. ווען ער אַליין נישט קענען עס דורכפירן, וועלן אים אַנדערע נישט מיטהעלפן אין דעם, וועט שלום בלייבן הינטערשטעליק, בלייבט ער אַ מענטש נישט פון זיין צייט, בלייבט ער אויסער דער פאָרגעשריטענער געזעלשאַפט.

און עס געפינען זיך אַזוינע, וואָס העלפן שלומען זיך צו באַפרייען פון די פאַרעלטערטע אויטאָריטעטן און אפילו פונעם אויטאָריטעט פון זיין פאָטער דעם משכיל.

אין פערעיאַסלאַוו ביי זיין טאַטן אין שטוב האָט איצטער שלום באַגעגנט אַזעלכע צוויי פאַרשוינען, וועלכע ער האָט אין וואָראָנקאָווע נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו זען. איינער פון זיי איז געווען דער קאָלעקטאָר — אַ ליטוואַק, אַ משכיל, וואָס האָט זייער הויך געשעצט די משכילישע העברעישע דיכטער און שרייבער. אָט דער איינגייער אין זיין טאַטנס הויז האָט פיל געווירקט, אַז שלום זאָל זיך נאָך אַלס קינד באַקענען מיט די בעסערע שאַפונגען פון דער השכלה־ליטעראַטור.

דער צווייטער, וואָס האָט געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון שלומען, איז געווען אַרנאָלד פון די פידוואָרקעס. פון אים האָט זיך שלום דערוווּסט, אַז די דערציילונגען אין דער ביבל, וואָס ער, שלום, האָט געהאַלטן פאַרווירקלעכע געשעענישן, זענען בלויז מיטאָלאָגישע שאַפונגען, פּראָדוקטן פון דער פאַנטאַזיע פון מענטשן, וועלכע זענען נאָך גאָר שוואַך באַוואָפנט מיט טעכניק און וויסן און קאָנען קוים באַהערשן די נאַטור, וואָס רינגלט זיי אַרום.

ער האָט זיך, שלום, דערוווּסט פון אָט דעם אַרנאָלדן, אַז עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט נאָך גרעסערע אויטאָריטעטן אפילו פון דעם גרעסטן אויטאָריטעט ביי די משכילים — דעם מיימאָניד, אַז עס זענען פאַראַן ביכער, וואָס זענען געשריבן אויף אַנדערע שפּראַכן, נישט אויף דער שפּראַך פון ביבל, און זענען אומגעהויער נוציקער פון יענע.

אין פערעיאַסלאַוו דערוווּסט זיך שלום, אַז אָנשטאָט דעם חדר באַזוכן איצט קינדער וועלטלעכע שולן און אַז דאָרטן ווערט מען געבילדעט

און געלערנט. ער דערוווסט זיך, אַז אַ געלערנטער הייסט דער, וואָס באַקומט וועלטלעכע בילדונג.

אָבער שלום זעצט פאָר צו גיין אין חדר אויך אין פערעיאסלאַוו. און אויך דאָ פּטרט ער אָפּ אַ היפּשע צייט אין די חדרים. דאָס ציט זיך, ביז וואַנען עס קומט אַ קאַטאַסטראָפע אינעם לעבן פון נחום ראַבינאָוויטשעס פאַמיליע.

עס שטאַרבט שלומס מוטער חיה-אסתר. זי שטאַרבט פון דער כאָלערע-עפּידעמיע אין יאָר 1872. שלום איז דעמלט אַלט געווען דרייצן יאָר

די אָרעמקייט אין שטוב ביי נחום ראַבינאָוויטשן ווערט נאָך שטאַרקער, די פאַרזאָרגטקייט — נאָך גרעסער, און שלום מיט זיינע קלענערע ברידער און שוועסטער פאָרן אַוועק אויף אַ געווייסער צייט אין באָסלאַוו צו זייער זיידן און באָבען, דער מאַמעס עלטערן. אין באָסלאַוו האָט שלום דערפילט דעם טעם פון הונגער, פון זיין אַן איבעריקער, און נישט איינמאָל איז אים אויסגעקומען צו הערן, אַז ער עסט צופיל און פרעמדס. דערווייל האָט נחום ראַבינאָוויטש חתונה אַ צווייט מאָל, און שלום באַקומט אַ שטיפמוטער.

## שלום לערנט זיך רוסיש

אינעם צימער וואָס האָט ביי נחום ראַבינאָוויטשן געהייסן דער זאַל און אין וועלכן ס'פלעגן דאָס רוב עסן די אורחים, זיצן איצטער ביים טיש אַ פּאָר גוטע פריינד נחום ראַבינאָוויטשעס, פערעיאסלאַווער איינוווינער.

ביי טאָג האָבן זיי קיין צייט נישט געהאַט זיך דורכצושמועסן וועגן דעם אַרטיקל פון משה-לייב ליליענבלום, דעם זעלבן ליליענבלום, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אונטער דער ווירקונג פון די גרויסע רוסישע אויפקלערער. דער אַרטיקל איז געווען געדרוקט אין דעם צענטן נומער פון דער העברעישער צייטונג „המליץ" פון יאָר 1873. דאָס שרייבן זיי אויס דעם „המליץ" בשותפות מיט נחום ראַבינאָוויטשן. גיין גייט דער „המליץ" אויפן אַדרעס פון איינעם פון די צוויי. די ערשטע עפּלעכע טעג לייענען נאָך זיי די צייטונג, און אויף שבת גיבן זיי אָפּ די צייטונג נחום ראַבינאָוויטשן. ביי אים פאַרבלייבן שוין די צייטונג-נומערן, און ער קלייבט זיי אויף און בינדט זיי איין אַ גאַנצן יאָרגאַנג אין איין איינבונד.

— איר פאַרשטייט? גאָר עק וועלט! אַלע יידן, און דערהויפּט די ליטוואַקעס, זאָגט ער, דער ליליענבלום, מוזן אויסוואַנדערן און אַוועק-

פֿאָרן ערגעץ מעבר־לים, זוכן ברויט, — זאָגט איינער, אַ יונגערמאַן מיט אַ פּאַרקיילעכדיקט־אַרומגעשוירן בערדל, און אַ לאַנגן אַלפּאַגענעם ראָק ביז די קני און מיט פּאַרקאַטשעטע פּאות אויף הינטן, — איז וואָס זשע זאָגט ער אָבער דער ליליענבלום נאָך? אַז עס איז צום הונגער פּאַראַן אַ מיטל, מע זאָל לערנען די קינדער מלאכה. איז פרעג איך ביי אייך, רב נחום, איר זייט דאָך אַ קלוגער מענטש, נו, מלאכה, גוט, מלאכה. אָבער מען קען דאָך נישט מאַכן אַלע ייִדן פאַר באַלמעלאָכעס, פרעג איך אייך? אָט איז אייער ייִנגל, אַ געראָטן ייִנגל, ער האָט זיך זיין דרך און קען מאַכן זייער אַ פיינער מושלם, האָט זיך אַ פיין הענטל און אַ שיין לשון, — און דער יונגערמאַן האָט אָנגעוויזן אויף שלומען, וועלכער איז געזעסן און האָט זיך באַשעפטיקט מיט דערלערנען די רוסישע שפּראַך.

נחום ראַבינאָוויטש און די געסט האָבן אַ קוק געטאָן אויף שלומען, וויאַזוי ער צירקלט אוים די רוסישע בוכשטאַבן און איז אינגאַנצן פאַרטאָן אין דעם שרייבן.

דאָס האָט ער, שלום, שוין דעם וויפלטן מאָל איבערגעשריבן פון אַ לערנביכל פון דער רוסישער שפּראַך אין ייִדיש, „תלמוד לשון רוסיא" אַ פּאָרמע, וויאַזוי אַ סוחר דאַרף שרייבן אַ ביטע וועגן דערלויבן אים אָנטייל צונעמען אין טאָרגעס, איצטער שרייבט ער שוין אַ צווייט מאָל דעם בריוו, אין וועלכן איינער טרייסט אַ חבר אין די טעג פון טרויער.

— וויז, גיב נאָר אַ קוק טאָן, וואָס האָסטו דאָרטן אָנגעשריבן? — האָט זיך צו שלומען געווענדעט דער יונגערמאַן מיטן פּאַרקיילעכדיקטן שוואַרצן בערדל. ער האָט אַרויסגענומען פון שלומס האַנט דאָס פּאַפּיר און גענומען עס לייענען אויפן קול. דערביי האָט ער זיך געסטאַרעט צו קוועטשן דעם רוסישן „ר" און אַרויסזאָגן אים אַזוי האַרט, ווי דער רוסישער בריוו־טרעגער, וואָס ברענגט דעם „המליץ" אין שטוב.

— הפלאדיק, מיט סכנות! אַ לשון! נו, רב שמואל־יוסף פין אַליין האָט דאָך עס געשריבן, ס'איז נישט קיין מאַלטשיק, אַ לערער פון דער ווילנער ראַבינער־שול, כתבא רבא, דער רעדאַקטאָר פון „הכרמל" אַליין!

— כ'וויים גאָרנישט, וואָס טוט מען מיט אים? — האָט נחום ראַבינאָוויטש נאָך אַ לאַנגן זיפץ אַרויסגעלאָזט — ער קען שוין באַלד אַזויפיל, ווי בערל דער שרייבער, וואָס לערנט אים רוסיש.

די טיר האָט זיך געעפנט, און אין שטוב איז אַריינגעקומען אַ נידעריטשקער יונגערמאַן, אייראָפּעיש געקליידט: אין אַ קורצן ראָק, מיט אַ מאַנישקע מיט אַ שניפּס. ער איז געגאַנגען אָן פּאות און אויפן שפּיץ פון

זיין גאָמבע איז אַראָפּגעהאָנגען אַ קורץ, גלאַט אונטערגעשוירן געל בערדל, ווי אַ דרייעק.

— שאַט, אָט וועט ער זאָגן, וואָס טוט מען מיטן יינגל. אָט איז אַרנאָלד, זאָל ער זאָגן, — האָט געזאָגט דער יונגערמאַן מיטן פּאַרקיילעכדיקטן שוואַרצן בערדל.

דאָס איז צו נחום ראַבינאָוויטשן געקומען אַרנאָלד פֿון די פּידוואָרקעס, אַ פּאָרשטאָט אין פּערעיאַסלאַוו. אויף אַרנאָלדן פֿון די פּידוואָרקעס זאָגט מען, אַז ער שרייבט אין די גאַזעטן, און אַז די גאַנצע שטאָט, סיי יידן סיי קריסטן, האָבן מורא פֿאַר אים, ער זאָל זיי נישט באַשרייבן אין „קיעוולינאַנין“. אַרנאָלד פֿון די פּידוואָרקעס האָט איבערגעלייענט דעם בריוו צו אַ פֿריינד, וואָס שלום האָט איבערגעשריבן פֿון „תּלמוד־לשון־רוסיאַ“. האָט אַ קרים געטאָן מיט די ליפּן און האָט מיט אַ ביטול אַרויסגעזאָגט: „יערונדאַ“. דעם יונגנמאַן מיטן פּאַרקיילעכדיקטן שוואַרצן בערדל האָט עס פֿאַרדראָסן, פֿאַרוואָס זאָל אַרנאָלד דערנידעריקן דעם אויטאָריטעט פֿון אַזאַ־פֿיינעם מענטשן, ווי שאול יוסף פֿין, דעם רעדאַקטאָר פֿון „הכרמל“.

— אַ שלעכט לשון אוודאי? פֿין קען אוודאי קיין גראַמאַטיק נישט, האַ?

— אומגליקלעכע ישיבה בחורים. אויטאָדידאַקטן. אויוונקראַצערס, פּוסטע מליצהניקעס, קליינשטעטלדיקע ריטאָריקער, וואָס האָט איר צו דעם יינגל? ווייניק טויגעניכצן זענען ביי אונדז פֿאַראַן אין „המליץ“ און „הכרמל“? פֿאָלגט מיך, רב נחום, איר האָט אַ וויל יינגל, פּטרט אים נישט אַוועק און גיט אים אָפּ אין דער אויעזדנער“.

„...אַ מאָדנער מענטש אָט דער אַרנאָלד! — שרייבט אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע שלום־עליכם. און דער איז דאָס געווען פֿון די אָפּטע אַריינגייער צו נחום ראַבינאָוויטשן. זיין אַריינגיין איז אָבער געווען נישט אַזאַ ווי דער אַריינגאַנג פֿון די איבעריקע משכּילים. ער איז אַריינגעקומען נישט גלאַט פּלאַפּלען... נאָר אָדער מיט אַ בוך, וואָס קיינער האָט דאָס נאָך נישט געזען, אָדער מיט אַ בלאַט „קיעוולינאַנין“. אָדער מיט אַ טענה צו דער שטאָט און צו אירע רעדלפֿירער. שלום האָט פֿאַר אים געהאַט מער רעספּעקט, ווי פֿאַר אַלע אַנדערע. ער איז נישט אָפּגעטראָטן פֿון אים, געקוקט אים גלייך אין מויל אַריין און איינגעהערט זיך, ווי אַרנאָלד פֿון די פּידוואָרקעס רעדט. אָט דאָס איז דער אַרנאָלד, וואָס וועט אָפּגעבן דעם „עקזאַמענט“ און וועט זיין אַ גאָטאַריוס? אָט דאָס איז דער אַרנאָלד, וואָס שרייבט אין

„קיעווליאַנין“, גאָר ער וויל זיך נישט פאַטשקען די הענט? צו וואָס דאַרף מען זיך פאַטשקען די הענט, אַז מע שרייבט אין „קיעווליאַנין“?... און ער לאָזט קיין אויג נישט אַראָפ פון אַרנאָלדן... און אַ צינגעלע — שאַרף ווי אַ גאָלמעסער! פעך און שוועבל! רעדט על אדוני וועל משיחו! לאַכט אָפ פון די חסידים, מאַכט אַ תל פון די „פאַנאַטיקער“. „ערלעך דאַרף מען זיין — וואָס טויג מיר פרומקייט? מען איז אייך מוחל אייער פרומקייט. זייט בעסער ערלעך! „— און זיין שאַרפער גיפטיקער געלעכטער הילכט אָפ וויט=וויט!“

— איך זאָג אייך! און אַז ער וועט גיין שבת אין „אויעזדנע“ איז וואָס? — האָט אַרנאָלד ווידער גערעדט צו נחום ראַבינאָוויטשן.

די שטיפמאמע, וואָס איז געזעסן אין אַ צווייטן צימער און האָט געהערט דעם געשפרעך פון די געסט אין זאַל, האָט עס נישט געקענט פאַרטראָגן, איז צוגעלאָפן צו דער טיר פון זאַל אַ פאַרסאָפעטע און אויסגעשריען:

— העט אַ ראָליע, מער גייט אים נישט אָפ, ווי „אויעזדנע“. גאָר אַ קלאַסניק ווערן. גאָר ווייניק געלט קאָסט אָפ דאָס פאַפיר, גאַנצע פודן פאַפיר גייט אַוועק אויף זיין פאַטשקענען, שרייבן! צעשריבן זאָל זיי ווערן די הויט! אַ טובה טוט מען אים! ער גייט דאָך אַרום ווי אַ ליימענער גולם. אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרחלומטער, דער שלימזל! אַז אַלין איז ביי אים פאַרקערט: אַז מע זאָגט אים, גיי צו לייזער=דודן נאָך ראָזשינקעס, פרעגט ער איבער: צו דוד=לייזערן? אַז אַלין איז ביי אים פאַרקערט! גיי שוין אַרויס אויף דער גאַס אויפן בענקעלע, זע, טאָמער פאַרט אַן אורח, אַ גאַנצן טאָג קיין אורח נישט געווען.

שלום איז געשווינד אַוועקגעלאָפן אויף דער גאַס. אין שטוב זענען איבערגעבליבן די געסט, וואָס האָבן זיך געאַמפערט מיט אַרנאָלדן, וועלכער האָט שטאַרק פאַרטיידיקט ליליענבלומס אַרטיקל פון „המליץ“ און זיין אייגענעם פאָרשלאַג אָפצוגעבן שלומען אין „אויעזדנע“.

אין דעם איז אַריין דער פעטער פיניע. דער שמועס איז איבערגעהאַקט געוואָרן.

— אַ, אַ פיינער גוט=מאָרגן... אַרנאָלד איז דאָ!...

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו אים און אַ פרעג געטאָן:

— פירסט נאָך אַלץ אַראָפ פון דרך הישר? געמענט שוין, כ׳לעבן, אַריינקוקן אין די סלאַוויטער ספרימלעך, וואָלסטו אפשר געוואָרן צוריק אַ שטיקל מענטש.

אַרגאָלד האָט זיך איילנדיק אָפּגעזעגנט און געוואָלט אַוועקגיין. מיט־אַמאָל איז ביי אים פון אונטער דער פּאָלע אַרויסגעפאַלן א בוך און דווקא אַ יידיש בוך. דער פעטער פיניע וועט דאָך נישט לאָזן ליגן אַ ספר אויף דער ערד. ער האָט באַלד אויפגעהויבן דאָס בוך און איבערגעלייענט דעם שער־בלאַט:

„קול־מבשר". אוי, קול מבשר, אליהו הנביא... עקבתא דמשיחא! וויַז גאָר, וויַז גאָר, לאָמיר אַ קוק טאָן דעם ספר.

— עט, אַ ספר אויף עברי־טייטש, — האָט געענטפערט אַרגאָלד. ער האָט ליבלעך אַ שמייכל געטאָן צום פעטער פיניע און געזאָגט: — ס'וואָלט נישט שאַטן דורכצולייענען פון דאַנען פאַר אייך אַ פּאָר שטעלן, איר וואָלט זיך גאָר מחיה געווען, רב פּנחס. — און אַרגאָלד האָט גענומען ליי־ענען אַ מעשה פון אַ בחור מיט אַ מיידל, וואָס זיי האָבן זיך צעקושט אינ־מיטן העלן טאָג. דער פעטער פיניע האָט פאַרמאַכט די אויערן און האָט אָנגעהויבן שרייען:

— געוואַלד! אַוועק, רשע! אַוועק, דו שטן מקטרג! אַוועק, יצר הרע, אַוועק!

## אונטערן בעזעמל

קיינער ווייסט נישט, פונוואַנען עס שטאַמט אַזאַ מנהג, נאָר אַזוי האָט מען זיך נוהג געווען אין שטעט און שטעטלעך אַרויסצוהענגען אי־בערן טויער פון אַן אכסניה אַ בעזעמל. אָט דאָס בעזעמל, אַמאָל אינגאַנצן שוין גאָר אָן אָפּגעניצטס, אַמאָל נאָך גאָר אַ נייס, מיט בלעטער אויף די רימלעך אפילו, האָט עס געדאַרפט פאַררופן די אורחים אין דער אַכסניה אַריין. אויך ביי נחום ראַבינאָוויטש איבערן טויער איז געהאָנגען אַזאַ בעזעמל. עס האָט אָבער פאַרלוירן זיין מאַגישע קראַפט אַריינצוציען די אורחים אין הויף אַריין און דאָס רוב פלעגן זיי דורכפאָרן פאַרביי און אפילו קיין אַכט נישט לייגן אויף דעם, אַוועקפאָרן ערגעץ ווייטער, אין אַן אַנדער אכסניה. ביסלעכוויַז האָט מען זיך איבערצייגט, אַז דאָס בעזעמל אליין איז וויַניק, אַז מען מוז אליין ארויסגיין און פאררופן די אור־חים.. שלומס שטיפמאַמע האָט איינגעפונען, אַז ער איז דער פּאַסיקסטער די דאָזיקע אַרבעט דורכצופירן. אַזוי האָט ער געמוזט זיצן „זומער אויף דער היץ, — זאָגט שלום־עליכם, — ווי אין אַ קאַלך אויוון, ווינטער אויף

דער קעלט, איינגעהילט אין אַ צעריסן פּעלצל מיט קלאָגעדיקע שטיוועלער, וואָס האָבן זיך געבעטן צום שוסטער, געקלאַפּט אַ פוס אָן אַ פוס און אַרויסגעקוקט, טאָמער וועט זיך באַווייזן אַ באַלעגאָלע אָדער אַ בויכטע מיט אורחים, אָדער אַ פורל מיט לאַפּאַצאַנעס, וועט ער אויפשטיין, זיך לאָזן אַקעגן: „אַהער! פאַרפאָרט אַהער!"

צו נחום ראַבינאָוויטשן אין איינפאָר־הויז איז מען אָבער פאַרפאָרן אַלץ ווייניקער און ווייניקער. מע פלעגט אַוועקפאָרן גראָדע אַהין, וו עס איז שוין קיין בעזעמל איבערן טויער נישט געהאָנגען, נאָר וו עס איז געווען באַקוועמער און בעסער. זעלטן ווען פלעגט זיך שלומען איינגעבן פאַררופן אַ מער רייכערן אורח. די דאָזיקע אורחים פלעגט ער אויך באַדינען און כאַפּן ווען נישט ווען אַ פּיאַטאַקל. דעמלט איז געווען אַ גליקלעכער טאָג, דאָס בעזעמל האָט אַזוי נישט געשמיסן איבער זיין קינדיש געמיט. פאַרקערט, שלום איז דעמלט געווען אויפגעלייגט און פריילעך, עס איז אים געווען גאָר אָנגענעם צו זיצן אויפן בענקעלע און טרוימען:

— „אַך! וו נעמט מען אַזעלכע אורחים, און אַ סך?..."

„אַהער, אַהער פאַרפאָרט!" שרייט דער קומענדיקער שריפטשטעלער, שפּרינגט אַראָפּ פונעם בענקעלע אַ פאַרפרוירענער און לויפט אַקעגן אַ בויד מיט דריי אורחים, רייכע יידן, איידעלע, דאָס זעט מען נאָך די טייערע פעלצן און נאָך זייערע טשעמאָדאַנעס".

„רייכע אורחים — דאָס איז ביי אים אַן אידעאַל, אַ צווייטער אוצר, פון וועלכן ער חלומט איצטער, ווי ער האָט געחלומט אַמאָל, אין שמוליקס צייטן... ער טוט תפילה, ער בעט גאָט, אַז די רייכע אורחים זאָלן פאַרפאָרן אַהער, נישט אין ערגעץ, נאָר אַהער... און ער שטעלט זיך פאָר, אַז אָט זענען זיי שוין, די דריי רייכע, בכבודיקע אורחים, אין זייערע טייערע פעלצן, אָט זענען זייערע טשעמאָדאַנעס, געלע לעדערנע טשעמאָדאַנעס. אַזעלכע דריי אורחים גיבן צו לייזן שיין געלט... ווער שמועסט, אַז זיי זאָלן נאָך וועלן אַוועקשטיין אַ וואָך דריי, און אפשר נאָך טערער... אַ חוץ וואָס זיי וועלן עסן און טרינקען און נעמען סאַמאָוואַרן און טיי און צוקער, וועלן זיי אוודאי געבן אַ קויף איין ווייץ, עטלעכע בערלינעס, דורכן טאַטן, און דער טאַטע וועט דערביי כאַפּן אַ שיינע קאָמיסיע... אַך! וואָס פאַראַ פריילעכער שבת דאָס וועט זיין! דער טאַטע וועט שוין נישט זיין מער פאַרזאָרגט, וועט אויפהערן זיפצן אַזוי טיף, און די שטיפמאַמע וועט שוין נישט שעלטן זיך מער, אָפּשטעלן אויף אַ ווילע איר מענה־לשון".

# אורי קאָוונערס אַלף־בית

געווען איז עס אָנהויב די זיבעציקער יאָרן. גייט אַמאָל אַריין צו נחום ראַבינאָוויטשן אין שטוב אַרנאָלד פֿון די פּידוואָרקעס. אַרנאָלד איז דאָך נישט דער איינציקער אַריינגייער ביי די ראַבינאָוויטשעס. ווער עס וויל נאָר ווייסן גיים, קומט אַריין אין אַכסניה, הערט, וואָס עס דערציילן אור־חים, דערווייל כאַפּט מען אויך אַ שמועס מיטן באַלעבאָס, אַ שמועס וועגן רוח הזמן. אַז אַרנאָלד איז דאָ, וועט שוין שלום שטיין קעגן אים און קוקן אים גלייך אין די אויגן אַריין. אַרנאָלד פֿאַרשאַפֿט אים פֿאַרגעניגן אָדער מיט אַ שאַרף ווערטל, אָדער בכלל מיט אַן אינטערעסאַנטע געזעלשאַפֿט־לעכע נייעס, וואָס ער דערציילט.

א — א — א, ברוך הבא, אַרנאָלד! — האָט זיך נחום ראַבינאָוויטש אויפֿגעשטעלט פֿון זיין בענקל, וואָס איז געשטאַנען לעבן טיש, און גע־ווענדט זיך צום גאַסט. דעם „ברוך הבא“ האָבן נאָכגעזונגען אַלע היימישע און האָבן צוגעגעבן אין קאָמפּאַניע:

— וואָס וועט עפּעס זאָגן היינט אַרנאָלד?

אַרנאָלד האָט זיך פֿריינדלעך פֿאַרנייגט, האָט אַרויסגענומען פֿון קע־שענע אַ קליין ביכעלע און אַזוי געזאָגט:

— אָט האָט איר אייך אַ ביכעלע, וואָס עס איז אַ מצווה, אַז יעדער ייד זאָל עס דורכלייענען כאָטשבי אַ דריי מאָל, זיין אין אים קלאָר, ווי אַ פֿרומער ייד אין „אשרי“.

— וואָס זשע איז עס פֿאַר אַ ספֿרל? — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַ ייד אַן אורח מיט אַ סומולעוואַטער פּלייצע און מיט מעשענע ברילן, וואָס זענען געזעסן אויף אַ בלווילעכער, פֿליישיקער נאָז. — אוודאי אַ קליין „חיי אדם“?

— נאָך מער, — האָט אַרנאָלד אויפֿגעהייבן דאָס ביכעלע אין דער הויך. — פּיסאַרעוו, פּיסאַרעוו, אַ גרויסער מענטש, אַ פֿיינער מענטש, אַ גוטער מענטש, אַ קלוגער מענטש און אַ מענטש פֿון דרך הישר און איז דווקא נישט קיין ייד.

— נו גוט, גוט, מילא, פֿון די חסידי אומות העולם, שרייבט ער לשון קודש?

אַרנאָלד האָט אַראָפּגעלאָזן די האַנט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן:

— פֿון די חסידי אומות העולם איז ער טאַקע פּיסאַרעוו, נאָר קיין לשון קודש שרייבט ער נישט. ער איז שוין פֿון די, וואָס האָבן זייערע תלמידים אין בלעריי לשונות. — און אַרנאָלד האָט ווידער געוויזן דאָס ביכעלע פֿאַר אַלעמען. — אָט דאָס ביכעלע זעט איר? דאָס האָט אָנגעשריבן פּיסאַרעווס אַ תלמיד אורי קאָוונער, אַ רעכטער חברה־מאַן. „צרור פּרחים“ הייסט דאָס ביכעלע. ער האָט זיי גוט דערלאַנגט, די בטלנים, די בעלי־מליצהניקעס, מאַכט פֿון זיי אַ דרייעקעדיקן קאַפּעליוש און איז גערעכט, נאָך ווי גערעכט! מאַכט אויסצודרייען זייערע שירים, וואָס זענען אויפֿגעשטעלט פֿון פּסוקים, און שרייט אין איין קול, אַז מע דאַרף נישט זיין, איך בעט אייך מחילה, קיין בטלנים. לערנען תולדות הטבע, וויסן, וואָס אַ וועלט איז, לערנען היסטאָריע, וויסן, וואָס עס איז געווען אויף דער וועלט. ער, פֿאַרשטייט איר מיך, אורי קאָוונער, זאָגט, אַז די אידעאַליסטן זענען פֿאַלשע מענטשן, באַזינגען דאָס כלומרשטע גליקלעכע לעבן פֿון אַ פּאַסטעך און ווילן נישט וויסן, אַז ער איז שטענדיק הונגעריק און לעבט ווי אַ בהמה. איר פֿאַרשטייט, ער איז אַ רעאַליסט, קאָוונער, אַ רעאַליסט. אָבער די בטלנים, וואָס מאַכן לשון־קודשדיקע שירים און לעקן זיך צום סמאַנאָוואָ, זידלען קאָוונערן אין די בלעטער און מאַכן אים מיט דער בלאָטע צוגלייך.

אַרנאָלד האָט אויפֿגעעפֿנט דאָס ביכעלע און גענומען בלעטערן. אויפֿגעבלעטערט, האָט ער זיך ווידער געווענדט צום עולם:

— איז ער דאָך אָבער נישט קיין פּעפּקע, דערלאַנגט ער צוריק, אַז זיי האָבן שוין צו זינגען און צו זאָגן.

שלום האָט זיך אַלץ נעענטער צוגערוקט צו אַרנאָלדן, האָט זיך אויפֿגעשטעלט אויף די שפּיץ־פֿינגער און געהויבן זיך אַ קוק צו טאָן, וואָס אַזוינס איז געשריבן אויף דעם בלאַט, וואָס אַרנאָלד האָט אויפֿגעמישט. דער הויכער אַרנאָלד האָט אים אַ דריק געטאָן מיט דער האַנט איבערן אַקסל און נישט געלאָזן אים אַריינקוקן אין ביכל.

— וואַרט אַ ווײַלע, לאָז רעדן אַן עלטערן. איז הערט זשע, וואָס ער האָט זיי אָפּגעטאָן, — האָט ער זיך געווענדט צום עולם, — ער האָט אויפֿגעקליבן אַלע זייערע שיינע ווערטלעך, וואָס זיי שרייבן אויף אים און אויף זיינ׳ע פֿריינד, און געמאַכט הערפֿון אַ ווערטער־ביכל לויטן אלף־בית, אַז מע דאַרף זיך האַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק. וואָס, זאָגט ער קאָוונער, וועל איך דאָ אַ סך רעדן, זאָלן אַלע זען, מיט וואָס פֿאַר אַ ווערטער איר זידלט אייערע קעגנער. — אַרנאָלד האָט געלייענט דעם אלף־בית, דער

עולם האָט געהערט און צוגעשמייכלט, אָבער שטאַרק פאַרכאַפּט איז ער פון דעם נישט געווען. אַז אַרנאָלד האָט געהאַלטן ביים „ש“ און האָט גע־לייענט, שדים, שומים, שיכורים, שקצים, שרצים, איז לעבן אים געשטאַנען נאָר איין שלום, וועלכער האָט נאָך פון זיך צוגעגעבן ווערטער צו דעם אלף־בית. מע האָט געקאָנט זען נאָך דער צעפלאַמטקייט פון זיין פּנים, אַז דער דאָזיקער אלף־בית קאָווגערם איז אים גאָר שטאַרק געפעלן און האָט אים געצווונגען וועגן עפּעס צו פאַרטראַכטן זיך.

## דאָס ערשטע הומאָריסטישע ווערק

דער יאָך, וואָס די שטיפמאַמע האָט אָנגעטאָן אויף שלומען, איז געווען אומדערטרעגלעך פאַר זיין פריילעכן, לוסטיקן כאַראַקטער. די שטיפמאַמע האָט פאַרפאָלגט די קינדער פון איר מאַן נישט בלויז מיט קלעפּ און מיט הונגער, זי האָט זיי אויך פאַרפאָלגט מיט קללות. אויף קללות איז די שטיפמאַמע געווען אַ מייסטערין, אַ קינסטלערין, זי פלעגט זיי אויסשיסן מיט אַ ריטם און אין גראַמען. די דאָזיקע „שאַפונג“ פון דער שטיפמאַמע האָט נאָך מער דערנידעריקט און פאַראומערט דאָס קינ־דישע האַרץ שלומס, איידער די אָפטע קלעפּ, וואָס זי פלעגט אים שענקען.

גאָך פרומע דער מוידם זענען פאַר דעם צוקונפטיקן גאָניאַלן יידישן הומאָריסט דער שטיפמאַמעס קללות געווען דער צווייטער קוואַל פון קאָ־מיזם, און גאַנץ אָפט פלעגט איר שלום נאָכמאַכן, וויאַזוי זי רעדט אַרויס די קללות, אָבער די קללות האָבן זיך שוין צופיל איינגעגעסן אין אים, צו־פיל געשניטן זיין קינדיש האַרץ. דער שטיפמאַמען, האָט שלום נישט גע־האַט קיין דרייסטקייט נאָכצוקרימען אַזוי פריי, ווי פרומען דער מויד. האָט ער געקראָגן אַן אַנדער מיטל, וויאַזוי דאָך אויסלאַכן אירע קללות און גאָר שוין אויף אַ נייעם אופן...

צו פרומע דער מוידם קללות האָט שלום אָנגעווענדט אַקטיאָרישע מיטלען. איצט אָבער הייבט שוין שלום אָן אויף א פּרימיטיוו קינדישן אופן אָנצווענדן אזוי צו זאָגן „ליטעראַרישע“ מיטלען. ער וועט גאָר מאַכן אַ ווערטער־בוך פון אירע קללות לויטן אלף־בית, פונקט ווי קאָוונער האָט געמאַכט א ווערטער־בוך פון די זיר־ווערטער פון זיינע קעגנער.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, אין איינפאָר־הויז זענען שוין אלע געשלאָפן. אין זאַל איז ארומגעגאַנגען נחום ראַבינאָוויטש, פאַר־

ליגט די הענט אויף הינטן, פאַרקניימשט זיין גלען שטערן און האָט וועגן עפּעס געטראַכט. די קינדער זענען שוין אויך אַלע געשלאָפן, בלויז שלום איז געזעסן ביים טיש און האָט געשריבן און איבערגעשריבן.

פון די צימערן פאַר די אורחים האָט זיך געהערט א כראָפּען פון די שלאָפנדיקע. אָפּטמאָל פלעגט זיך אפילו דערטראָגן א בימערער זיפץ און אַן אוי. דאָס זענען געווען קראַנקע אורחים, וואָס זענען געקומען פון די נאָענטע שטעטלעך קיין פּערעיאַסלאַוו צו א דאָקטער. א טיפער זיפץ און א שטאַרקער אויסגעשריי האָט איבערגעריסן נחום ראַבינאָוויטשעס געדאַנקען. ער האָט אויפגעהערט אומצוגיין איבערן צימער און האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך דערמאָנט אין די אויקענישן און קרעכצענישן, וואָס האָבן זיך אָקאָרשט מיט א יאָר צוריק געהערט אין דער זעלביקער שטוב, ווען זיין פאַרשטאָרבענע פרוי חיה אסתר איז קראַנק געווען. און ער האָט א קוק געטאָן אויף שלומען, וואָס זיין פּנים איז געווען אזוי ענלעך צו זיין מוטערס.

עס האָט אים שטאַרק הנאָה געטאָן, נחום ראַבינאָוויטשן, וואָס שלום האָט א געפיל צום שרייבן און א שיין הענטל. און ער איז צוגעגאַנגען א קוק געבן, וואָס שרייבט שלום, אָט דער, וואָס זיין פּנים דערמאָנט אים אַלע טאָג אין זיין פאַרשטאָרבענער פרוי חיה אסתר.

און נחום ראַבינאָוויטש האָט דערזען גאַנצע ציילן אָנגעשריבענע ווערטער און אַנטקעגן זיי אויף דעם זעלביקן פּאַפּיר גאַנצע שורות. דאָס האָט שלום געמאַכט א ווערטערבוך פון דער שטיפמאַמעס קללות, ווי אזוי די שטיפמאַמע ענטפערט אים און זיינע ברידער און שוועסטער מיט א קללה צום גראַם. ער האָט שוין געהאַלטן גאַנץ ווייט אין זיין ווערטער-בוך, וואָס איז געווען צעשטעלט לויטן אלף-בית. און נחום ראַבינאָוויטש האָט גענומען לייענען מיטן קוק:

„...אריינטראָגן — אריינטראָגן זאָל מען דיך א קראַנקן!
ארויסטראָגן — ארויסטראָגן זאָל מען דיך א טויטן!
ארומטראָגן — ארומטראָגן זאָל מען דיך אויף הענט!
אוועקטראָגן — אוועקטראָגן זאָל מען דיך אויפן בית-עולם!

. . . . . . . . . . . . . .

עסן — עסן זאָלן דיך ווערעם!

. . . . . . . . . . . . . .

שרייבן — שרייבן זאָל מען דיר רעצעפּטן!“

אָט אזא מין ווערטערבוך האָט שלום צונויפגעשטעלט, כדי אויסצולאַכן זיין בייזע שטיפמאַמע. נחום ראבינאָוויטש האָט אָפּגענומען ביי שלומען זיין ערשט הומאָריסטיש ווערק און איז אוועק. א גאנצע נאַכט האָט שלום נישט געשלאָפן. עס האָט זיך אים אלץ פאָרגעשטעלט, אז אָט דערלאנגט זיך צו אים א וואָרף די שטיפמאַמע, אז אָט עפנט זיך איר מויל און זי שיט מיט קללות, שטעלט אויס די פויסטן, שטשירעט די ציינער און לאָזט זיך נאָך אים יאָגן.

אָט וואָס פאר אן אטמאָספער עס האָט ארומגערינגלט שלום־עליכם'ן אין דער קינדהייט. שטענדיקע שרעק, דערנידעריקונגען פון דער שטיפמאַמע. ער האָט אָבער שוין אפילו אין דער קינדהייט געפונען א מיטל, וויאזוי ביי־צוקומען דעם אומעט און דעם טרויער, וואָס האָט ארומגערינגלט זיין פאָטערס פאַראָרעמטע הויז. דאָס איז געווען דער פאָלקס־הומאָר.

דער ווערטערבוך פון דער שטיפמאַמעס קללות איז געווען שלום־עליכם'ס ערשטע קינדערישע שאפונג. אין דער קינדהייט האָט שלום־עליכם אויך אָנגעשריבן א לירישע פאָעמע אין העברעיש, ווו ער האָט נאָכגעמאַכט דעם העברעישן ראָמאַנטיקער פון XIX יאָרהונדערט א. מאפו.

## ווידער ארנאָלד פון די פידוואָרקעס און דער קאָלעקטאָר

ארנאָלדס פון די פידוואָרקעס שמועס מיט שלומס פאָטער וועגן דער „אויעזדנע" האָט אויפגערודערט שלומס פאַנטאַזיע, און ער האָט אליין געטראכט וועגן דעם. ארנאָלד האָט אויך ארויסגערופן ביי שלומען א גרינגשעצונג צו די אויטאָריטעטן, וואָס האָבן טויזנטער יאָרן געהערשט איבער דער דערציונג פונעם קינד ביי יידן.

ארנאָלד, וואָס האָט זיך אזוי באמיט, אז שלום זאָל גיין אין דער אויעזדנער שול, אז ער זאָל דאָרטן לערנען וועלטלעכע קענטעניש, האָט געהערט צו דעם דור פון דער יידישער אינטעליגענץ פון XIX יאָרהונדערט, וואָס האָט פון זיך ארויסגעגעבן דעם פובליציסט און קריטיקער פון די 60־ער יאָרן אברהם־אורי קאָוונער, וועלכער איז געווען דערצויגן אויף די טראדיציעס פון דער רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראטישער רוסישער ליטעראטור פון די 60־ער יאָרן.

צו נחום ראבינאָוויטשן אין איינפאָר־הויז פלעגט ארייננקומען אויך איינער א ליטוואַק פון ווייסרוסלאַנד. דאָס איז געווען א משכיל, וואָס האָט

אוועקגעוואנדערט פון דער היים, און זיין באַשעפטיקונג איז געווען פאַרשפרייטן בילעטן פון געלט־לאָטעריייען.

דער דאָזיקער ליטוואַק איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער העברעיִשער השכלה־ליטעראַטור און אירע אויטאָריטעטן. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך געהאַלטן אויסערלעך ביי די אַלטע רעליגיעז־שטייגערישע טראַדיציעס. ער איז געגאַנגען מיט אַ באָרד און פאות און געטראָגן אַ לאַנגע קאַפאָטע. ער האָט זיך באַמיט צו פאַראייניקן די יידישע רעליגיע מיט אייניקע ראַציאָנאַליסטישע עלעמענטן. אַ געשטאַלט פון אַ משכיל, וואָס דערמאָנט דעם קאָלעקטאָר פון שלום־עליכם'ס „פונעם יאַריד“, און געגעבן אין מענדעלעס ערשטן ראָמאַן (ספור אהבים) „האָבות והבנים“ אונטערן נאָמען יהונתן.

אַט דער ליטוואַק, אָדער, ווי מע האָט אים גערופן אין פעריאַסלאַוו, דער קאָלעקטאָר, איז געווען אַ ביז גאָר צוגעלאָזטער מענטש און האָט ליב געהאַט קינדער. ער איז נאָך נחום ראַבינאָוויטשן געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַקאַנט שלומען מיט די בעסטע שאַפונגען פון דער העברעישער ליטעראַטור פון XIX יאָרהונדערט.

שטענדיק, ווען דער קאָלעקטאָר פלעגט אַריינקומען צו נחום ראַבינאָוויטשן אין שטוב, פלעגט שלום לויפן אים אַנטקעגן אַ קוק טאָן, וואָס פאַר אַ ביכל דער קאָלעקטאָר האָט אים געבראַכט.

דער קאָלעקטאָר פלעגט אויפהייבן זיינע שוואַרצע ברילן אַריבער זיינע קרענקלעכע אויגן און פרעגן: „וו איז דאָס דער קונדאַס?“ אַזוי פלעגט ער רופן שלומען.

דער קונדאס פלעגט שוין אָבער שטיין לעבן אים. דער קאָלעקטאָר פלעגט אַ קניפ טאָן שלומען אין בעקל און אים דערלאַנגען אַ בוך.

— אָט האָסטו דיר דעם „שירי תפארת“ פון נפתלי הערץ וויזל, אַ גרויסער משורר פון פרייסן. דו זאָג מיר נאָר, צי דו פאַרשטייסט, וועל איך דיר ברענגען אַנדערע. דו שעם זיך נישט, קונדאס איינער.

און אַזוי האָט אים דער קאָלעקטאָר ביסלעכוויז באַקאַנט געמאַכט מיט די בעסטע פאַרשטייער פון דער ליטעראַטור אין דער ערשטער העלפט פון XIX י"ה און אָנהייב דער צווייטער מיט לעווינזאָנען, מיט מאַפו, מיט ערטערן און מיט סמאָלענסקין.

אַ שטאַרקע ווירקונג האָט געהאַט אויף שלום־עליכם'ן אין דער קינד־

הייט מאַפּוּס ראָמאַן „אהבת־ציון“*. דאָס איז א ראָמאַן, געשריבן אין דער ביבלישער שפּראַך, וועגן אן אומגליקלעכער ליבע פון א ברודער מיט א שוועסטער — אמנון און תמר. דאָס לעבן פון דער ביבלישער עפּאָכע איז פאַרגעשטעלט אינעם ראָמאַן, ווי אַ לעבן אָן זאָרג, ווי אַ גליקלעך לעבן אָן ליידן, ווי א לעבן, וואָס ווערט שטענדיק באַגלייט פון געזאַנג און מוזיק. די דאָזיקע פאַלשע אידעאַליזאַציע פון דער ביבלישער עפּאָכע האָט אומגעהייער געווירקט אויף שלומען און נאָכמער אונטערגעשטראָכן דעם שרעקלעכן עלנט פון זיין אייגן לעבן אונטער דער הערשאַפט פון דער שטיפמאַמע ביי זיין טאַטן אין איינפאָר־הויז.

דער דאָזיקער ראָמאַן פון מאַפּו האָט אזוי געווירקט אויף שלומען, אז ער האָט אליין אָנגעשריבן א ראָמאַן, אויך אויף א ביבלישער טעמע. דאָס איז געווען פאר שלומען א צווייטע אויפּפלאַקערונג פון זיין פאַנטאַזיע ווי דער אוצר, א פאַנטאַסטיש אַוועקגיין פון דער ווירקלעכקייט.

אָנשרייבן דעם ראָמאַן איז פאַר שלומען נישט געווען אזוי שווער, ווי קריגן פּאַפּיר צום שרייבן. שלום האָט זיך גענומען באַדינען די אורחים, פאָלגן זיי א גאַנג און האָט דערפון פאַרדינט קליינגעלט אויף פּאַפּיר. ער האָט שוין געקראָגן פּאַפּיר, אָבער די שטיפמאַמע שטערט ווידער. זי וועט אים נישט לאָזן שרייבן בייטאָג. ער דאַרף העלפן אינעם איינפאָר־הויז. האָט ער זיין ראָמאַן געשריבן ביינאַכט: האָט די שטיפמאַמע ווידער געמאַכט א גוואַלד. ער ברענט איר אוים דעם קעראָסין.

אויך דער צווייטער ליטעראַרישער פּרווו איז ארייַנגעפאַלן צו נחום ראַבינאָוויטשן אין די הענט. דאָס האָט נאָך מער אויסגענומען, ווי דער ווערטערבוך פון די קללות. און נחום ראַבינאָוויטש האָט עס באַהאַלטן און פלעגט עס ווייזן זיינע באַקאַנטע. אין א געוויסער צייט ארום האָט ער עס געוויזן דעם קאָלעקטאָר.

דער קאָלעקטאָר האָט שטאַרק אָנגעקוואָלן פונעם כתב און פון דער רימאָריק און האָט מיט שמחה געזאָגט:

— „איר ווייסט גאָרנישט, רב נחום, וואָס פאר א פּרי דאָס איז. שטראָף מיך גאָט, אויב איר ווייסט! פון אים וועט עפּעס אויסוואַקסן! אָט וועט איר זען, וואָס פון אים וועט אויסוואַקסן!... קום נאָר אהער, דו שיי־

---

* פאַראַן אין רוסישער איבערזעצונג.

גאַן איינער, לאָמיך דיר שענקען כאָטש נאָך א רעכטן קניפּ אין דיינע רויטע פּאַמפּעשקעס, א רוח אין דיין פּאָרנט און מיטן אריין!“

— איר וועט זען, אז דאָס וועט זיין א גדול, א צעדערבוים, גאָטלאָבער, א מאַפּו*, — האָט דער קאָלעקטאָר ווידער צוגעגעבן.

אין עטלעכע טעג ארום איז צו נחום ראבינאָוויטשן אין שטוב געקומען ארנאָלד פון די פּידוואָרקעס. און נחום ראבינאָוויטש האָט אויך איצטער געפונען פאר נייטיק צו ווייזן ארנאָלדן שלומס ראָמאַן. ארנאָלד האָט גאָר נישט געוואָלט א קוק טאָן די שאַפונג פון זיין פריינדס זון. ער האָט עס בלויז א נעם געטאָן אין האַנט און האָט עס באַלד צוריקגעקערט נחום ראבינאָוויטשן. ווידער האָט ארנאָלד געמאַכט די זעלביקע גרימאַסע מיט די ליפּן, גלייך ווי דעמלט, ווען מען האָט אים געוויזן דעם רוסישן בריוו, וואָס שלום האָט איבערגעשריבן פון „תלמוד לשון רוסיא“.

אַרנאָלד האָט ווידער גערעדט מיט כעס וועגן די שרייבער פונעם „המליץ“, האָט זיי אָנגערופן דילעטאַנטן, איגנאָראַנטן, מלמדים און בטלנים. ארנאָלד האָט געגעבן צו פארשטיין, אז דער עיקר איז, לויט זיין מיינונג, נישט פּאָעזיע און שיינע ליטעראטור, נאָר נאַטורגעשיכטע און עקאָנאָמישע וויסנשאַפט.

— אויב שוין פּאָעזיע, האַלט ער, ארנאָלד פון פּושקינען, פון גאָגאָלן, פון טורגעניעוון און פון לערמאָנטאָוון, אָבער נישט פון די ריטאָריקער גאָטלאָבער, צווייפל און אנדערע, וואָס בראָקן מליצה אויף א שפּראך, וואָס קיינער פארשטייט נישט און קיינער רעדט אויף איר נישט. „די שרייבערייעכצן זיינע בין איך אייך מוחל, נעמט, ווארפט זיי ארויס אויפן מיסט. אזעלכע שרייבערייעכצן זענען נישט ווערט דאָס פּאַפּיר. און דעם קליינעם, אויב איר ווילט אים מאַכן פאר א מענטשן, נעמט און גיט אים אוועק אין דער „אויעזדנע“.

* דער ערשטער — אַ זשורנאַליסט. דער צווייטער — אַ פּאָעט און היסטאָריקער. דער דריטער — אַ פּראָזאַיקער.

## קאַפּיטל דריי

# אָנגעקומען אין דער „אויעזדנע"'

דער קאָלעקטאָר און אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס האָבן געווירקט אויף נחום ראַבינאָוויטשן, ער זאָל אָפּגעבן זיין זון שלום אין אַ רוסישער שול. דער גליקלעכער טאָג פון אַוועקגיין אין דער אויעזדנער שול אין פּערעיאַסלאַוו איז ענדלעך אָנגעקומען פאַר שלומען. איינמאָל האָט זיך נחום ראַבינאָוויטש אַזוי געווענדעט צו שלומען און זיינע ברידער:

— איך בין געווען ביים סמאָטריטעל פון דער „אויעזדנע", און ער איז מסכים אייך צונעמען אין „פּריגאָטאָוויטעלנע".

און אין אַ האַלבער שעה אַרום איז שלום מיט זיינע צוויי ברידערלעך געזעסן אין פּריגאָטאָוויטעלנע פון דער פּערעיאַסלאַווער שול. דאָס איז געווען אין יאָר 1873.

די ערשטע צייט האָט זיך שלום אין דער „איעזדנע" געפילט שלעכט. דאָס איז געווען אַ צאַרישע שול, וואָס די גרונט־אויפגאַבע אירע איז געווען צו דערציִען די קינדער אין מאָנאַרכיסטיש־קלעריקאַלן גייסט. יידישע יינגלעך זענען דאָרט געווען גאָר ווייניק, און נישט איין מאָל איז שלום די ערשטע צייט געווען אַן אָביעקט פון אָפּלאַכן.

„דאָס ערשטע מאָל צווישן אַזוי פיל קינדער, וואָס נישט ער פאַרשטייט זייער לשון, צווישן צען ווערטער איינס, נישט ער קאָן נעמען אָנטייל אין זייערע שפּילעכצן מיט זייערע שטיפערייען.

דאָס איז מצד די תלמידים. היינט מצד דעם לערער? אינגאַנצן איז געווען איין לערער אין פּריגאָטאָוויטעלנע, האָט ער געדאַרפט פון זיינע תלמידים מער נישט איין זאַך: לייענען רוסיש „פּראַווילנאָ". גייט זשע זייט אַ בעריע און טרעפט, וואָס הייסט ביי אים „פּראַווילנאָ", אַז ווי דו זאָלסט אים נישט זאָגן דאָס וואָרט, איז נישט גוט. זאָגסט אים גלאַז—זאַ (מיט אַ קוועטש אויף „גלאַ"), וויל ער דווקא גלאַ—זאַ (מיט אַ קוועטש אויפן

„זאַ“), זאָגסטו אים זו—בי (מיט אַ קוועטש אויפֿן „בי“), איז ער ווידער גישט צופֿרידן, ער וויל ס'זאָל זיין זו — בי (מיטן קוועטש אויפֿן „זו“). היינט גיי, זיי יוצא!

— ראַבינאָוויטש! — רופֿט אים אויף דער לערער מפּטיר. — אַנו, אַקאַרשט אויף אויסנווייניק „ליסיצאַ אי ווינאָגראַד“!

און ראַבינאָוויטש כאַפּט זיך אויף ווי אַ מזיק און צעלאָזט זיך אויף אויסנווייניק ווי אַ וואַסער: „גאָלאָדנאַיאַ קומאַ ליסאַ זאַליעזלאַ וו סאַד, וו ניאָם ווינאָגראַדו קיסטי זרעלים. או קומושקי נאַ ווינאָגראַד זאַפּריגאַלי גלאַזאַ אי זובי ראַזעגרעלים...“

— טאַ—טאַ—טאַ—טפּר — שטעלט אים אָפּ דער לערער און פֿרעגט אים מיט אַ געלעכטער, וואָס פֿאַראַ שפּראַך איז דאָס — טערקיש אָדער טאָטעריש?...

דער גאַנצער קלאַס לאַכט, און ראַבינאָוויטש וויינט מיט ביטערע טרערן, וואָס זאָל ער טאָן? וויאַזוי דערגייט מען דעם שכל צום לייענען אַזוי, אַז מען זאָל פֿון אים נישט לאַכן מער?

וויאַזוי איז ער טאַקע דערגאַנגען דעם דאָזיקן שכל, ווייסט ער נישט עד היום הזה. נאָר אַז ס'איז געקומען צום עקזאַמען, איז ער אַריין פֿונדעסטוועגן אין ערשטן קלאַס „אויעזדנע“ און דווקא נאָך מיט גרויסן קנאַק, מיט אַ „פּאָכוואַלני ליסט“.

„זאַ נאַדליעזשאַשטשיע אוספּיעכי וו נאַוקע אי זאַ אָטליטשנאָיע פּאָוועדיעניע...“

פֿאַרשטייט זיך, אַז דעם „פּאָכוואַלני ליסט“ האָבן געזען כמעט אַ האַלבע שטאָט מענטשן, און פֿריער פֿון אַלע — דער קאָלעקטאָר, דער בעל בשר מיט די שוואַרצע ברילן. ער האָט גוט אַריינגעקוקט מיט די בלינדע אויגן אין „פּאָכוואַלני ליסט“, און אויף זיין פֿעט־געשוואָלן פּנים, האָט זיך צעגאָסן אַ ליבלעך שמייכל:

— „קים אַהער, דו קונדאַס איינער, לאָמיר דיר כאָטש געבן אַ רעכטן קניפּ אין באַק“.

און דער דאָזיקער שול האָט זיך שלום אָנגעהייבן פֿילן אַליין הייםלעכער און היימלעכער, סיי מיט די חברים און סיי מיט די לערער. דאָ האָט זיך אים, דעם שפּעטערדיקן גרויסן יידישן הומאָריסט, איינגעגעבן מאַכן די ערשטע טריט איבערצושפּאַנען די גרענעצן, וואָס זענען געלעגן צווישן יידן און נישט יידן. און עס איז קיין ספֿק נישט, אַז אָט די דאָזיקע שול, וווּ ער האָט באַקומען אַ פֿינקטלעכן עלעמענטאַרן וויסן פֿון דער רוסישער שפּראַך

און עלעמענטאַרע קענטעניש בכלל, האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט שפּעטער אַליין ברייטער און ברייטער אַנטוויקלען זיין באַוווּסטזיין, אַליין פּאָלקאָמער מאַכן זיין בילדונג, און שפּעטער זיין דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט אַריינגעפירט אין איר פּאָזיטיווע געשטאַלטן פון דער רוסישער אינטעליגענץ.

אין דער „אויעזדנע" איז שפּעטער שלום געוואָרן איינער פון די בעסטע תלמידים און האָט אפילו באַקומען אַ סטיפּענדיע.

„דאָס האָט אַנגעמאַכט אַ מאָדנעם רעש אין דער משפחה, — שרייבט שלום-עליכם. — דער ערשטער איז געקומען צו לויפן דער פעטער פּיניע מיט אַ שיינענדיק פּנים, און צווישן אים מיטן ברודער, מיט נחומען, איז פאָרגעקומען אַזאַ מין שמועס:

— וואָס? טאַקע אַן אמת?

— וואָס זשע? אַ ליגן?

— פּענסיע?

— נישט פּענסיע, נאָר סטיפּענדיע.

— נאַזנאַטשעט פון קאַזנאַ?

— נישט פון קאַזנאַ, נאָר פון נאַראָדנע פּראָסוועשטשעניע.

— ווו איז ער ערגעץ, דער שייגעץ?"

די רוסישע שפּראַך האָט פאַר שלומען געעפנט אַ נייע וועלט, וואָס איז געלעגן אויסער די גרויע, אָנגעכמורעטע ווענט פון דער צאַרישער שול. באַהערשנדיק די רוסישע שפּראַך, האָט שלום מיט פלייס גענומען זיך צו באַקענען מיט דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס אין דער דאָזיקער שול האָט מען זי אפילו נישט געלערנט. אין די דריי יאָר, וואָס שלום איז אָפּגעווען אין דער „אויעזדנע", פלעגט ער דעם אַנדער האַלבן טאָג אָפּגעבן זיך מיט לייענען די רוסישע ליטעראַטור, די קלאַסיקער און די מיטצייטלער, — אַזוי אויך די העברעישע ליטעראַטור און פּרעסע און די יידיש-רוסישע זשורנאַלן און זאַמלביכער.

## א מעשה-ביכל וועגן אייזנבאַן

אויב שלום האָט פיל געלייענט פון דער העברעישער ליטעראַטור, פון דער רוסישער, האָט ער אָבער ביז אַכצן יאָר קיינמאָל נישט געזען קיין איין וועלטלעכן, קיין איין קינסטלערישן בוך אין דער יידישער שפּראַך.

אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז שוין, אמת, די יידישע ליטעראַטור געווען שטאַרק אַנטוויקלט. זי האָט שוין געקאָנט אָנצייל פיל שרייבער, און צווישן זיי אַזוינע ווי עטינגער, אָקסענפעלד, גאָטלאָבער, ליניעצקי, גאָלדפאַדן און אַנדערע. עס איז שוין געקומען אין דער ליטעראַטור מענדעלע מוכר־ספרים, אָבער אַ בוך אין דער יידישער שפּראַך, אין דער שפּראַך פון די נידעריקע שיכטן איז דעמלט געווען גאָר ווייניק געאַכטעט צווישן די העכערע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט און אפילו צווישן די משכילים.

אַ יידיש ביכל אין פּערעיאַסלאַוו האָט געקאָנט פאַרשלעפּט ווערן מיט אַ פּעקל רומל־ספרים (רעליגיעזע ביכער), וואָס פלעגן אין די הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן נאָך דעמלט געדרוקט ווערן אין דעם פאַרלאַג פון די ברידער ראָם אין ווילנע. דער פאַרלאַג פלעגט שוין דעמלט אויך אַרויס־געבן פאַרשידענע אַנאָנימע הומאָריסטישע פאָלקס־ביכלעך. עס זענען דעמלט פון דעם דאָזיקן פאַרלאַג אַרויסגעגעבן געוואָרן גאַנצע ביבליאָטעקן אַנאָנימע קאָפּעקע־ביכלעך. די מערהייט פון אָט די דאָזיקע ביכלעך האָט, אמת, געטראָגן אַ קלעריקאַלן כאַראַקטער, אָבער צווישן זיי פלעגן זיך אויך טרעפן אַזוינע, וואָס פלעגן אויסלאַכן דעם קלעריקאַליזם. ס'איז ווערט צו דערמאָנען אַ קאָפּעקע־אויסגאַבע „יוסף לאָקש" — אַ זאַמלונג פאָלקלאָ־רישע נאָוועלעס מיט אַ צענטראַלער קאָמישער געשטאַלט פון אַ רב מיטן נאָמען יוסף לאָקש.

עס זענען אַרומגעגאַנגען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אויך אַנאָנימע הומאָריסטישע ביכלעך וועגן דער אייזנבאַן, וואָס איז נאָך דעמלט געווען אַ נייס אין רוסלאַנד.

זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער הומאָריסטישער ליטעראַטור האָט שלום באַקומען פון די אַנאָנימע פאָלקס־ביכלעך.

אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט פלעגן זיך אויף דער אכסניה פון נחום ראַבינאָוויטשן אויפקלייבן זיינע פריינד. מע פלעגט מאַכן אַ שאָך און נאָכדעם פלעגט דער באַלעבאָס פאָרלייענען אַ הומאָריסטיש־פאָלקלאָריש ביכל, פון וועלכן אַלע פלעגן זיך האַלטן פאַר די זייטן לאַכנדיק, קאַטשען זיך פאַר געלעכטער. דער עולם איז צופרידן און דריקט אויס זיין צופרידנ־קייט דערמיט, וואָס ער שילט גוטברודעריש דעם אויטאָר. „אָט אַ ימח־שמוניק! ממזר! אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין!"

פון אָט דעם דאָזיקן מין ביכלעך, וואָס אַזוינע פלעגט נחום ראַבינאָ־וויטש פאָרלייענען נאָך אין וואָראָנקאָווע, האָט שלום זיך דאָס ערשטע

מאָל באַקאַנט מיט איינעם פון די גרונט־עלעמענטן פונעם יידישן פאָלקלאָר־הומאָר, וועלכן ער האָט שפּעטער געטראָפן ביי פּערלען אין „מגלה טמירין“ און וועלכן ער האָט שפּעטער אַזוי מייסטעריש דערהויבן אין זיין „טביה דער מילכיקער“. דאָס איז דער הומאָר פון דער מאַקאַראָניזמען־שפּראַך און פון אויסטייטשן פּסוקים.

איינס פון די אַנאָנימע פאָלקלאָר־ביכלעך, וואָס שלום עליכם האָט זיך דורך זיי קינדוויז באַקאַנט מיט דעם יידישן פאָלקס־הומאָר, האָט געהייסן:

דער צווייטער אייזן באַנד (אייזנבאַן) פון זאַרבינייץ קיין יור־קאַץ פון כאַים יאָסילעס, סטאָליר מעסאַקילען, די ערשטע טייל, זיטאָמיר, 1874.

כאַים יאָסילעס, סטאָליר מעסאַקילען — דאָס איז געווים געווען אַ פּסעוודאָנים פון אַ פריילעכן יונג, אַ משכיל, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ לום־מיק ביכעלע און האָט זיך געשעמט אונטערצושרייבן זיין נאָמען. דער דאָזיקער סטאָליר מעסאַקילען האָט אין זיין ביכל דער עיקר געגעבן דאָס קאָמישע און נישט דאָס הומאָריסטישע.

אונדזער געניאַלער הומאָריסט האָט געווים געהערט נישט איין מאָל ביי זיין פאָטער אין שטוב פון זיין פאָטערס באַקאַנטע, ווי זיי דערציילן פאַרשידענע וויצן, וועלכע זיי האָבן ערגעץ געהערט. אָבער אָט דאָס ביכעלע איז געווען דאָס ערשטע, וואָס האָט דעם שילער פון דער פּערעיאַסלאַווער אויעזדנער שול אויף אַ האַמעטנעם אופן דערציילט, אַז אָט די אַלע וויצן און שפּיצן, פון וועלכע מע קאַטשעט זיך אַזוי פאַר געלעכטער, קאָנען אויסגענוצט ווערן נישט נאָר פאַרן מינדלעכן הומאָר, נאָר אויך פאַרן ליטעראַרישן.

אין דעם דאָזיקן ביכל, אַזוי אויך אין אַ צווייטן ביכל פון דעם „סטאָליר מעסאַקילען“ מיטן נאָמען „ברוך שפּטרגי“, האָט שלום־עליכם צוערשט געזען, וויאַזוי עס קאָנען ווערן „העלדן“ פאַר אַ ביכל נישט בלויז די ביבלישע אמנון און תמרס, נאָר אויך מענטשן פון דער ווירקלעכקייט, קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות, אַ שטייגער, פייטל זלאָדיעווקער, אַהרון־לעמל האָצעדראָיעווקער, שמעון־פייטל גראַביאַנאָווקער, אשר־גימפּל סמאַראָוואָז, רב זיידל טראַסק, רב שמואל פליאַסק, רב יעקל קאָזשאַק, איציק פּאַק, ברוך דריידל, אהרון ווידל, בערל נאָז, בענדעט באַרימאַלע, איציק פּאַסאָליע, ברוך בערדעלע, יצחק פּערדעלע, יאָסל הייער, בערל דרייער, שמייע טייוול, דוד זיידל, יעקל בעקער, אווראַמל לעקער און אַזוי ווייטער.

# א מעשה־דערציילער

ביי זיין טאַטן אין דער אכסניה האָט דער צוקינפטיקער שלום־עליכם געקענט אויך באַגעגענען נישט איין מעשה־דערציילער. ער האָט דאָרטן געקענט הערן נישט איין מאָל, וואָס פלעגט דערציילט ווערן אין נאָמען פון די באַרימטע יידישע וויצלינגען הערשעלע אָסטראָפּאָליער, שייקע פייפער און אַנדערע.

געוויס האָט ער נאָך אויך אין זיין קינדהייט געהערט פאַרשידענע מעשׂות גוזמאות פון „ליגנער“, שקרנים, וואָס האָבן ליב געהאַט צו דערציילן פון נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע פאַסירונגען, וואָס האָבן זיך, כלומרשט, געטראָפן טאַקע מיט זיי, מיט די דערציילער־פאַנטאַזיאָרן גופא.

באַזונדערס פלעגט דערציילן אַזוינע נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע מעשׂות דער מאַן פון דער ליטע, וועלכער פלעגט צוליב זיינע ענינים אַרומפאָרן איבער די שטעט פון אוקראַינע.

אין דעם גרויסן צימער, אין דעם אַזוי־גערופענעם „זאַל“, וווּ עס פלעגן עסן די אורחים, איז היינט פריילעך. עס איז שוין טיפער אָוונט, עס ברענט דער גרויסער בליצלאָמפּ, ביים טיש זיצן אורחים, עס זיצט אויך נחום ראַבינאָוויטש, שלום־עליכם'ס פאָטער. כמעט אַלע עלטערע קינדער זענען איצטער אַרום טיש. אַלע לאַכן אין דער הויך אויפן קול, און אפילו די שטיפמאַמע, חנה, זי איז היינט אויך עפּעס אין אַ בעסערער שטימונג ווי אַלעמאָל.

לאַכן לאַכט מען עס פון דעם ליטוואַק, וועלכער זיצט אויבנאָן, דערציילט מעשׂות און גלעט בעת מעשה זיין לאַנגע געלע באָרד. ער אַליין, דער ליטוואַק, לאַכט כמעט ווי גאָרנישט. ער ווערט שטיל, לאָזט דעם עולם זיך אויסלאַכן, פאַרטראַכט זיך אַ ביסל, נעמט אַרויס פון בייטעלע דעם טיטון און שטאָפּט אָן זיין ליולקע.

און ווען דער געלעכטער ווערט איינגעשטילט, דער ליטוואַק האָט שוין דעם טערקישן ציבעך אין מויל און פּיפּקעט, גיט ער מיטאַמאָל אַ זאָג:

— כ'וויים, דער עולם מיינט, אַז דאָס איז אַ ליגן. זיי וואָלטן אָבער פּרוּוון אַרומפאָרן אַ וועלט אַזוי ווי איך, זיין אונטערן פערד און אויפן פערד, וואָלטן זיי שוין געוווסט, וואָס פאַר אַ ליגן דאָס איז. און צוריק גערעדט, — גיט דער ליטוואַק אַ פרעג ביי די פאַרזאַמלטע, — פאַרוואָס טאָר מען קיין ליגן נישט זאָגן? מע נאַרט אייך עפּעס אָפּ און אַ געשעפט?

איר ווערט, חלילה, אומגליקלעך דערפון? כ׳ווייס, מע לאַכט אַ ביסל, און אויב איר ווילט וויסן, קען מען דאָס אפילו קיין ליגן נישט אָנרופן: ס׳איז זיך א דמיון, אַ פאַנטאַזיע.

דער ליטוואַק דערציילט שוין אַ נייע מעשה. זיין פנים איז ערנסט און עס הויבט זיך, אַז ער אַליין טאַקע לעבט איבער אָט די אַלע גוזמאות, וועגן וועלכע ער דערציילט.

— פאָר איך מיר אַמאָל ווינטער פון פאָטשעפ קיין פאָהאַר. דער שניי איז געווען הויך און טיף, און דער פראָסט — אַ ברענענדיקער. אַ פערד האָב איך געהאַט — פלאַם=פייער, עק=וועלט! פאָר איך מיר אָנגעטאָן אין אַ בערן=פוטער, און דער פראָסט בייסט די נאָז. האָב איך מיך איינגענורעט אין דעם גרויסן קאָלנער און האָב מיר אַ ביסל געכאַפּט אַ דרעמל. מיטאַמאָל, עס האָט מיך דערלאַנגט אַ הייב אין דער הייך, אוודאי אויף צען קלאַפטער: פון שליטן אין הימל אַריין איבער די הויכע סאָסנעס , און איך זעץ זיך ווידער אין שליטן און גיב זיך ווידער אַ הייב אין דער הייך, און דאָס פערד — עס לויפט פלאַם=פייער.

איך הייב זיך מיר אַזוי עטלעכע מאָל אַ צען=פופצן קלאַפטער די הייך איבער די סאָסנעס און פון די סאָסנעס אין שליטן, ערשט, ווי איז מיר און ווינד איז מיר!

אַ טשאַטע וועלף האָבן אַרומגערינגלט דעם שליטן, און דאָס פערד, נעבעך, עס דרייט מיטן האַלדז, עס קלאַפט מיט די הינטערשטע פיס, עס הירזשעט, אָט עקט עס זיך!

וואָס זשע טוט מען מיט דעם אייגענעם נפש? און ווידער איז דאָך אַ רחמנות אויפן פערד אויך. אַז איך טו מיר אויס דעם גרויסן בערנפוטער, שפּאַן אויס דאָס פערד און לאָז זיך רייטנדיק אין דעם דערבייאיקן קאָרן, וואָס איז דאָרט געוואַקסן.

דער קאָרן איז געווען אַ הויכער, כמעט ווי סאָסנעס, אויף אַ צוויי=דריי קלאַפטער די הייך, האָבן שוין אונדז די וועלף געזען אַ מכה! און די וועלף, נעבעך, האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן צום פוטער, אַוועקגעשלעפּט אים איבערן שניי. אַוודאי האָבן זיי זיך נישט געקענט צעטיילן מיט אים און אָנגעכאַפּט איינע די אַנדערע פאַר די גאָרגלען.

ווי מיינט איר, אַ כפרה דער בערן=פוטער פאַר מיר און פאַרן פערד!

אַ שטורמישער געלעכטער האָט אויסגעבראָכן אין שטוב.

— סטייטש, רב מרדכי=יהודה, ווי קומען הויכע זאַנגען קאָרן אינ=

מיטן ווינטער אויפן פעלד? — האט איינער אן אויפגעקלערטער יונגער־מאנטשיק מיט אן אייביקן קאמער אין נאז געפרעגט.

— הערסטו, בראטוניע דו מיינער, אט דאס קען איך דאך עד היום נישט פארשטיין. אפשר וואלטן דאס מיר גאר די קלאסניקעס דערקלערט על פי חכמת האגראמאטיקע?

דאס האט דער לימוואק געצילט אין שלומען דעם קלאסניק מיט וועמען עס פלעגט אים דאס רוב אויסקומען צו רעדן וועגן דעם פלאנעט־סיסטעם. דער לימוואק פלעגט דערווייזן, אז די זון דרייט זיך ארום דער ערד, און שלום פארקערט, אז די ערד דרייט זיך ארום דער זון.

דער עולם האט געלאכט, און דער לימוואק איז נאך מער אריין אין היץ, עס האט זיך נאך מער צעשפילט זיין פאנטאזיע. און איצטער האט ער שוין דערציילט וועגן דער מעכטיקייט פון זיין פערד.

— הערט איר, — האט דער לימוואק אנגעהויבן, — וואס עס האט אמאל פאסירט מיט דעם פערד מיינעם און ווי עס האט מיר געראטעוועט אן עסק.

איך פאר מיר אמאל צו א גראף אפענדריקן וועגן א געשעפט. דערווייס איך זיך, אז אויב איך וועל אין דעם זעלביקן טאג פונעם ארויספארן נישט קומען צום גראף, פארט ער ערגעץ אוועק, שווארציאר ווייסט ווו!

און דא האב איך נאך ביז דעם גראפס הויף א גוטע הונדערט מייל. געווען איז דאס טאקע דעמלט, ווען מע האט איינגעשטעלט דעם טעלע־גראף, די סטויפעס שטייען דאך ביים וועג.

הונדערט מייל!... און דא ווייס איך, אז פארנאכט וועל איך אים שוין נישט טרעפן אין דער היים, און עס איז שוין נאך האלבן טאג!

גלייב איך דאך, פארשטייט זיך, פריער אין גאט און נאכדעם אין פערד, ווייס איך דאך, אז נישט איין מאל פלעגט מיך מיין פערד ארויס־ראטעווען, וועל איך איצטער אויך מיט דעם פערדס הילףביישטיין די שווערע צייט.

טו איך א זאג צו זיך אליין: מרדכי יהודה, גענוג דיר צו זיצן אין וואגן מיט צונויפגעלייגטע הענט, גיב זיך א שטעל און נעם זיך פאר די לייצעס! איך שטעל זיך אנידער אין וואגן, איך הייב אויף דאס בייטש־שטעקל, דערלאנג אזוי א פאכע און פאר פונקט פארביי די סטויפעס פו־נעם טעלעגראף. און האלט מיר דאס בייטש־שטעקל אין די סטויפעס.

אז דאס פערד האט זיך עס א לאז געטאן פלאם־פייער!... ווייסן האב איך געוווסט, אז דאס איז א מזיק, נישט קיין פערד. נאר פונדעסטוועגן

האָב איך זיך קיינמאָל אויף אַזאַ זאַך אפילו פון אים נישט געריבט, אָט הערט זשע אוים ווייטער.

דאָס פערד לויפט, און דאָס בייטש־שמעקל קליפּ־קלאַפּ, קליפּ־קלאַפּ אָן די סטויפּעס, פונקט ווי זיי וואָלטן געשטאַנען איינע לעבן די אַנדערע. וואָס פרעגט איר! אַרום דריי אַזייגער בין איך שוין געווען ביים גראַף, און פאַרגעסט נישט, איבער הונדערט מייל קייטיקן וועג. הערט איר, אַ כפּרה די אייזנבאַן מיט איר פייף פאַר מיין פערד. איין זאַך נאָר... ווו נעמט מען איצטער אַזוינע פערד? סיידן צווישן די שרייבער פון די לשון־קודשדיקע בלאַט־צייטונגען, וואָס זאָגן, אַז די ערד שטייט שוין ווער ווייסט וויפל מיליאָנען יאָר און אַז עס איז פאַראַן אַ דעה, אַז אדם הראשון און די מוטער חוה זענען נאָר געווען מאַלפּעס און אַ ציגיינער פלעגט זיי פירן אויף יאַרידן.

אָט דאָס מעשהלע איז שוין געווען געצילט אי אין שלומען, אי אין נחום ראַבינאָוויטשן, אי אין אַרנאָלדן, וואָס פלעגן פירן צווישן זיך דים־קוסיעס וועגן דעם אייפּקום פון דער וועלט און פון דעם מענטשלעכן מין און פון וועלכע דער אַלטער ליטוואַק פלעגט חוזק מאַכן.

אָט אַזוינע שפּאַס־מעשהלעך זענען אין די זיבעציקער יאָרן אַרומגע־גאַנגען איבער פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך און פלעגן פריילעך מאַכן דעם עולם און אַרויסרופן געלעכטער. דאָס זענען אַלץ די קוואַלן, פון וואַנען שלום־עליכם האָט געשעפּט זיין הומאָר אין דער יידישער שפּראַך, ביז ער האָט זיך באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור.

## צוויי קלעזמער

שלום איז אַ נאָענטער פריינד פון די קלעזמער. באַזונדערס האָט ער זיך באַפריינדעט מיט איינעם אַ קלעזמער, וועלכן ער רופט אָן בענצי בעזז־באַראָדקאָ. דאָס איז געווען „אַ ייד מיט אַן אונטערגעהאַקטער קאַפּאָטע, מיט אונטערגעבויגענע פּאות און מיט אַ געפּרעסטן קאָלנער, אַ נאָז האָט ער געהאַט אַ היפּשע, אויסגעזען ווי א צוגעקלעפּטע, ליפּן גראָבע, ציין שוואַרצע, דאָס פּנים געשטופּלט און אָן אַ סימן פון אַ באָרד. און דערפאַר טאַקע האָט מען אים גערופן בעזבאָראָדקאָ. א ווייב האָט ער געהאַט אַ מאַכינע, האָט מען זי גערופן די מוטער חוה. און קינדער איז ביי אים גע־ווען א מוין אָנדערהאַלבן, אויב נישט מער. אָפּגעריסענע, האַלב־נאַקעטע און

באַרוועסע. און אַלע, פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן, האָבן זיי געשפּילט: דער אויפן פידל, דער אויף דער אַלט, דער אויפן באַס, דער אויפן טרומייט, דער אויפן פלייט, דער אויפן פאַגאָט, דער אויף דער האַרפע, דער אויפן צימבל, דער אויף דער באַלאַלייקע, דער אויפן פויק, דער אויף די טאַצן. צווישן זיי זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געקענט אויספייפן דעם גרעסטן ניגון מיט די ליפן, אויף די ציין, אויף גלעזלעך אָדער אויף טעפּלעך, אויף שטיקלעך האָלץ, אָדער גאָר אויף די באַקן“.

עס איז כמעט נישט אַריבער קיין איין טאָג, אַז שלום זאָל נישט זיין ביי בעזבאָראָדקאָ. ער איז געוואָרן נישט זיינער אַ נאָענטער פריינד, נאָר זיינער אַ שילער פון פידל שפּילן. שלום האָט שוין לאַנג געטראַכט לערנען זיך פידל שפּילן. עפּעס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער וואָלט געקענט פידל שפּילן, וואָלט אים געווען אַ סך גרינגער אין זיין לעבן. עס וואָלט אים די פידל געהאָלפן נאָך בעסער אַרויסציען די מעלאָדיעס, וואָס פילן אָן זיין האַרץ און וועלכע ער פרווט זיך שטענדיק אויסזינגען ביי זיך אין דער היים. זיינע מעלאָדיעס זענען עפּעס ווייניק ענלעך און אפשר גאָרנישט ענלעך אויף די, וועלכע ער הערט אָפט פונעם בלאַז-אָרקעסטער אין שטאָטגאָרטן. זיינע מעלאָדיעס זענען אַזוינע, ווי ער האָט ליב, פריילעכע און באַגלייט מיט אַ שטילן טרויער.

שלום האָט זיך נישט נאָר געלערנט פידל שפּילן, ער האָט אויך געלערנט דעם לעבנסשטייגער פון די יידישע פאָלקס-מוזיקאַנטן. ער האָט פון זיי געלערנט קיינמאָל, אין די סאַמע ערגסטע צייטן, נישט צו פאַרלירן די האָפענונג; ער האָט פון זיי געלערנט, ווי פיינט צו האָבן דעם זאַטן באַלעבאָס און באַלעבעסל; ער האָט פון זיי געלערנט, וויאַזוי ליב צו האָבן די קונסט, וויאַזוי צו מאַכן פון דער קונסט אייגענע בלוט און פלייש, אַ צווייטע אייגענע נשמה.

— „אָן געלט איז אויך אַ וועלט! מע קען זיין אַ פיינער, אָרנטלעכער מענטש און זיין אַ קלעזמער. וואָס איז דאָס לעבן פון אַן אָרעמאַן? ווער רעדט מיט מיר, פרעג איך דיך, פון אונדזערע פיינע באַלעבאַטים? קיינער נישט... אָבער איך האָב מיר מיט וועמען דורכצורעדן זיך: מיט דעם פידעלע. מע קוועטשט די סטרונעס און מע ציט פון דעם אַרויס פאַרשידענע און צומייסטנס טרויעריקע וויינענדיקע לידער“, — פלעגט זאָגן צו שלומען בעזבאָראָדקאָ, וועלכער פלעגט בעת מעשה אַ קראַץ טאָן די רויטע פּליאַמע, וואָס די פידל פלעגט אים אָנקוועטשן אויף דער באַק.

אָט די רייד בעזבאָראָדקאָס זענען שטאַרק געווען צום האַרצן דעם יונגן שלום ראַבינאָוויטש, וועלכער האָט זיך שוין געפילט עלנט אין דער פּרעיאַסלאַווער געזעלשאַפט.

— מע דאַרף נאָר האָבן דערצו, צום פידעלע, אַ רעכטן מוזיקאַנט, אַ בעריע אַ קלעזמער, אָט אַזאַ בעריאַק כאָטש, ווי ס'איז געווען אָט דער סמיסטעמפעניו פון בערדיטשעוו. ער, אַז ער פלעגט אַ פיר טאָן מיטן סמישיק, פלעגן שטיינער צעגיין, — און בעזבאָראָדקאָ פלעגט אַ קאָמאַנדעווע טאָן צו זיינע קינדער.

דער אָרקעסטער פלעגט אָנהייבן אויספירן בעזבאָראָדקאָס אן אייגענע קאָמפּאָזיציע — אַ פּאָפּורי פון פאַרשידענע זאַכן: יידישע, אוקראַינישע, רומענישע, פּוילישע און רוסישע. דאָס פלעגט שלומען אַזוי איבעראַשן, פונקט ווי ס'פלעגט אים איבעראַשן דאָס קלעזמער-לשון, וואָס איז אויך באַשטאַנען פון פאַרשידענע איבערגעדרייטע ווערטער פון יידיש, רוסיש, פון העברעיש און אפילו פון לאַטיין.

— „טשוקאַלניק, נעם ביי שלומען דעם סמאָליאַר און האָק נאָך די קעראָ, און זאָל זיין היינט אַ בערליאַלניצע. ארזשע זאָלסטו נישט פאַרגעסן צו קייבן. דו הערסט. גוועסרייבלניק!" — אויף יידיש הייסט עס: פּויקער, נעם ביי שלומען דאָס קערבל, גיי נאָך בראָנפן, און זאָל זיין אַ סעודה. שלימזלניק, פאַרגעס נישט צו קויפן קיין אָנבייסן. — אַזוי פלעגט בעזבאָראָדקאָ אויסשרייען, ווענדנדיק זיך צו זיין קלענסטן יינגל, וואָס פלעגט קלאַפּן אין פּויק. אַזוי פלעגט עס פאָרקומען יעדן טאָג נאָכן אויספילן בעזבאָראָדקאָס אַ „קאָמפּאָזיציע".

נאָך דעם פלעגט זיך אָנהייבן די סעודה. שלום, בעזבאָראָדקאָ און זיין גאַנצע פאַמיליע פלעגן זיך דעמלט פריילעך מאַכן, רעדן אויף קלעזמער-לשון און זינגען פאַרשידענע יידישע פאָלקס-לידלעך און לידלעך פון גאָלדפאַדנס טעאַטער.

שלום איז קיין פידלער נישט געוואָרן, ער האָט אָבער אַ סך גענומען פון די קלעזמער. זיי זענען פאַר אים געווען נאָך אַ קוואַל פון פאָלקסשאַפונג פאַר זיין הומאָר און אַ קוואַל פאַר זיין ליבע צום פאָלק. ער האָט פון זיי געלערנט ליבע צום אינסטרומענט, צו דער שפּראַך פון די יידישע מאַסן, וואָס איז אַזוי געווען פאַרשטויסן דורך דער יידישער בורזשואזיע, פונקט אַזוי ווי דער קלעזמער מיט זיין פידל. און שפּעטער, ווען שלום ראַבינאָוויטש איז געוואָרן דער באַרימטער שלום-עליכם, האָט אים שטענדיק געמאַטערט דער גורל פון די „בלאָנדזשענדע שטערן", וואָס האָבן

אין הײם קויט פֿון אַלטע ייִדישע געסלעך, אויף די בערגעלעך מיסט פֿײַעם ייִדישן געמאַ געשאַפֿן פֿרייד פֿאַרן פֿאָלק און פֿאַרפֿײַנערט די געפֿילן פֿון דער ייִדישער אָרעמשאַפֿט.

## אויפֿן שייד־וועג

שלום האָט געענדיקט זײַן קורס אין דער „אויעזדנע" אין יאָר 1876. ער איז שוין דעמאָלט אַלט געווען 17 יאָר. אַצינד האָט זיך פֿאַר שלומען געשטעלט די פֿראַגע, וואָס טוט מען ווײַטער?

דער קורס אין דער „אויעזדנע" איז קלענער פֿון דרײַ קלאַסן קלאַסישער גימנאַזיע. מיט דעם שײַן פֿון דער אויעזדנער שול קאָן מען אין גימנאַזיע נישט אָנקומען. די אויעזדנע שול האָט נישט געגרייט קיין קוואַליפֿיצירטע אינטעליגענץ, זי האָט געגרייט אַ קלײנגראַדיקן קאַנצעליאַרישן טשינאָווניק, אָדער אַ גראַמאָטנעם הענדלער.

שלום איז געבליבן אין מיטן וועג. די טרוימען וועגן ענדיקן גימנאַזיע, אָנקומען אין אוניווערסיטעט און ווערן אַ דאָקטער זענען צערונען געוואָרן.

ער האָט געקאָנט ווערן אדער אַ פּריוואַטער לערער אָדער אָנקומען אין אַ צאַרישן לערער־אינסטיטוט פֿאַר ייִדן, וווּ מען פֿלעגט גרייטן לערער פֿאַר די קאַזיאָנע ייִדישע שולן, אויף וועלכע עס איז געפֿאַלן אַ גזירה צופֿאַרמאַכן און אַ סך זענען טאַקע פֿאַרמאַכט געוואָרן.

פֿון יאָר 1873 האָבן אַזעלכע אינסטיטוטן אין רוסלאַנד עקזיסטירט צוויי: איינער אין זשיטאָמיר, דער אַנדערער אין ווילנע. די דאָזיקע אינסטיטוטן זענען דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אויף דעם אָרט פֿון די פֿאַרמאַכטע ראַבינער־שולן. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס בראש פֿון אָט די אַנשטאַלטן זענען דאָס רוב געשטאַנען צאַריש־פּאַטריאָטישע פּעדאַגאָגן, האָבן זיי אָבער, לכתחילה די ראַבינער־שולן און שפּעטער די לערער־אינסטיטוטן, געשפּילט אַ פּראָגרעסיווע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־אינטעליגענץ.

די געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור האָט פֿיל צו פֿאַרדאַנקען דער ראַבינער־שול אין זשיטאָמיר. צווישן די תּלמידים פֿון אָט דער שול באַגעגענען מיר די סאַמע פֿאָרגעשריטנסטע פֿאַרשפּייער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין די 60־ער יאָרן: אברהם גאָלדפֿאַדען, דער דיכטער און דראַמאַטורג; יצחק יואל ליניעצקי, דער סאַטיריקער, פּראָזאַיקער און נאָך

פיל אַנדערע. דער יידישער קלאַסיקער, דער גרונטלייגער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך מענדעלע מוכר־ספרים האָט זיך פאַרפּולקאָמט אין זיינע קענטעניש — הומאַניטאַרע און נאַטוראַליסטישע — אונטער דער ווירקונג פון די יידישע געלערנטע, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול. סיי די יידישע לערער, סיי די תלמידים פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול זענען געווען די ערשטע לעזער און קריטיקער פון מענדעלעס ווערק, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין זשיטאָמיר.

אין דער צייט, ווען שלום־עליכם האָט אַוועקגעשיקט זיין מעלדונג אין דעם זשיטאָמירער לערער־אינסטיטוט, איז זשיטאָמיר געווען אַ באַדייטנדיקער יידישער קולטור־צענטער אין רוסלאַנד. דאָרטן האָט עקזיסטירט אַ יידישע דרוקעריי, עס האָבן דעמלט דאָרט געוווינט דער באַוווסטער יידישער געלערנטער־מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם חיים־זעלק סלאָנימסקי, מענדעלע מוכר־ספרים, ל. בינשטאָק און אַנדערע.

מען דאַרף זיך פאָרשטעלן, אַז אויך אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, און שפּעטער אין לערער־אינסטיטוט, האָבן עקזיסטירט סאָציאַליסטישע קרייזלעך, פּונקט ווי אין ווילנע אין די זעלביקע אַנשטאַלטן. אין מיטן די 70־ער יאָרן זענען פיל פון דער יידישער לערן־יוגנט אין דעם געוועזענעם תחום געווען פאַרכאַפּט מיט סאָציאַליסטישע אידעען. פיל יידישע יוגנטלעכע זענען געווען באַקאַנט מיט די רוסישע אומלעגאַלע אויסגאַבן. טשערנישעווסקי, פּיסאַרעוו, גערצען, ניעקראַסאָוו, שטשעדרין, ביעלינסקי און דאָבראָליובאָוו זענען געוואָרן די געדאַנקען־הערשער אויך פון דער יידישער יוגנט נאָך אין די 60־ער יאָרן.

עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער דור, פאַר וועלכן אַבסטראַקטע פראַזן וועגן השכלה האָבן גאָרנישט געזאָגט. ס'איז געקומען אַזאַ דור, וואָס האָט זיך איינגעגלידערט אין דער פאָרגעשריטענער געזעלשאַפט פון רוסישן פאָלק און האָט זיך פאַראייניקט צו זיינע שטרעמונגען, פאַר וועמען די אינטערעסן פון די אָרעמע און אָפּגעשטאַנענע יידישע און נישט יידישע פאָלקס־מאַסן זענען געווען די סאַמע וויכטיקסטע זאַך פון זייער לעבן. דער לאָזונג „גיין אין פאָלק“ האָט זיך געלאָזט הערן אויך צווישן דער יידישער אינטעליגענץ. טאַקע אין די יאָרן האָבן די יידישע יוגנטלעכע געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט די אידעען פון סאָציאַליזם דורך ליבערמאַנס „האמת“ און דורך אַנדערע זיינע פּראָפּאַגאַנדיסטישע אויסגאַבן.

די לאָנדאָנער יידישע רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך דערקלערט, ווי אַ טייל פון דער פּוילישער, רוסישער רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע, האָבן דעמלט דורך ליבערמאַנען דערקלערט: „יונגעלייט־משכּילים, וואָס זענען נאָך נישט פאַרשמוצט מיט דער אומרייניקייט פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג און וואָס האָבן נאָך נישט געזינדיקט מיט פאַלשער השׂכּלה, גייט אין פאָלק, פאַראייניקט זיך מיט אים, דינט אים!“ די אידעען פון סאָציאַליזם האָבן טאַקע אַריינגעדרונגען אין די לערער־אינסטיטוטן.

אין לערער־אינסטיטוט האָט דער יונגער שלום־עליכם געשטרעבט, כּדי צו פאַרווירקלעכן דעם טרוים, וואָס האָט דעמלט באַהערשט דער פאָרגעשריטענער יוגנט צו „גיין אין פאָלק“. אויב שלום ראַבינאָוויטש האָט דעמלט פאַר זיך נאָך נישט אויסגעאַרבעט קיין סאָציאַליסטישע אַנשויונג, איז ער אָבער שוין געווים אַזוי אָדער אַנדערש באַקאַנט געווען מיט די רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע אידעען, וואָס האָבן דעמלט געהערשט אין לאַנד, אַזוי אויך מיט די אַרטיקלען אין דער העברעישער פּרעסע פון דניאל איש חמודות (ליבערמאַנס פּסעוודאָנים) און מיט דער דיכטונג פון דעם ערשטן יידישן פאָלקיסטישן דיכטער יהל״ל. ער האָט געשטרעבט, שלום ראַבינאָוויטש, צו ווערן אַ לערער, אַ דערציער פון יונגן דור, וואָס זאָל אויסקעמפן פרייהייט.

שלום שיקט אַוועק אַ מעלדונג אין זשיטאָמירער לערער־אינסטיטוט. די קאַריערע פון אַ לערער אין אַ יידישער קאַזיאָנער שול האָט בין גאָר אימפּאָנירט נחום ראַבינאָוויטשן און זיינע פריינד.

אויך שלומען האָט געצויגן צו ווערן אַ לערער. ער וועט ווערן אַ לערער, וועט ער פאַרשפּרייטן ליכט צווישן די אָרעמע מאַסן. ער וועט נישט דערלאָזן, אַז די קינדער פון דער אָרעמשאַפט זאָלן גיין אין די תּלמוד־תּורות, אין די חדרים, ער וועט זיי לערנען נוציקע קענטענישן. ער וועט נישט דערלאָזן, מ׳זאָל זיך זדיעקעווען איבער דער אָרעמשאַפט.

אָבער אינגיכן באַקומט שלום אַן ענטפער פונעם אינספּעקטאָר פון זשיטאָמירער אינסטיטוט, אַז לויט זיין עלטער קאָן ער אין אינסטיטוט נישט אָנגענומען ווערן — ער האָט שוין כּלומרשט אַריבערגעשטיגן דעם עלטער.

אין יאָר 1876, ווען ער האָט אָנגעגעבן זיין מעלדונג אין זשיטאָמירער לערער־אינסטיטוט, האָט די צאַרישע רעגירונג באַשלאָסן איין מאָל פאַר

אַלע מאָל פּטור צו ווערן פֿון דעם דאָזיקן אינסטיטוט, וואָס איז געווען, גלייך ווי דער ייִדישער לערער־אינסטיטוט אין ווילנע, אַ נעסט פֿון רעוואָלוציאָנערע אויפֿברויזן. און טאַקע אין דעם יאָר איז שוין קיין אויפֿנאַם מער ניט געווען. דעמלט זענען אויך פֿאַרמאַכט געוואָרן די ייִדיש־רוסישע קאַזיאָנע שולן פֿון העכערן ראַזריאַד דער עיקר אויך צוליב די זעלביקע סיבות. און אַזוי איז שלום ראַבינאָוויטש געבליבן אינמיטן וועג. עס זענען צעשלאָגן געוואָרן זײַנ׳ע האָפֿענונגען, און ער ווערט אַ פּריוואַטער לערער. וואָס זשע אַזוינס איז געווען אַ פּריוואַטער לערער בײַ ייִדן אויף דער שוועל פֿון די 80־ער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט? דער נאָמען לערער איז נאָך דעמלט געווען, מעג מען זאָגן, אַ נײַ וואָרט אין דעם לעקסיקאָן פֿון די ייִדישע מאַסן. אָט דאָס וואָרט האָט זיך נאָך ווייניק אונטערגעשיידט מיט זײַן אינהאַלט פֿון אַן אַנדער וואָרט אין דער ייִדישער שפּראַך, וואָס איז שוין פֿון לאַנג אין איר געווען אײַנגעבירגערט, דאָס איז דאָס וואָרט „שרײַבער“. גלייך ווי דער „שרײַבער“, האָט אויך דער לערער געהאַט אַלס זײַן אויפֿגאַבע אויסצולערנען די קינדער לייענען און שרײַבן ייִדיש, אָנשרײַבן אַ ייִדיש בריוול לויט אַ פֿאַרטיקן „פּירגערים“, אָדער אַן אַדרעס אין רוסיש און אין בעסטן פֿאַל — אַ האַנדלס־בריוו לויטן נוסח פֿון פּינס אָדער בלאַשטיינס לערנבוך.

אָבער איצטער, ענדע די 70־ער יאָרן, ווען דאָס ייִדישע לעבן האָט זיך בײַם אויפֿבלי פֿון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד געענדערט, האָט שוין דער לערער געהאַט אַן אויפֿגאַבע: אויסלערנען דעם שילער אויף אַזויפֿל די רוסישע שפּראַך, אַז ער זאָל קענען איבערלייענען אַ געשריבענעם געשעפֿטס־פּאַפּיר און אַליין אויך קענען פֿירן אַ קאָרעספּאָנדענץ אין אַ ספּעציפֿישן קאָמערציעל־קאַנצעליאַרישן לשון אין רוסיש.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס צו דעם לערער האָט מען זיך אין דער סביבה פֿונעם ייִדישן בירגערטום באַצויגן מיט ביטל און גרינגשעצונג, גלייך ווי צו דעם „שרײַבער“ אין די 50־ער און 60־ער יאָרן, איז אָבער דער לערער איצטער געווען נויטיק דעם רײַכן ייִדישן אַרענדאַר, וועלכער האָט זיך שוין גענויטיקט אין מענטשן, וואָס זאָלן קאָנען פֿירן פֿאַר אים אַ קאָרעספּאָנדענץ. מע האָט זיך מער גענויטיקט אין דעם לערער, דעם קאָרעספּאָנדענץ־פֿירער, איידער אין דעם לערער דעם פּעדאַגאָג.

שלום ראַבינאָוויטש האָט איצטער קיין אַנדער אויסוועג ניט געהאַט, ווי זוכן אַן אָרט פֿון אַ לערער ערגעץ בײַ אַ רײַכן אַרענדאַר, ווי ער זאָל זײַן

נוציק אַלס אַ „מענטש“ אין געשעפט און אויך אַלס אַ לערער פון זיינע קינדער. דערווייל וועט ער אויך האָבן אַ מעגלעכקייט פּאַרצוזעצן זיין אייגענע בילדונג און אָנקומען אין אַ העכערן שול-אַנשטאַלט. ער האָט זיך אָבער בשום אופן נישט פאַרגעשטעלט, אַז זיין אַרבעט אַלס פּעדאַגאָג אויף זיינע קומענדיקע קאָנדיציעס וועט באַשטיין בלויז אין אויסלערנען די תּלמידים זיינע אָנשרייבן קוים-קוים אַ האַנדלס-בריוו אין רוסיש.

קאַפּיטל פיר

# די ערשטע קאָנדיציע

פּאָר, שייגעץ איינער... טו זיך אָן און קום!... קום מיט מיר און פאָר... — אַזוי האָט דער קאַלעקטאָר, אריינלויפנדיק צו נחום ראַבינאָוויטשן אויף דער אכסניה, א פּאַסאַפּעטער, קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, געזאָגט צו שלומען. — קום פּאָר, איך האָב פאַר דיר אַ שטעלע... הונדערט רובל אויף אַלעם גרייטן... א רייכער אַרענדאַר... לערנען די רוסישע שפּראַך... אַן איין־און־איינציקער זון... שוין אַ חתן... טראָגט אַ גילדענעם זייגער מיט אַ טייערער קייט... גוטע מענטשן... לעבן גרויסאַרטיק... אַ באַזונדער צי־מערל... צען וויאָרסט פון דער באַן... אייגענע פערד... אַ סך ביכער... קום מיט מיר... פּאָר...

דער קאַלעקטאָר האָט אָנגעכאַפּט שלומען פאַרן אַרבל און האָט אים מיטגעצויגן.

— קום גיבער מיט מיר, וועסט פאַרשפּעטיקן, נישטאָ קיין צייט, פּאָר... און דער קאַלעקטאָר האָט אויסגעשריגן אַגשטאָט שלומען: — זייט געזונט, זייט געזונט, ר' נחום.

פון דעם קאַלעקטאָרס דיבורים און פון זיין האַנדלונג איז נחום ראַ־בינאָוויטש געוואָרן אַביסל מבולבל. ער האָט אָבער געוווסט, אַז דער קאַ־לעקטאָר וועט שלומען נישט פאַרפירן, דעריבער האָט ער גאָרנישט געזאָגט און געוואַרט, ביז וואַנען שלום וועט עפּעס זאָגן. שלום האָט אָבער גאָרנישט גערעדט. האָט זיך אָפּגעזעגנט מיטן טאַטן און מיט די הויזיקע און איז אַוועק מיטן קאַלעקטאָר. געקומען צו דעם רייכן אַרענדאַר און געטראָפן אים אויפן הויף פון דער אכסניה.

— אָט דאָס איז ער, דער העכט? — האָט זיך דער אַרענדאַר גע־ווענדט צום קאַלעקטאָר, — אָט דאָס איז ער טאַקע אַליין, בכבודו ובעצמו? דער העכט, דער לערער אייערער?

שלום איז געשטאנען אביסל א פארלוירענער, האט געקוקט אויף דעם ארענדארס טונקל־רויטע פעטע באקן, וואס האבן מיט חוצפה ארויסגעשטארטשעט פון דער שווארצער בארד זייערער. עס האט אים, שלומען, שטארק דורכגענומען דעם ארענדארס געלעכטערל, וואס האט זיך געריסן פון זיין ברייטער ברוסט דורך דעם קורצן האלדז און צעגאסן זיך איבער דער שווארצער באָרד. דער ארענדאר האט אים אנגעקוקט מיט זיינע פארגאסענע אייגלעך, א פאטש געטאן אים איבער דער פלייצע, א סמארע געטאן מיט דער בלויער נאז און א זאג געטאן:

— האסטו די פען אין האנט, קענסטו, ברודערל, פארן, ווי זאגט יענער? איז פאראן פיש, מעג מען גיין צום טיש. דעריקער, ברודערל, איז איינס: ביסטו באהאוונט אין די קניזשקעס... און דאס איבעריקע איז שוין דער היוצא לנו מזה.

— וואס רעדט איר! — האט דער קאלעקטאר געזאגט, — א כתבא רבא, א געראטעניש... קלאר אומעטום, נישט נאר אין רוס... אין אלץ... אין דייטשמעריש, אין פראנצויזיש, אין שבעים ושבע לשונות. וואס שייך, ס'איז נאך נישטא וואס צו רעדן! איר וועט מיר דאנקען א פולע קאפ. איר'ט קיין חרטה נישט האבן. א בריוול איז א בריוול. צו אלעמען, אפילו צום גובערנאטאר... מיט דער פיינסטער און שענסטער מליצה...

— וועט ער וועלן זיין א מענטש, — האט דער ארענדאר געזאגט צום קאלעקטאר, גלייך ווי שלום וואלט דערביי נישט געווען, — וועט ער ביי מיר לעבן, ווי א פיש אין וואסער.

דער ארענדאר וואלט נאך אפשר גערעדט און גערעדט, ווען נישט דער משרת, וואס איז צוגעלאפן צו אים, האט זיך אויסגעשטעלט אין זיין גאנצער הייך און אויסגעשריגן:

— באלעבאס, די פערד זענען גרייט!

און איידער דער משרת האט באוויזן ארויסצורעדן די דאזיקע ווערטער, איז באלד צוגעפארן א פאיעטאן מיט פיר פערד פויליש געשפאנט. דער משרת האט א כאפ געטאן דעם נידעריקן, געפאקטן ארענדאר אונטער די ארעמס, און דער ארענדאר האט זיך אריינגעזעצט אין פאיעטאן אריין. איצטער האט דער משרת גענומען ווארפן אין פאיעטאן פארשידענע קלומקעס, פעקלעך, זעקלעך, אלץ מיט עסנווארג. דער ארענדאר האט זיך מיטאמאל צעשריגן:

— די פיש, די פיש פארגעסט נישט!

דער משרת האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין אכסניה. אין אייניקע מינוטן אַרום האָט ער אַרויסגעטראָגן אַ גרויסן זאַק מיט פיש און אַרייַנגעשטופּט עס אין פאַיעטאָן. אַ צופרידן שמייכעלע האָט זיך צעגאָסן אויפן אַרענדאַרס פּנים.

— ווי האַלט איר עפּעס פון מזל־הגים? — האָט זיך דער אַרענדאַר געווענדט צום קאַלעקטאָר, וועלכער איז געווען נישט שטאַרק זיכער אין די גליקן, וואָס ער האָט, כלומרשט, אויסגעפונען פאַר שלומען. דער קאַלעק־טאָר האָט גאָר נישט געהערט דעם אַרענדאַרס רייד, אָבער דעם אַרענדאַר האָט עס נישט געאַרט. אַ צופרידענער האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ גראָבן ציגאַר, אַרייַנגעשטופּט אים אין די ציין אַריין. דער משרת האָט אים באַלד אונטערגעטראָגן פייער, און דער אַרענדאַר האָט זיך צעלייגט אין בויד, ווי אויף צו שלאָפן.

— ווו איז דער לערער ?— האָט דער משרת אויסגעשריגן און אויס־געצויגן זיין קאָפּ צום קאַלעקטאָר.

— אָט איז ער דאָ, — האָט דער קאַלעקטאָר אַ צעטראָגענער גע־זאָגט, מורא האָבנדיק, אַז מען זאָל איינגאַנצן נישט פאַרגעסן אין שלומען און אַוועקפאָרן.

— נו, איז וואָס זשע שטייט איר? זעצט זיך, — האָט דער משרת געזאָגט און אַ ווונק געטאָן צו שלומען. שלום האָט זיך געזעצט לעבן דעם משרת.

— ווו זענען דאָס אייערע „וועשטשעס“? — האָט דער משרת גע־פרעגט און אַציגר נאָך מער געווונקען מיט די אייגלעך. ער האָט זיך אַזש צעשמייכלט, אַז עס האָבן זיך געוויזן זייגע ציין.

— מיינע וועשטשעס? — האָט שלום איבערגעפרעגט און געענט־פערט: — ביי מיר אין קעשענע.

דער משרת האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אויסגעצויגן אַ לאַנגן „אַ—זוי!“, אַ טורכע געטאָן דעם פורמאַן אין זייט אַריין.

— נו, היידא, מיר פאָרן!

— פאָר געזונט, פאָר געזונט! — האָט דער קאַלעקטאָר געשריגן צו שלומען, נישט באַווייזנדיק אָפּצוזעגענען זיך.

— זייט געזונט, — האָט אים שלום אַן אומעטיקער געענטפערט.

די פערד האָבן אַוועקגעטראָגן דורך פערעיאסלאַווער גאַסן, אַ שטויב האָט זיך אויפגעהויבן. שלום זיצט אויף די פעקלעך, עס וואַרפט אים אין עס גליטשט אים. ער מאַשטשעט זיך און מאַשטשעט זיך.

— פּאַוואָלי, פּאַוואָלי, יונגערמאַן, איר קאָנט נאָך פאַרלירן אייערע וועשטשעס, — האָט דער משרת איינגעמיטן דערזען ווידער אַ ווונק געטאָן מיט זיינע אייגלעך און אַ סמאַרע געטאָן מיט זיין פּלאַטשיקער גאָז. שלום, וואָס עס האָט אים געשלײדערט פון איין זייט פאַיעטאָן צום צווייטן, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן ברוסט און אַ זאָג געטאָן:

— פאַראַן, פאַראַן... די נשמה.

— ע, יונגערמאַן, האָט קיין מורא ניט, די נשמה וועט נאָך אַזוי גיך ניט אַנטלויפן, נאָך ווייניק אָנגעמוטשעט זיך, — און עפּעס אַ במאָר־גע ערנסטקייט האָט זיך צעלייגט אויף זיין פּנים. דער אַרענדער, וואָס איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אַ זאָגט געטאָן:

— מע קאָן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר פון פיש. כאָטש אפילו מע נעמט עס אַרויס פון וואַסער, קאָן עס נאָך אָפּלעבן אַ גוטע פּאָר שעה — און וועט דיר מיט גוטן די נשמה ניט אַוועקגעבן.

— און אַ קאַרעשל — האָט דער משרת אונטערגעכאַפּט — קאָן אַרייגלעבן מי יודע וויפל אָן וואַסער. ס׳מאַכט זיך אפילו אַמאָל, אַז דאָס פישל טאַנצט אויף דער פאַטעלניע, בעת מע פּרעגלט עס. אַ געשמאַקע פיש, אַ מחיה, — האָט ער צוגעגעבן און געקוקט דעם באַלעבאָס גלייך אין פּנים אַריין. און גערעדט געוואָרן איז עס מיט אַזאַ שמים, פון וועלכער עס האָט זיך געלאָזט הערן אַזויפיל געפיל, גלייך ער וואָלט איצטער גערעדט מיטן באַלעבאָס וועגן זיינע אייגענע קינדער. דער באַלעבאָס, וואָס די אויגן זיינע זענען שוין געווען צוריק פאַרמאַכט, האָט ווי פון שלאָף אויסגע־פּראַלט:

— קאַרעש... געשמאַק, אַ מחיה... אַלע פיש זענען געשמאַק. אַ קאַרעש איז געשמאַק, אַ קאַרפּ איז געשמאַק, אַ סאַנדעק איז געשמאַק און אַ העכט איז געשמאַק. יעדער פיש איז געשמאַק. מע דאַרף עס נאָר קאָנען קאָכן.

דער משרת האָט ווידער אַריינגעקוקט דעם באַלעבאָס אין פּנים אַריין און האָט מיט אַ זיס קעלעכל אָפּגעענטפערט:

— מיט דעם, באַלעבאָס, זענען מיר אָן עין־הרע באַזאָרגט. דער באַ־לעבאָסטעס אַ שטיקל פיש איז טאַקע צוקער זיס.

דער באַלעבאָס איז נאָך אַלץ געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן און האָט שטאַרק געכראַפּעט. שלום האָט ניט געהערט זייער געשפּרעך. עס האָט אים געמאַטערט אַ פּאַרדרוס, און ער האָט כמעט חרטה געהאַט אויף דעם גאַנצן פאָרן. ער האָט זיך ערשט אַרומגעזען, אַז זיין צוקונפטיקער תלמיד

אַז מיט אים אין איינע יאָרן און נאָך אפשר עלטער פון אים. וואָס וועט ער אים דערציילן? ער איז געווים אַ צעבאַלעוועטער און צעפּיעשטשעטער בן־יחיד. צי דען וועט ער דאָ, צווישן די אָפּגעפּרעסענע, פאַרטעמפּטע לייט קאָנען פאַרזעצן זיין בילדונג? צי דען וועט ער דאָ באַווייזן צו ברענגען נוצן די אָרעמע קינדער, צוליב וועלכע ער האָט זיך געוואָלט גרייטן ווערן אַ לערער? ער האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין זיינע מחשבות, אַז ער האָט שוין כמעט אויפגעהערט צו פילן, ווי עס וואַרפט אים פון איין קלומעק אויפן צווייטן.

די פערד זענען אַרויפגעפאָרן אויף אַ שטיק וועג, וואָס איז געווען אויסגעזעצט מיט ביימער ביי די זייטן. מיטאַמאָל איז די לופט געוואָרן קילער. דורכגעפאָרן דאָס שטיק וועג אונטער די ביימער, זענען די פערד אַריינגעפאָרן אינעם פּריצישן גוט, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן געמויערטן פּאַרקאַן, וואָס האָט דערמאָנט אין פון לאַנג שוין פאַרגאַנגענע צייטן פון פּריצים, קנעכט און הייזדוקעס. מע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרויס געמויערט הויז, וואָס פון די געזימסן איבער די פענצטער און טירן האָבן אַראָפּגעקוקט פאַרשידענע פאַנטאַסטישע געמעלן פון עקדעשן, קענטאַווורען, מינאַטאַווורען און אַנד. און געווען זענען אָט די דאָזיקע געמעלן אַ געמיש פון פאַרשידענע סטילן, אָנגעהויבן פון טיפן אוראַלט און געענדיקט מיט די איינגלויבענישן פון אוקראַינישע פּויערים וועגן פאַרשידענע כוחות און שרעטעלעך.

דער משרת איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון פאַיעטאָן, אַ שטעל אַוועק געטאָן זיך גאָענט אַנטקעגן דעם אַרענדאַר, וועלכער איז געשטאַנען אויף די טרעפּלעך פונעם פאַיעטאָן, איצט שוין מיט אָפענע אויגן און האָט גלייכגילטיק געקוקט. ער האָט אויסגעצויגן זיינע הענט פאָרויס, דער משרת האָט זיי געשווינד אויפגעכאַפּט, האָט געשיקט אַ נעם געטאָן אונטער די אָרעמס דעם אַרענדאַר, וועלכער איז באַלד געשטאַנען אויף דער ערד און האָט קוים־קוים דערגרייכט ביז דעם משרת אקסל. דער אַרענדאַר איז אַוועק.

— נו, יונגערמאַן, נעמט אייערע וועשטשעס און לאָמיר גיין צו אייך אין צימער אַריין.

אין עטלעכע שעה אַרום איז שוין שלום געזעסן מיט זיין תּלמיד, וואָס איז געווען אויף אַ פּאָר יאָר עלטער פון אים, און געשמועסט. דער תּלמיד, אַן אויפגעלייגטער, אַ צעפרידענער, האָט אים דערציילט וועגן זיין צייטפאַרטרייב. ער איז געשטאַנען לעבן שלומען, געפּאַטשט אים איבערן אַקסל,

גלייך ווי דאָס האָט געטאָן זיין פאָטער דער אַרענדאַר אין פּערעיאַסלאַוו אויף דער אַכסניה.

— איז ווען זשע וואָלט איר מיט מיר אַ גיי געטאָן טאַקע צום גלח אין שטוב אַריין? איי, גיסט ער אין לאָמפּ, אָט דער גלח! און אַז ער גיסט אין לאָמפּ אַריין, איז ער דעמלט אַזאַ גוטער, ווייך ווי אַ מאַלינקע. איז ווען זשע מיינט איר וועלן מיר אונטערגיין צו אים? אָדער אפשר גאָר אַ פאָר טאָן, ווי מיינט איר, ער איז אַ „גאַש בראַט“ אָט דער גלח.

— דאָס איז ביי אייך אַ גאַנצער קאָמפּלעט? דאָס קומט אייך אָן טאַקע יעדער חודש? דער „השחר“? — האָט שלום געפרעגט און האָט זיך אַ שטעל געטאָן פונעם שטול. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּטרייסלען פון אַלע מעשות, וואָס עס האָט אים נאָר וואָס אָנדערציילט זיין רייכער תלמיד, ווען עס גייט גאָרנישט אָפּ. דער תלמיד האָט ווי באַמערקט די אומצופרידנקייט, וואָס האָט זיך געוויזן אויף דעם לערערס פנים, און ער האָט שוין איצטער מיט אַ נידעריקער שטים ווידעראַמאָל גערעדט:

— אַ, דער גלח, ער איז אַ „גאַש־בראַט“. קומט, מיר וועלן אַרייַנגיסן אין לאָמפּ אַריין.

שלום איז געשטאַנען לעבן דער פּאָליצע נישט אויפגעשניטענע און נישט איינגעבינדענע העברעישע און רוסישע זשורנאַלן. ער האָט אַרויסגעצויגן אַ „השחר“:

— אַ, דניאל איש חמודות! ער שרייבט פיין... פאַרשטעלט... מע דאַרף עס קענען פאַרשטיין. יאָ, איר האָט עס נישט געלייענט? ווייזט אַהער אַ מעסער, מיר וועלן אויפשניידן די בלעטער און זעצן זיך לייענען. דאָס איז גאָר טשיקאַווע. — און ער האָט אים איינגערוימט אויפן אויער וועגן דעם, אַז דער דניאל איש חמודות* איז אַ געוויסער ליבערמאַן, אַ סאָציאַליסט.

— ע, לאָזט עס אויף מאָרגן. דערווייל קומט זיך אַביסל דורכגיין. איר זענט ווען געפאָרן אויף אַ קאַנאַפּקעלע? איר זעצט זיך אַוועק, די פיס אויף ביידע זייטן, גלייך ווי איר זיצט אין אַ זאָטל. איר פאָרט גאָר אויף רעדער, נאָר איר רייט. דאָס פערד טראָגט! קומט, כ'וועל הייסן איינשפּאַנען דעם שוואַרצן אָגער, אַ פאָר טאָן טאַקע צום גלח. ער וואַרט מסתמא אויף אונדז.

---

* ליבערמאַנס פסעוודאָנים.

— זאָל זיין אויף מאָרגן.

— אויף מאָרגן? צוליב וואָס אויף מאָרגן? מיר קאָנען מאָרגן און איצטער אויך. ווי זאָגט מען, אינצווייען איז שטאַרקער.

שלום האָט זיך פאַרטיפט אין דעם „השחר“, אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין די נאָך נישט אויפגעשניטענע בלעטער פון בוך.

— נו, איר זענט גאָר דאָ? מע וואַרט דאָך אויף אייך. ס'איז שוין גרייט דאָס עסן, און איר זיצט אַלץ אַזוי פאַרטיפט אין לערנען. קומט עסן. קומט, יונגערמאַן, קומט, לערער, — האָט געזאָגט דער משרת, וואָס איז נאָר וואָס אַריין אין צימער. דער תּלמיד איז באַלד אַרויס, און שלום איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביי דער פּאָליצע און אַריינגעקוקט אין דעם „השחר“.

— וואָס האָט איר דאָרטן אַזויגס דערזען? קומט שוין, ס'וועט נישט אַנטלויפן. ווערליך איך זע אין אייך, האָט איר ביי אייער טאַטן קיין מאָר־ציפאַנעס נישט געגעסן, לאָמיר זאָגן, זיבן מאָל אַ טאָג. און קיין אינדי־קעס, לאָז אייך דאַכטן, האָט דער שוחט נישט געקוילעט כאָטש איין מאָל אין וואָך. אַ געפילט שטיקל פיש מיט אַ פעט געפילט העלדזל איז, ווי איך זע אין אייך, ביי אייך גאָר נישט אַזאַ אָפטער גאַסט.

שלום האָט גאָר נישט געהערט, וואָס דער משרת האָט גערעדט. ער האָט אוועקגעלייגט דעם „השחר“ און האָט זיך געכאַפּט צו אַ צווייטן בוך. דער משרת האָט אים אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל.

— נו, יונגערמאַן, קומט. עס וואַרט אויף אייך דער מיטאָג. האָט קיין מורא נישט, קיינער וועט די ביכער נישט אויסכאַפּן.

ווען שלום איז אַריין אין עסצימער, איז שוין דער עולם געזעסן ביים טיש און געגעסן. דער אַרענדאַר איז געזעסן אויבנאָן, איז געווען פאַרטאָן אין אָפּרייניקן די ביינער פון פיש. מיט אַ באַזונדער אימפעט האָט ער געוואָרפן די ביינער אין אַ צווייטן טעלער. דאָס ווייב האָט אים צוגעוואָרפן אַ חלק נאָך אַ חלק. שלום האָט זיך געזעצט צום טיש. די באַלעבאָסטע האָט אים דערלאַנגט אַ שטיקל פיש.

— עס, לערער, עס דערווייל אויף דאָס, וואָס מע גיט דיר... אגוסטן... עס זאָל זיך חלילה נישט איבערהזרן די שיינע חתונה מיט די פיש. אוי, איז דאָס געווען אַ חתונה... קוים לעבן געבליבן... — האָט זי גערעדט ווי צו זיך אַליין און אונטערגעוואָרפן דעם מאַן נאָך אַ חלק אין טעלער אַריין. דער משרת, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן שלומען, האָט גוטברודעריש אַ זאָג געטאָן צו אים:

— גוטע פיש... אַ מחיה, מיט סכנות. מען מעג זיך ווינטשן אויף אַלע יידישע חתונות...

שלום האָט באַטראַכט זיין באַלעבאָסטע, וואָס איז געזעסן אין אַ צע־ריסן קלייד און געקוקט אַלץ אויף יעדערן, ווי ער עסט, געוואָרפן מיט אירע גרויע אויגן ברוגזע בליקן צו יעדערן אין טעלער אַריין.

— יאָ... אַ חתונה... אַראָפּגעקומען... גיב אים פיש... רק ס'איז אים קאַרג... איין מאָל א חלק, אַ צווייטן מאָל אַ חלק, ס'איז אים קאַרג! — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט און אויסגעצויגן אירע דארע הענט, וואָס האָבן געגלאַנצט פון פעטס. — נו איז עס געווען אַ חתונה, אַז קיין דאָקטער און קיין רופא האָבן נישט געקאָנט העלפן... ער וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן... עס נישט אַזוי גיך, וועסט זיך נאָך דערוועגן מיט אַ ביינדל, — האָט זי זיך געווענדט צום משרת, אונטערגעוואָרפן נאָך צו שטיקלעך פיש דעם באַלעבאָס און דעם זון אין די טעלער אַריין. לעבן זיי זענען געשטאַנען טעלער מיט גאַנץ גרויסע קופּקעלעך סקעלעטן פון פיש.

— שא, נו! — האָט דער באַלעבאָס מפסיק געווען זיין אַרבעט און צוגעגעבן: — אַז מען עסט פיש, טאָר מען זיך נישט איילן. אַ געקאָכטער פיש וועט נישט אַנטלויפן. אַ געקאָכטער פיש איז שוין אַ געכאַפּטער.

מע האָט געגעסן די ווייטערדיקע געריכטן. די באַלעבאָסטע האָט אַלץ געערדט, ווי צו זיך אַליין, וועגן דעם, וואָס עס קאָן זיך טרעפן, אַז מע כאַפּט ביים עסן, און אין דערזעלביקער צייט אַלץ צוגעגעבן אין טעלער. דעם באַלעבאָס און דעם זון. שלום האָט דאָסמאָל גאָר נישט געכאַפּט ביים עסן. ער איז קוים אויסגעזעסן ביזן סוף, געטראַכט וועגן זיין שילער, וועגן זיין באַלעבאָס און באַלעבאָסטע, וועלכע האָט זיך אים אויסגעזען, ווי אַ בייזע שטיפמאַמע.

נאָכן עסן האָט דער באַלעבאָס אַריינגערופן שלומען צו זיך אין צימער, פאַרגעלייגט אים הורכלייענען אייניקע געשעפטס־בריוו און געבעטן אים ענטפערן אויף זיי. אין אַ דערהויבענער מליצה־שפּראַך האָט שלום געענט־פערט אויף די בריוו. דער באַלעבאָס האָט שטאַרק אנגעקוואָלן פון שלומ'ס מליצה. נאָכדעם איז אַוועק אַ רייד וועגן דעם תלמיד.

— לערנען דאַרף מען מיט אים נישט, ער איז אַ חתן. עס קומען אים אָן בריוולעך פון דער בלה, וועסטו אים צוהעלפן ענטפערן. שרייבן שרייבט ער אַפילו אַליין, אָבער ס'איז אים נאָך שווער אַרויסצוברענגען זיינע געדאַנקען, מע דאַרף אים נאָך העלפן. דאָס וועט זיין דיין אַרבעט. און אַ פּאָר מאָל אין חודש וועסטו ענטפערן אויף מיינע בריוו.

טעג זענען געגאַנגען, און שלום איז מיט גוואַלד געוואָרן אַ חבר פון אַ צעפּעשטשעטן און צעבאַלעוועטן רייכן בן־יחיד. ער האָט געדאַרפט מיט אים פטרן דעם גרעסטן טייל פון טאָג, דינגען פאַר אים אַלס אַ פּאַרוויי־לונג אין זיין אומגעלומפּערטן צייט־פאַרטרייב. ביידע זענען געווען נישט צופרידן איינער פון דעם צווייטן: סיי דער לערער, סיי דער תלמיד. אָבער איינס האָט שלום יאָ געפונען ביים אַרענדאַר אין שטוב. דאָס זענען געווען ביכער, וואָס זענען צופעליק אַהער אַריינגעפאַלן. ער האָט דאָ געפונען אַזעלכע ווערק, וואָס האָבן אים מיטגעהאָלפן אויסצואַרבעטן פאַר זיך אַ קוק אויפן לעבן. דאָס זענען געווען די אַרטיקלען אין „השחר", געשריבענע פון די ערשטע יידישע פּאָלקיסטן אין רוסלאַנד.

די זאַך פון שרייבן בריוו פאַר זיין תלמיד צו דער כלה האָט אים ביס־לעכווייז אויך אָפּגעווענדט פון דעם מגושמדיקן, גראָבזונגעריש שטייגער ביים אַרענדאַר. אָט קומט אים אָן אַ בריוו פון דעם תלמידס כלה אויף וועלכן ער ענטפערט.

„אך, מיין טייערער, ליבער חתן, — שרייבט די כלה, — אך, די ליב־טיקע זון איז נאָר איין מאָל אויפגעגאַנגען אויף דעם האָריזאָנט, און דיין שיין, ליכטיק געשטאַלט איז אַלץ ווייט פון מיינע אויגן, און איך קאָן מיין געלוסט נישט אָנזעטיקן, און מיינע געפילן צו דיר ברענען נאָך מיט מער דורשט, זינט מיר האָבן זיך צעשיידט, מיין טייערער און ליכטיקער ענגל! אַלע נאַכט, ווען מיינע אויגן זענען צוגעמאַכט און מיינע ברעמען פאַר־שלאָסן, זע איך דיך פאַר זיך און קאָן זיך גאָר זאַט אין דיר נישט אָנקוקן".

ענטפערנדיק אויף די דאָזיקע בריוו, האָט שלום ראַבינאָוויטש געמאַכט די ערשטע פּרוּוון אַריינצולעבן זיך אין דעם צווייטנס געפילן, אָדער ריכטי־קער, אויסצוגיסן אויפן פּאַפּיר די געפילן, וועלכע ס'האָבן געקאָנט זיין ביי אַ יונגערמאַן צו זיין געליבטער. דאָס זענען געווען די ערשטע פּרוּוון שלום ראַבינאָוויטשעס צו שאַפן פאַר זיך אַ געשטאַלט. אַלץ ווייטער און ווייטער האָט ער זיך אין די בריוו אָפּגעווענדט פון זיין ווירקלעכן שילער און אויס־געמאָלט אים אַזאַ, ווי ער האָט לויט זיין פאָרשטעלונג געדאַרפט זיין אין דער ווירקלעכקייט. ער האָט זיך דאָ דערנעענטערט צום פּראָצעס פון קינסטלערישן שאַפן, פון אויספורעמען אַ געשטאַלט אין דער עפּיסטאָליאַ־רישער פאָרם. אין דעם האָבן אים מיטגעהאָלפן די בריוו פון דער כלה.

גאַנץ אָפט פלעגט זיך שלום פאַרטראַכטן אויף דעם ווייסטן גורל פון דער איידעלער און פאַרליבטער כלה, וואָס האָט אַזוי ליב דעם מגושמדיקן, פאַרטעמפּטן און רייכן בן־יחיד. ווי גרויס איז אָבער געווען זיין אַנטוישונג

וועז ער האָט זיך מיט איר באַקאַנט אויף דער חתונה און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט אפילו נישט געקענט לייענען די בריוו, וואָס ער האָט צו איר געשריבן. יאָ, אירע בריוו האָט אויך געשריבן אַ לערער, וועלכער האָט זיך געפּרוּווט אין זיי שאַפן אַ געשטאַלט פון זיין געליבטער

באַלד ווי דער תלמיד האָט חתונה געהאַט, איז שוין שלום דעם אַרענדאַר נישט געווען נויטיק. ער האָט געמוזט זוכן אַ נייע קאָנדיציע. ער פאָרט אין פאַרשידענע שטעטלעך און גיט שטונדן, ביז ער ווערט איינגעלאַדן פאַר אַ לערער צום אַרענדאַר פון אַ גרעפישן גוט אלימלך לאיעוו.

## אין סאָפּיעווקע

אין סאָפּיעווקע, אינעם גוט, וואָס אלימלך לאיעוו האָט ארענדירט, האָט זיך אָנגעהויבן א ניי לעבן פאר שלומען. עס האָט זיך פאר אים אנטפּלעקט אַ לעבן אָן זאָרג. און נאָך די שטעטלדיקע שווערע קאָנדיציעס, וווּ שלומען איז אויסגעקומען נישט איין מאָל צו הונגערן, צו ליידן דערנידעריקונגען, איז פאר אים אין סאָפּיעווקע געוואָרן א גליקלעך לעבן.

„דאָ האָט ער — ווי ער דערציילט אין זיין „פונעם יאריד“ — געהאט די בעסטע געלעגנהייט נעענטער צו באַקענען זיך מיט דער נאַטור... דאָ איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיר זענען אַ טייל פון דער גרויסער הרויסנדיקער וועלט און אַז מיר האָבן אַלעמאָל געבענקט און וועלן תמיד בענקען נאָך דער מוטער ערד, אַז מיר האָבן אַלעמאָל ליב געהאט און וועלן תמיד ליב האָבן די נאַטור, אַז עס האָט אונדז אַלעמאָל געצויגן און עס וועט אונדז תמיד ציען אין דאָרף אריין....

אין סאָפּיעווקע האָט שלום ראבינאָוויטש געהאט א מעגלעכקייט מיפּער צוקוקן זיך נישט נאָר צו דעם לעבן פון רייכע און זאטע, נאָר אויך צו דעם לעבן פון די אָנגעשטעלטע אינעם גוט, און דער עיקר צו דעם לעבן פונעם פויערטום, וואָס איז דעמלט געווען האַלב פארשקלאפט, האָט געלעבט אין אָרעמקייט און החקות, אין אומוויסן. דאָ האָט ער דערפילט, אַז ער איז אין א סך א בעסערער לאגע פון הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען מענטשן, וואָס ארבעטן פון זון־אויפגאנג ביז זון־פארגאנג און האָבן קוים צום לעבן, וואסער אויף קאשע. ער האָט דערפילט, אז ער איז העכער פון די ארומיקע, מיט וועלכע ער באגעגנט זיך דאָ, און עס האָט זיך אים געוואָלט, אַז אויך זיי זאָלן זיך אַ הייב טאָן און אויסגלייכן זיך מיט אים.

דאָס האָט אָבער נישט געהייסן, אַז ער האָט געוואָלט בלייבן שטיין אויף איין אָרט. ער האָט דעמלט נאָך מער געלערנט, ווי פריער אין דער היים, און האָט געקלערט אַריין אין אוניווערסיטעט.

אָבער נישט בלויז מיט זיך זעלבסט האָט ער זיך דעמלט פאַרנומען, פּונקט ווי זיין פאַרשוין פון זיין ערשטער אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג „צוויי שטיינער“, האָט ער „זיך גענומען לערנען מיט די קינדער פון די אָרעמע אַרבעטנדיקע, וואָס האָבן נישט געקאָנט צאָלן קיין לערער. ער האָט זיך דערצו גענומען מיט זיין גאַנצן כּוח, מיט דער גרעסטער ענערגיע. ער האָט איינגעפירט אַן אָרט שול... האָט דערצו אָפּגעדונגען אַ שטיבל... האָט געלאָזט מאַכן בענק, געקויפט ביכער און האָט געלערנט מיט די קינדער פיר שעה אַלע טאָג. באַלד פון אָנהייב האָט ער געהאַט זעכצן תּלמידים — זעקס יידישע און צען קריסטלעכע“.

עס האָבן דעמלט גענומען אויפשפּראָצן אין דעם יונגן שלום־עליכם'ס באַוווּסטזיין זיין פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיקייט לטובת דעם פאָלק און זי האָט זיך אַלץ מער אַנטוויקלט און צעוואָקסן. עס האָט דאָ אויפגעפלאַקערט זיין ליבע צום פאָלק, זיין אַקטיווע הילף, וועלכע ער האָט זיך געפרוווט געבן אויפן געביט פון דערציונג.

וועגן דעם האָט אונדז שלום־עליכם אין זיין „פונעם יאַריד“ נישט אָנגעוויזן. מיר שטויסן זיך אָבער אויף דעם אָן אין זיין ערשטער דערציילונג „צוויי שטיינער“, וואָס איז געדרוקט אין „יידישעם פאָלקסבלאַט“ אין יאָר 1883, און טראָגט אַן אויסגעשפּראָכענעם אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער.

שלום ראַבינאָוויטש האָט אַריינגעטראָגן אַ שטראָם פון נייעם לעבן, פון מענטשן־ווירדע אין דעם גאַנצן עולם, וואָס האָט געוווינט אין סאָפּיעווקע ביי אלימלך לאָיעוו. עס איז געווען לעבעדיק און מונטער צוליב דעם פריילעכן לערער. קינדער פון די פּויערים האָבן געלערנט אין זיין שול און האָבן דאָס ערשטע מאָל דערפילט אַ ליבלעכע און צערטלעכע באַציונג פון אַן עלטערן, פון אַ לערער, וואָס האָט זיך געהאַלטן מיט זיינע תּלמידים נישט ווי אַ לערער... ווי אַ חבר: אַראָפּגעלאָזט זיך אָפּטמאָל צו זיי אין זייער קליין קינדעריש וועלטל, אַריינגעמישט זיך אין זייערע קינדערישע מחלוקות, גענומען אַן אָנטייל אין זייערע שפּילן... געווען מיט זיי, ווי מע זאָגט, „פּאַן בראַט“... די קינדער האָבן אים ליב געהאַט... „זיי האָבן ליב געהאַט הערן ווי ער רעדט, וואָרעם ער האָט געהאַט... זייער אַ לעבעדיקע,

אַ ליבע שפּראַך און איז געווען אַ בריה אַרייַנצובלאָזן מאָדנע לעבעדיקייט אין יעדער טויטער זאַך".

עס איז קיין ספק נישט, אַז שלום ראַבינאָוויטש האָט געוויס געלייענט די פּאָלעמיקעס וועגן דער קלאַסישער און רעאַליסטישער בילדונג אין דער פּראָגרעסיווער רוסישער פּרעסע. ער האָט דאָ אין סאָפּיעווקע געמאַכט די ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון זייַנע.

„אין די כמעט דרייַ יאָר — דערציילט ער אין „פונעם יאריד" — וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דאָרף, האָט ער אָנגעשריבן אַ סך מער, ווי ער האָט געשריבן נאָכדעם, ווען ער איז שוין געווען אַ שרייַבער און האָט געהייסן „שלום-עליכם" — אין צען יאָר. עס האָט זיך אים קיינמאָל אַזוי גרינג נישט געשריבן, ווי אין יענער צייַט. און געשריבן האָט ער גאַנצע ביכער—גרויסע, האַרצרייסנדיקע ראָמאַנען, שרייַענדיקע דראַמעס, פאַרפּלאָנטערטע טראַגעדיעס און קאָמעדיעס. עס האָבן זיך געגאָסן די געדאַנקען, ווי פון אַ פאַס. עס האָט געשפּרודלט די פאַנטאַזיע, ווי אַ פאָנטאַן, צוליב וואָס דאָס אַלץ איז געשריבן געוואָרן — האָט ער זיך קיינמאָל נישט געפרעגט. קוים איז פאַרטיק געוואָרן ביי אים אַ זאַך, האָט ער דאָס איבערגעלייענט פאַר זייַן שילערין — און ביידע זענען געווען אַנטציקט. ביידע זענען געווען איבערצייַגט, אַז דאָס איז אַ מייסטערווערק, — אָבער נישט אויף לאַנג. קוים איז ער פאַרטיק געוואָרן מיט אַן אַנדער ווערק, אַזוי איז שוין דאָס צווייטע געווען אַ מייסטערווערק און דאָס ערשטע איז געוואָרן בלאַס, אָפּגעבליאַקעוועט, דאָס בעסטע אָרט פאַר דעם איז געווען דער אויוון. און אַזוי איז אַוועק מיטן פייער נישט איין טוץ ראָמאַנען און נישט איין צענדליק דראַמעס...

אַז דער בחור איז געבוירן געוואָרן צו זייַן אַ שרייַבער, — אין דעם איז ביי זיי ביידן נישט געווען קיין ספק. דער לערער מיט דער שילערין האָבן דערפון גערעדט, געפאַנטאַזירט, געבויט די שענסטע לופט-שלעסער. רעדנדיק פון פאַרשידענע פּלענער פון פאַרשידענע ווערק, האָבן זיי פאַרגעסן פון זייערע אייגענע פּלענער..."

אין סאָפּיעווקע איז אויף אייביק געשלאָסן געוואָרן דער בונד צווישן דעם פרייַלעכן, פאַנטאַזירנדיקן לערער סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש מיט דער שילערין זייַנער אָלגאַ לאָיעוו, זייַן צוקונפטיקער פרוי. איבער דרייַ צענדליק יאָר איז זי געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט אים, געמונטערט און באַגייסטערט אים אין זייַנע שאַפונגען, געהאָלפן אים באַשיצן זיך פון די שטו=

רעמס און געוויטערס, וואָס האָבן שטענדיק געלויערט איבער אַ יידישן שרייבער אין צארישן רוסלאַנד.

העכער צוויי יאָר צייט איז סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש געווען לערער אין אלימלך לאָיעווס גוט. אלימלך לאָיעוו איז געווען א טיפּישער פאָרשטייער פון דער אויפגעקומענער יידישער בורזשואַזיע אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. ער האָט זיך באמיט צו זיין געראָטן אינעם רוסישן אדל, האָט קאָפּירט דעם פּריץ, איז אָבער אין דער זעלבער צייט געווען טריי דער אויסגערעכנטקייט און שפּאָרזאמקייט פונעם יידישן סוחר.

ער האָט איגנאָרירט דאָס פאָלק און זיין לעבנשטייגער, ווי יעדער גביר, האָט ער געהאַלטן די אָרעמשאַפט פאַר טויגעניכצן און פוילער.

ער איז געווען פון די, וועגן וועלכע דער דיכטער גאָלדפאַדען האָט געשריבן:

> טראָגט אין מויל שפּינאָזען
> און האָט מורא פאַר אַ רוח.

צום לערער סאָלאָמאָן ראבינאָוויטש האָט זיך לאָיעוו באצויגן מיט אינטערעס. סאָלאָמאָן ראבינאָוויטש איז, אייגנטלעך, געווען ביי אים נישט נאָר א לערער, נאָר אויך אַ קאָרעספּאָנדענט אין זיינע געשעפטן, לאָיעוו האָט געהאלטן פונעם יונגן ראבינאָוויטש און האָט זיך באמיט נישט צו פארלירן דעם גוטן לערער און אָנגעשטעלטן. אָבער ווען אלימלך לאָיעוו האָט זיך דערוווסט, אַז זיין אָרעמער לערער און אָנגעשטעלטער פירט אַ ליבע מיט זיין איין=און=איינציקער טאָכטער, האָט ער אים אכזריותדיק פארטריבן פון שטוב, געוויזן, וואָס אָרעם און רייך באטייט.

## אַרויסגעטריבן

פאר דער צייט, וואָס שלום ראבינאָוויטש איז געווען לערער אין סאָפּיעווקע, האָט ער זיך נאָך מער פארפולקאָמט אין ליטעראַרישע קענטענישן. ער האָט נאָך מער זיך פארטיפט אין די ווערק פון די גרויסע רוסישע קלאַסיקער און פון זיינע גרויסע מיטצייטלער טשערנישעווסקי, ניעקראסאָוו, שטשעדרין, אוספּענסקי און אנדערע קאָריפייען פון דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור. דאָ האָט שלום ראַבינאָוויטש, ווי מיר ווייסן שוין, געמאכט זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון. ער האָט

געשריבן דערציילונגען, דראַמעס, לידער אין רוסיש און פלעגט זיי דער עיקר פאַרלייענען פאַר זיין נייעם פריינד אָלגא לאַיעוו. אָבער זיינע יוגנט־לעבע ליטעראַרישע פּרוּוון אין דער רוסישער שפּראַך זענען אונדז נישט פאַרבליבן.

די פריינדשאַפט פון אָלגא לאַיעוו האָט אַזוי געווירקט אויפן יונגן ראַבינאָוויטש, אַז ער האָט זיך אַפילו פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך אין אַ שטוב פון אַ יידישן בורזשוא, וועלכער קאָפּירט אַן אויפגעקלערטן גראַף. אָבער שלום ראַבינאָוויטש האָט עס אינגיכן דערפילט. און דאָס איז פאָרגעקומען ביי פאַלגנדיקע אומשטענדן.

עס זענען אינעם צימער פון אלימלך לאַיעוו געזעסן ביים טיש די פאַמיליע לאַיעוו, דער לערער סאַלאָמאָן ראַבינאָוויטש און אַן אָנגעפאָרענער גאַסט צו די לאַיעווס, די מומע טויביע פון בערדיטשעוו. אלימלך לאַיעוו איז געווען אויפגעלייגט און, ווי אַלעמאָל, צופרידן פון זיך. ער האָט דערציילט פאַרשידענע מעשות וועגן פאַרשידענע פּאַסירונגען, געלאַכט פון דער וועלט און געוויזן זיין חכמה און קלוגשאַפט. דער עולם האָט געהערט, איז געווען שטיל, האָט געקוקט אויף דעם באַלעבאָס, וואָס האָט נישט געקאַרגט קיין איבערקרימערייען פון די פּערזאָנען, וועגן וועלכע ער האָט דערציילט, און פלעגט אין דער זעלבער צייט נישט פאַרגעסן צו פאַנאַנדערפּיילן זיין באָרד אויף לינקס און אויף רעכטס, ווי ביים גענעראַל סקאָבעליאָוו.

אָבער די מומע טויבע פון בערדיטשעוו האָט נישט נאָר געהערט די מעשות פון איר רייכן קרוב. זי האָט היינט דאָס לעצטע מאָל נאָכגעשפּירט, וויאַזוי עס קוקן זיך איבער דער לערער סאַלאָמאָן ראַבינאָוויטש און זיין שילערין אָלגא לאַיעוו. שוין לאַנג, אַז איר געפעלט נישט, וואָס דער לערער און די שילערין זענען עפּעס צופיל חבר־לאַפּ. נאָך מיט עטלעכע טעג פריער, אין אָוונט נאָכן עסן, איז איר שטאַרק אַריין אין דער נאָז, וואָס זיי שטעלן זיך אַוועק, נעמען זיך פאַר די הענט און זינגען רוסישע לידלעך און אויך יידישע פון גאָלדפאַדנס טעאַטער.

זי האָט נאָכדעם אַ גאַנצן אָוונט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געפרעגט ביי זיך אַליין: וואָס זענען דאָס עפּעס פאַר אַ לידלעך? שוואַרץ־יאָר, בלאָטע! ווער ווייסט, וואָס ס'קאָן זיך דערפון אויסלאָזן! ער קאָן זי נאָך אַרויסגנבענען פון אַ פענצטער, אַוועקלויפן מיט איר ערגעץ אין אַ העק און אָפּשטעלן אַ חופּה! און נאַ דיר נחת פון קינדער, און נאַ דיר אַ גביר'עשאַפט און נאַ דיר אַ יידישער פּאָמעשטשיק! זי האָט אַפילו פאַר־

געדענקט עטלעכע פערזן-שורות פון די לידלעך, וואָס האָבן זי נישט געלאָזט אײַנזיצן:

וואָס טויג מיר גאָלד און זילבער,
אַז דאָס האָב איך אַליין;
שיין איז ביי מיר קיין וואונדער,
ווייל שיין בין איך אַליין.

ער איז טאַקע אַ שיינער, אַ בעריאַק און אַ געראָטענע כלי, אָבער ווי קומט ער צו אַזאַ שטאַנד, צו אַזאַ שפע, צו אַזאַ נגידות, צו אַזעלכע איידעלע לייט! כ'וואָלט זאָגן אַז ער איז אַ קבצן אין די זיבן פּאָלעס, אַ גרויסער אָרעמאַן. ווי זאָגט מען אפילו: אָרעמקייט איז נישט קיין שאַנד, אָבער נישט קיין גרויס שיינדל אויך. ווי קומט אַזאַ קרומע זאַך! ווי קומט תהילים צו קהחות! כ'וויס, אַ לערער אַן אָרעמאַן! מע דאַרף כאָטש דערציילן דעם טאַטן, זאָל ער כאָטש וויסן, וואָס צו טאָן.

און פאַרן אוועקפאָרן האָט זי די געדאַנקען, וואָס האָבן זי נישט געלאָזט רוען, פאַרטרויט איר קרוב אלימלך לאָיעוו. און טאַקע באַלד נאָך איר אוועקפאָרן האָט זיך אלימלך לאָיעוו גענומען אויסצוראָמען דאָס שלעכטס פון זיין שטוב.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען אלימלך לאָיעוו, זיין פרוי און די קינדער אין שטוב נישט געווען, געבליבן איז נאָר דער לערער סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש. שוין צוויי טעג, אַז קיינער רעדט נישט מיט אים, שוין צוויי טעג, אַז קיינער רופט אים נישט צום טיש. סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש איז געזעסן אין זיין צימער ביי אַן אָפענעם בוך. ס'האָט זיך געעפנט די טיר, און עס איז אריין לאָיעווס קוטשער. ער האָט דערלאַנגט סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטשן אַ פּאַקעט.

אין פּאַקעט איז אויסער געלט קיין זאַך נישט געווען. דער קוטשער האָט אים נאָר געהייסן צונויפלייגן די זאכן זיינע, דערלאַנגט אים אַ וואַרעמע בורקע זיך אָנטאָן און געבעטן אים ארויסגיין אין הויף.

אין הויף זענען געשטאַנען אַ פּאָר פערד געשפּאַנט אין אַ שליטן. מע האָט געהייסן דעם לערער אריינזעצן זיך אין שליטן. דאָס האָט באַטייט, אַז דער באַלעבאָס לאָיעוו טרייבט דעם לערער ארויס.

אַ גאָלדענע זון האָט געשיינט איבערן סטעפּ. די פערד זענען גיך געלאָפן איבער דער גלאַנציקער ווייסקייט און געשפּריצט ארום זיך מיט

שטיקער שניי. ס'האָט געפינטלט אין די אויגן, א פאַרדראָס האָט געשטיקט דעם יונגן ראַבינאָוויטש. א ווינט איז זיך פאַרגאַנגען מיט א געוויין, און דאָס וויינען פונעם ווינט האָט זיך געיאָגט און איבערגעיאָגט די פּאָר פערד מיטן שליטן, אין וועלכן עס איז געזעסן דער באַליידיקטער לערער.

## ער גנבעט די „גרענעץ"

א דאַמפער שניידט דורך די גלאַטקייט פונעם דניעפּר. ער האָט זיך, דער דניעפּר, אקאָרשט נישט לאַנג באַפרייט פון זיין ווינטערדיקער איינהילונג, ער איז נאָך נישט אזוי שפּיגלענדיק, אזוי וואונדערבאַר־געמיטלעך, ווי אין א שטילער זומערדיקער נאַכט פון גיקאָליי וואַסיליעוויטש גאָגאָל. דערפאַר טראָגט זיך אָבער איבער אים דער גייסט פון דער יוגנט, פון אייביקער באַנייונג.

דער דאַמפער האָט זיך צעפּייפט, ער איז שוין צווישן דעם אינדזל פון די פישערס און דעם וולאַדימירישן בערגל. דער הויכער בראָנזענער דענקמאָל פון וולאַדימיר דעם הייליקן איז איצט באַגאָסן מיט אַ העלער שיין פון די גרויסע לאָמפּן ארום אים.

ער שטייט, דער געשיקטער מיליטערמאַן פון רוסישן מיטלאַלטער, אין אן אָנצוג פון א פרומען קריסטלעכן מאָנאַך. ער שפּאַרט זיך אָן מיט זיין רעכטער האַנט אויף א גרויסן, אפשר צוואַנציקפוסיקן צלם. לעמפּעלעך לייכטן זיך אינעם צלם און ציען אוועק פון אים א גרינע, אַ בלויע, אַ געלע שיין. און ער טוקט זיך און שפּילט זיך אינעם וואַסער.

געווען אַמאָל א צייט, אמאָל, אמאָל, מיט טויזנט יאָר צוריק. האָט אָט דער דאָזיקער וולאַדימיר מיט דעם נאָמען דער הייליקער געבראַכט מיטן צלם דעם אלף־בית, שריפטלעכקייט די רוסישע פעלקער. אָבער שוין הונדערטער יאָרן, אז אָט דער צלם זיינער איז די שוץ פון פינצטערניש, דער שווערער יאָך פון צאַרישער זדיעקע, די ביטערע לאַסט פון פריצישער, קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָאַטאַציע.

אויף די אַקסלען פון די אַרבעטנדיקע און אַלע פעלקער פון דער רוסלענדישער אימפּעריע הענגט און דריקט אָט דער צלם. מיליאָנען אויסגעהונגערטע, צעבלוטיקטע, צעשעדיקטע פון צאַרישן ווילקיר און פונעם קאַפּיטאַליזם שלעפּן אים אויף זיך, און הונדערטער יאָרן, אַז זיי ראַנגלען

זיך מיט דער גרעסטער העלדישקייט, כדי אַראָפּוואַרפן אים און באַפרייען זיך פון זיין לאַסט.

די פּאַסאַזשירן פונעם דאַמפער האָבן זיך גענומען שטויסן צום אַרויסגאַנג, און עס האָט זיך נאָך מער געלאָזט פילן דער טעמפּעראַטור ריח פון מענטשלעכן שוויים, פון איבערגעפילטן געוואַנט און פון מעקענע. יעדערער שטופּט זיך וואָס גיכער אַרויסצוגיין.

דער יונגער סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל פאַרטיפט אין געדאַנקען, האָט זיך באַלד אַריינגעשטופּט אינמיטן דעם עולם, וואָס האָט זיך געאיילט צום אַרויסגאַנג. ער וועט נישט אַרויסגיין אַליין, ער ווייסט דאָך, עס טאָר נישט טרעטן קיין פוס פון דער יידישער אָרעמשאַפט אויף דער ערד פון קיעוו דער שטאָט. ער ווייסט דאָך, עס קאָן אים באַלד אַ נעם טאָן די פּאָליציי.

סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש האָט אפילו נישט געשווינט זיין העלן זומער־מאַנטל, וואָס ער האָט אויסגעבאָרגט ביי איינעם פון זיינע פריינד אין פּערעיאַסלאַוו. ער ווייסט, זיין פריינד וועט אים דאָס פאַרגעבן: ער האָט זיך דאָך געמוזט ראַטעווען ביים איבערגיין די גרענעץ פונעם יידישן תחום. און וואָס טוט נישט די יוגנט פון דער יידישער אָרעמקייט, כדי צו גנבע־נען אָט די דאָזיקע גרענעץ, כדי פון דעם ענגן, רעכטלאָזיקן, פאַרפינצ־טערטן תחום אַריינשפּאַנען אין דער גרויסער וועלט?

בליץ־שנעל האָט זיך דער יונגער סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש געטראָגן אויף דער ברעג־גאַס, וואָס פירט צו פּאָדאָל. ער וועט זיך נאָר אַריינכאַפּן אין פּאָדאָל, וועט ער שוין דאָרטן קריגן זיין זיכערע סטאַנציע.

אַ פּאָר חדשים איז סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש געזעסן אין פּערעיאַסלאַוו און האָט זיך געראַנגלט מיט עלנט און בענקשאַפט. ער האָט אפילו אין דער היים פאַרגעזעצט זיין שרייבן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אין סאָפּיעוו־קע, אָבער דאָ האָט אים געפעלט יענער פריינד זיינער, וואָס האָט אזוי נאָענט זיך גענומען צום האַרצן די ערשטע פרוון פון זיין שאַפן.

ער שפּאַנט איצטער מיט גיכע האַסטיקע טריט איבער פּאָדאָל, טראָגט זיך דורך דעם מאַרק, וואָס האָט זיך ערשט מיט איניקע שעה צוריק באַפרייט פון דעם באַטאָגיקן האַנדל־וואַנדל, הו־הא. ער שפּאַנט אין אַ זייטיק געסל אויף פּאָדאָל. דאָרטן אין עק געפינט זיך אַן איינשטאָקיק מויערל. ער וועט דאָרטן נעכטיקן און זיך אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי. עס וועט אים אפשר געלונגען אויף לאַנג צו פאַרבלייבן אין קיעוו און

מאכן די ערשטע טריט פון זיין צוקונפטיקער גליקלעכער ליטעראַרישער קאַריערע.

דאָס איינשטאָקיקע מויערל — דאָס איז געווען א יידישע אכסניה מיטן נאָמען „רעב אלטער קאניעווערס סטאנציע“. אָט וועט אונדז שלום-עליכם אליין דערציילן וועגן דער סטאנציע: „דאָ אויף פאָדאָל מעגן יידן וווינען. יידן מעגן דאָרטן וווינען, אָבער חלילה אַלע יידן מעגן דאָרטן זיין? דאָס נישט. דאָרט מעגן זיין נאָר יענע יידן, וועלכע האָבן דערצו וווינרעכט-„פראַוואָזשיטעלסטוואָ“... די אַלע איבעריקע יידן כאַפּן זיך אַהער אַריבער, ווי קאָנטראַבאַנדע, אויף אַ קורצער צייט, און לעבן אין גרויסע פחדים, נאָר מיטן חסד פונעם דוואָרניק און פונעם אָדון דעם נאַדזיראַטעל, אָדער פונעם אָדון דעם פריסטאַוו. און דאָס אויך נאָר ביז א צייט, ביז עס מאכט זיך אן „אָבלאַווע“ — מ׳ז פאלט איבער אויף די יידישע אכסניות אינמיטן האלבער נאכט מיט זשאַנדאַרמען און מיט סאָלדאַטן. אויף זייער לשון ווערט דאָס אָנגערופן: „מע מאכט א „רעוויזיע“... און אַז מע געפינט אזעלכע מינים קאָנטראַבאַנדע-סחורה, דאָס הייסט יידן אָן „פראַוואָזשיטעלסטווא“, פאַרנעמט מען זיי... אין פּאָליציי און מע באַגלייט זיי ארויס מיט גרוים פאראד, דאָס הייסט מע שיקט זיי אָפּ מיטן עטאַפּ, גלייך מיט אלע גנבים, אהיים אין זייערע שטעט, ווו זיי זענען צוגעשריבן.

דאָס האלט אָבער קיינעם נישט אָפּ פון פאָרן אין קיעוו... מע האָט טאַקע מורא פאר „אָבלאַוועס“, נאָר מ׳ז פאָרט. וועגן דעם זאָרגט שוין דער באלעבאָס פון דער סטאנציע, אז די „רעוויזיע“ זאָל אָפּלויפן גלאַט, בשלום און מע זאָל, חס-וחלילה, קיין טריפה סחורה ביי זיי נישט כאַפּן.

וויאזוי? גאַנץ פשוט: דער בעל-אכסניה שמירט אונטער דאָרט ווו מען דאַרף. ער ווייסט שוין פריער, ווען עס דאַרף זיין די „רעוויזיע“, און מע גיט זיך שוין אַן עצה: מע פאַרשטופּט די פּסולע סחורה — וועמען אויף א בוידעם, וועמען אין א קעלער, וועמען אין א קליידער-שראַנק, וועמען אין א קאסטן און וועמען אין אַזאַ מין אָרט, וואָס וועט גאָר קיינעם נישט איינפאלן, אז דאָרטן קען זיין פאַרבאָרגן א לעבעדיקער מענטש... און דאָס שענסטע דערביי איז, וואָס די זעלבע לייט, וואָס ליגן אין אַזאַ מין פאַרבאָרגעניש, אז זיי קריכן ארויס אויף גאָטס וועלט, מאכן זיי הוזק פון דער גאַנצער מעשה, גלייך ווי קינדער האָבן זיך געשפּילט אין באהעלטעניש, און אויפן ערגסטן פאל, טרייסט מען זיך מיט א זיפץ: „עט! מיר האָבן איבערגעלעבט ערגערע צייטן און גרעסערע המנס!“...

סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש „האָט אויף זיין ערשטן אַרויספאָר אין דער

גרויסער שטאָט קיעוו געהאַט די ערע און דאָס פאַרגעניגן צו ליגן מיט נאָך א פּאָר יידן ביי רב אלטער קאַניעווער אויף דער סטאַנציע אויף א בוידעם און כאַפּן א ציטער... און אזוי ווי די רעוויזיע איז געווען א פּלוצלעכע, אן אומגעריכטע, האָבן די זכרים נישט באַוויזן צו כאַפּן אויף זיך, איך בעט איבער אייער כבוד, די תחתונים, און די ווייבער — זייערע אונטערשטע קליידלעך. א גליק, וואָס די „רעוויזיע“ האָט זיך דאָס מאָל גיך געענדיקט, אנישט וואָלטן זיי אויפן בוידעם אויסגעגאַנגען פון קעלט. דערפאַר אָבער — וואָס פאַר א גדולה איז געוואָרן, אַז דער בעל־אכסניה, רב אלטער קאַניעווער, א שיינער ייד מיט א ווייסער באָרד, האָט זיי אַראָפּגערופן פונעם בוידעם מיט אַ מאָדנער שפּראַך צום גראַם:

— יהודים בלאַ! קריכט אַרויס פון שטרוי! געפּאַטערט די שדים, אַראָפּ פונעם בוידעם!...

געענדיקט האָט זיך דער איבערשרעק מיט א גרויסער שמחה. מע האָט דערלאַנגט דעם סאַמאָוואַר און מע האָט געטרונקען טיי מיט טרוקענע בייגעלעך און מע האָט דערציילט נסים ונפלאות, יציאת מצרים, די שמחה איז אָבער באַלד פאַרשטערט געוואָרן דורך דעם, וואָס דער בעל־אכסניה, רב אלטער קאַניעווער, האָט אַרויפגעלייגט אויף אלע זיינע אורחים א מין קאָנטריבוציע, צו אָנדערהאַלבן קאַרבונים אויף א קאָפּ, כדי צו דעקן די הוצאות, וואָס די רעוויזיע האָט געקאָסט“.

## די ערשטע אַנטוישונג

סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש איז, ווי מיר האָבן שוין געזען, געווען באַווירקט און דורכגעדרונגען מיט די פאָרגעשריטנסטע אידעען פון דער רוסישער און יידישער געזעלשאַפט. געווען באַהאַוונט אין דער רוסישער, העברעישער און אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז געווען אויך באַקאַנט מיט פיל איבערזעצונגען פון דער מערב־אייראָפּעישער ליטעראַטור.

ער ווייסט, אַז די יידישע שרייבער פון דער דעמאָקראַטישער השכלה, ווי מענדעלע, ליניעצקי, שאַצקעס, האָבן פיל אויפגעטאָן פאַר די אָרעמע שיכטן פונעם פאָלק. ער שעצט זייער סאַטירע, וואָס האָט געשטורעמט און אויפגעריסן די פעסטונגען פונעם יידישן מיטלאַלטער. אָבער עס ווילט זיך אים, אַז די יידישע ליטעראַטור, די ליטעראַטור פון די נידעריקע שיכטן פון יידישן פאָלק, זאָל אַרויס אויפן ברייטן שליאַך פון דער גאָרער וועלט. און ער אליין וויל זיין צווישן די, וואָס בויען די ליטעראַטור.

עס האָט אים געצויגן אין דער גרויסער שטאָט אריין, ווי עס ציט אַ קינד צו דער שיין פון דער לבנה. אין א גרויסער שטאָט זענען פאראַן גרויסע מענטשן. דאָס זענען די ליכטיקע שטערן, וואָס שיינען אראָפּ צו אונדז אויף דער ערד מיט זייער העלער ליכטיקייט פונעם גרויסן אומענדלעכן הימל־רוים. דאָס זענען די גרויסע משכילים, באַרימטע שרייבער און פון גאָט געבענטשטע פּאָעטן, וואָס זייערע נעמען האָבן אזוי שיין געקלונגען אין די אויערן פון די... יונגיטשקע משכילימלעך, נאַיווע, אומשולדיקע בחורימלעך".

קיעוו — דאָס איז דאָך א שטאָט פון אַ סך שרייבער. מע רופט דאָך זיי די „חכמי קיעוו". מער פון אלעמען האָט אים צוגעצויגן דער נאָמען יהל"ל. ער קען דאָך זיינע פּאָעמעס פון „השחר" אויף אויסנווייניק. נישט איינמאָל האָט ער אַ באַגייסטערטער דעקלאַמירט יהל"ס פּאָעמעס אין דער העברעישער שפּראַך. אָט די פּאָעמעס, ווו עס זענען באַשריבן געוואָרן די ליידן פון דער אָרעמשאַפט און פונעם האָרעפּאַשנעם פאָלק.

יהל"ל וועט אים מסתמא העלפן. ער, סאַלאָמאָן ראַבינאָוויטש, וועט דערציילן דעם דיכטער וועגן אלץ, וואָס עס וויקלט זיך ביי אים אויפן האַרצן. וואָס איז דען זיין לעבן? נישט קיין מאַטעריאַל פאר א פּאָעמע? ציילידט ער דען נישט, ווי די העלדן אין יהל"לס שאַפונגען? אפילו אן אומגליקלעכע ליבע פעלט אים אויך נישט. יאָ, יהל"ל וועט אים געוויס העלפן: ער וועט באַקומען די מעגלעכקייט צו אַרבעטן, און אין דער פרייער צייט וועט ער לייענען אין דער גרויסער אוניווערסיטעטישער ביבליאָטעק, וועט ער שרייבן און וועט פּרווון שיקן זיינע ווערק אין רעדאַקציעס.

אָבער דאָ האָט אים זיין האָפענונג אָפּגענאַרט. אין דער גרויסער שטאָט קיעוו איז סאלאָמאָן ראבינאָוויטש נאָך עלנטער געווען, ווי פריער, נאָך עלנטער, ווי אין דעם קלענסטן דאָרף. די איינוווינער פון דער גרויסער שטאָט האָט ווייניק־וואָס געקימערט, וואָס אויף די גאַסן בלאָנקעט זיך ארום דער פארלוירענער, באַטריבטער, באַליידיקטער סאלאָמאָן ראבינאָוויטש. זיי האָבן אפילו נישט באַמערקט דעם טרויער, וואָס האָט זיך דאָ אין דער שטאָט נאָך מער פארצויגן איבער זיינע שטענדיק פריילעכע, בלויע אויגן.

איינציקע טעג נאָך דער שרעק פון דער אָבלאַווע האָט סאלאָמאָן ראַבינאָוויטש געשפּאַנט איבער די קיעווער גאַסן באַגלייט פון פּחד פאר דער קיעווער פּאָליציי, עס זאָל אים, אשטייגער, נישט אָפּשטעלן קיין רויטער קאָלנער פון א צארישן דערזשימאָרדע און א פרעג טאָן:

— הו, חברמאַן, ווי קומסטו אַהער? ווייז אַקאָרשט אַ קוק טאָן דיין פּאַספּאָרט!

עס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט די סצענע, וויאַזוי דער דערזשימאָרדע וועט מיט טעמפּער זיגערישקייט דורכלייענען די אויפשריפט אויף זיין פּאַספּאָרט:

**Сие вид на жительство действителен в тех местах Российской Империй, где евреям жительство дозволено.**

אָבער די דאָזיקע בילדער האָבן אים נישט אָפּגעשראָקן. צו גרויס איז געווען זיין בענקשאַפט און די שטרעבונג ארויסצוגיין אויף דער ברייטער וועלט.

ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער דיכטער יהל"ל איז ערגעץ אַ קאַסיר ביי בראָדסקין אין אַ מיל אויף פּאָדאָל, און עס איז אים געלונגען אויפצוזוכן די מיל און דעם דיכטער יהל"ל דאָרטן.

„מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און מיט אַ פאַרצאַפּלטער נשמה איז ער אַריבערגעטראָטן די שוועל און אריין מיט גרויס דרך־ארץ אין... חדר'ל אַריין. דאָרט האָט ער געטראָפן דעם באַרימטן דיכטער... דער דיכטער איז געווען, ווייזט אויס, אין זייער אַ הויכער פּאָעטישער שטימונג, וואָרעם ער האָט אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן חדר'ל מיט צונויפגעלייגטע הענט אויפן האַרצן און אויף זיין יונגן פאַרערער כמעט גאָר נישט געקוקט און האָט קוים־קוים געענטפערט אויפן גוט־מאָרגן, מער נישט ווי מיט אַ בייזן קוק פון זיינע קאַסאָקע אויגן. פון בעטן זיצן, אָדער פון נאָכפרעגן זיך, ווער, וואָס, וועמען — איז גאָר קיין רייד נישט געווען. דער נאַיווער פאַרערער איז געווען זיכער, אַז אַלע פּאָעטן זענען אַזוי, אַז אַלעקסאַנדער פּושקין ענטפערט אויך נישט אויף אַ גוט־מאָרגן"....

אָט אַזוי האָט שלום־עליכם מיט זיין פאָלקסטימלעכן שמייכל דערציילט וועגן זיין ערשטן וויזיט ביי אַ שרייבער, וועגן זיינע ערשטע זוכענישן אין דער גרויסער וועלט.

פון סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטשעס פאַנטאַזיע צו קריגן מיטגעפיל ביים דיכטער יהל"ל, צו באַקומען פון אים הילף איז גאָרנישט ארויסגעקומען. ער איז אַוועק פון אים נאָך עלנטער און פאַרצווייפלטער, ווי פריער.

די באַגעגעניש מיט יהל"לן איז פאָרגעקומען אויפן שוועל פון די 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען די צייט, ווען אין די גרעסערע צענטערס פונעם יידישן תחום האָבן זיך די יידישע מאַסן דערוווּסט פון אַ נייעם מין זדיִקע מצד דער צאַרישער רעגירונג און אירע

ש ל ו ם=ע ל י כ ם  בעת ער איז געווען ראַבינער אין לובען
(אָנהייב יאָר 1883).

תליגים. אין אָדעס, אין קיעוו, אין כערסאָן און נאָך אין פיל אנדערע שטעט איז דעמאלט געקומען די ערשטע כוואליע פון יידישע פּאָגראָמען. די יידישע מאסן האָבן, בפועל ממש, דערפילט אויף זייער לייב די צארישע נאַהייקע. פינצטערע אָפּהענטיקייט און רעאַקציע האָט דעמאלט געהערשט צווישן דער יידישער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ. דער גרעסטער טייל פון די געוועזענע יידישע „פאָלקיסטן", צו וועלכע עס האָט אויך געהערט יהל"ל, איז אריבערגעגאנגען אין דעם רעאקציאָנער-נאציאָנאליסטישן לאגער.

יהל"ל האָט זיך דעמאלט ארומגעטראָגן מיט ספקות, האָט זיך דערווייטערט פון זיינע פריערדיקע „פאָלקיסטישע" אָנשווינגען.

אָן עלנטער, שטענדיק אונטערן דרוק פון פּאָליציייאישער נאָכשפּירונג בלאָנקעט ווידער סאלאָמאָן ראבינאָוויטש איבער די קיעווער גאסן. ער זוכט, ער גייט נאָך פּראָטעקציע, ביז עס באגעגנט אים א ווינקל-אַדוואָקאט, וואָס נעמט אים כלומרשט פאַר אַ סעקרעטאר צו זיך אין בעלאָצערקאָוו און נארט ביי אים אויס דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט פארמאָגט.

## ראַבינער אין לובען

ביז גאָר שווער איז דעמאלט געווען שלום-עליכם'ס לאַגע. דער צוקונפטיקער גרויסער קינסטלער, וועלכער האָט זיך דערצויגן אויף די בעסטע טראַדיציעס פון דער רוסישער ליטעראטור און וועלכער האָט אין זיך איינגעזאַפּט די בעסטע טראדיציעס פון דער יידישער ליטעראטור, האָט גאָר קיין אויסוועג פאר זיך נישט געזען. עס איז אוועק א ביסל צייט, און שלום-עליכם האָט געמוזט אָנטאָן אַ מאַסקע פון אַ צארישן טשינאָווניק און פון אַ גאָטס-פארמיטלער. ער ווערט א „קאַזיאָנער ראבינער אין דער שטאָט לובען, פּאָלטאווער גובערניע.

דאָס איז געווען ענדע 1880 יאָר.

„אין לובען, — דערציילט שלום-עליכם'ס אַ פערסאָנאַזש („איבערגעכאַפּטע בריוו"), — שיפט מען זיך מיט פּראָמען איבער דער בלאָטע; קיין חזירים קריכן פון דאָרט נישט ארויס". דאָס איז דעמאלט געווען א שטעטל, וווּ עס האָבן זיך נאָך איינגעהאלטן אלע זיטן פונעם קהל, א שטעטל אַ פארגרעבטס מיט „שווערע, געפּאַקטע, האַרטע יידן מיט לאַנגע קאַפּטאַנעס, פאַרסאַליעטע יאַרמלקעס, גראָבע פולע קעשענעס, ליידיקע קעפּ, פארגאָסענע הערצער, אָפענע מיילער, שווערע צונגען, פעטע בייכלעך, גע-

דיקטע פּיאות, אָנגעשוואָלענע זעק"; אַ שטעטל אין די ווייטסטעווינקלעך פון תּחום, אין וועלכע עס האָבן נאָך נישט אריינגעדרונגען די „שטראַלן פון דער ציוויליזאַציע". דערפאַר אָבער זענען דאָרטן געווען פיל רייכע, פאַנאַטישע יידן, וואָס האָבן תּכלית-שנאה פיינט געהאַט יעדן רמז פון אויפקלערונג און יעדן פרווו פון רעפאָרם פון יידישן לעבן. גאַנץ אָפט פלעגט מען לאָזן אין גאַנג פעטש. דער גורל פון דער דעמאָקראַטיע איז געלעגן אין די הענט פון א פאָר שטעטלדיקע תּקיפים, גראָבע יונגען.

באַזונדערס שלעכט איז אין לובצן געווען אוועקגעשטעלט די דערציונג פון די אָרעמע קינדער. קיינער האָט זיך פאַר זיי נישט געזאָרגט. אין די לערן-אַנשטאַלטן פאַר אָרעמע קינדער, וואָס האָבן געהייסן תּלמוד-תּורות, האָבן געאָרודעוועט לערער (מלמדים), עם-הארצים, וואָס זענען אָפּגעקומען בלויז מיט שלאָגן די קינדער. „די חדרים — שרייבט גמליאל בן פּדהצור (שלום-עליכם'ס אַ פּסעוודאָנים) — געפערלעך... מיסט, בלאָטע... נישטאָ קיין לופט... געפערלעך בשעת כאָליערע... מלמדים פּרוסטע, נאָר גראָבע יונגען... מע קאָן קיין עברי נישט. מע לערנט גמרא...".

ווי אַנדערע שטעט און שטעטלעך פונעם יידישן תּחום, האָט אויך לובצן געהאַט איר דעה-זאָגער, פאַר וועלכן די יידישע באַפעלקערונג האָט געציטערט אימת-המות. דאָס איז געווען איינער א. נ. קאַהאַן, וועמען שלום-עליכם האָט שפּעטער סאַרקאַסטיש אָנגערופן דער כּוהן-גדול.

אין זיינע „איבערגעכאַפּטע בריוו" האָט שלום-עליכם נישט אָן צאָרן געפרעגט ביי זיינע לובענער: „וואָס מאַכט עפּעס דער אַלטער הינער-פרעסער, דער כּוהן-גדול מיט דער גאַנצער משפּחה, די גילדענע פאָן? ער שפּילט נאָך היינט אויך דאָ ביי אייך א ראָלע פון אַ שטיקל צדיק און רייסט די הויט ביי די אומגליקלעכע אָרעמעלייט?" אַ גרויסער טייל פון די לובענער גאָטס סטראַפּטשעס האָבן זיך פּשוט פאַרנומען מיט וואָכעריי, גענומען פראָצענט אויף פראָצענט. דאָס גאַנצע שטעטל איז ביי זיי געווען פאַרשקלאַפּט און האָט געמוזט אונטערוואַרפן זיך זייער ווילן, ווען נישט, וואַרפט זיי אַזאַ מין כּוהן-גדול ארויס פון די הייזער, פאַרקויפט זייערע בעבעכעס, זייער נישטיקן האָב און גוטס.

דאָ אין לובצן האָט זיך שלום-עליכם אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד אָט דעם „כּוהן-גדול", וועלכער פלעגט ארויסטרעטן קעגן זיינע אַלע אונטערנעמונגען אויפן געביט פון גרינגער מאַכן דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דער יידישער אָרעמקייט, פון פאַרבעסערן איר לעבנס-שטייגער און פון פאַרווו פאַרוועלטלעכן די דערציונג פון אירע קינדער.

און כאָטש די יידישע דעמאָקראטיע פונעם שטעטל האָט באלד דערפילט די פריינדלעכע באציונג צו זיי מצד דעם ראבינער ש. ראבינאָוויטש, האָבן זיי אָבער פאָרט נישט געקענט גיין מיט אים. דאָ האָט דער עיקר געשפּילט א ראָלע דאָס, וואָס די אָרעמשאפט איז געווען עקאָנאָמיש אָפּהענגיק פון די וווכערניקעס, און שלום-עליכם האָט דאָ דערזען באשיינפערלעך, וויאזוי די יידישע מאסן זענען פארקנעכט ביים רובל.

עס פארשטייט זיך, אז אין לובען האָט שלום-עליכם געהאט די סאמע בריימסטע מעגלעכקייטן נאָך מער זיך — צוצוקוקן צו דעם עקאָנאָמישן און גייסטיקן צושטאנד פון די יידישע פאָלקס-מאסן, צו די קלאסן-ווידערשפּרוכן אין דער יידישער סביבה, דאָ איז נאָך מער רייפער געוואָרן זיין ליבע און איבערגעבנקייט צו די יידישע פאָלקס-מאסן, דאָ האָט נאָך מער און מער זיין הארץ געווייטיקט פאר זיי, פאר זייער אומווויסן, און אומבאוווסטזיין, פאר זייער קלעגלעכן מאטעריעלן צושטאנד. אין לובען איז נאָך מער שארפער געוואָרן זיין שנאה צום יידישן וווכערניק, צו די טרעגער פון פאנאטיזם.

שלום-עליכם האָט שוין פריער געהאט א מעגלעכקייט צו באַגעגענען דעם יידישן מאָדערנעם בורזשוא, וועלכער האָט זיך כלומרשט פאָרגעשטעלט פאר דעם פאָרגעשריטענעם פארשטייער פונעם יידנטום. ער האָט געזען זיין פארגרעבטקייט, נישט געקוקט אויף זיין מאָדערנעם אויסזען, וואָס איז שוין גאָר נישט געווען ענלעך צו דעם אויסזען פון אַ יידישן וווכערניק, און איז שוין געגאנגען אייראָפּעיש געקליידט. אין לובען האָט זיך שלום-עליכם נעענטער באגעגנט מיט דעם דאָזיקן עולם. „עס געפינט זיך שוין (אין לובען. או. פּ.) אַ יונגערמאן הער וועניאמין, וואָס שרייבט אויס א רוסישע צייטונג „רוס“... ער לייענט די צייטונג אין בית-המדרש פאר אַלע יידן... ער איז טאקע באמת זייער א געבילדעטער יונגערמאן; ער האָט זייער א שיינעם סערדעט (ראָק), אויף זיין לעבן האָט ער איבערגעלייענט עטלעכע נומערן פון דער צייטונג „לוטש“... ער קלייבט זיך איינגיבן אריינשרייבן א קאָרעספּאָנדענץ אין „רוס“, נאָר ער האָט נאָך נישט צענויפגעקליבן קיין מאטעריאל פון פרעמדע קאָרעספּאָנדענציעס...“

אָט אזוי האָט אויסגעזען א לובענער יידישער מאָדערנער בורזשוא, ווען שלום-עליכם איז דאָרטן געווען ראבינער. אָט דער פּארטרעט איז מער ווי נאָענט צו דער ווירקלעכקייט.

שלום-עליכם האָט זיך אָבער אין אלגעמיין געפילט אויף זיין ראבינער-שטעלע עלנט און פרעמד, אפילו אויך פון זיינע נאָענטע חברים...

„אַ רעכטער מענטש, — האָט איינער פֿון זיי געזאָגט, — טאָר אים איצט די האַנט נישט געבן... דערפֿאַר וואָס ער איז אַ ראַבינער, און אַ ראַבינער איז אַ צבֿועק, אַ היפּאָקריט, אַ טעלערלעקער ביי די נגידים און אַ משיגאָזוניק ביי דער רעגירונג".

די גבירים און די קהל=פֿאַרזאָרגער פֿון לובען האָבן באַלד גענומען העצן קעגן זייער ראַבינער סאַלאָמאָן ראַבינאָוויטש. זיי האָבן נישט געקענט פֿאַרטראָגן דעם „געגאָלבעטן" (געבילדעטן) ראַבינער אין די „פּאַנסניץ" און מיט די לאַנגע האָר אויפֿן קאָפּ.

נישט איין מאָל איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן דעם שווינדל פֿון די חסידישע רביים, וואָס פֿלעגן באַזוכן דאָס שטעטל לובען און אויסנאַרן ביי די אָרעמע יידישע פֿאָלקס=מאַסן זייער לעצטן פֿאַרהאָרעוועטן גראָשן. די לובענער גבירים האָבן נישט געקענט דולדן דעם ראַבינער, דעם אפּיקורס, וואָס גייט אָן אַ היטל און עסט אָן אַ היטל, וואָס קלייבט אויף די יונגט ביי זיך אין שטוב, גיט זיי רוסישע און העברעישע טריף=פּסולע, ריידט מיט זיי וועגן „מעשה=בראשית" און לייקנט אין די גרונט=פּרינציפּן פֿון יידישקייט, ווי עס שטעלן זיך פֿאָר די חסידים און די גאָטס=סטראַפּטשעס.

דער ראַבינער סאַלאָמאָן ראַבינאָוויטש דערלאָזט נישט צו העכערן דעם שטייער אויף פֿלייש און פֿאָדערט, אַז פֿון דעם אויפֿגעזאַמלטן געלט פֿון דער „טאַקסע", זאָלן איינגעאָרדנט ווערן אַ שפּיטאָל פֿאַר אָרעמע קראַנקע, אַ באָד, אַ שול, ווו די אָרעמע קינדער זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו לערנען אויך וועלטלעכע קענטעניש, די רוסישע שפּראַך און אַ מלאָכה.

די גאָטס=סטראַפּטשעס און די קהל=פֿאַרזאָרגער באַמיען זיך אויפֿרייצן קעגן אים די באַלמעלאָכעס און די אָרעמע שיכטן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין לובען. אָבער דער אויטאָריטעט פֿון דעם געבילדעטן ראַבינער איז אַלץ מער געוואָקסן צווישן דער אָרעמשאַפֿט.

ביי דריי יאָר איז שלום=עליכם געווען אַ ראַבינער. ער איז אַליין אוועק פֿון זיין אַמט. ווייל ער האָט נישט געוואָלט מער פֿאַרנעמען אָט די שטעלע. די לובענער גבירים און גאָטס=סטראַפּטשעס זענען געווען ביז גאָר צופֿרידן, וואָס שלום=עליכם איז פֿון זיי אוועק.

אין „די וויבאָרעס" (דאָס צווייטע בעלעטריסטישע ווערק שלום=עליכם'ס, וואָס טראָגט ווידער אַן אויסגעשפּראָכענעם אויטאָביאָגראַפֿישן כאַראַקטער) זעען מיר באַשיינפּערלעך שלום=עליכם'ס באַציונג צו די פֿאָלקס=מאַסן און די באַציונג פֿון די פֿאָלקס=מאַסן צו אים.

אָט איז א געשפּרעך פֿונעם קהל־פֿאַרזאָרגער און בעל־מאַכע צדוק מיט די באַלמעלאָכעס פֿון שטעטל:

—„ברידער! איך זע, אַז איר ווילט נאָך דעם אַלטן ראַבינער, דעם אַפּיקורס, וואָס שרייבט אויף גאַזעטן און גייט אָן א היטל... איך זע, אַז דער שייגעץ האָט אייך ווייטער איבערגערעדט. זאָג איך אייך, אַז איר וועט אים אויסקלייבן, וועט איר חרטה האָבן: איר דאַרפֿט וויסן, ווער איר זייט, איר זייט קליינע מענטשעלעך, און דאַרפֿט וויסן, ווער עלטער איז, און וואָס האָט איר אַזעלכעס דערזען אין דעם אַפּיקורס, וואָס איר שטייט פֿאַר אים.

— האָט מיר קיין פֿאַריבל, ר' צדוק, וואָס איך וועל אייך זאָגן, — האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון דער מאַסע א גרייזגרויער באַלמעלאָכע, — דער אַלטער ראַבינער האָט ביי אונדז פֿאַרדינט, מיר זאָלן אים שטיין אין זיינע נויטן. ער מעג זיך זיין וואָס ער וויל, וועלן מיר פֿאַר זיינע זינד נישט אָפּקומען. קיין שלעכטס האָט ער דערוויל נישט געטאָן קיינעם, און ווען נישט ער, וואָלטן אונדזערע קינדער עד־היום געגאַנגען בטל, און די אָרעמע קראַנקע וואָלטן זיך אַלץ געוואַלגערט אין גאַס ווי אַמאָל... ניין!“

לכתחילה האָט זיך ראַבינאָוויטשן געדוכט, אַז אויף דער ראַבינער־שטעליע וועט ער קענען מיטווירקן צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, אָבער אין א קורצער צייט אַרום האָט ער זיך איבערצייגט, ווי נישטיק און אפֿילו ווי שעדלעך עס איז זיין ראָל. ער האָט דערזען, אַז זיינע פּרייִדיקונגען און רעדעס וועגן די ליידן פֿון די פֿאָלקס־מאַסן ווערן אויפֿגענומען פֿון די שטאָטישע קהל־פֿאַרזאָרגער אָן קיין שום אינטערעס, אַז אין בעסטן פֿאַל רעאַגירן די גבירים אויף זיינע פּרייִדיקונגען בלויז מיט אַ געמאַכטן זיפֿץ. וואָס פֿאַר א פּרוווו ער זאָל נישט אונטערנעמען צו העלפֿן די אָרעמע יידישע מאַסן, מוז עס אומפֿאַרמיידלעך דורכפֿאַלן.

אין דעם ערשטן יאָר פֿון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, 1883—1884, האָט שלום־עליכם אויסער אַנדערע ווערק אָנגעשריבן „די וויבאָרעס“ און די פּאָעמע „די יידישע מעשינאָוויקעס“, וו ער ווייזט, וויאַזוי די קהל־פֿאַרזאָרגער מיט דער הילף פֿון די ראַבינערס שינדן די הויט פֿון דער יידישער אָרעמשאַפֿט.

ביי דעם הויפּט־פּערסאַנאַזש פֿון דער פּאָעמע „יידישע מעשינאָווני־קעס“, ביים וואַסער־פֿירער מיכל פֿון דער „יידישער גאַס“, שטאַרבט דער

פאָטער. די חבֿרה־קדישא בעט אַ געוויסע סומע ביי מיכלען. אויב ער וועט זי נישט אַריינטראָגן, וועלן זיי דעם פאָטער זיינעם נישט מקבר זיין.

פון האָבער אַ זאַק האָט מיכאָעל געכאַפּט
און האָט אַהין געפּאַקט, וואָס ער האָט דערטאַפּט:
אַ קאָלדרע, צוויי ציכלעך, כלה־מתנות
א סידור, דריי ביכלעך — דעם חתונס שלח־מנות.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס ביסעלע גרעט צוזאַמען מיטן קיטל,
(ניט לאַנג געקאָסט בלוט!) דאָס שבתדיקע היטל,
אַ קאַפּאָטע אַ צעריסן, אַ יופּע מיט לאַטעס,
אַ פּאָר הענטשקעס צעביסענע... און נאָך אַזעלכע שמאַטעס.
דאָס אַלס מיטן טלית אַ פּעקל געמאַכט
און דעם גאַנצן דלות „צום גבאי געבראַכט.

פאַר דעם גבאי פון דער חבֿרה־קדישא איז דאָס אָבער ווייניק. ער דאַרף מזומן געלט, עס געפעלן אים נישט די משכנות. ער נעמט עס כלומרשט נישט פאַר זיך, ער זאָגט פאַר אָרעמעלייט און פאַר זייערע קינדער, וואָס גייען באָרוועס. דער וואַסער־פירער ווײנט ביטער און פּועלט קוים ביים גבאי, ער זאָל הייסן גראָבן דעם קבר, אָבער כדי מקבר צו זיין זיין פאָטער, מוז נאָך מיכל אויפקלייבן די לעצטע גראָשנס, וואָס זיינען אים פאַרבליבן, און אָוועקטראָגן צום ראַבינער.

פונעם גבאי איז אונדזער העלד צום ראַבינער אַוועק...
צום ראַבינער דאַרף מען געלט; אויס משכנות — אַן עק!
אָן א היטל איז מיכאָעל צום ראַבינער צוגעטרעטן:
(דער אויבערשטער רפאל האָט דאָס אים אַזוי געבעטן!)
נעמט... אדוני־קיניג! איך וועל אייך נאָך דאַנקען באַזונדער.
— אַ קערבל איז ווייניק... איך בין אַ מטופל מיט קינדער!...
— מיין ליבער, האַרציקער ראַבינער! האָט מיר קיין פאַריבל:
איך וועל אייך ברענגען אַ פּאָר הינער... נעמט דערווייל דעם רובל!

אָט אַזוי האָט שלום־עליכם, מאַכנדיק זיינע ערשטע, נאָך נישט אינגאַנצן רייפע, ליטעראַרישע טריט אין יידיש, געוויזן די ראָל פון די

ראַבינערס — די יידישע משׂינאָוניקעס אינעם לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אינעם צאַרישן רוסלאַנד. די „יידישע משׂינאָוניקעס“ איז א סאַטיריש ווערק, וואָס איז געשריבן אין גייסט און אין דער פאָרם פון דער יידישער דיכטונג פון די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן.

אין יאָר 1883 אין אויגוסט, חודש האָט שלום־עליכם פאַרלאָזן זיין ראַבינער־שטעלע און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער ראָלע צו זיין א שתדלן ביי דער יידישער בורזשואַזיע און ביים צאַריזם.

אין יאָר 1888, ווען שלום־עליכם איז שוין געווען א באַוווסטער שרייבער, האָט ער אין זיין אייגאַקטער „די אסיפה“ אויסגעלאַכט די מאכטלאָזיקייט פון די ראַבינערס און זיינע אייגענע פרוון צו ווירקן אלס ראַבינער אויף די קהל־פאַרזאָרגער און גאָטס־סטראַפּטשעס, זיי זאָלן באַטש מיט עפּעס־וואָס מיטהעלפן די אָרעמע יידישע פאָלקס־מאַסן צו פאַרגרינגערן זייער ביטערן גורל.

„...קיין פרנסה איז נישטאָ. מע שלאָגט, מע יאָגט, מע רייסט, מע בייסט, מע סיפּעט, מע ציפּעט, — ס'איז שלעכט! מענטשן פאַלן אין די גאַסן, מע גייט אויס פאַר הונגער, נעבעך. אומעטום, אין אַלע ערטער, האָבן זיך געפונען, ווי ס'איז אייך באקאנט, מענטשן אָרנטלעכע, געביל־דעטע מענטשן, הומאנע מענטשן, מענטשן, וואָס זאָרגן לטובת הכלל, מענטשן, וואָס טוען זייער פיל פאַר זייערע אָרעמע, יעדער העלפט ווי ווייט מעגלעך, מיט וואָס ער קען. מע מאַכט אסיפות. מע קלייבט געלט, מע טיילט צדקות — הכלל, מע טוט, מע אַרבעט, מע שלאָפט נישט“.

אָט מיט אַזאַ שעפּעליאַווער שפּראַך האָט שלום־עליכם געקאָנט פאַרטיידיקן די אָרעמע יידישע מאַסן פון דער יידישער בורזשואַזיע דעמלט, ווען ער איז געווען ראַבינער.

## זיך ווידער באַגעגנט

אַ פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד האָט אָלגא לאיעוו נישט באַקומען קיין בריוו פון איר געליבטן סאַלאָמאָן ראַבינאָוויטש. אַ פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד האָט סאַלאָמאָן ראַבינאָוויטש געשריבן צו זיין געליבטער אָלגא לאיעוו, און זי, אָלגא, האָט נישט געוווסט, אז סאַלאָמאָן ראַבינאָוויטש שרייבט איר בריוו און אז דער באַטאַטער פון דער נאָענטער פאָסט־סטאַנציע גיט זיי איבער איר פאָטער אלימלך לאיעוו. זי האָט נישט געוווסט אז איר פאָטער

לייענט די בריוו, ווערט אין כעס, שפּייט אויס, צערייסט זיי און וואַרפט אַרויס די צעריסענע שטיקלעך פּאַפּיר.

עס זענען אַריבער דריי יאָר — 1880—1882.

צוויי חברים האָבן זיך געצויגן איינער צום צווייטן, געבענקט און אָפטמאָל אַפילו באמת זיך פאַרגעסן איינער דעם אַנדערן. צוויי חברים זענען געווען באַליידיקט איינער אויפן צווייטן, פאַרוואָס איז מען אַזוי ווייט געוואָרן, און יעדערער האָט ביי זיך אין האַרצן געטראָגן אַ פאַר־דראָס: פאַרוואָס האָט דער חבר אין מיר פאַרגעסן?

דעמלט האָט דער יונגער שרייבער שלום־עליכם אָנגעשריבן אַ ליד אויף אַ מאָטיוו פונעם באַוווּסטן העברעישן דיכטער יהודה־לייב גאָרדאָן, געווידמעט דעם גורל פון דער יידישער פרוי. און אָט וואָס פאַר אַ פערזן מיר געפינען האָרטן וועגן דער דעמלטיקער שטימונג פון שלום־עליכם'ן:

איך געדענק דיין געוויין, דיינע ביטערע טרערן,
(כאָטש פון מיר האָסטו דאָך זיי תמיד פאַרבאָרגן...)
קיינער האָט נישט געוואָלט דיינע טענות אויסהערן:
אַלע האָבן געוואָלט דיין תכלית פאַרזאָרגן!...
צי דו ווּעסט האָבן אַ מאַן אַ גוטן צי אַ שלעכטן,
דאָס האָבן דיינע עלטערן נישט געוואָלט קלערן:
דיין פאָטער האָט געזוכט אַ מחותן אַ רעכטן,
און דיין מוטער האָט געוואָלט אַ שוויגער שוין ווערן.

עס איז געקומען דאָס יאָר 1883. אלגא לאָיעוו און סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש האָבן זיך ווידער באַגעגנט, און דאָס מאָל האָט זיי שוין קיינער נישט געקאָנט צעשיידן. אין יאָר 1883, דעם 12־טן מאַי איז אין קיעוו, אינעם הויז פון ראַבינער צוקערמאַן פאָרגעקומען זייער חתונה. דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט זיך צוערשט באַזעצט אין סאָפּיעווקע, אין שפּעטער אין דער שטאָט בעלאַצערקאָוו.

די חתונה איז, ווייזט אויס, פאָרגעקומען אָן דער הסכמה פון די לאָיעווס.

וועגן דעם דערוויסן מיר זיך פון דעם פּלאַן פון שלום־עליכם'ס קינסטלערישער אויטאָביאָגראַפיע „פונעם יאריד", וווּ עס געפינט זיך דאָס קאַפּיטל פון אַ קאַפּיטל „דער העלד גנבעט אַרויס די פּרינצעסן".

מאַטעריעל איז אָבער דאָס יונגע פּאָרפּאָלק דאָס ערשטע יאָר נאָך זייער התונה געווען איינגאַנצן אָפּהענגיק פון אלימלך לאָיעוו. דאָס האָט שווער גערדריקט אויף זייער מאָראַלישן צושטאַנד. דאָס זיצן אויף קעסט האָט דערגידערקט שלום־עליכמ'ען אין זיינע אויגן.

שלום־עליכם'ען איז געווען ביז גאָר שווער צו פירן א שטייגער פון א סטאַטעטשנעם רייכן איידעם אויף קעסט: דאָס איז זיין שווער נישט אָנגעשטאַנען, וואָס ער שרייבט אין די בלעטער, דאָס איז אים נישט אָנגעשטאַנען, אַז זיין איידעם זאָל זיין אויף א שטעלע ביי אַזעלכע, וואָס שטייען אין זייער פאַרמעגן נידעריקער פון די בראַדסקיס. דער שווער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל. „איבערצודערציען", אַזוי צו זאָגן, שלום־עליכם'ען אויף זיין שטייגער און דערפירן אים צו זיין גראַד. דאָס רוב האָט שלום־עליכם געמוזט גיין קעגן זיינע טיפסטע איידלסטע געפילן און אונטערגעבן זיך דעם שווער, וועלכער פלעגט אים אויסצייל. אויף דער הוצאה און נישט לאָזן אים פאַרנעמען זיך מיט דער באַשעפטיקונג, צו וועלכער ער איז געווען מער צוגעפּאַסט, ווי אַשטייגער מיט ליטעראַטור.

אלימלך לאָיעוו האָט טערעטירט די אָרעמע קרובים שלום־עליכם'ס, האָט זיי נישט געקענט סובל זיין און אַפילו נישט אַריינגעלאָזן זיי צו אים אין שטוב אַריין. און דאָס האָט אויך אַרויסגערופן קאָנפליקטן צווישן דעם שווער און דעם איידעם.

די קרובים אָבער האָבן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז שלום, זייער גוטער, ליבער און חברישער שלום, וועלכער איז מיטאַמאָל רייך געוואָרן, זאָל זיי נישט העלפן אין אַן עת־צרה. און דער ברודער עליע האָט אויך אנדערש נישט פארשטאנען און פלעגט טאקע יעדן נויט־באַדערפטיקן קרוב שיקן צו שלומען זיין ברודער. אָבער שלום האָט גאָרנישט געקאָנט העלפן, ווייל ער איז אַליין געווען אויף לאַסקע־ברויט ביי זיין שווער.

ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם צער פון זיינע אָרעמע קרובים, וועלכע ער איז געווען געצוווּנגען אָפּצוזאָגן און פארשעמען. און ער האָט א צעבראָכענער און פארצווייפלטער געמוזט ווענדן זיך צו זיין ברודער עליע מיט א בריוו:

„ווי אַ ביטערער און נויטבאַדערפטיקער מענטש, שיקסטו צו מיר, איך ווייס נישט, צו וואָס און פאַר וואָס!

רב לייזער דעם פעטער ניסלס איידעם איז געקומען צו מיר... פון דער געבענטשטער שטאָט וואַראַנקאָוו, מיט א בקשה, איך זאָל אים געבן א שטעלע; און אויף מיין פראגע, ווער האָט אים געשיקט אהער, האָט ער מיר געענטפערט, אַז דו האָסט אים געזאָגט, אז איך בין, גאָט צו דאַנקען, אַ גרויסער גביר, און דעריבער בין איך בכוח אַריינצונעמען אים אויף איינער פון די שטעלעס, אאוו. ווי אַ פאַרווונדעטער בין איך געשטאַנען, געקוקט אין פּנים אריין און געטראַכט ביי זיך אין האַרצן: „וואָס עם האָט זיך מיר געחלומט נעכטן און אייערנעכטן — זאָל פאַלן אויף די שונאים קעפ...!“

און ווייטער דערציילט שלום־עליכם אוים פאר זיין ברודער זיין ביטערע לאַגע אין זיין שווערם הויז.

„וואָס זאָל איך טאָן, ברודער, — שרייבט ער,— אז ביז היינטיקן טאָג איז דיר נישט באַוווּסט מיין לאַגע ביי מיין שווער אין שטוב... אין ווען איך זאָל איצט קומען צו מיין שווער בעטן א שטעלע פאַר איינעם פון מיין משפחה, וואָלט ער מיר זיכער אָפגעזאָגט...“

באַזונדערם האָט שלום־עליכם'ן געקרענקט, וואָס דער שווער האָט אויף אים אַזויפיל געדריקט, אַז ער האָט נישט געקענט אויפנעמען זיינע קרובים ביי זיך אין שטוב. „אַחוץ וואָס דו האָסט גורם געווען, — שרייבט ער ווייטער,— אַז דער אויבנדערמאָנטער רב לייזער זאָל פאַרלירן אומזיסטע הוצאות, האָט ער נאָך געהאַט א היפש ביסל שפיכת־דמים, ווייל ער איז געקומען צו מיר אין אן אומגליקלעכער שעה, בעת מיין שווער און שוויגער זענען געווען ביי אונדז און א שווערער קאַמף איז פאָרגעקומען צווישן אונדז וועגן אונדזער שלעכטער און ביטערער לאַגע, וואָס דו וועסט עם גאָר נישט פאַרשטיין, און דעריבער בין איך געווען געצוווּנגען צו רעדן מיט אים אין הויף, ווי מיט עפּעס א שלעפּער, אזוי ווי ער וואָלט נישט געווען קיין לייבלעכער קרוב צו מיין פאָטערס משפחה“.

אָט די האָזיקע ווערטער דערציילן אונדז דעם טראַגיזם פונעם יונגן שלום־עליכם, וואָס איז געוואָרן אַ „געפאַנגען קינד“ צווישן פרעמדע, וועלכע האָבן אים מיט גוואַלד אָפּגעריסן פון אַלץ און פון אַלעמען, וואָס זענען אים געווען ליב און טייער, פון דאָס אַלץ, וואָס האָט אים פאַרשאַפן נאַטירלעכע, אמתע פרייד און לייד.

„און כדי דו זאָלסט אויך פאַרשטיין — דערציילט שלום־עליכם — כאָטש וויפל עס איז פון אונדזער לאַגע, וועל איך דיר זאגן קורץ און

שאַרף, אַז איך וואָלט געווען אײנער א גליקלעכער אויף דער וועלט, ווען איך זאָל קאָנען געפינען פאַר זיך עפּעס א שטעלע ערגעץ אין א קאָנטאָר אָדער אין א געשעפטס-הויז פאַר א קלײנעם לוין און נישט עסן אָט דאָס לײכטע ברויט אויפן טיש פון מײן שווער..."

די גליקלעכע צײט איז געקומען. סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש, דער געוועזענער ראַבינער, האָט באַקומען א שטעלע בײ א בעאַלעבאָס, וואָס איז נישט אָרעמער פון זײן שווער אלימלך לאָיעוו, בײ בראָדסקין. דער שווער איז געווען אויפן זיבעטן הימל. ער איז צופרידן פון זײן אײדעמס שטעלע נישט צוליב דעם געהאַלט, וואָס ער באַקומט, „וואָרום וואָס פאַר א ווערדע האָט עס", נאָר צוליב זײן אויסמישן זיך מיט מענטשן-סוחרים און „וואָס ער וועט זיך איבערצײגן צו וויסן, אַז געלט איז א באַרג, וואָס אַלע ווענדן זיך צו אים און אפילו אזא גרויסער גביר, ווי בראָדסקי, האָט אויך ליב געלט, קאָן זיך נישט אָנזעטיקן, וואָרעם השכלה אָן געלט איז נישט ווערט גאָרנישט..."

אָט אזוי איז געגאַנגען די „איבערדערציונג" פון שלום-עליכם וואָס עס האָט אויף זיך גענומען אלימלך לאָיעוו. אָט אזוי איז שלום-עליכם געווען, אין זײנע יונגע יאָרן, אין געפּענקעניש בײ די, וואָס זײער אידעע איז יאָגן זיך נאָך רײכטימער, יאָגן זיך און קײנמאָל נישט אָנזױמיקן זיך.

אָבער שלום-עליכם האָט זיך שלעכט געלערנט לויט דער פאָרמול „השכלה אָן געלט איז גאָרנישט". אויף זײן שטעלע האָט ער באַקומען א מעגלעכקײט ווידער אַמאָל צו באַגעגענען זיך נאָענט מיט דעם יידישן דאָרף אין געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד, דאָס הײסט, מיט יידישע ערד-ארבעטער, וואָס האָבן געלעבט אויף די בראָדסקים נחלות אין דער געוועזענער יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע. דאָ האָט ער צוגעזען און באַאָבאַכטעט דאָס שווערע לעבן פון די יידן, וואָס האָבן זיך געפונען נאָענט צו דער נאַטור און געלעבט אויף איר שוים, און מיט ביטערער שטענדיקער האָרעוואַניע נישט אַלע מאָל פאַרדינט זײער טרוקן שטיקל ברויט.

דער געזונטער אינסטינקט פון דעם געניאַלן פאָלקס-דיכטער האָט בײגעקומען זײן אַרומרינגלונג און ער איז געוואָרן דער איבערגעגעבנסטער דיכטער פון די פאָלקסמאַסן, וועלכע די בראָדסקים און אַנדערע קאַפּיטאַליסטן אין צאַרישן רוסלאַנד האָבן אונטערדריקט.

# אויף אַ שטעלע ביי בראָדסקין און דער „בלינדער זאַגער"

ער איז געקומען פֿון וועג אַ צופֿרידענער. איבער אַ חודש איז ער אָפּגעווען אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, אין די דערפֿער, וואָס האָבן געהערט צו דעם צוקער־פֿאַבריקאַנט און באַנקיר בראָדסקי. יאָ, ער איז אַ צופֿרידענער געקומען אַהיים אין בעלאַצערקאָוו. פֿאַר דעם חודש צייט, וואָס ער איז אָפּגעווען צווישן די יידישע ערד־אַרבעטער, איז אינגאַנצן רייף געוואָרן זיין פּלאַן צו העלפֿן די אָרעמע יידישע ערד־אַרבעטער אויפֿצוהייבן זייער ווירטשאַפֿט און זייערע לעבנס־באַדינגונגען.

מיט אייניקע יאָר צוריק, נאָך איידער ער איז איינגעלאַדן געוואָרן פֿון בראָדסקין צו קאָנטראָלירן די דערפֿער, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין זיינע גיטער, איז ער אַמאָל דורכגעפֿאָרן פֿאַרביי און האָט אויף שטענדיק פֿאַרגעדענקט זייער שווערע לאַגע, די דריקנדיקע אָרעמקייט און די אומגעהויערע לאַסט פֿון דלות, וואָס האָט געהערשט אין זייערע הייזקעס, אויף זייערע הויפֿן און אויף דער גאַס.

איצט האָט ער, ווי אַ באַפֿולמעכטיקער פֿון בראָדסקין, זיך נאָענט באַקאַנט מיט זייער לעבן. ער האָט באַזוכט זייערע הייזער, איבערצייגט זיך אין דער ענגשאַפֿט און אין דעם עלנט, וואָס האָט דאָרטן געהערשט. דאָס יאָר 1883 איז געווען אַ באַזונדערס שווערס פֿאַר די איינוווינער פֿון בראָדסקיס ישובים. דאָס איז געווען אַ הונגער־יאָר. די תבואה איז צעשמאַליעט געוואָרן אויפֿן פֿעלד, איידער זי איז פֿאַרטיק געוואָרן; בהמות זענען געפֿאַלן, נאָך איידער מע האָט באַוויזן זיי צו דערקוויקן, און מע האָט זיי געמוזט באַגראָבן נישט קיין אָפּגעשונדענע, אין די פֿעלן, אָדער פֿאַרברענען.

אייניקע הייזקעס אין די דערפֿער זענען געשטאַנען פּוסט אָן איינוווינער, די פֿענצטער מיט ברעטער פֿאַרקלאַפּט און די טירן געשלאָסן. דאָ זענען די באַלעבאַטים זיך צעלאָפֿן אין די שטעט אַריין, צוגעשטאַנען זויפֿן וועג צו אַ כאַפּטע אָרעמעלייט. און די אָקאָרשט נישט לאַנג האָרעפּאַשנע געזינדן האָבן אויסגעשטרעקט די הענט נאָך נדבות. זיי האָבן זיך געשלעפּט אַזוי פֿון שטעטל צו שטעטל מיט דער האָפֿענונג צו קומען צוריק אויף דער ווייסטער ערד, וואָס די בראָדסקים האָבן איינגעקויפֿט נאָך אין די 40־ער אָדער 50־ער יאָרן. אָט דער דאָזיקער ערד־איינקויף האָט געדאַרפֿט אָפּזונדערן די גרויסע יידישע קאַפּיטאַליסטן פֿון דעם יידישן האָרעפּאַש־

נעם פאָלק. און זיי, די בראָדסקים, האָבן באַקומען דעם טיטל „פאָטאָמסטוועני פאָטשאָטני גראַזשדאַנין“. אויף זיי האָט דער קהל קיין שליטה נישט געהאַט מער.

די אָנהויבער פון דער פירמע בראָדסקי האָבן זיך געלאָזט קאָסטן ביי אַ פּאָר צענדליק טויזנט רובל, איינגעקויפט ערד, באַזעצט אויף איר יידישע אָרעמעלייט, און לויט דעם געזעץ פון ניקאָליי I, באַקומען ירושהדיקע ערנבירגערטום. איצט אַרט זיי נישט, וויאַזוי עס לעבן די פויערים, זייער טיטל האָבן זיי און אין איייניקע יאָר אַרום וועלן זיי מיט דער הילף פון דער וויסטער און מאָגערער ערד באַקומען דעם טיטל פון אַדעליקע.

שלום=עליכם טרוימט וועגן דעם, אַז די יידישע אָרעמשאַפט זאָל אויפלעבן אין זעט און פאַרמעגן דורך ערד=אַרבעט. ער טרוימט עס זאָל זיך פאַרמערן די צאָל פויערים אין די יידישע ערדאַרבעטער=דערפער אין אוקראַינע און ניי=רוסלאַנד. צוליב דעם, האַלט ער, דאַרפן זיי באַקומען בעסערע און גוטע ערד. עס וועט זיך זיי איינגעבן די גערעטעניש, און זיי וועלן צוגעבונדן ווערן צו דער ערד און וועלן לעבן פון זייער מי און האָרעוואַניע.

אָ, ווען עס גיט זיך איין צו באַקומען גוטע ערד פאַר די יידישע קאָלאָניסטן! וואָלטן מיר שוין נישט געזען אַזאַ געלויף פון די פויערים אין די שטעט אַריין, מיר וואָלטן שוין נישט באַגעגנט אויף די וועגן קיין כאַפּטעם אָרעמעלייט, וואָס שלעפּן זיך שוין ווער ווייס וויפל יאָר פון שטעטל צו שטעטל, פון דאָרף צו דאָרף, פון איין וועג אויף דעם אַנדערן וועג. עס וואָלטן אפשר דעמולט קיין אָרעמעלייט גאָר נישט געווען. אמת, ער פלעגט דעם טרוים וועגן דעם גליקלעכן לעבן פונעם יידישן פויערטום איבעררייסן, ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען אין דער שווערער לאַסט און אין דעם דלית פונעם פויערטום אין רוסלאַנד בכלל.

נישט לאַנג האָט ער, שלום=עליכם, געלייענט די געשיכטע פון די יידישע ערד=אַרבעטער=ישובים אין דרום=רוסלאַנד פון וויקטאָר ניקיטין. אך, ווען עס וואָלט פאַרווירקלעכט געוואָרן דער טרוים פונעם אויטאָר, און די ערד=שטחים וואָלטן פאַרגרעסערט געוואָרן, און די ערדאַרבעטער וואָלטן באַפרייט געוואָרן פון פאַרשידענע אָפּצאָלונגען און שטייערן, וואָלט טאַקע געווען אַזוי, ווי דער אויטאָר וויקטאָר ניקיטין טרוימט, אַז יידן זאָלן קענען איינאָרדענען אין דרום=רוסלאַנד די גאַנצע נישט=פאַרמעגלעכע און נישט=אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג אויף ערד. שלום=עליכם איז מיט אים מסכים, מיט דעם היסטאָריקער פון דער יידישער ערדאַרבעטערשאַפט.

דאָס פאָלק, די אָרעמשאַפט זיינע, זי האָט דאָך אַזוי ליב די ערד, אויף וועלכער זי איז הונדערטער יאָרן איינגעוואָרצלט, אין ווייסרוסלאַנד, ליטע, אוקראַינע! זי וואָלט דעמלט נישט געדאַרפט טראַכטן וועגן פאַרלאָזן די היים און אַוועקטראָגן זיך ווייט אַריבער אָקעאַן.

אַרומפאָרנדיק איבער די קאָלאָניעס פון יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, האָט שלום-עליכם געטראָפן דעם אויטאָר פון דער געשיכטע פון יידישער ערדאַרבעטערשאַפט אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, וועלכער איז אויך דער אויטאָר פון דעם באַרימטן בוך וועגן דעם לעבן פון די קאַנטאָניסטן „מנאָגאָסטראַדאַלניע“, וואָס האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעך טיפן איינדרוק אין דער ליטעראַרישער וועלט אין די 60-ער יאָרן און וואָס די קריטיק האָט שפּעטער פאַרגליכט צו דאָסטאָיעווסקיס „זאַפּיסקי איז מיאָרטוואַווא דאָמאַ“.

ניקיטין האָט אים צוגעזאָגט צו סטאַרען זיך ביי דער צאַרישער רעגירונג וועגן פאַרגרעסערן די ערד-שטחים פאַר די יידישע ערדאַרבעטער און רעדן מיט בראָדסקין, ער זאָל געבן בהמות די סאַמע נויטבאַדערפטיקסטע אין די דערפער. יאָ, שלום-עליכם ווייס שוין, אַז בראָדסקי האָט מסכים געווען צו קויפן בהמות פאַר די סאַמע נויטבאַדערפטיקסטע, אַרויסגעבן ברויט און תבואה די געליטענע, נישט אַוועקלאָזן זיי פון דער ערד.

וויקטאָר ניקיטין איז געווען אַ טשינאָווניק פון ספּעציעלע אויפטראָגן ביים צאַרישן מיניסטעריום פאַר מלוכהשע גיטער, ביי אַ באַגעגעניש מיט יידישע יונגעלייט האָט ער שטענדיק ליב געהאַט צו דערציילן זיין ביאָגראַפיע, וויאַזוי ער איז אַלס קינד אַרויסגעריסן געוואָרן פון יידישע עלטערן אין אַ שטעטל פון ווייסרוסלאַנד, איז אָפּגעגעבן געוואָרן צו די קאַנטאָניסטן, וווּ ער האָט זיך גענוג אויסגעליטן און איז מיט גוואַלד אָפּגעשמדט געוואָרן. ער האָט אָבער נישט פאַרגעסן זיין יידישע אָפּשטאַמונג און זיין גאַנץ לעבן איז געווען געווידמעט דער פאַרגרינגערונג פון ליידנדיקע. אַדאַנק קירייעווסקין איז ער אַריינגעטראָטן אין דער רוסישער ליטעראַרישער און זשורנאַליסטישער וועלט.

און נאָך האָט אים ניקיטין דערציילט די געשיכטע פונעם בוך „מנאָגאָסטראַדאַלניע“, וועגן דעם, ווי עס איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס אינטערעס און וואַרעמקייט פון דעם גרויסן רוסישן סאַטיריקער סאַלטיקאָוו-שטשעדרין און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „אָטיעטשעסטווענייע זאַפּיסקי“. ער האָט אים אַ סך דערציילט וועגן דער רעדאַקציע פונעם דאָזיקן זשורנאַל — וועגן שטשעדרינען, וועגן ניעקראַסאָוון און וועגן אַנדערע

מיטאַרבעטער. ער האָט שטאַרק באַדויערט די שווערע לאַגע אין לאַנד אין די 80־ער יאָרן, די רדיפות און פאַרפאָלגונגען פון די פאָלקס־מאַסן.

וועגן זײַנע איבערלעבונגען אין דער צײַט, ווען ער איז אַרומגעפאָרן צווישן די ייִדישע קאָלאָניסטן אויף בראָדסקיס ערד, האָט זיך שלום־עליכם באַלד געטיילט מיט זײַן פרוי אָלגא מיכאַילאָוונא. „דאָס סאַמע אינטערע־סאַנטסטע — האָט ער געזאָגט — איז די פאָלקס־שאַפונג, וואָס איך האָב אויפגעזאַמלט אין אָט די דערפער. נאָך מער אינטערעסאַנטער, ווי די פאָלקס־שאַפונג, וואָס איך פלעג אויפזאַמלען אין „גרויסע“ אונדזער פאָר־שטאָט. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרשרײַבן די מעלאָדיעס פון די פאָלקס־לידער“.

אין די ערטער, ווו שלום־עליכם פלעגט זאַמלען פאָלקלאָר, האָט זיך אים געלונגען אײַנגעגעבן צו באַשטעטיקן די אַרויסזאָגונגען פון דעם גרונטלייגער פון דער ייִדישער פאָלקלאָריסטיק אין רוסלאַנד איליא גרי־גאָריעוויטש אָרשאַנסקי וועגן דער ייִדישער פאָלקס־שאַפונג, אין וועלכער מיר זעען בולטע שפּורן און קלאָרע אָפּקלאַנגען פון אוקראַיִנישן און אַנ־דערע סלאַווישע פאָלקס־שאַפונגען.

ער וועט עס מאַכן דעם קומענדיקן ליטעראַרישן שבתניק, ווען עס וועלן זיך אויפקומען צו אים די גוטע־פרײַנד און פאַרערער פון זײַן ליטע־ראַרישער טעטיקייט, דעמאָנסטרירן; ער וועט איבערזינגען פאַר דעם דאָק־טאָר יעקב טשערני די מעלאָדיעס, וועלכע ער האָט פאַרגעדענקט, און דער דאָקטער וועט זיי פאַרשרײַבן אויף נאָטן. ער וועט לייענען פאַר די פאַרזאַ־מלטע די וווּנדערבאַרע פאָלקס־מעשהלעך, וואָס ער האָט מאַכן דאַרפן, אויפן אָרט פאַרשרײַבן.

און דער שבתניק, וואָס איז אין אַ פּאָר טעג אַרום פאָרגעקומען, איז געווען באַזונדערס טשעקאַווע. די פאַרזאַמלטע באַלמעלאָבעס און אינטע־ליגענץ האָבן קיינמאָל אַזויפיל פראַגן נישט געשטעלט, ווי דאָס מאָל, ווען שלום־עליכם האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט וועגן זײַן נסיעה צו די ערדאַר־בעטער. מע האָט מיט גרויס אינטערעס געפרעגט וועגן ביקיטינען, וועגן סאַלטיקאָוו־שטשעדרינען, וועגן דעם אָרט לעבן פון די ערדאַרבעטער. מען האָט זיך געסטאַרעט אין די פאָלקס־לידער צוגעבן דאָס, וואָס שלום־עליכם האָט אַזוי אָדער אַנדערש דורכגעלאָזן סײַ אין דער לעקסיק, סײַ אין די מעלאָדיעס. אַז מע האָט געענדיקט מיטן איבערזינגען די פאָלקס־לידער און שלום־עליכם האָט דורכגעלייענט די גלײַכווערטלעך, האָט ער גענומען איבערדערציילן אײַנע אַ מעשהלע, וואָס עס האָט אים דערציילט דער

„בלינדער זאָגער“, אַזוי האָט מען אים גערופן אין דאָרף פאַר זיין גאָר, גאָר שלעכטע ראיה און פאַר זיין „זאָגן“ מעשהלעך פאַר די פויערים. ער פלעגט אויפרופן אַרום זיך די פויערים און דערציילן זיי פאַרשידענע מעשׂות. גיין, ער האָט נישט געדאַרפט רופן. זיין דערציילן איז געווען אַזוי צוציענדיק, אַז ווער עס פלעגט נאָר דערזען, אַז אַרום דעם בלינדן זאָגער שטייען אַ פּאָר מענטשן פלעגט ער אויך גלייך צוגיין צו אים און עס פלעגט ווערן אַ גרויסער עולם אַרום אים.

אָנהויבן פלעגט ער זיינע מעשהלעך, אָט דער „בלינדער זאָגער“ מיט אַ „ויהי היום“ אָדער מיט „איש היה“. און אַזוי האָט ער אָנגעהויבן אויך דאָס מעשהלע, וואָס שלום־עליכם האָט דערציילט פאַר די פאַרזאַמלטע:

איש היה בארץ עוץ — איז געווען אַ מאַן, וואָס האָט געהאַט קינדער־לעך אַ סך. און גערופן האָט מען אים מיטן נאָמען יוחנן. איז געווען אָט דער מאַן אַ ייד אַ פישער. אַלע טאָג פלעגט ער אַוועקגיין צו דער אָזיערע, זיצן דאָרטן ביים ברעג פון טאָג ביז נאַכט, ביז ער פלעגט אָנכאַפּן פיש — קאַרפּן, שלייען, סטראַנגעס, און אַנדערע פיש אויף שבת. און קוים האָט דער מאַן געהאַט אויף „מזון סעודה אחת“ — אויף איין מאָל אָפּ־עסן.

אַלע שוסטער גייען באָרוועס, — אַזוי זאָגט די וועלט אַ גלייכוואָרט. האָט טאַקע אָט דער יוחנן דער פישער קיינמאָל קיין גוטע געפילטע פיש נישט געגעסן נישט שבת, נישט אינדערוואָכן און נישט יום־טוב. זאָגט צו אים, צו אָט דעם פישער, דאָס ווייב זיינס: ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן? שוין צייט, כ'לעבן, אַז מיר זאָלן אויך האָבן אַ שטיקל געפילטע פיש אויף שבת, און נישט, עס פּאַסט צו זאָגן, כאַפּן אַליין פיש, און האָבן קהחות אויפן טיש.

זאָגט דער מאַן דער פישער מיטן נאָמען יוחנן: ביסט אַוודאי גע־רעכט, מיין ווייב, מיר מעגן אויך פאַרזוכן דעם טעם פון עונג־שבת. האָט ער גענומען דעם שטעקן, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעבונדן אַן אויס־געשטריקטער זעקל, וואָס האָט אים געדינט פאַר אַ נעץ, און איז אַוועק צו דער אָזיערע, וואָס איז געווען אַ פּאָר שעה גאַנג פון זיי.

האָט זיך פאַרנאַדיעט אַ נישט־גוטער צו דעם פישער אין הייזקע אַריין און שוין איבער אַ פּאָר וואָכן, אַז ער טוט אים אָן כלערליי נגישות שב־עולם: ער ברעכט, ער שטעכט, ער פּאַטשקעט און קוואַטשקעט — און מע ווייס נישט ווער און וואָס און פונוואַנען. איז ער געזעסן ערגעץ אין אַ ווינקל, אָט דער רואה ואינו נראה, דער וואָס טוט זען, און קיינער טוט

אים נישט זען. הערט ער, ווי דאָס ווייב רעדט מיט יוחנן איר מאַן, און אַז יוחנן איז אַוועק צו דער אָזיערע, האָט ער שוין אויף אים געוואַרט דאָרטן.

והיום חם — און דער טאָג איז געווען וואַרעם אויף דער אָזיערע. אין אַוועק אַביסל צייט, שלעפּט יוחנן אַרויס אַ פֿריילעכער די נעץ, לייזדיקט זי אויס, ערשט אָנשטאָט פֿיש פֿאַלן גאָר שטיינער אַרויס. גייט ער ווידער מיטן נעץ אין וואַסער. און אַז דער הימל איז געוואָרן רויט אויף מערב, און די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ קיילעכיקע, אַ גרויסע, ווייט אויף דעם אַנדערן ברעג פֿון דער אָזיערע, האָט דער פֿישער מיטן נאָמען יוחנן אַ כאַפּ געטאָן און אַרויסגעשלעפּט די נעץ, ווידער אַמאָל אויסגעקערט זי — ערשט אויף דער ערד פֿאַלט אַ גרויסער און פֿעטער העכט. קוקט ער אַזוי אַ פֿריילעכער אויף דעם העכט. אַז יענער גיט זיך פּלוצעם אַ צאַפּל, הויבט זיך אויף העכער און העכער איבער דעם פֿישערס קאָפּ — און פֿליט צוריק אין וואַסער אַריין. פֿאַרשטייט ער נישט דער פֿישער, אַז דאָס איז אַ מלאכה פֿון אַ נישט־גוטן, וואָס מאַכט אים אָן נגישות שוין עטלעכע וואָכן. זאָגט דער פֿישער: רבונו של עולם, איך וויל דאָך כאַפּן פֿיש נישט צוליב מיינעטוועגן, נאָר כּדי שיין צו באַגעגענען די מלכּה פֿון שבת און האָבן טעמען דעם פֿאַרגעניגן פֿון שבת. פֿאַר וואָס־זשע זשאַלעוועסטו מיר אַ פֿיש? גייט נישט אַריבער קיין סך צייט, דער הימל איז נאָך רויט, אין דרויסן איז שאַראַ גאָדינאַ, און אין נעץ דעם פֿישערס קומט ווידער אַ פֿיש. קערט ער אויס די נעץ, דערזעט ער דעם זעלביקן העכט. קומט ער אַהיים אַ פֿריילעכער מיטן פֿיש. אין שטוב איז פֿריילעך, אַ רעשטעצקע צו זאָגן, זיי וועלן פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון עונג־שבת. נעמט זיך יוחנן'ס ווייב צו מאַכן דעם פֿיש, ערשט אָנשטאָט אים ליגט אַ נאַסע און צעפֿוילטע שטיק האָלץ.

שלום־עליכם האָט דערציילט פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע וועגן נאָך פֿאַרוואַנדלונגען, פֿון וועלכע דער פֿישער האָט געהאַט אויסצושטיין, וויאַזוי ער איז צוריק געגאַנגען צו דער אָזיערע, ביז וואַנען ער איז געקומען אַ פֿאַרחלשטער אַהיים און האָט שוין מער נישט געקאָנט גיין אויף די פֿיס. דערמלט האָבן אַלע געוווסט, אַז דעם פֿישער האָט באַגומען אַ נישט־גוטער.

האָקטאָר יעקב משׂיגני האָט גענומען אַ וואָרט און ספּעציעל גערעדט וועגן דעם האָזיקן מיטשהלע. דאָס האָט דאָס פֿאָלק דערציילט וועגן די צעשטערטע האָפֿענונגען, וואָס מאַטערן אַזוי די פֿאַרשטויסענע, פֿאַרמאַטערטע זין און טעכטער זיינע. עס וואָלט געווען נייטיק, אַז די שרייבער זאָלן זיך נעמען באַאַרבעטן אַזעלכע פֿאָלקס־מעשׂהלעך.

שלום־עליכם, וועלכער איז דעמלט געווען שטרענג אנטירעליגיעז, האָט געענטפערט אומגעפּער אזוי:

— עס וואָלט געווים געווען כדאי און וויכטיק צו ווייזן דעם אָרעמען פאָלק, וויאזוי עס ווערן צעשטערט אין אונדזער צייט די האָפענונגען דורך פארשידענע כוחות, וואָס דארפן אָפּגעראַמט ווערן. דאָס דארף אָבער נישט געגעבן ווערן אין דער פאָרם פון א רעליגיעז מעשהלע, עס דארף איבער־געטראָגן ווערן אין שטעטל אָן כישוף און אָן נסים.

ווען אלע זענען זיך צעגאַנגען, האָט שלום־עליכם געטראַכט וועגן דעם פּראָבלעם פון אויפדעקן פארן פאָלק די צעשטערטע האָפענונגען אין זיין לעבן.

ער איז אוועק אין זיין ארבעטס־צימער, געזעצט זיך ארבעטן איבערן באַריכט, און עס האָט זיך אים געדוכט, אז בראָדסקי וועט אים געוויס מיטפילן און לויבן.

די יידישע קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך אויך געשפּילט אין מעצענאַטן, ווי די פּראָגרעסיווע קאַפּיטאַליסטן און פּריצים אין רוסלאַנד. פּאָליאַקאָוו — דער באַנקיר און אייזנבאַן־בויער, זאַקס — אויך אַ אייזנבאַן־בויער, וואַר־שאַווסקי און בראָדסקי פלעגן נעמען צו זיך אויף שטעלעס באַגאַבטע גע־לערנטע און ליטעראַטן. אָבער טראַגיש איז געווען דער גורל פון אָט די ליטעראַטן, ווען זיי האָבן געוואָלט זיין זעלבשטענדיק אפילו אין זייערע ליטעראַרישע ארבעטן און אין זייער לעבנסשטייגער.

ווי קנעכט האָבן זיי געדאַרפט שטיין אַנטקעגן זייער האַר, סמאַרקען זיך דענקען און טראַכטן, ווי ער, וועגן פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע פּראָ־בלעמען.

עס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור די טראַגישע לאַגע, אין וועלכער עס איז אריינגעפאַלן אורי קאָוונער ביים באַנקיר זאַקס; גאָרגי באַגראָוו — ביי פּאָליאַקאָוו.

אז שלום־עליכם איז געקומען צו בראָדסקין מיט זיין באַריכט, האָט בראָדסקי אים אויסגעמוסרט, וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט פּוסטע זאַכן, ווי אייניאָרדענען פּויערים, זאַמלען פּאָלקלאָר. און ער האָט אים געזאָגט:

— ווייטער גיב איך אייך אַן עצה אזעלכע זאַכן אין קאָפּ נישט האַלטן און שרייבן נישט אזעלכע באַריכטן.

שלום־עליכם איז אוועק פון בראָדסקין א פאַרשעמטער און מיט אַ צעווייטיקט האַרץ. מער האָט ער ביי בראָדסקין נישט געאַרבעט.

## קאַפּיטל פינף

# צווישן לעבנס־אמת און קינסטלערישע וואַרהאַפטיקייט

די 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען שלום־עליכם הייבט אָן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, איז די צייט, ווען דער היסטאָריקער פון די יידן אין צאַרישן רוסלאַנד האָט געהאַט צו פאַרשרייבן נישט איין שוואַרץ בלעטל וועגן די לײַדן פונעם פאָלק. רדיפות און פאַרפאָלגונגען האָבן זיך כוואַליעסווייז צעגאָסן איבער די שטעט און שטעטלעך פונעם יידישע תחום. די „צייטווייליקע כללים וועגן יידן", די פּראָצענט־נאָרמעס אין די שולן און נאָך פיל באַגרענעצונגען אויף די יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן נישט אויפגעהערט.

אין לאַנד האָט דעמלט געהערשט אַ שווערער אינדוסטריעלער קריזיס. די רעאַקציע האָט זיך אַליין שטאַרקער און שטאַרקער געלאָזט אין אָנגריף קעגן די אומצופרידענע הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען פאַראָרעמטע פאָלקס־מאַסן. דער שווידערלעכער דלות זייערער איז געווען אַ אַ ביז גאָר ערנסטע דראָונג פאַר די אָנפירנדיקע קלאַסן אין לאַנד און פאַר דער רעגירונג.

כדי אָפּצווענדן דעם צאָרן פון די פאָלקס־מאַסן, האָט זיך די צאַרישע רעגירונג גענומען צו דעם כפרה־הינדל — צו דער יידישער אָרעמשאַפט. זי האָט אָרגאַניזירט יידישע פּאָגראָמען, טאָג־טעגלעך געפירט אין דער שוואַרצמאַהדיקער פרעסע אַ העצע קעגן די יידן. איבערגעטאָנענע פּאָליציי־לייט האָבן געוואָרפן אויסגעשרייען: די יידן רויבן אַוועק די פרנסה, די יידן האָבן געהרגעט דעם קייסער אַדגל.

פאַרשטייט זיך, אַז אָט די פאַרברעכערישע מיטלען, ווי יידישע פּאָגראָמען, האָבן גאָרנישט געהאָלפן צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די הונדערטער טויזנטער פאַראָרעמטע פויערים, וואָס האָבן דעמלט

געמוזט פארלאָזן זייער היים און אוועקשלעפּן זיך צופוס מחנות־ווייז איבער די וועגן, אין איין שטאָט גענעכטיקט, אין דער צווייטער געטאָגט, געזוכט ארבעט און נישט געפונען.

די ארבעטלאָזיקייט איז אלץ מער און מער געוואקסן, און הונדערטער טויזנטער מענטשן זענען געבליבן אָן ארבעט, אָן אַ דאַך, אָן אַ שטיקל ברויט אפילו. מע האָט זיי געקאָנט, אָט די דאָזיקע מענטשן, באַגעגענען אין ווארשע אויף די ברעגן פון דער ווייסל, אין קאַזאַן אונטער די בריקן, אין די האַפנס, אין יאַלטע אונטער דעם פרייען הימל, אין אָדעס אין די קאַטאַקאָמבעס, אין קיעוו אין קיניגלעכן גאָרטן, אין די היילן פון די בערג, ביי דעם דניעפּר און אין אנדערע ערטער.

דער זעלביקער דלות האָט געהערשט אויך צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן. ווייטער זענען אויפגעקומען די קאָפּטעס אָרעמעלייט, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע פון שטעטל צו שטעטל, הונגעריקע, אויסגעדארטע און אויסגעקוואַרטע. צענדליקער טויזנטער פאַמיליעס אין די שטעט זענען פארבליבן אָן אַרבעט, אָן באַשעפטיקונג. אין איין קליינעם קעלער האָבן געוווינט עטלעכע פאַראָרעמטע פאַמיליעס. מענטשן האָבן פיינט געקראָגן איינער דעם צווייטן, געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן ווי אויף אַזאַ, וואָס איז גרייט ארויסצורייסן דעם ביסן פון מויל. אויף די הויפן אין די קוואַרטאַלן פון דער יידישער אָרעמשאַפט אין די גרעסערע און קלענערע שטעט פונעם יידישן תחום האָט מען יעדן טאָג געהאט אויסצושטיין רייסערייען און קריגערייען פון די צונויפגעשטיקטע שכנים, און אין אזעלכע שטעט, ווי אָדעס, מינסק, ווילנע, בערדיטשעוו און אנדערע, האָט מען דעמלט, אויסער די שווערע רעפּרעסיעס און הונגער, געהאט אויסצושטיין פון אומגעהויערע מגפות, וואָס האָבן אלץ פארגרעסערט די טעריטאָריעס פון די בית־עלמינס.

צענדליקער טויזנטער פון דער יידישער ארעמשאפט און פון דער יידישער אינטעליגענץ האָבן זיך אוועקגעלאָזט איבער דער גרענעץ צו בויען אַ ניי לעבן אויף יענער זייט אָקעאַן. פיל פון זיי זענען אומגעקומען אויף די וועגן, פיל האָבן זיך הונגעריקע געוואַלגערט אויף די גאסן פון די אייראָפּעישע שטעט און אין האַפנס. אַ גאַנץ היפּשע צאָל איז אומגעקומען פון הונגער און קעלט. אפילו די פאָרגעשריטענע יידישע אינטעליגענץ איז אין מערהייט אריינגעפאַלן אין פארצווייפלונג. אלע טרוימען וועגן פארבעסערן דאָס לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאסן זענען צונישט געוואָרן אנטקעגן איין טרוים: צו האָבן יעדן טאָג א שטיקל ברויט. איינער א פּער־

אין א ליד פונעם דיכטער שמעון פרוג דערציילט אונדז וועגן דער דעמאָ־ליקער לאגע פון דער יידישער אינטעליגענץ:

אי פערווי מאַי גרעך, טשטאַ קאַגדאַ יאַ מיעטשטאַל
אַ פראוודיע, אַ ראַיע, אַ ניעביע,
יאַ טשיאַסטאַ סוויאַטויו מיעטשטו אַבריוואַל
אי וו מיסלי יעדינאַי יאַ וויעס זאַמיראַל —
וו אַטטשאַיאַנאַי מיסלי אַ כלעביע.

שלום־עליכם איז געווען דעמאלט פון די איינציקע אין דעם „יידישעם פאָלקס־בלאט“, וועלכער האָט זיך גענומען קעמפן מיט דער אָפּהענגיקייט פון דער יידישער אינטעליגענץ, גערופן זי צום קאַמף פאר א בעסערער צוקונפט פון די יידישע פאָלקס־מאסן. און גאנץ אָפט איז אים אויסגעקומען צו באקעמפן זיין אייגענע שטימונג פון פארצווייפלונג, צוקוקנדיק זיך צו דער הפקרות, וואָס האָט דעמאלט געהערשט בנוגע די יידישע פאָלקס־מאסן אין רוסלאנד.

„איך פאַרשטעל שטאַרק די אויגן, איך זאָל נישט זען, וואָס טוט זיך דאָ ווי דער אָרעמאַן ווערט אַרויסגעצויגן, ווי עס איז קיין אמת נישטאָ.“

פון זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט אָן האָט טאקע שלום־עליכם מיט אַ באַזונדער עקשנות געזוכט דעם אמת און געקעמפט פאַר אים, און געפינען האָט ער אים צווישן די האָרעפּאשנע יידישע פאָלקס־מאסן און זייער אינטעליגענץ.

נישט לייכט אָבער איז שלום־עליכם'ן אָנגעקומען צו געפינען זיין וועג צו די יידישע פאָלקס־מאַסן, צו אַנטדעקן זייערע אייגנטלעכע, שלום־עליכם'שע שעפערישע כוחות און ארויסצוברענגען פון זיך זיין עכטע פאָלקסטימלעכע ליטעראַרישע אינדיווידועלקייט. פאַרגעקומען איז עס דער עיקר צוליב דעם יידישן ליטעראַרישן סענטימענטאַליזם, וואָס האָט דעמאלט געהאַט געגוג חן ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן, געשמידטע אין רעכטלאָזיקייט און דלות.

ער האָט נאָך דעמאלט, שלום־עליכם, נישט אויסגעארבעט פאַר זיך קיין פעסטע וועלט־אָנשויונג און האָט נאָך אליין נישט געוווסט, וו עס איז דער וועג, וואָס זאָל אים פירן צו זיין קינסטלערישער אַנטפּלעקונג. עס האָבן זיך בלויז געטראָגן פאר אים בילדער, און ער האָט זיי נאָך נישט געקאָנט קינסטלעריש באהעפטן אין א ווערק. דערפאר האָט נאָך הצר קינ־

סטלער אין אים נישט געקאָנט מאכן קיין אונטערשיד צווישן דעם לעבנס=
אמת און דער קינסטלערישער וואַרהאַפטיקייט. זיינע איבערלעבונגען און
זיין לעבנס=דערפאַרונג האָט ער נאָך נישט געקאָנט ברענגען צו קינסטלע=
רישער שלימות און פאַראַלגעמיינערונג.

ווי מיר ווייסן שוין, האָט שלום=עליכם „אין עלטער פון זיבעצן ביז
איין און צוואַנציק יאָר" געשריבן „לידער, פּאָעמען, ראָמאַנען, דראַמען
און אַ שיר און גלאַט מאמרים אין דער וועלט אַריין". ער האָט דערמאָנט, ווי
ער דערציילט, עפּעס דורכגעלייענט און גלייך געשריבן אין דעם זעלביקן
זשאַנר. די פּראָבלעמען, וואָס האָבן אים פאַרכאַפּט, האָט ער זיך געסטאַ=
רעט קינסטלעריש צו באַאַרבעטן לויט אַ מוסטער, מיט וועלכן ער האָט
זיך נאָר וואָס באַקענט. און די פּראָבלעמען, וואָס זענען פאַר אים דערמאָלט
געשטאַנען, זענען: פראַגן פון דערציִונג, קאַמף קעגן פאַרעלטערטע, אָפּגע=
לעבטע דערשיינונגען אין דעם יידישן לעבנסשטייגער.

אין יאָר 1881 האָט שלום=עליכם אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן דער=
ציִונג אין דער פּעטערבורגער טעגלעכער צייטונג „המליץ". דער דאָזיקער
אַרטיקל איז אָנגעשריבן אינעם טראַדיציאָנעל=משכילישן סטיל פון יענער
צייט, אָבער שוין דאָ לאָזט זיך דערקענען שלום=עליכם'ס ליבע צו די פּאָלקס=
מאַסן, זיין שנאה צו די זיפן פון דער יידישער בורזשואַזיע, צו איר יאָגן
זיך נאָכן אויסערלעכן טראַסק.

אין אַ באַמערקונג שרייבט דאָרטן דער צוקונפטיקער שלום=עליכם
וועגן איינעם אַ גביר, וואָס האָט געגעבן אַ סך געלט אויף אויסבויען און
אויספּוצן אַ בית=מדרש, אַז „עס וואָלט אַ סך גלייכער געווען, ווען אָט
דאָס געלט וואָלט אויסגענוצט געוואָרן אויף גרינדן מוסטערהאַפטע שולן
און קיכן פאַר אָרעמע קינדער".

אונטער דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט זיך נאָך שלום=עליכם אונטערגע=
שריבן:

דער ייִנגסטער אין דער קאַטאָרגע פון יהודה, ראַבינער שלום ראַבינאָוויטש.

די דערציילונג „צוויי שטיינער" (געדרוקט אין יאָר 1883 אין „יידי=
שעס פאָלקס=בלאַט"), אונטער וועלכער ער חתמעט זיך „ראַבינער שלום
ראַבינאָוויטש", איז דאָס איינציקע ווערק פון שלום=עליכם'ן, וואָס איז
אונדז באַקאַנט פון זיין פריסטן, יוגנטלעך=שעפערישן פעריאָד. זי דער=
ציילט אונדז פון זיינע פריסטע קינסטלערישע בלאָנדזשעניש, זי איז,

אייגנטלעך, א סוף פון דער פּאָרגעשיכטע פון שלום־עליכם'ס ליטעראַרישער טעטיקייט, ווען ער האָט זיך נאָך לחלוטין נישט אויפגעהויבן איבער אויטאָביאָגראַפישע פאַקטן און נישט באַפרייט זיך פון סענטימענטאַלישע ווירקונגען.

האָט טאַקע שלום־עליכם די דאָזיקע דערציילונג אויסגעשלאָסן פון די ווערק, וועלכע ער האָט פּראָיעקטירט אַריינגעמען אין דער ערשטער אויסגאַבע פון אַלע זיינע ווערק. ער איז נאָך אין „צוויי שטיינער" א נאַיווער איבערדערציילער פון א געוויסער געשעעניש אין זיין אייגענעם לעבן. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז שלום־עליכם האָט זיך שפּעטער נישט צוריקגעקערט אין זיין שאַפן צו די גרונט־פראַגן, וועלכע ער האָט פאַר זיך דערמלט געשטעלט אין דער דאָזיקער דערציילונג — צו דעם ווידערשפּרוך צווישן פּאָטערס און קינדער און צו דער פאַרגרעבטקייט פון דעם אויפגעקומענעם מאָדערנעם יידישן בירגערטום.

די דערציילונג „צוויי שטיינער" זאָגט אונדז, אַז אין דער פּאָרגעשיכטע פון זיין שאַפן האָט נאָך שלום־עליכם אַליין נישט געהערט, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, נישט געוואָלט הערן זיין הילכיקן געלעכטער און אַז זיין טיפער, האַרציקער, אינטימער און געמיטלעכער ליריזם איז נאָך געווען פאַרטרונקען פון א שטראָם סענטימענטאַלע טרערן.

ער האָט זיך אָבער דערנענטערט אַלץ מער און מער צו זיין פאָלקסטימלעכן אמת, צו דער אַנטפּלעקונג פון זיין אייגנטימלעכער קינסטלערישער קראַפט. געהאָלפן אין דעם זין האָט אים די סאַטירע. דורך איר האָט ער מיטאַמאָל געפונען דעם נאָענטסטן וועג צו זיין גרויסער קינסטלערישער אינדיווידועלקייט, דאָס איז דער וועג פון מענדעלע מוכר־ספרים און פון ליניעצקי, וועלכן שלום־עליכם האָט ווייטער פאַרגעזעצט.

שלום־עליכם'ס ערשטער טראָט אויף דעם וועג פון מענדעלע און ליניעצקי איז זיין קינסטלערישע פאַרצייכענונג „די וויבאָרעס". און כאָטש שלום־עליכם איז דאָ וויניק אָריגינעל אַנטקעגן זיינע פאָרגייער, איז אָבער פאַר אונדז די דאָזיקע פאַרצייכענונג אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס שלום־עליכם איז דאָ פריי פון דער ווירקונג פון סענטימענטאַליזם און איז דאָ דורכויס א סאַטיריקער.

אונטער „די וויבאָרעס" האָט ער זיך שוין נישט אונטערגעשריבן „ראַבינער שלום ראַבינאָוויטש", נאָר „שלום־עליכם"! און מיט דעם דאָזיקן נאָמען איז צו דעם לעזער געקומען גאָר אַן אַנדערער, נישט דער לובענער ראַבינער, אויף וועלכן עס האָט געלויערט א טרויעריקע פאַרטראַכטקייט,

און וועלכער האָט זיך אקאָרשט מיט איינציקע וואָכן צוריק געציקלט, ווי אַ ביַאל-בכי ביים ליטעראַרישן עמוד פון „המליץ“ און „יידישעם פאָלקס-בלאט“.

די אלטע, גוטמוטיקע יידישע באַגריסונג „שלום-עליכם“ — פריד צו אייך.

דער יונגער קינסטלער האָט זיך געווענדט מיט אַ גוטברודערישן, מיט א חברישן שמייכל צו די פאַרהאָרעוועטע און אונטערדריקטע פאָלקס-מאסן.

און די גאַנצע צייט פון זיין שאפן האָט זיי שלום-עליכם נישט פארלאָזן, געפרייט זיך און געטרויערט מיט זיי צוזאַמען, אריינגעדרונגען אין די ענגע געסלעך פון זייער געטאָ, געטראָגן זיי ליבע און פרייד פון שאפן און געוויזן פאַר דער גאַנצער וועלט, וויאַזוי אָט די האָזיקע אומגליקלעכע אָרעמע מאסן פארלירן נישט זייער מענטשלעכן פנים, קעמפן מוטיק פאַר זייער רעכט אויפן לעבן.

— שלום-עליכם אייך! איך קעמף מיט אייך אינאיינעם! איך ליב דעם מענטשן אין אייך, כאָטש ער זינקט אין אַ טיפן זומפ! איך זע די לויטערקייט פון אייער שיינקייט, כאָטש זי איז פאַרדעקט מיט א בארג פון אומצאָליקע שמאַטעס. שלום-עליכם אייך! איך פריי זיך און איך טרויער מיט אייך צוזאַמען!

גלויבן און אָפטימיזם האָבן געקלונגען פון שלום-עליכמס געלעכטער, קינסטלעריש-טיפע און דערהויבענע מענטשן-ליבע האָט ער געטראָגן אין זיינע ווערק — אָפטימיסטישן הומאניזם.

אריינגעפלויגן איז ער אין דער צייטונג „יידישעם פאָלקס-בלאט“ מיט א יונגטלעכער פאַטשעריי פון זיינע פליגלען. ער איז געקומען, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „משוט בארץ ומתהלך בה“ — פון צו טאָן שוועבן איבער דער וועלט און פון צו טאָן גיין איבער איר.

און פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט פון די לעזער מיט אים האָבן זיי שוין אלע פאַרגעדענקט אָט דעם פריילעכן, לוסטיקן פארשוין, וואָס זיצט נישט איין אויף איין ארט, וואָס טראָגט זיך ארום פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל, פון אוקראַינע אין רייסן, פון רייסן אין ליטע, פון דער ליטע אין פוילן. ער לאָזט נישט דורך קיין איין געשעעניש פון אונדזער לעבן, און ווי מע זעט אים נישט, דאַרפן וואַקסט ער אויס, וו מען פרעגט זיך אויף אים נישט נאָך, דאַרטן קומט ער אָן, עס איז פאַר אים קיינער און קיין זאך נישט פארבאָרגן.

ער קוקט אריין אין די שפּאַרונגען פון די סאַמע אָרעמסטע ווינוג־גען, אַט רעדט ער און פאַרברענגט מיט דער יידישער אָרעמשאַפט און מיט איר׳ע קינדער. אַט גנבעט ער זיך אריין אין די געראַמיגע צימערן פון אַ יידישן גביר, קוקט זיך צו צו זיין לעבנסשטייגער, כאַפּט אַ שמייכל, ווערט אַ ביסל ערנסט, זיפצט אויף, צע־לייגט יעם נאָכדעם אויף טעלערלעך און טראָגט עס ארויס פאַר דער גאַנ־צער וועלט, אַז דער לעזער פונעם „פאָלקס־בלאַט" קוועלט אָן: „אַי, אַ מאַרשעלעק! אַי, אַ טריפּהנער פּיסק! אַ ימחשמוניק! אַי, אַ שלום־עליכם!"

דער יונגער שלום־עליכם זוכט די פאָלקאָמקייט, די שיינקייט, דעם אמת און יעדע קלענסטע אָפּווייכונג פון דעם אלעם רופט ביי אים ארויס אַ טיפן פאַרדראָס, אַז ער צעלאַכט זיך מיט ליצנות. די מיושבדיקע און בכבודיקע לימעראַרישע הדרת־פּנימס פונעם „פאָלקסבלאַט" באַוועגן מיט זייערע געדיכטע, גרויע בּרעמען און רעדן מיט פאַרדראָס וועגן דער שקאַצעריי:

— אַ שמחה אויף אים! יידן ווערן אויסגעריסן — און ער מיט זיין געלענדער! אַ שקאַצעריי, וואָס עס גיט גישט! נאָט אייך גאָר אַ נייעם גיל־גול פון אַ ליגיעצקי און מענדעלע! מילא זיי האָבן עס געטאָן אין דער „וועסנע־צייט", אין די 60־ער יאָרן, אָבער איצט! אזעלכע צרות, אזעלכע ליידן!

און דער יונגער שלום־עליכם, וואָס האָט ליב דאָס פאָלק נישט ווייני־קער פון זיי, ענטפערט מיט אַ נישט געמאַכטער תמימות אזוי, ווי ער האָט געענטפערט אין צוואַנציק יאָר אַרום מ. קליינמאַנען:

— „וואָס זאָל איך טאָן, אַז עס קומט צום שרייבן, עס מעג זיין דער סיוזשעט אַ טרויעריקער ביז גאָר, מאַכן מיך די בילדער, די, וואָס איך זע אין געוויין, לאַכנדיק? ...וויפל טרערן (טייכן, ריקעס, שטראָמען) וואָלט דאָ פאַרגאָסן, נעבעך, דיגעזאָן, וואָס איך האָב אים באמת ליב פאַר זיין ערלעכקייט און פאַר זיין הייליקער נאַיוויטעט אין זיין שרייבן? וואָס זאָל איך טאָן, אַז לאַכן איז ביי מיר אַ מין חולאת פון קינדוויז אָן?"

און די לעזער זיינע פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, זיי האָבן, ווייזט אויס, אויך געהאַט זיין חולאת: זיי האָבן אויך ליב געהאַט צו לאַכן אין די שווערע צייטן פון זייער לעבן. און שלום־עליכם „טוט אלץ שוועבן אי־בער דער וועלט". נאָך מער, עס איז אים ווייניק „די וועלט", ער מוז זען, וואָס עס טוט זיך אויף „יענער וועלט". און ער הויבט אָן איבערצוכאַפּן בריוו פון „יענער וועלט" אויף „דער וועלט".

## די „איבערגעכאַפּטע בריוו“

די „איבערגעכאַפּטע בריוו“ פון רב לייבעלע אויף יענער וועלט צו רב וועלוועלען אויף דער וועלט, וואָס שלום=עליכם האָט אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן אין יאָר 1883, איז דער ערשטער אָנזאָג פון שלום=עליכם'ען, אַז ער האָט זיך געשטעלט אויף דעם וועג פון זיין קינסטלערישער אינדיווידועלקייט. מיט שנאה און האַס רעדט ער וועגן דער „פאַלשער וועלט“, די וועלט פון טעמפּקייט, פאַרגרעבטקייט, ציניזם, עגאָיזם און צביעות, ווו „דער, וואָס רעדט דאָס, וואָס ער טראַכט און טראַכט דאָס, וואָס ער רעדט, איז אַ משוגענער“. דאָ ווייזט זיך דאָס ערשטע מאָל דער סאַטיריקער שלום=עליכם און דאָ מאַכט ער איינעם פון זיינע ערשטע טריט אויפן וועג צו אַנטפּלעקן זיין גרויסן הומאַניסטישן טאַלאַנט. דאָ הערן מיר צוערשט שלום=עליכם'ס שפּראַך=קאָמיזם; דאָ זעען מיר צוערשט עסקיזן פון זיינע שפּעטערדיקע געשטאַלטן; דאָ געפינען מיר צוערשט דעם עפּיסטאָליארישן זשאַנר, וועלכן ער האָט שפּעטער דערפירט צו דער העכסטער מייסטערשאַפט.

אַזוי באַגעגענען מיר דאָ אין דעם ערשטן בריוו אַ בילד, מיט וועלכן מיר וועלן זיך שפּעטער באַגעגענען אין אַ פולקאָמערער קינסטלערישער באַאַרבעטונג אין זיין ראָמאַן „סענדער בלאַנק“. באַלד ווי רב לייבעלע איז געשטאָרבן, נאָך איידער מען האָט אים מקבר געווען, האָט זיך איבער זיין שטוב צעגאָסן אַ כוואַליע פון פאַרגרעבטקייט און ציניזם: מען האָט זיך געשלאָגן פאַר דער ירושה.

מיט זיין יונגער סאַטירישער פּען שילדערט אונדז דאָ שלום=עליכם די טרעגער פון דער פאַלשקייט — פּראָצענטניקעס, אָטקופּטשיקעס, צוקער=פאַבריקאַנטן און זייער אינטעליגענץ.

אין זיינע „איבערגעכאַפּטע בריוו“ דערציילט אונדז שלום=עליכם וועגן די טרעגער פונעם אמת, פאַר וועמען רב לייבעלע וויל אַרויסלאָזן אַ צייטונג מיטן נאָמען „דער אמת“. דאָס זענען די פאָלקס=מאַסן און זייער אינטעליגענץ. און נישט בלויז די יידישע זענען עס, נאָר אויך די נישט יידישע פאָלקס=מאַסן.

אָבער דער אמת אויף „דער וועלט“ הייסט פּשוט אָפּקערן זיך פון דעם נאַטירלעכן וועג, הייסט משוגעת און אַלע די, וואָס פאַרטיידיקן דעם אמת און קעמפן פאַר אים, ווערן אָנערקענט פאַר משוגעים. די יידישע אינטעליגענץ, וועלכע ליידט פאַרן פאָלק און קאָן נישט אַריבערטראָגן זיין

רעכטלאָזיקייט, זיין אומבאַוווּסטזיין, די זדיעקעס מצד די רעדלפירער און עקספּלואַטאַטאָרן, האָבן אין ערגעץ קיין אָרט נישט.

דאָס איז נאָר אַ ווייטערדיקע פאַרזעצונג פון דעם קלאַסישן פאַמפלעט „די קליאַטשע“, וווּ יעדער פּראָטעסטירער פלעגט געקרויניט ווערן פאַר אַ משוגענעם. אַזעלכע געשטאַלטן באַגעגענען מיר אויך אין דער רוסישער ליטעראַטור פון די פערציקער יאָרן פון ניינצטן יאָרהונדערט, ווי ביי גערצען און אַנדערע.

אין שלום־עליכם׳ס „איבערגעכאַפּטע בריוו“ הערן מיר אַן אָפּקלאַנג פון יענע הומאַנישע שטרעמונגען, וואָס זענען געקומען אין דער יידישער געזעלשאַפט אין דעם געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד מיט דעם לאָזונג פון דער רעוואָלוציאָנערער רוסישער אינטעליגענץ „גייט אין פאָלק“. אין דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך שלום־עליכם געקאָנט באַגעגענען מיט די דאָזיקע שטרעמונגען אויף די שפּאַלטן פון „השחר“ און ליבערמאַנס „האמת“. אין דער יידישער ליטעראַטור זענען די „איבערגעכאַפּטע בריוו“ געווען אויך אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די אידעען פון מענדעלעס „טאַקסע“, „קליין־מענטשעלע“ און „קליאַטשע“. דאָ איז מענדעלע געווען פאַר שלום־עליכם׳ן איינער פון זיינע אויטאָריטעטע וועגווייזער.

שלום־עליכם האָט אָבער די דאָזיקע אידעען איבערגענומען אויך פון דער רוסישער פּובליציסטיק. און פּונקט ווי גליעב אוספּיענסקי, וועלכער האָט אין דער מיט פון די 80־ער יאָרן איראָניזירט און סאַרקאַסטיש אויסגעלאַכט יענע רוסישע אינטעליגענץ, וואָס האָט כלומרשט גערעדט וועגן פאָלק און האָט זיך באַלד אָפּגעטרייסלט פון אים, פּונקט אַזוי האָט שלום־עליכם אין די 80־ער יאָרן אויסגעלאַכט יענע יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך כלומרשט אָפּגעגעבן די אינטערעסן פון פאָלק.

„קוק זיך צו... צו דעם סטודענט, — זאָגט שלום־עליכם אין זיינע „איבערגעכאַפּטע בריוו“, — זע נאָר, ווי ער שרייט דאָס אַביסל אויף דער פאַלשקייט, אויף דער מערדעריי פון דער וועלט. הער נאָר זיינע הויכע, קלינגעוודיקע פראַזן, זיינע ריכטיקע, הייסע ווערטער, זיינע ברענענדיקע פּראָטעסטן קעגן דעם אומרעכט, וואָס ווערט געטאָן אויף דער וועלט... ער שרייט: אַראָפּ די מאַסקע! אמת זוך איך! איך האָב ליב מיין פאָלק, מיין לאַנד, אַלע מענטשן! אַלע מוזן גלייך זיין! מיר זענען אַלע ברידער! נישטאָ קיין האר, נישטאָ קיין פאַרקויפטער קנעכט! מען קאָן אַזוי אייננפירן, אַז עס זאָל אַלע שלום־עליכם׳ס מענטשן גוט זיין נישט איינעם גאָר, און דעם צווייטן גאָרנישט!“

אָט דער סטודענט, וואָס איז צופעליק פארכאפט געוואָרן פון די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען פון זיין צייט, וואָס רעדט כלומרשט וועגן גערעכטיקייט, ווערט באלד צוריקגעצויגן אין דער פאלשער וועלט אריין, אין דער וועלט פון עגאָיזם און זעלבסטליבע. ער ווערט א בעל=תשובה און טענהט שוין רעמלט אָט וויאַזוי:

„איך בין אמאָל זייער יונג געווען! איך האָב זיך אוווליעקאַיעט (פארפירט געוואָרן)... (פארטייטשט פון שלום=עליכם'ן). וואָס קאָן העלפן איינער אויף דעם יאריד!“

איצט אינטערעסירט אים שוין נישט די לאַגע פון די פאָלקס=מאסן. פארקערט, ער איז איינציר פון די, וואָס זדיעקעווען זיך איבער זיי. ער ווייס נאָר פון געלט=גייציקייט און פון עגאָיזם. און אז „דו דערמאָנסט אים אין די פריערדיקע יאָרן מיט די ברענענדיקע געדאנקען, טוט ער דיר אַ קלאַפּ איבערן פלייצע און זאָגט דיר: כא, כא, כא, דו געדענקסט ראָס נאָך? כא, כא, כא!...“

שלום=עליכם געפינט אָבער, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אין דער יידישער סביבה אזעלכע אינטעליגענטן, וואָס זענען זיך מקריב פארן פאָלק. דאָס זענען די געוועזענע סטודענטן בערעלע. אָן אויפגעקלערטן מלמד'ס א זון, מאָריץ און אנדערע. די דאָזיקע סטודענטן גייען אין פאָלק, העלפן אים.

די יידישע פארגעשריטענע יוגנט פון די 80=ער יאָרן האָט אין שלום=עליכם'ס פעליעטאָנען „די איבערגעכאפטע בריוו“ דערהערט אן אָפּקלאנג פון דער דעמאָלטיקער רעוואָלוציאָנערער פובליציסטיק אין רוסלאנד. זיי האָבן אין די דאָזיקע פעליעטאָנען געזען די פארטיידיקונג פון די האָרעפאשנע פאָלקס=מאסן, און נישט בלויז פון די יידישע, נאָר אויך פון די נישט=יידישע. מיט גרויס אינטערעס האָט אָט די פארגעשריטענע יוגנט געוואַרט אויף די ניי=דערשינענע נומערן פון דעם האלב=קלעריקאלן „יידישעם פאָלקס=בלאט“. די גרונט=סיבה דערפון איז געווען שלום=עליכם'ס פעליעטאָנען „די איבערגעכאפטע בריוו“.

אין די ערשטע פעליעטאָנען זיינע „די איבערגעכאַפטע בריוו“ איז שלום=עליכם דער אָנהויבער פון זיין אייגענער סאטירע. דאָ באַגעגענען מיר שוין איינעם פון די גרונט=עלעמענטן פון זיין הומאָר — דעם קאָמיזם. מע דארף באמערקן, אז דאָ האָט זיך שלום=עליכם'ן מער אָדער ווייניקער איינגעגעבן די שילדערונג פון די נעגאַטיווע געשטאלטן.

אָבער שלום=עליכם האָט שוין אין „די איבערגעכאפטע בריוו“ גע=

שטעלט זיך פאר אן אויפגאבע צו ווייזן אַ געשטאַלט פון אַ פּאָזיטיוון מענטשן ביי יידן: רב וועלוועלע, און באזונדערס אַ פּאָזיטיווע געשטאלט פון יונגן דור — הערשעלע, בערעלע, מאָריץ. אין זיי האָט שלום-עליכם געוואָלט געפינען די שעפערישע כוחות פון די יידישע פאָלקס-מאַסן, דעם פאָלקסטימלעכן אמת, דעם נישט אויפהערנדיקן לעבנס-קוואַל. אָט די געשטאַלט פון אַ פּאָזיטיוון מענטשן ביי יידן, צו וועלכן שלום-עליכם האָט אין „די איבערגעכאַפּטע בריוו" באוויזן בלויז אָנצומערקן א וועג, האָט ער אין זיינע שפּעטערדיקע יוגנטלעכע ווערק אלץ מער און מער קינסטלעריש פארפאָלקאָמט. דאָ זעען מיר שוין א גלאנץ פון דער גרויסער ליבע צו די יידישע פאָלקס-מאסן, וואָס שלום-עליכם האָט אין זיך געטראָגן פון זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט אָן. שוין דעמלט האָט ער פאר זיך געשטעלט דעם ציל דורך בייסנדיקער סאטירע באווייזן די נעגאַטיווע דערשיינונגען אינעם יידישן לעבן, און אין דער זעלביקער צייט אויך ווייזן די פּאָזיטיווע, „די קלוגע און גוטע פונעם פאָלק", ווי עס האָט אמאָל געזאָגט דער רוסישער שרייבער ניקאָלאי סעמיאָנאָוויטש לעסקאָוו.

## „אלדי-רוחות"

### פון „אויסרייסן" און „אלדי-רוחות" צו קאַסרילעווקע און יעהופּעץ

די שטעט, ווו עס קומען פאָר די געשעענישן, וועלכע שלום-עליכם באַשרייבט אונדז אין זיינע „איבערגעכאַפּטע בריוו", הייסן ביי אים „פינצטעריש", „פּאָמאָיעס", „שווייגעריי", „געהאַקטע ווענדן", „אַנגסטן" (אַ גרויסע שטאָט אין מאלאָראָסיע), „אַלדי-רוחות" (אַ גרויסע שטאָט אין פּוילן) „אויסרייסן", „בלאָטע", „יעהופּעץ", „שעפּעטיווקע", „קאַפּצאַניווקע", „קראסילעווקע". אין פלוג געהערט, ווענדט זיך דאָ שלום עליכם גלייך ווי זיינע פארגייער מענדעלע, ליניעצקי און אַנד., צו דער אַלטער באַקאַנטער קאָמבינאַציע פון די רוסישע סאַטיריקער שטשעדרין און אַנדערע. די דאָזיקע נעמען אַליין זאָגן שוין אונדז אָן, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד עס געפינט זיך דאָס לעבן אין די דאָזיקע שטעט און אויף וואָס פאַר א „הויכער" שטופע פון קולטור זיי זענען.

אָבער פון וואַנען קומט דער שלל נעמען פון שטעט צו שלום-עליכם'ען? מענדעלע האָט דאָך נישט באַנוצט אַזויפיל נעמען. מיר ווייסן בלויז פון מענדעלעס צוויאַטיטש, גלופּסק, טונעיאַדעווקע, קאַפּ-

צאַנסק. פאַרוואָס זשע האָט שלום־עליכם באַנוצט אַזויפיל נעמען פאַר זיי־נע שטעט און האָט זיך אויך נישט אויסגעקליבן קיין צווייד ריי נע־מ ע ן, ווי אין די רייפסטע יאָרן פון זיין שאַפן — קאַסרילעווקע און יע־הופּעץ? אָבער דער יונגער שלום־עליכם האָט נאָך פאַר זיך נישט געהאַט זיין עכט קינסטלעריש־טיפּיזירנדיקן נאָמען פאַרן יידישן שטעטל און פאַר דער גרויסער שטאָט. אויך דאָ האָט נאָך פאַר זיך געזען שלום־עליכם ב ל ו י ז ס כ ע מ ע ס פ אַ ר ז י י נ ע ש פּ ע ט ע ר ד י ק ע ט י פּ י ז י ר נ ד י ק ע קאַסרילעווקע און יעהופּעץ.

לכתחילה האָט שלום־עליכם, ווי מיר ווייסן שוין, באַנוצט אַלס אייגנ־נעמען פון די שטעט און שטעטלעך אַזלעכע, וואָס גיבן אונדז אַ כאַראַק־טעריסטיק פון זייער עקאָנאָמישן און גייסטיקן מצב. דאָס האָט אים גע־האָלפן אין זיינע ערשטע קינסטלערישע פּרוון אונטערצושטרייכן און צו באַלעבן זיינע יוגנטלעכע בילדער פונעם יידישן לעבן. דער נאָמען פון שטעטל האָט שוין אויך געדאַרפט דערציילן וועגן זיין טרעגער. שפּעטער, ווען שלום־עליכם'ס טאַלאַנט האָט זיך צעבליט און ווען ער האָט אונדז גע־געבן מייסטערהאַפטע געשטאַלטן פונעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד, האָט ער זיך שוין אין פּובליציסטישע כאַראַקטעריזירנדיקע נעמען פון די שטעט נישט געניטיקט. מיר ווייסן נישט און דאַרפן שוין נישט וויסן די עטימאָ־לאָגיע און דעם טייטש פון קאַסרילעווקע און יעהופּעץ. מיר קענען זייער אויסזען, מיר ווייסן זייער לעבן, מיר זענען באַקאַנט מיט זייערע גע־שטאַלטן, מיר זעען זיי, זיי שטייען פאַר אונדזערע אויגן.

## אינעם וועג פון מענדעלע מוכר־ספרים

פּונקט אַזוי ווי מענדעלע, האָט שלום־עליכם געפּרוווט אַראָפּרייסן די מאַסקעס פון די פרומע גאָטס־סטראַשטשעס און פון די גבירים. פּונקט אַזוי ווי מענדעלע, האָט ער געפּרוווט אויסלאַכן פאַרעלטערטע זיטן און מנהגים, וואָס זענען נאָך אפילו ענדע אכציקער יאָרן געווען גענוג שטאַרק.

גלייך ווי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט זיך פאַר דעם לעזער פאַרגעשטעלט אין דער געשטאַלט פון דעם אָפּטמאָל גוטמוטיקן, אָפּטמאָל בייזן יידן פון אַ גאַנץ יאָר — מענדעלע מוכר־ספרים — האָט אויך שלום ראַבינאָוויטש זיך פאַרגעשטעלט אין דער געשטאַלט פון שלום־עליכם, וואָס אין עפּעס „אַזאַ ממזר, אַ שלאַק, אַ מאַרשעליק, אַ קאַלבוניק, אַ טריפהנער פּוסק", ווי עס האָבן וועגן אים געשמועסט פאַרשידענע פּערסאָנאַזשן אין זיינע פעליעטאָנען.

גלייך ווי ביי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז מענדעלע מוכר־ספרים געווען אין צענטער פון די באַשריבענע פּאַרשוינען, איז געווען אַן אַקטי־ווער אָנטיילנעמער אין דער האַנדלונג, איז אויך ביי שלום ראַבינאָוויטשן די געשטאַלט שלום־עליכם געווען דער אַקטיווער אָנטיילנעמער פון אַלע זיינע דעמאָלטיקע ווערק.

און אַזוי ווי מענדעלע, האָט אויך שלום־עליכם אויסגעפונען פאַר זיי־נע שטעט און שטעטלעך כאַראַקטעריסטישע נעמען, וואָס זאָלן פּאַראַל־געמיינערן דעם אויסערלעכן אויסזען און דעם אינערלעכן תוך פונעם יידישן שטעטל. האָט מענדעלע די שטעטלעך אַ נאָמען געגעבן קאַפּצאַנסק, גלופּסק, צוויאַטיטש, האָט זיי שלום־עליכם אויך געגעבן אַן אַלגעמיינעם נאָמען: דורמאַנאָוו, לעפּעטיווקע, קאַפּצעניווקע.

מענדעלע איז געווען דער גרעסטער אויטאָריטעט ביים יונגן שלום־עליכם, און עס האָט זיך אים, שלום־עליכם'ן, געוואָלט וויסן, וואָס זאָגט וועגן זיינע ליטעראַרישע פּרוון דער, וועמען ער האָט אַזוי הויך געשעצט, אין וועמענס וועג ער גייט אַזוי פלייסיק און איבערגעגעבן.

ענדע 1884. מענדעלעס פריינד און פאַרערער פּראַווען דעם פינף־אונצוואַנציקיאָריקן יובליי פון מענדעלעס ליטעראַרישער טעטיקייט, וועל־כער האָט געהאַט אַ גאַנץ באַדייטנדיקן פאַר יענער צייט אָפּקלאַנג אין דער פּרעסע.

דער יונגער שלום־עליכם באַשליסט צו באַגריסן דעם גרונטלייגער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. און מיט אַ יוגנטלעכן ציטער שטעלט ער זיך פאַר פאַרן גרויסן ליטעראַרישן אויטאָריטעט מענדעלע — אין אַ באַגריסונג אויף רוסיש, וואָס ער שיקט אים צו זיין פינף־און־צוואַנציקיאָריקן יובליי: „קאָן זיין, אַז אין די פיל בריוו און באַגריסונגען וועט זיך אייער אויפמערקזאַמקייט נישט ווילנדיק אָפּשטעלן אויף די דאָזיקע שורות, וועלכע עס שיקט אייך פון דער וויטער פּראָווינץ, אַזוי צו זאָגן, פון די סאַמע טיפענישן פון אונדזער רוסישן געטאָ, אַ יונגער, נאָר אַ הייסער פאַרערער פון אייער טאַלאַנט, אַ פאַרערער, וואָס אַרבעט אויף דעם באָדן, וואָס איר האָט אויפגעאַקערט, און פאָלגט נאָך פלייסיק און איינגעשפּאַרט נאָך אייערע שפּורן, וואָס איר האָט אַזוינע שאַרפע איבערגעלאָזט אויף די פעלדער פון אונדזער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור".

פול מיט פּאַטאָס און האָפענונג אויף דער צוקונפט פון דער יידישער ליטעראַטור איז געווען אָט דער ערשטער בריוו פון שלום־עליכם'ן צו מענדעלען.

עס איז שוין דעמלט געווען פאַר שלום־עליכם'ן קלאָר, אַז אין זיין שרייבן גייט ער אַרוים נישט פון זיינע אינדיווידועלע אינטערעסן, נאָר פון די אינטערעסן פון דער יידישער ליטעראַטור און פונעם פאָלק.

## אַ גאַסט

סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש האָט נישט איינמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט זיינע נאָענטע באַקאַנטע אויף די נאָטיצן אין די פּעטערבורגער ציימונגען וועגן די אַרויסטרעטונגען פונעם יונגן טענאָר מיכאיל יעפימאָוויטש מעדוועדיעוו. ער פלעגט זיי דערציילן, אַז אָט דער מעדוועדיעוו—דאָס איז דער מאַירקע, וואָס פלעגט מיט אים אין וואָראָנקאָווא אויף דער טאַרגאָוויצע פאַרשטעלן זיך אין דער שפּיל פון דעם „גזלן און אָרעמאַן".

איצטער איז מעדוועדיעוו דורך אַ צופאַל געוואָרן אַ סטודענט פון דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע, און די אַקטיאָרישע קרייזן אין פּעטערבורג לייגן אויף אים גרויסע האָפענונגען. ער איז איצטער געקומען אויף וואַקאַציעס צו זיך אין זיין שטעטל מעדוועדיעווע. האָט ער אין דער קרייזשטאָט פּערעיאַסלאַוו ספּעציעל איינגעאָרדנט קאָנצערטן פאַר די געליטענע פון די פּאָגראָמען. היינט איז ער געקומען קיין בעלאַצערקאָוו.

פון די פענצטער פון דער יידישער קאַזיאָנער שול, וואָס געפינט זיך אין עק שטאָט, אויף אַ ברייטן, נישט אַרומגעצוימטן, ליימיקן פּלאַץ, באַוואַקסן מיט פּאָלין, פאַרשפּרייט זיך אַ העלע שיין. די רואיקע גאַס, וואָס פירט צו דער קרוין־שול, די שטענדיק שלעפעריקע אין אָוונט, איז היינט געווען אויף. אַרום דער געמויערטער געביידע, וואָס פון אירע ווענט האָבן אַרויסגעקוקט געלע לאַטעס פונעם אָפּגעפאַלענעם טינק, האָט זיך אַרומגעדרייט יוגנט.

אַ פּאָר עלטערע בעלאָצערקאָווער באַלעבאַטים אין לאַנגע קאַפּאָטעס, וואָס זענען געגאַנגען פאַרביי, האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן די קעפּ, פאַרנומען די בערד אין די הויפּנס און געשמועסט.

— אין באַלטע, אין קיעוו, שלאָגט מען, און דאָ, נאַ דיר, גאָר הוליאַנקעס! מער ליגט זיי אין קאָפּ נישט. וואָסי וואָס, אומזיסט שלאָגט מען אוודאי? מ'איז מער נישט זייער אויסגעלאַסן: נישט צו גאָט, נישט צו לייטן.

— בעל־צדקות איז מען געוואָרן אויף פרעמדע קעשענעס! אַז נאָר

גיב! אַ וועלט געוואָרן! דעם קוואַרטאַלנעם גיב, דעם רב גיב, דעם חזן גיב, און נאַ דיר — גיב ווייטער.

ביידע האָבן זיך איינגעקוקט אין פענצטער, אויסגעשפיגן און אַוועק. גייענדיק, האָט זיך איינער געווענדט צום צווייטן:

— אייך איז גוט. איר זייט, אָן עין־הרע, אַ בעזדיעטניק, דיר דאַ באַבאַ. מיר קאָסט אָבער אַזאַ מעשה געלט. די טעכטער מיינע וועלן דאָס נישט דורכלאָזן... וואָס איז מיר די פּעולה, וואָס האָרטן איז מען אָרעמ־לייט. דער אייגענער אָרעמאַן איז בילכער, ווי מיינט איר, האַ?

און לעבן דער צווייטאָקיקער יידישער קאַזיאָנער שול איז אַלץ מער און מער עולם געוואָרן. די פענצטער פון־ם צווייטן שטאָק זענען געווען צעעפנט, און פון שול האָט זיך געטראָגן אויף דער גאַס א טומל און א געלעכטער. דער עולם האָט אַלץ נאָכגעפרעגט, צי איז שוין געקומען דער פעטערבורגער זינגער מעדוועדיעוו.

— ק'איז כזב־ליגן, ס'איז נישט קיין פעטערבורגער זינגער. אינסינו־אציע, א יחוס אַ גרויסער, פאַראַן דאָ וועמען צו הערן, א שטיקל מלמדס א זון פון מעדוועדיעווקע, א גדולה איך זאָג אייך! — האָט אַ יונגערמאַן אין אַ שוואַרצן גאַרניטור זיך געחכ'מעט און געוויזן זיינע פאָדערשטע גרויסע ציין. דאָס איז געווען אן עקסטערן, א זון פון א בעלאָצערקאָווער קאַרגן גביר. ער האָט זיך געסמאַרעט אַרויסצובריינגען אין זיין לעקסיקאָן נאָרוואָס אויפגעכאַפּטע ווערטער פון די ביכער. האָט ער דעריבער ווידעראַמאָל איבערגעחזרט:

— אז אינסינואציע, וואָס די וועלט גיט נישט!

א יונגער שניידער, וואָס האָט זיך אויך געשטופּט אַריינצוגיין אין שול אויפן קאָנצערט האָט אים באַלד געענטפערט:

— וואָס, א מלמד טאָר גאָר קיין גוטע קינדער נישט האָבן? ערשטנס, איז זיין טאַטע גאָר נישט קיין מלמד, נאָר מעדוועדיעווקער רב.

— מעדוועדיעווקער רב! אויך מיר אַ רב! אַ סקאַרפּעטקע — אַ בגד. מעדוועדיעווקע א שטאָט, — האָט ווידער דער יונגערמאַן אין שוואַרצן גאַרניטור געלאַכט און געוויזן זיינע פאָדערשטע גרויסע ציין. — אָט וועט איר זען, — האָט ער געזאָגט, — זיי שרייבן אין די „אָביאַוולעניעס“, אַז ס'וועט נאָך היינט זיין ספּעקטאָר אויך. ס'איז ווייטער כזב־ליגן, אינסינו־אציע, קיין ספּעקטאָר וועט נישט קומען. אָט האָט איר אייך זיינעם א פעליעטאָן אין „פאָלקסבלאַט“: נאָך מיט דריי טעג צוריק איז ער

דורכגעפֿאָרן בעלאַצערקאָוו און איז אַוועקגעפֿאָרן גלייך אין סאַנקט־פּעטערבורג.

הורך די פענצטער האָט זיך געלאָזט הערן אויף דער גאַס אַ גלעקל קלינגען. דאָס האָט באַטייט, אַז דער אָוונט הייבט זיך אָן.

דער עולם איז שוין געווען אינגאַנצן צונויפגעזאַמלט, די ערטער פאַרנומען. אויף דער עסטראַדע זענען ארויף דער דאָקטאָר טשערני, א הויכער, א ברייטבייניקער, מיט א גרויען, געקרויזטן קאָפּ האָר, און דער יונגער שלום־עליכם. דאָקטאָר יעקב טשערני איז געווען באַרימט אין בעלאַצערקאָוו. ער איז געווען באַרימט נישט נאָר א דאַנק דער מעדיצינישער הילף, וואָס ער פלעגט אַרויסווייזן די אָרעמע מאַסן, נאָר אויך מיט זיין ליבע צו די פאָלקס־מאַסן און צו זייער שאַפונג.

ער איז געווען איינער פון די ווייניקע יידישע דאָקטוירים אין צאַרישן רוסלאַנד, וואָס האָבן געשריבן פּאָפּולערע אַרטיקלען אויף אַן אמתער פאָלקס־שפּראַך וועגן מעדיצין, סאַניטאַריע און היגיענע. אַליין אַ יוגנט־חבר פון דעם דיכטער און שעפער פונעם יידישן טעאטער אברהם גאָלדפאַדן, האָט דאָקטער יעקב טשערני אין דער פרייער צייט ליב געהאַט צו זינגען יידישע פאָלקס־לידער און לידער פון יידישע דיכטער.

ביי דאָקטאָר יעקב טשערני אין שטוב פלעגן זיך פאַרזאַמלען די בעסטע פאָרשטייער פון דער בעלאַצערקאָווער יידישער אינטעליגענץ, און דאָרטן פלעגט שלום־עליכם לייענען זיינע ערשטע ווערק.

דאָ האָט שלום־עליכם באַגעגנט די ערשטע פאַרערער פון זיין טאַלאַנט. צווישן זיי איז געווען יוסף פּעטריקאָווסקי, דער רוסישער איבערזעצער פון מענדעלעס „טאַקסע“, דער דעמלט באַקאַנטער זשורנאַליסט און אויטאָר פון אייניקע אַרטיקלען אין רוסיש וועגן דער יידישער ליטעראַטור, באַזונדערס וועגן ליניעצקין און מענדעלען.

דאָקטאָר טשערני האָט געמאָלדן, אַז באַלד טרעט אַרויס דער יונגער טאַלאַנטירטער זינגער מעדוועדיעוו, און האָט געבעטן דעם עולם האַלטן זיך רואיק.

אויף דער עסטראַדע איז אַרויף מעדוועדיעוו. ער האָט זיך פאַרנייגט צום פּובליקום און האָט אָנגעהויבן זינגען אַריעס פון „פּיקאָוואַיאַ דאַמאַ“. פון „דעמאָן“. זיין בלייך פּנים האָט אַרויסגעקוקט פון די לאַנגע שוואַרצע האָר. ער האָט פאַרענדיקט זיין זינגען, האָט זיך ווידער אַ נייג געטאָן און איז שנעל אַראָפּ פון דער עסטראַדע. אין זאַל, האָבן די געשרייען „בראַוואָ“, „ביס“ נישט אויפגעהערט, ביז ער איז ווידער אַרויף און האָט

אָנגעהויבן זינגען אין אוקראַיִניש דאָס באַקאַנטע ליד פון טאַראַס שעווטשענקאָ.

**Реве та стогне Днипр**
**широкий**
**Сердитый витер завива**

דער זינגער האָט שוין לאַנג געענדיקט האָס ליד, און דער עולם האָט אַלץ איבערגעחזרט דעם מאָטיוו שוין אָן אים. מעדוועדיעוו איז געשטאַנען לעבן חבר פון זיין קינדהייט שלום נחום וועוויקס — שלום=עליכם. ווי אין דער קינדהייט אין וואָראָנקאָ אויף דער טאָרגאָוויצע פלעגן זיי קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן נאָך זייערע פאָרשטעלונגען, אַזוי האָבן זיי היינט ביידע, געקוקט איינער אויפן צווייטן מיט ליבע.

דאָקטאָר טשערגי איז ארויף אויף דער עסטראַדע, האָט געבעטן דעם עולם אויפהערן צו זינגען, ווייל באַלד וועט אַרויסטרעטן דער שרייבער פון „פאָלקסבלאַט“ שלום=עליכם.

שלום=עליכם האָט געלייענט דעם דריטן אויפטריט פונעם ערשטן אַקט פון „רעוויזאָר“. ער האָט אַזוי קונציק געביטן די שטים זיינע, די באַוועגונגען פון זיין קערפּער, איבערגעבנדיק דעם דיאַלאָג פון דאָבטשינסקי און באָבטשינסקי, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז עס ריידן גאָר צוויי באַזונדערע מענטשן. דער עולם האָט געגאַפט קוקנדיק און הערנדיק און האָט זיך גאָר פאַרגעסן, אַז פאַר זיי שטייט א נאָענטער באַקאַנטער.

ער האָט געענדיקט דעם דיאַלאָג, און עס האָבן זיך געוויזן נייע דריי געשטאַלטן — דער גאָראָדניטשי, אַרטיעמי פיליפאָוויטש, אמאָס פיאָדאָדאָוויטש. ווידער האָבן זיך געהערט נייע דריי שטימען, ווידער האָבן זיך געוויזן נייע באַוועגונגען. אַפּלאָדיסמענטן האָבן באַגלייט די ווערטער פון „רעוויזאָר“, מיט וועלכע שלום=עליכם האָט פאַרענדיקט:

„שלמה המלך אַליין וועט נישט דערגיין, וואָס עס איז האָרטן אמת און וואָס איז דאָרטן נישט אמת“.

— מען האָט געשריבן אין די „אָביאַוולעניעס“, אַז עס וועט קומען דער שרייבער פון סאַנקט=פעטערבורג ספּעקטאָר. וו איז ער? דאָס איז אָפּנאַרעריי, אינסינואַציע! — האָט אויסגעשריגן דער יונגערמאַן אינעם שוואַרצן גאַרניטור, דעם קאַרגן גבירס זונדל.

ספּעקטאָר, איינער פון שלום=עליכם'ס נאָענטסטע ליטעראַרישע פריינד, האָט אין דער אמתן באַדאַרפט קומען אויף דעם דאָזיקן אָוונט. ער איז

דעמלט געווען אין אומאַן, אין זיין געבורטס=שטאָט, און שלום=עליכם האָט אים איינגעלאַדן אויפן אָוונט אין בעלאָצערקאָוו, אָבער ער האָט דרינגענד געמוזט אַוועקפאָרן קיין פּעטערבורג און איז אויפן אָוונט נישט געקומען.

דאָקטער יעקב טשערני, האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— ס'איז געווען א טעות, ספּעקטאָר האָט געמוזט דרינגענד אַוועקפאָרן קיין פּעטערבורג. דערפאר וועט אונדז דער אנדערער שרייבער פון „פאָלקס=בלאַט" שלום=עליכם דורכלייענען זיינעם אַ בריוו צו ספּעקטאָרן!

שלום=עליכם האָט גענומען לייענען דעם בריוו, וואָס איז געווען פול מיט וויץ און הומאָר. יעדע ווײַלע פלעגט אויסברעכן א געלעכטער, וואָס פלעגט זיך אוועקקייקלען איבערן גאַנצן זאַל. אינעם בריוו איז געווען באַשריבן, וואָס פאַר א וועטשערע ער וואָלט פאַר אזא גאַסט, ווי ספּעקטאָר, צוגעגרייט און וואָס פאַר א געלעגער מע וואָלט פאַר אים אויסגעבעט:

צוויי איבערבעטן, א שטיק פינף קישנס, אחוץ קליינע קאָפּ=קישעלעך, און נישט גלאַט פון פעדערן, נאָר פון עכטן פוך, צוליב וואָס בעלאָצערקאָווער ווייבער האָבן געהאָדעוועט טלעכע ווינטערן גענדז און א טויט אַלטע ווייבער האָבן די פעדערן געפליקט אין די לאַנגע נעכט דעם גאַנצן ווינטער.

נאָכדעם האָט שלום=עליכם געשפּילט אויפן פידל מעלאָדיעס פון גאָלדפאַדנס יידישן טעאַטער. דאָקטער טשערני האָט אַקאָמפּאַנירט אויף פּיאַנע.

דער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דעקלאַמאַציע פון שלום=עליכם'ס אַ ליד:

איך וואָלט, גלייבט מיר, גערן לאַכן,
לאַכן שטענדיק און א סך!
זיך און יענעם פריילעך מאַכן —
לאָז מען הערן, ווי איך לאַך!
וואָס קען איך העלפן, וואָס קען איך טאָן?
(איך קען אַליין דאָס נישט פאַרשטיין)
ווען צו לאַכן איך הייב נאָר אָן,
גיסן טרערן זיך אַליין!
טרערן גיסן,
טייכן פליסן —
טייכן טרערן,
הייסע טרערן...

אין די ערשטע פּאָר יאָר פון זיין ליטעראַרישן שאַפן האָט נאָך שלום-עליכם נישט פאַרמאָגט קיין פעסטע, פּאָזיטיווע באַציונג צו הומאָר. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז נישט נאָר סאַטירע, נאָר אַפילו הומאָר קאָנען אויסגענוצט ווערן בלויז אין פעליעטאָן, אָבער פאר אזוי גערופענע הויך קינסטלערישע ווערק קאָן דער געלעכטער אויסגענוצט ווערן ביי שילדערן נעגאַטיווע און פיינטלעכע געשטאַלטן.

פון דער צווייטער זייט פאַרטראַכט זיך נאָך גאַנץ אָפט דער יונגער שלום-עליכם, צי דאַרף ער קומען מיט געלעכטער צו זיין לעזער אפילו אין די פעליעטאָנען, און צי זיין געלעכטער איז נישט קיין איבעריקער דעמלט, ווען די יידישע מאסן לעבן איבער אזויפיל שווערע רעפּרעסיעס. דאָס באַשטעטיקן זיינע פעליעטאָנען „בריוו צו דעם בריוול-שרייבער“, אויף וועלכע עס איז אויסגעגאָסן דער דעמלטיקער צער און טרויער פון די יידישע פאָלקס-מאַסן אין צאַרישן רוסלאַנד. עס ראַנגלט זיך אין שלום-עליכם׳ן דעמלט דאָס געוויין און דער געלעכטער. און סיי די סאַטירע, און סיי דער קאָמיזם אין די „איבערגעכאַפּטע בריוו“ באַפרידיקן נישט שלום-עליכם׳ס פאָלקסטימלעכע, האַרציקע, הומאָריסטישע נאַטור, און ער זאָגט אַזוי: „זייט איך שרייב פאַר מיינע ברידער (שוין באַלד צוויי יאָר), האָבן נאָך די לעזער פון מיר קיין פריילעכע מינע נישט געזען, און אַפילו דאָרט, ווו איך פּאַרקאַטשע זיך מיט ליצנות, ענדיק איך אויך מיט געוויין“.

נישט גרינג איז אים אָנגעקומען צו געפינען זיין וועג צו זיך. עס האָט אים געדריקט דער צער פאַר די יידישע פאָלקס-מאַסן און אַרויסגערופן אין אים א טרויער. און סיי די סאַטירע זיינע, און סיי דאָס געוויין זיינס האָבן אים, דעם יונגטלעכן שלום-עליכם, נישט באַפרידיקט און עס איז נאָך פאַר אים גופא נישט קלאָר געווען דעמלט, צי איז הומאָר אַן עכטע קינסטלערישע דערשיינונג. דעריבער פאַרמאָגט נאָך נישט די ערשטע קינסטלערישע דערציילונג זיינע „נאַטאַשע“ דעם גרונט-עלעמענט פון הומאָר — דעם געלעכטער.

„נאַטאַשע“, אָדער ווי שלום-עליכם האָט די דאָזיקע דערציילונג שפּעטער אָנגערופן „טייבעלע“, איז געשריבן און פאַרעפנטלעכט אין דער זעלביקער צייט, ווי „די איבערגעכאַפּטע בריוו“, אין יאָר 1884. די זעלביקע אידעע דרינגט דורך סיי די פעליעטאָנען און סיי די דערציילונג. אויך דאָ טרעט שלום-עליכם אַרויס אַלס קעמפער קעגן דעם גייעם,

אויפגעקומענעם יידישן בירגערטום. אויך דאָ איז ער דער זוכער פון דעם פאָלקסטימלעכן אמת, וועלכן ער געפינט בלויז ביי די זין און טעכטער פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע. אָבער דאָ אין זיין ערשטן פּראָזע־ווערק פעלט אינגאַנצן זיין פרייליכע, פאָלקסטימלעכע סאַטירע, אפילו די שפּראַך איז דאָ געהאַמעוועט פון א געצווונגענעם ערנסט.

אין „נאַטאַשע“ באַפרייט זיך שוין שלום־עליכם געוויסערמאסן פון דער סענטימענטאַלישער טרערנדיקייט, אין וועלכער עס האָט זיך אַזוי געווייקט זיין דערציילונג „צוויי שטיינער“. שלום־עליכם'ן גייט זיך שוין דאָ איין צו מאכן די ערשטע טריט אויפן וועג פון אנטפּלעקן אין זיך איינעם פון די גרונט־עלעמענטן פון זיין הומאָר — דעם האַרציקן לירינם. דאָ האָט זיך אים איינגעגעבן אויף א קינסטלערישן אופן צו שילדערן פּאָזיטיווע געשטאַלטן פון אַ יידישן פאָלקס־אינטעליגענט, פעלדמאַן, און פון א יידישער פרוי פון אינטעליגענטקע פון אָנהויב די 70־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט — נאַטאַשע.

שלום־עליכם מאכט דאָ אַ פרווו צו ווייזן א פּאָזיטיווע געשטאַלט פון אַ יידישן אינטעליגענט, ווייזנדיק זיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען און ליידנשאַפטן, נישט אַרויספירנדיק אים דערהוויל אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע. ער ווייזט אונדז זיין לעבנשטייגער, זיין אויפפירונג, דערציילט אונדז וועגן זיינע שטרעבונגען, ער פירט אונדז אַריין צו אים אין שטוב.

שילדערן א פּאָזיטיווע געשטאַלט פון א יידישער פרוי אַן אינטעליגענטן האָט שלום־עליכם'ן, ווייזט אויס אָנגערעגט דער רוסישער פאָלקסטימלעכער ראמאן, וואָס איינע פון זיינע הויפּט־צילן איז געווען צו ווייזן א פּאָזיטיווע געשטאַלט פון א פרוי אַן אינטעליגענטן. די געשטאַלט פון נאַטאַשע האָט שלום־עליכם, ווייזט אויס, געהאַט אין זין צו אַנטוויקלען ווייטער און צו פירן זי אין אַנדערע זיינע ווערק. „מיר וועלן זיך נאָך מיט נאַטאַשען באַגעגענען“ — ענדיקט ער זיין דערציילונג.

פון זיינע ערשטע טריט אָן האָט שלום־עליכם געשטעלט פאַר זיך א ציל אַרומצוכאַפּן ברייט דאָס לעבן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין דעם לעצטן פערטל פונעם 19־טן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד.

די געשטאַלט פון פעלדמאַנען האָט שלום־עליכם'ן נאָכגעפאָלגט פון זיין פרישטער יוגנט אָן. דאָס איז געווען דער אידעאַל פון מענטשן, וועלכן ער האָט אויסגעשפונען אין זיין יוגנטלעכער פאַנטאַזיע. ער אַליין האָט געוואָלט גיין אויף דעם דאָזיקן וועג און געזען זיך אין דער צוקונפט אַזאַ.

ווער איז פעלדמאַן? שלום-עליכם גיט אונדז זיין קורצע לעבנסבאַשרייבונג ביז דעם מאָמענט, אין וועלכן מיר באַקאַנען זיך מיט אים.

פעלדמאַן האָט, אייגנטלעך, די זעלביקע ביאָגראַפיע פונעם לערער ראַבאָווסקי אין די „צוויי שטיינער“. סיי דער, סיי יענער האָבן זייער בילדונג באַקומען אין דער ראַבינער-שול אין זשיטאָמיר, וווּ עס האָבן באַקומען זייער בילדונג די בעסטע פאַרשטייער פון דער יידישער פאָלקסאינטעליגענץ אין 19-טן יאָרהונדערט. פעלדמאַן איז נישט נאָר דער אידעאַל פון מענטש ביים יונגן שלום-עליכם, נאָר אויך דער אידעאַל פון אַ דערציער פון דעם יונגן דור. ער איז שטאָלץ, פעלדמאַן, הנפּעט נישט סיי די עלטערן פון זיינע תלמידים, סיי די תלמידים גופא. ער איז אַ מונטערער און פריילעכער און איז שטענדיק גרייט מיט זיין גאַנצן וועזן צו דינען זיין פאָלק. און די דאָזיקע גרייטקייט זיינע, פעלדמאַנס, קומט נישט פון גלייכגילטיקייט צו זיין פערזענלעכן לעבן, נאָר פון דער פייערדיקער ליבע צו דעם לעבן פון דעם צווייטן, און אין דער ערשטער ריי צו דעם לעבן פון די פאָלקס-מאַסן. מיר גיבן דאָ איבער דעם קורצן אינהאַלט פון „נאַטאַשע“.

די געליבטע געשטאַלט פונעם יונגן שלום-עליכם, פעלדמאַן, באַקאַנט זיך צופעליק מיט אַ יונג מיידל נאַטאַשע, אַן עלנטע יתומה. זי האָרעוועט זיך אין אַ געהיימען שאַנד-הייזל, וואָס געפינט זיך קעגנאיבער פעלדמאַנס וווינונג. נאַטאַשע דערוויסט זיך צופעליק וועגן פעלדמאַנען. זי קומט צו אים און בעט אים, ער זאָל זי אַרויסנעמען פון דעם אָפּגרונט, אין וועלכן זי זינקט. זי פאַרבלייבט ביי פעלדמאַנען אין שטוב, ווי זיינע אַ שוועסטער. ער האָרעוועט זי און לערנט זי. זי מאַכט גרויס דערפאָלג אין לערנען און ווערט אויך אַ לערערין. נאַטאַשע איז ענערגיש, שיין און שטאָלץ און אינאיינעם מיט פעלדמאַנען קעמפט זי פאַר דעם אמת און קעגן דער פאַלשקייט. וואָס שלום-עליכם האָט זיך געסטאַרעט אויפצורייסן אין זיינע פעליעטאָנען. נאַטאַשע איז פאַרליבט אין פעלדמאַנס אַ תלמיד מאָריץ.

אים האָט פעלדמאַן געלערנט און באַקענט מיט די פּאָרגעשריטענע שטרעמונגען אין די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען. ער האָט זיך דאָס, פונקט ווי יענער סטודענט אין די „איבערגעכאַפּטע בריוו“, „אווילינקאַיעט“, ער האָט עס אויך געשריבן: אַלע דאַרפן זיין גלייך! אמת, זיינע רעוואָלוציאָנערע שטימונגען זענען נישט געגאַנגען ווייטער פון די ווענט פון פעלדמאַנס וווינונג. ער האָט אפילו נישט געהאַט קיין מוט אַרויסצוטרעטן קעגן זיין מוטער, דער שטאָטישער גבירהטע.

מאַריצעס מוטער זוכט אויס פאַר אים א רייכע כלה. זי רופט אים אין אויסלאַנד שרייבן תנאים. נאָטאַשען פאַרזיכערט ער, אַז ער וועט דער מוטער נישט הערן. זיי וועלן בלייבן טריי איינער דעם צווייטן. ער וועט אין אויסלאַנד נישט פאָרן. אָבער ער פאַראַט נאָטאַשען און האָט חתונה מיט דער רייכער כלה, וואָס זיין מוטער האָט פאַר אים אויסגעקליבן.

מאַריצעס פאַראַט צעבריכט אָבער נישט נאַטאַשעס ענערגיע, איר קאַמף פאַרן לעבן און איר קאַמף פאַרן אמת, וועלכן זי זעצט פאָר ווייטער.

געבנדיק די ביאָגראַפיעס פון די פאָלקס-אינטעליגענטן מיכאַל פעלדמאַן און נאָטאַשע זאַנגעשיין, האָט שלום-עליכם דערציילט וועגן זייער עקשנותדיקן קאַמף מיט זייער סביבה און וועגן דער סאַמע וויכטיקסטער זאַך, וואָס האָט זיי געהאָלפן אויפצוהייבן זיך איבער אומוויסן, גבנעדיקייט, דערשלאָגנקייט — וועגן ד ע ר מ י, וואָס לייטערט דעם מענטשן, בעסערט אויס זיינע זייטן און העלפט אים, נישט געקוקט אויף אלע שוועריקייטן, צו דערגרייכן דעם ציל, וואָס ער שטעלט פאַר זיך אוועק. מאַריצעס ביאָגראַפיע האָט אים געדינט צו ווייזן דער עיקר די שוואַכקייט, כאַראַקטערלאָזיקייט, פּחדנות פון דער יידישער בירגערלעכער יוגנט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף ד ע ר מ י פון אַנדערע.

שוין אין יאָר 1884 האָט שלום-עליכם געמאַכט די ערשטע טריט עפנטלעך אָנצוהייבן זיין קאַמף קעגן דער לייזונג פון א סיוזשעט אין דעם יידישן ראָמאַן פון שמ״ר עט קאָמפּאַניע. אין זיין „נאָטאַשע“ ווענדט זיך שלום-עליכם תחילת צום לעזער:

„אונדזערע זשאַרגאָן-לעזער זענען איבערהויפּט געוווינט געוואָרן, אַז דער העלד אָדער די העלדין פון ראָמאַן דאַרף זיין ענטוועדער א מלאך, אָדער גאָר אַ שד. ער דאַרף זיין אַזוי גוט, אַזוי ערלעך, אַזוי אָרנטלעך, אַזוי ריין, ווי א מלאך פון הימל, וואָס געהערט זיך מיט דער ערד ווייניק אָן, וואָס טוט גאָר גוטס פון זיך אַליין, און אַזוי ווי די וועלט איז זינדיק, קומט נעבעך אַראָפּ דער מלאך אויף דער זינדיקער ערד, מע יאָגט אים אויף יעדן טריט; פאַר ליבע צאָלט מען אים מיט פיינטשאַפט (שנאה. פאַרטייטשט פון שלום-עליכם), פאַר זיין ערלעכקייט — מיט מערדעריי. און אַזוי ווערט דער בידנע מלאך נעבעך פאַרשוואַרצט, ביז דער ראָמאַן קומט צו ענדע, ווערט ער פּלוצים גליקלעך און עס ווערט אים אָפּגעצאָלט פאַר זיינע מעשים-טובים הונדערט מאָל אַזויפיל. און דער מערדער, דער שלעכטער העלד, באַקומט זיין שטראָף פון דעם מחבר אין האָט די מפּלה. זעלטן ענדיקט זיך דער ראָמאַן אָן א מעלאָדראַמע און אָפטמאָל ענדיקט

דער פּראָפֿעסאָר זיין ראָמאַן מיט אַ דרשה, ווי אין די אַלטע מוסר־ספרים מיט דעם נוסח פֿון „צאינה־וראינה“, אַז דער צדיק מוז, נעבעך, ליידן, ביז גאָט העלפֿט אים, און דער רשע וועט סוף־כּל־סוף האָבן די מפּלה און נאָך אַזוינע קינדערשע זאַכן; די לעזער זאָגן אַ שבח דעם „קלוגן“ פּראָפֿעסאָר פֿאַר זיין „שיינער“ בבא־מעשה, וואָס האָט מיט דער פּוסטער פֿאַנטאַזיע צונויפֿגעפֿלאָכטן אַזעלכע שרעקלעכע געשיכטן, וואָס וואַרפֿן אונדז אין היץ און אין קעלט, נאָכגעמאַכט די פֿראַנצויזישע וואָלוועלע ראָמאַנען“.

שלום־עליכם האָט דער ערשטער אויפֿגעדעקט דעם תּוך פֿון דעם שמר'יזם. ער האָט דערזען דעם מגיד, וואָס האָט זיך פֿאַרפּוצט אין עלעגאַנטע, וואָלוועלע פּראָזע, און האָט די יידישע פֿאָלקס־מאַסן געשפּייזט מיט אויסגעטראַכטע עולמות.

„אין אונדזערע דערציילונגען און אין אונדזערע שפּעטערע דערציילונגען, — שרייבט שלום־עליכם ווייטער, — וואָס מיר האָפֿן אין „פֿאָלקס־בלאַט“ צו דרוקן, וועט דער לעזער נישט געפֿינען קיין מלאכים און קיין שדים, נאָר מענטשן, ווי מיר מיט איך, מיט אונדזערע אייגענע מעלות און חסרונות. אויב ווער עס וואַרט אַז אונדזער דערציילונג זאָל זיך ענדיקן דווקא מיט אַ חופּה, אָדער מיט אַ לוויה (ח"ו) — דער האָט אַ גרויסן טעות: ער וועט דאָ געפֿינען נאָר דאָס, וואָס דער אמת, דאָס, וואָס דאָס לעבן פֿאָדערט פֿון אונדז“.

אין דער דאָזיקער שטעלע איז, אייגנטלעך, שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן דעם יונגן שלום־עליכם'ס קינסטלערישן אני־מאמין. אין זיינע ווערק זאָגט ער צו, וועט דער לעזער נישט געפֿינען דאָס, וואָס ער געפֿינט אין די יידישע „שמ'ר“־ראָמאַנען. ער וועט געפֿינען דעם אמת, יענעם אמת, וואָס דאָס לעבן פֿאָדערט פֿון אונדז“. אָבער אויב פֿאַר שלום־עליכם'ן איז שוין געווען קלאָר, אַז אַ קינסטלעריש ווערק דאַרף שעפּן זיין מאַטעריאַל פֿונעם אמתן לעבן, האָט ער אָבער נאָך דעמאָלט נישט דערגרייכט צו זיין פֿאָלקאָמער, אייגנטימלעכער, קינסטלערישער אמת־דיקייט.

„נאַטאַשע“, אָדער אין דער שפּעטערדיקער באַאַרבעטונג — „שטיפֿעלע“, איז דאָס ערשטע קינסטלערישע פּראָזע־ווערק פֿון שלום־עליכם, ווי מיר האָבן שוין שפּורן פֿון איינעם פֿון די גרונט־עלעמענטן פֿון זיין הומאָר — דעם שלום־עליכם'שן ליריזם.

# „העכער און נידעריקער"

אין זיין צווייטער דערציילונג „העכער און נידעריקער", וואָס איז געווען געדרוקט אין דעם זעלביקן „יידישעם פאָלקס־בלאַט" פון יאָר 1884, זעצט שלום־עליכם ווייטער פאָר זיין אויפגאַבע צו שילדערן געשטאַלטן פון דער יידישער אינטעליגענץ. און ער ווייזט אונדז צוויי קעגנזעצלעכע געשטאַלטן פון דער יידישער אינטעליגענץ: יצחק בעקערמאַן און סאשע ראָזנפעלד. דער ערשטער — א קינד פון דער יידישער אָרעמשאַפט, דער צווייטער — דער זון פון דעם שטאָטישן גביר. שלום־עליכם רופט אָן די דאָזיקע דערציילונג „עטיודן אין צוויי טיילן". די ערשטע טייל האָט אַן אונטערקעפל „אין דער הויך", די צווייטע טייל — „אין דער נידעריק".

שלום־עליכם דערציילט אונדז וועגן דעם לעבן פון זיינע צוויי העלדן פון דעם ערשטן טאָג פון זייער געבוירן. סאשע ראָזנפעלד לעבט אין דער הויך איבער אלעמען, דאָס גאַנצע שטעטל בוקט זיך פאר זיין פאָטער און מוטער און פאר אים. אלע אין שטעטל ווייסן, אז זיי זענען נידעריקער פון די ראָזנפעלדס, ווייל זיי פארמאָגן דאָך נישט דאָס קערבל. ראָזנפעלדס עלטערן נוצן אויס אלע מיטלען פון דעמאַגאָגיע. צוליב טראַסק און טאַראַראַם מאכן זיי מאָלצייטן פאר אָרעמעלייט. אויף די מאָלצייטן טרעפט זיך אפילו טויט־פאלן פון איבערעסן זיך אָדער איבערטרינקען זיך. די גאַנצע שטעטלדיקע אָרעמשאַפט ווייסט, אז זיי זענען גאָרנישט קעגן די ראָזנפעלדס.

יצחק בעקערמאַנס מוטער, פייגע די אלמנה, איז זיך מפרנס דערפון, וואָס זי קאָכט פיש ביי די ראָזנפעלדס. אָט די פייגע, וואָס לעבט „אין דער נידעריק", האָט אָבער גאָט „געשטראָפט" מיט א זון, אין וועלכן עס האָט אויפגעוואַקסט אַ באַוווסטזיין פון זעלבסטווירדע, וואָס האָט זיך גענומען אויפהייבן פון דעם גייסטיקן זומפּ, אין וועלכן עס זינקען זיינע ברידער פון דער יידישער אָרעמשאַפט. ער וויל נישט גיין צום טיש פון די ראָזנפעלדס, ווען זיי מאַכן אַ מאָלצייט פאַר אָרעמעלייט. פייגע בלייבט דערפון אָן אַ שטעלע.

די ביטערע איראָניע און דער סאַרקאַזם שלום־עליכם'ס אנטפּלעקט פאר אינדז די נכנעדיקייט פון דער מוטער פון דער יידישער אָרעמשאַפט: „איך בין שוין מוחל די פיר קערבלעך, וואָס איך האָב אָנגעווירן, — זאָגט פייגע צו איר זון, — כאַפּט דיך דער רוח מיט זיי איינגעם! אָבער וואָס האָסטו געהאַט מבייש צו שטעלן די גבירהטע און אַריינברענגען אין

כעם דעם גבירס זון, די כפרה זאָלסטו זיין פאר זיין מיגדסטן נאָגל! וואָס ביסטו און וואָס איז ער? דו ביסט אַ ווערגעלעס (הערקולעס, פאַרטייטשט פון שלום־עליכם'ן), אַ פוסטעפּאַסניק און אָרעמער שלעפער, און פון אים לעבט א שטאָט מיט אָרעמעלייט! דו ביסט א ליידיקגייער, און ער וועט באלד ווערן אַ דאָקטער, אָדער אפשר א גובערנאַטאָר!".

דער וועג פונעם יידישן פאָלקס־אינטעליגענט פונעם 19־טן יאָרהונדערט אין רוסלאנד איז אומעטום געווען אויסגעשפרייט מיט שטיינער. עס האָט אים געשענדט דער יידישער נגיד, עס האָט אים פארשעמט און גערודפט דער יידישער באַלעבעסל, דעם נגידס נאָכטענצער. עס האָבן אים נישט פארשטאַנען די נאָענטע פון זיין אייגענער סביבה, וואָס זענען דאָס רוב געווען איינגעהילט אין פינצטערגיש און אומוויסן, עס האָט אים געבראָכן די פאָליטישע און נאציאָנאלע רעכטלאָזיקייט. אָבער די עקשנות פון דער יידשער פאָלקס־אינטעליגענץ, וואָס האָט אין זיך געטראָגן די לעבנספעיקייט און דעם אָפּטימיזם פון די יידישע פאָלקס־מאסן, האָט קיינער נישט געקאָנט צעברעכן. די דאָזיקע אינטעליגענץ האָט באגייסטערט דעם יונגן שלום־עליכם'ן, געמוטיקט אים, און אין איר וועג איז ער געגאַנגען, זוכנדיק און קעמפנדיק פארן אמת.

עס גייען אוועק אייניקע יאָרן. יצחק בעקערמאַן האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אלס דאָקטער. אלס סטודענט ליידט ער החקות און נויט דאָס ברעכט אונטער זיין געזונט־צושטאנד, סאשע ראָזנפעלד ענדיקט אויך דעם אוניווערסיטעט אלס דאָקטער אוןביידע פראקטיקירן אין אייגענעם שטעטל.

ראָזנפעלד פארטונקלט דעם באַוווסטזיין פון די פאָלקס־מאסן מיט טראסק און רעקלאמע. זיין גאנצע טעטיקייט איז בלויז יאָגן זיך נאָך געלט, אָנלעבן זיך אויפן חשבון פון די יידישע פאָלקס־מאסן. ער קערט זיך גאָר מיט זיי נישט אָן, זיין געזעלשאפט זענען די הויכע טשינאָווניקעס, ער איז ארומגעהאָנגען מיט ארדענס. ראָזנפעלד האָט די גרעסטע פראקטיק און מאכט א גרויסן קאפיטאל.

און בעקערמאַן? זיינע אייגענע זאָגן וועגן אים אָט וואָס: „אויך מיר אַ דאָקטער! ער גייט גאָר צופוס... ער פארשרייבט נישט קיין לאנגע און קיין טייערע רעצעפטן... ער היילט מיט באבסקע רפואות... ער נעמט גאָר אַ גילדן, אָרעמעלייט אומזיסט... און אמאָל גיט ער צושטייער פון זיין קעשענע אויף אַ רעצעפּט... ער זיצט אמאָל אָפּ א גאנצע שעה ביי דעם חולה צוקאָפּנס.. ער איז אזוי צוגעלאָזט... ער האָט אפילו זייער אַ ווייך

הארץ און איז א זעלטענער מענטש — ער איז אָבער פאָרט א „קלײנער" דאָקטער!..." בעקערמאַן מאַכט זיך נישט קײן רעקלאַמעס, ער איז באַשײדן אין זײן באַציונג צום מענטשן, זײן װילן איז נאָר העלפן דעם פאָלק. אים רופט מען ערשט דעמלט, װען דער חולה איז שױן אין דער האַמע שרעקלעכסטער לאַגע און װען מע פאַרקױפט שױן די לעצטע קישן און מע האָט שױן נישט װאָס צו באַצאָלן ראָזנפעלדן. „עט, מען װעט שױן גאָרנישט פאַרלירן, זאָל שױן קומען דער סאַרװערקעס זון, אפשר װעט גאָט צושיקן דורך אים די רפואה".

דאָקטער יצחק בעקערמאַן האָלט נישט אױס זײן קאַמף מיטן לעבן, ער שטאַרבט אַ יונגער. דאָקטאָר ראָזנפעלד זעען מיר אין אַ סך יאָרן אין א גרױסן, ליכטיקן זאַל פול מיט געסט — יידן, קריסטן, דאַמען, קאַװאַלערן... אײנער פון די מענער, זײער א דיקער, א שײנער, א פרײלעכער מאַנספּאַרשױן מיט א סטאַניסלאַװ-לענטע אין פראַק, האַלט אױף די פּיבײ זיך צװײ קינדער אײניקלעך... — מע לעבט, דאָס איז דער דאָקטער אַלעקסאַנדער גאַװריל־אָװיטש ראָזנפעלד. װאָס איז בײ אים הײנט פאַר אַ יום־טוב? בײ דער קלענערער טאָכטער מאַריע איז הײנט אימענינעס".

װאָס זשע טוט זיך „אין דער נידעריק?" יצחק בעקערמאַן איז געשטאָרבן. ער האָט איבערגעלאָזט זײן סאַרען אַ גרױסע ירושה".

די ירושה איז געװען — חיים"...

אין שלום־עליכם פרעגט איראָניש: „צי חיים װעט זײן גליקלעכער פון יצחקן? דאָס קאָנען מיר נישט װיסן", — ענטפערט ער.

דאָס, װאָס איז געװען, האָבן מיר געזען, דאָס, װאָס עס „װעט" זײן, „װעלן מיר זען..."

װיפל האָט אָט די דערצײלונג „העכער און נידעריקער" געהאָלפן דער יידישער פאַרגעשריטענער יוגנט פון די 80־ער יאָרן צו באַלױכטן די יידישע פאָלקס־מאַסן דעם װעג צו זײער באַפרײונג! װיפל ליכט און באַװוסטזײן האָט די דאָזיקע דערצײלונג אַרײנגעטראָגן אין די הײזקעס פון דער יידישער אָרעמשאַפט, װו עס פלעגט פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט קלאַפּן א נײ־מאַשין, א האַמער און אַ האַק! און װיפל ליבע האָט זי געפלאַנצט צו אונדזער אמת אײגענער אינטעליגענץ!

אין „העכער און נידעריקער" גיט אונדז שלום־עליכם אויך אַ געשטאַלט פון א יידישן „שרײבער" (א לערער פון די 50־ער און 60־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט). דאָ האָט שלום־עליכם געמאַכט אַ באַדײטנדיקן שריט צו שילדערן א געשטאַלט דורך א בריװ פון איר גופא. פון אָט

דעם בריוו קוקט ארויס אויף אונדז אן אויסטערלישע, לויטערע געשטאַלט פון א יידישן אינטעליגענט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אייגענער ארומרינגלונג, ווו עס האָט געשווימלט און געגריבלט פון קבצנישקייט און אומווויסן. דער ראַזיקער אינטעליגענט גיסט אויס זיין ביטער געמיט אין אַ בריוו, געשריבן אין דעם סטיל פון דער ביבל, און אַט דער בריוו איז שוין אויך אן אָנהייב פון דער סעריע פּאַראָדיעס אויף דעם פּסיידאָקלאַסישן סטיל אין העברעיש, וואָס האָט נאָך געהערשט אין די 80-ער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט צווישן יידן.

אין „העכער און נידעריקער" דערגרייכט שלום-עליכם זיין עכטן שלום-עליכם'שן מאגיער צו ווייזן אונדז א געשטאַלט דורך דער געשטאַלט גופא, און נישט פון דעם אויטאָר, דאָס הייסט, שלום-עליכם האָט שוין דאָ געוויזן די קונסט פון באַהערשן די באַוועגונג, די שטים און די שפּראַך פון זיין פּערסאָנאַזש. דאָס זעען מיר איז די מאָנאָלאָגן פון פייגע די סאַרווערקע און אין דעם בריוו פון דעם „שרייבער".

## קינדער-שפּיל

אין דעם זעלביקן יאָר 1886, ווען שלום-עליכם פּאַרענדיקט צו שרייבן זיין פּאַמפלעט „די וועלט-רייזע", שרייבט ער אויך זיין צווייטן יונגט-ראָמאַן „קינדער-שפּיל", וואָס איז פּונקט אזוי, ווי דער ערשטער „נאַטאַשע", געהאַמעוועט פון ערנסט אין דער שפּראַך און אין סטיל. דאָס איז שוין אָבער א ברייטערע לייוונט, ווי „נאַטאַשע".

אויפן פאָן פון א גרויסן וויין-געשעפט פון די שותפים פרידמאַן און פורמאַן ווייזט אונדז שלום-עליכם, אזוי צו זאָגן, די קאַפּיטאַליסטישע אָנ-זאַמלונג פון א יידישן בורזשוא פרידמאַן, וועלכער שאַפט זיך א גרויסן קאַפּיטאַל דורך דעם, וואָס ער באַגנבעט און נאַרט אָפּ זיין שותף.

דאָ באַמיט זיך שלום-עליכם צו ווייזן די אויפפירונג, די זיטן אין דעם לעבנס-שטייגער פון דעם מאָדערנעם יידישן בירגערטום און זיין יונגן דור — „די גליקלעכע פּרינצן, אויף וועלכע עס האָרעווען א סך הענט, א סך פיס, א סך פּלייצעס, א סך קעפּ". דאָס זענען די יונגיקע, וואָס שטייען כלומרשט נישט אָפּ פון פּראָגרעס, כאַפּן כלומרשט אויף די פאַרגעשרי-טענע אידעען פון זייער צייט, גיבן זיך ארויס פאַר די הייסטע אָנהענגער זייערע און סוף-כל-סוף שענדן זיי אָט די ראַזיקע אידעען און טרעטן זיי מיט די פיס.

דער עיקר האָט שלום־עליכם אין „קינדער־שפּיל“ געהאַט בדעה צו־ ווייזן אַ געשיכטע פון איינער אַ ליבע פון אַ געבאַלעוועטן בן־יחיד באָרים פרידמאַן. באָרים פרידמאַן איז, אייגנטלעך, אַן איבערוואַריירונג פון דעם קאַראַקטערלאָזן „פינאַנס־פּרינץ“ מאָריץ אין „נאַטאַשע“. באָרים געהערט שוין אָבער צו אַן עטוואָס יינגערן דור, ער באַקומט שוין זיין בילדונג אין דער גימנאַזיע. פּונקט ווי מאָריץ, איז ער נישט צופרידן מיט דעם פאַרעל־ טערטן מנהג פון שידוכים רעדן. אויך ער האַלט עס פאַר אַן איבערבליי־ בעכץ פון „דעספּאָטיזם“. דער סיוזשעט פון ראָמאַן „קינדער־שפּיל“ איז אין דער ליטעראַטור נישט קיין נייער. ער איז געבויט אויף אַ ליבע פון קינדער, וואָס קומען אַרויס פון צוויי פיינטלעכע פאַמיליעס, די געוועזענע שותפים פורמאַן און פרידמאַן. באָרים פרידמאַן איז פאַרליבט אין ראָזע פורמאַן, ער אַנטלויפט מיט זיין געליבט מיידל אין אַן אַנדער שטאָט און האָט חתונה אָן דעם וויסן פון זיינע עלטערן, וועלכע באַשטייען נישט אויף זיין שידוך. ענדלעך אָבער גיט זיך ער אונטער דער ווירקונג פון זיינע על־ טערן, און די איידלסטע געפילן פון זיין פרוי זענען פאַר אים נישט מער, ווי אַ קינדער־שפּיל.

אויך דאָ זעצט פאָר שלום־עליכם זיין אויפגאַבע צו שאַפן אַ פּאָזיטי־ ווע געשטאַלט פון דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ. דאָס איז דער סטו־ דענט פּנחס אייזנשטאַט, וועמען ער שטעלט קעגן די צעבאַלעוועטע קינדער פון דעם יידישן בירגערטום. פּנחס אייזנשטאַט געהערט שוין צו אַ יינגערן דור, ווי מיכאל פעלדמאַן און יצחק בעקערמאַן. ער איז נישט קיין געווע־ זענער משכיל, ער מאַכט נישט דורך קיין קאַמף צווישן פאָטערס און קינ־ דער, ער טראָגט זיך נישט אַרום מיט קיין אידעען צו ווערן אַן איבערערדע־ ציער פון פאָלק, ער איז, אַזוי צו זאָגן, פון דער אינטעליגענטישער מאַסע. זיין פאָטער איז אַ שניידער און האָט אים אַליין געשיקט אין דער גימנאַ־ זיע. ער שיידט זיך אונטער פון זיין חבר באָרים פרידמאַן מיט זיין אַר־ בעטזאַמקייט, מיט זיין נישט געמאַכטער איבערגעגעבנקייט און טרייקייט צו זיינע חברים און נאָענטע. ער דאַרף זיין די פאַרקערפּערונג פון פאָלקס־ טימלעכער פּשטות.

אויפן געביט פון שאַפן אַ רעאַליסטישן ראָמאַן, וואָס זאָל אָפּשפּי־ גלען דאָס לעבן פון דעם מאָדערנעם יידישן בירגערטום, איז שלום־עליכם געווען איינער פון די פּיאָנערן אין דער יידישער ליטעראַטור. אויף אַזאַ אופן זענען די קינסטלערישע מעלות און חסרונות פון זיינע ערשטע ראָ־

מאַנען כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר אים, נאָר אויך פאַר דער געשיכטע פון דעם ראָמאַן אין דער יידישער ליטעראַטור. שטעלנדיק פאַר זיך דעם ציל צו געבן אַ ראָמאַן פון דעם יידישן בירגערטום, וועלכער זאָל ווייזן דעם אמתן פּרצוף זייַנעם, איז פאַר שלום־עליכם'ן דעמלט אויך געשטאַנען אַ ביז גאָר וויכטיקע אויפגאַבע צו באַקעמפן דעם שונד־ראָמאַן, וואָס האָט געפאַנגען אין זייַנע נעצן די גרעסטע מערהייט פון דעם דעמלטיקן יידישן לעזער. נעמענדיק אין אַכט דעם לעזער, האָט שלום־עליכם געמוזט אויסנוצן אייניקע מאָטיוון פון דעם שונד־ראָמאַן און דורך זיי באַקעמפן אים. ער ווייזט אונדז דאָ אין „קינדער־שפּיל" אַ „קרבן" פון דער שונד־ראָמאַניסטיק, בערטע די גרושה, און פירט אָבער דאָ אויך אַרייַן אַ באַשטענדיקן פאַרשויַן פון דעם יידישן שונד־ראָמאַן דעם שאַרלאַטאַן אַרטור פלעכטנטאַל, וואָס באַראַבעוועט בערטע דער גרושה, און זי פּוצלט ביי אים „קוים, קוים ער זאָל איר געבן גט". ער באַנוצט נאָך דאָ מיילוויַז די שמר'יםמישע לעקסיק: דערמאָנט גאַנץ אָפט די כאַראַקטעריסטיק „דעספּאָט" בנוגע צו די עלטערן. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס שלום־עליכם האַלט זיין ראָמאַן פאַר „אַ ריכטיקע, נישט אויסגעטראַכטע געשיכטע", קאָן ער זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם טראַדיציאָנעלן שמר'יסטישן עפּילאָג, וועלכן ער עפנט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: געזעגנענדיק זיך מיטן לעזער, מוזן מיר, ווי עס פירן זיך אויף דער וועלט די אַלע ראָמאַניסטן (שמר'יסטן — או. פ.) שענקען אים אַן עפּילאָג און איבערגעבן אַלץ, וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אונדזערע העלדן, וועלכע ווערן דערמאָנט אין דער דאָזיקער „ריכטיקער, נישט אויסגעטראַכטער געשיכטע".

אויסער דעם, וואָס שלום־עליכם זוכט זיין אייגענעם סטיל, וואָס ער קעמפט פאַר זיין אייגנטימלעכער אַנטפּלעקונג, איז ער נאָך דער זוכער פון דעם סטיל פון דעם ראָמאַן אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע זאָל נישט זיין אָפּגעריסן פון דעם לעבן און וואָס זאָל באַהאַנדלען דאָס, „וואָס דאָס לעבן פאַדערט". ער עקספּערימענטירט, איז נאָך אַליין נישט זיכער אין זייַנע שריט, וועלכע ער מאַכט אויף דעם געביט. דער צושטאַנד פון דעם יידישן ראָמאַן צווינגט אים געוויסערמאָסן אָפּצוגיין פון זיין וועג, וועלכן ער האָט זיך געפּרוּווט אָנמערקן.

ווי מיר האָבן שוין געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זען, האָט זיך שלום־עליכם באַמיט אין זייַנע ערשטע פּראָזע־ווערק וויַזן זייַנע פּאַרשוינען אַלס אַ פּראָדוקט פון זייער סביבה. אין דער צייט געפינט זיך שלום־עליכם אונטער אַ שטאַרקן איינפלוס פון מיכל זאַלאַס ווערק, פון וועלכע ער האָט זיך

שפּעטער באַפרייט. ער פּרוּווט אַפילו צו שרייבן אַ סעריע ראָמאַנען לויטן מוסטער פון דער פאַמיליע רוגאָן.

אין „קינדער־שפּיל“ פּרוּווט ער באַאַרבעטן אַ צווייטן פּראָבלעם: דאָס איז דאָס פּראָבלעם פון ביאָלאָגישער ירושהדיקייט, וואָס זאָלאַ האָט געשטעלט אין זיינע ווערק.

פורמאַנס פאַרלאָזן זיך אויף זיין שותף פרידמאַן קומט נישט פון אייגנטימלעכער אָרנטלעכקייט, פון געטרויען דעם צווייטן, נאָר פון הוילער טפּשות, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין פאָטער, אַן אויפגעקומענעם גביר, אַ געוועזענעם באַלעגאָלע.

אויפן זעלבן אופן זוכט שלום־עליכם צו דערקלערן דעם לעבנס־גאַנג און די אויפפירונג פון מאָטל פרידמאַן, וועלכער איז ענערגיש, רירעוודיק, געאַכטעט פון זיינע משרתים, וואָס קרימען און מאַכן חוזק פון מאיר קוואַשיג. אָט דער ענערגישער סוחר האָט שוין געשטאַמט פון אַ פאָטער, וואָס „מע פרעגט אַמאָל ביי זיי אַן עצה און מע פאַרלאָזט זיך אויף זיי מיט בורותן, ווייל מע האַלט זיי פאַר קלוגע לייט, פאַר קאָפּ־מענטשן“. מאָטלס עלטערן זענען נישט געווען רייך, פאַרקערט, „געלעבט האָבן זיי אין גרויס דחקות, און אָפטמאָל איז נישט געווען אַפילו אויף אַ פוד מעל. נאָר מאָטל געדענקט נישט, אַז זיין פאָטער זאָל זיין אַמאָל פאַרזאָרגט, אָדער ער זאָל אָבקען און קרעכצן אויף דער ביטערער צייט, ווי אַנדערע קבצנים: אדרבא, דאָס איז געווען אַ פריילעכער קבצן, אַן אָפּגעפּוצטער און אַ ריינער, אַז ווען איר גיט אויף אים אַ קוק, וואָלט איר זיכער געמיינט, אַז עס ליגן ביי אים שווערע טויזנטער אין קאַסטן“.

ווי יעדער גרויסער קינסטלער, מוז שלום־עליכם אין זיינע קינסטלערישע ווערק אויך אָפּלייקענען זיין אייגענע וועלט־אַנשויונג, ווען די אַנטשפּרעכט נישט דעם אָביעקטיוון אמת. די ביאָלאָגישע ירושהדיקייט אין „קינדער־שפּיל“, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פון אים, אַלס איינע פון די גרונט־אויפגאַבן פון זיין ווערק, האָט ער אַליין געמוזט אָפּלייקענען און פאַרוואַנדלען אין אַ מין סאָציאַלער אָפּשטאַמונג: דער ענערגישער בורזשואַ פרידמאַן האָדעוועט שוין אויס אַ געבאַלעוועטן בן־יחיד, וואָס איז כאַראַקטערלאָז, נישט ענערגיש און נישט פעיק צו פירן אַ קאַמף פאַר זיינע איבערצייגונגען און פאַר זיין עקזיסטענץ.

דאָ אין „קינדער־שפּיל“ האָט זיך שלום־עליכם דאָס ערשטע מאָל

פאַרבייגייענדיק ארויסגעזאָגט וועגן איינעם א מאָמענט פון זיין קינסטלערישער וועלט־אנשויונג. דאָס איז דער מאָמענט פון אָפּטימיזם, פון נישט אונטערגעבן זיך קלענערע און גרעסערע דאגות אין דעם אַלגעמיינעם לעבן, פון שטענדיקן נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, דער סאַמע וויכטיקסטער און בעסטער וועג צום גליק. אומעט, פאַרזאָרגטקייט, נישט רירעוודיקייט — דאָס האָט ער נישט געקאָנט סובל זיין, באַזונדערס דעם אומעט, וואָס קומט פון זעט און איבערגעזעטיקטקייט. אין זיין ערשטע אויסגאַבע פון „סענדער בלאַנק" ווידמעט ער דער דאָזיקער פראגע א ספּעציעלן קאַפּיטל (דאָס אַכטע קאַפּיטל).

שלום עליכם'ן האָט זיך דאָ מער איינגעגעבן די שילדערונג פון דעם עלטערן דור. אייניקע פערסאָנאַזשן דערקענען מיר שוין לויט זייער שפּראַך און לויט זייערע באַשטענדיקע ווערטלעך. די שילדערונג אָבער פון דעם יינגערן דור איז דאָ נאָך גאַנץ בלאַס. פּונקט ווי אין „גאַטאַשע", איז די שפּראַך פון די אינטעליגענטישע פערסאָנאַזשן און פון דעם אויטאָר „נאַוואַטאָריש"־ערנסט. די שילדערונג פון דער ליבע־געשיכטע אין „קינדער־שפּיל" האָט זיך שלום־עליכם'ן ווייניק וואָס איינגעגעבן. וואָס איז שייך דעם לעבן־שטייגער, דער „באַשרייבונג פון לעבן", ווי מענדעלע האָט עס אָנגערופן, האָט דאָ שוין שלום־עליכם דערגרייכט מער פאַלקאָמקייט, ווי אין זיינע ווערק ביז אהער. ער האָט אונדז דאָ געגעבן עכט קינסטלערישע בילדער פון הדר, פּינעם לעבן־שטייגער פון דעם יידישן בירגערטום. צום ביישפּיל, דאָס סאַטירישע בילד דער אָרעמער פעטער צוגאַסט ביי דעם רייכן פּלימעניק מאיר קוואַשע. עס האָט זיך אים אויך איינגעגעבן די שילדערונג פון מאיר קוואַשע דעם פּראָצענטניק, פון זיין פרוי טייבעלע, פון מאָטל פרידמאַן און זיין פרוי מלכה. דער פּאָרטרעט פון די פערסאָנאַזשן ווערט שוין דאָ געגעבן נישט סטאַטיש, ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיטן פאַרשוין, נאָר ער וואַקסט אויס ביסלעכווייז אינאיינעם מיט דער אויפפירונג פון דעם פערסאָנאַזש. אייניקע פערסאָנאַזשן פון „קינדער־שפּיל" וועלן מיר שפּעטער זען נאָך מער פאַרפאַלקאָמטע אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק, אשטייגער, יאָסי דעם מלמד אין „דאָס מעסערל", אליק דעם משרת אין „סענדער בלאַנק".

„קינדער־שפּיל" איז געווען אויך איינע פון יענע ווערק, וועגן וועלכע מענדעלע האָט געשריבן אין א בריוו צו שלום־עליכם'ן: „ווי איר באַשרייבט דאָס לעבן, איז א פאַרגעניגן צו לייענען, ס'איז דא וויץ, הומאָר".

# אויפן וועג פון נ. א. ניעקראַסאָוון

ניט בלויז אין פּראָזע איז שלום-עליכם טעטיק געווען אין די ערשטע יאָרן פון זיין ליטעראַרישן שאַפן. ער האָט אויך געשריבן לידער און פּאָעמעס, ווו ער האָט אין אייגנאַרטיקע פּאָעטישע פערזן אַנטבלויזט די יידישע אָרעמשאַפט, געוויזן די, וואָס האָבן זי געדריקט און עקספּלאָאַטירט אויף פאַרשידענע אופנים. שלום-עליכם האָט אַריינגעטראָגן פיל נייע כאַראַקטער-שטריכן אין דער יידישער פּאָעזיע פון 19-טן יאָרהונדערט. ער האָט מיט עכטער פאָלקסטימלעכקייט פון דעם יידישן פאָלקסליד איינגעבירגערט און פאַרפעסטיקט די מאָטיוון פון ניעקראַסאָווס ריכטונג אין דער יידישער פּאָעזיע. ניעקראַסאָוו האָט באַאיינפלוסט אייניקע יידישע דיכטער נאָך אין די 60-ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט: גאָלדפאַרן, וויינשטיין (געדרוקט אין „קול-מבשר") און אַנדערע. די לידער אָבער פון שלום-עליכם'ן האָבן אַלס זייער גרונט-מאָטיוו געהאַט פאַר זיך נאָר דאָס שווערע לעבן פון דער יידישער אָרעמשאַפט, דעם יידישן דלות, גלייך ווי מענדעלע, וואָס האָט דעם דאָזיקן מאָטיוו אַוועקגעלייגט אין גרונט פון זיינע פּראָזע-ווערק. אין אונטערשייד צו די דיכטער פון די 60-ער יאָרן האָט שלום-עליכם אַריינגעפירט אויך דעם ריטם און דעם פערז ניעקראַסאָווס אין דער יידישע פּאָעזיע.

אויף א סך לידער פלעגט שלום-עליכם אָנווייזן: „זינגען עס לויט דעם מאָטיוו פון דעם אָדער יענעם ניעקראַסאָוו-ליד". אַזוי, אַשטייגער, האָט ער צוגעשריבן צו דער ליד „ערב שבת": „דער שיר איז געבויט אויף דער מאָס פון ניעקראַסאָווס זדראַווסטווי, ראָדנאַיאַ, קאַק מאַזשעטסיא, קומושקאַ?" און קאָן געזונגען ווערן מיט דער זעלבער מעלאָדיע, וואָס איז באַוווסט יעדן אין רוסלאַנד" („יידישעס פאָלקסבלאַט", נומ. 36, 1884). אויך זיין פּאָעמע „יידישע משיגאָוניקעס", וועגן וועלכער מיר האָבן שוין איינמאָל דערמאָנט, איז געשריבן געוואָרן מיט דער מאָס פון ניעקראַסאָווס לידער און האָט אן עפּיגראַף פון ניעקראַסאָוון:

**Голодно, странничек голодно**
**Холодно, родименкий, Холодно?**

(„יידישעס פאָלקסבלאַט" נומ. 45, 1884).

דאָס איז געווען דער דעוויז פון שלום-עליכם'ס לידער. ער האָט דערציילט אין זיי וועגן הונגער, דאגות און נויט, פּאָליטישער באַגרענעצונג

פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, עקספּלאָאַטאַציע פון די הערשנדיקע קלאַסן. מיט די אידעען פון ניעקראַסאָווס דיכטונג איז דורכגעדרונגען די שווין־דערמאָנטע פּאָעמע פון שלום־עליכם׳ן „יידישע מטשינאָווניקעס“, די לידער „דער חלום“, „מע פרעגט מיך, וואָס איך וויין?“ און אַנדערע. דעם יונגן שלום־עליכם׳ס לידער זענען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די יידישע מאַסן, און פיל פון זיי זענען געוואָרן פאָלקס־לידער, צום ביישפּיל, „גוט מאָרגן, וואָס מאַכסטו, מיין טייערע אסתר?“, וואָס איז אַן איבער־אַנדערשונג פון זיין בילד „ערב שבת“. שלום־עליכם׳ס שטימונג פון יענער צייט איז צו זען פון זיין ליד „מע פרעגט זיך, וואָס איך וויין?“

ריידנדיק אין דעם דאָזיקן ליד וועגן די רדיפות פון די יידישע פאָלקס־מאַסן מצד דעם צאַריזם, גייט שלום־עליכם נאָכדעם אַריבער צו די הערשנדיקע קלאַסן ביי די יידן גופא. און אָט וואָס ער זאָגט:

און צו מיינע אייגענע ברידער, ווען איך קוק זיך צו,
הער איך די זעלבע לידער און האָב קיין הילף דאַצו.
איך פאַרשטעל שטאַרק די אויגן, איך זאָל נישט זען, וואָס טוט זיך דאָ,
ווי דער אָרעמאַן ווערט אַרויסגעצויגן, ווי עס איז קיין אמת נישטאָ,
ווי איינער יאָגט דעם צווייטן און מאַכט פון אים אַ תל,
אויף איין האַנט טראָגט ער קייטן און אויף דער אַנדערער — די פעל...
די קהלשע רעדלפירער, די גבאים, די נאמנים,
די שמשים, די פאַרזאָרגער — רחמנים בני רחמנים...
די בעל־טאַקסעס, די בעל־טובות, וואָס עסן פלייש און פאַרקויפן בייגער,
די נאַלאָגן מיט די חובות, וואָס וואַקסן ווי אַ באַרג מיט שטיינער,
די „גוטע יידן“, די צדיקים, מיט פייערדיקע חסידים,
די בעל־מופתים, די מזיקים, די זאָגערס, די מגידים,
די משכילים, די פאַטריאָטן, וואָס זענען אויך נישט בעסער...
די דאָקטוירים, די דעספּאָטן, וואָס קוילן אָן אַ מעסער,
און נאָך, און נאָך, און נאָך... נאָר וואָס האָבן מיר צו ריידן?
לעזער! ווי איז מיר און אָך — אוי מיר, אוי דיר, אונדז ביידן!!...
איר פרעגט מיך, וואָס איך וויין, וואָס באַטייטן מיינע טרערן?
איר זעט זיך שוין אַליין — איך בין דאָס אַליין ניט געוען...

אין יאָר 1892 האָט שלום־עליכם אָפּגעדרוקט אַ טייל פון זיינער אַ פּאָעמע „פּראָגרעס און ציוויליזאַציע“, וואָס איז אָנגעשריבן מיט זעל־ביקן ריטם, וואָס ניעקראַסאָווס פּאָעמע „קאָמו נאַ רוסי זשיט כאָראָשאָ?“

שלום-עליכם האָט זיך זעלטן ווען שפּעטער אומגעקערט צו זיין לידער-שאַפן. פון אָנהייב די 90-ער יאָרן האָט ער פאַרעפנטלעכט איינגאנצן אַ פּאָר לידער.

אויסער זיינע גרעסערע פּראָזע-ווערק האָט שלום-עליכם אויך געשריבן ביזן יאָר 1887 קלענערע דערציילונגען און צווישן זיי „דאָס מעסערל“.

## זיין פריינד מרדכי ספּעקטאָר

איינזאַם האָט זיך געפילט שלום-עליכם אין די ערשטע פּאָר יאָר פון זיין ליטעראַרישן שאַפן. עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו באַגעגענען פּנים אל פּנים אָנגעזעענע און אויטאָריטעטע ליטעראַטן פון דער מיטצייטיקייט. ער האָט זיך אויך נישט געטראָפן מיט קיין יונגן שרייבער, וואָס זאָל זיין אַזוי מוטיק אין קאַמף פאַר די אָרעמע און אַרבעטנדיקע מאַסן, ווי ער.

„דאָס יידישע פאָלקסבלאַט“, וואָס האָט געדרוקט זיינע פעליעטאָנען און דערציילונגען, האָט אים אויך נישט באַפרידיקט מיט פיל פון אירע קלעריקאַל-צביעותדיקע אַרטיקלען, באַזונדערס פון דעם רעדאַקטאָר לעווי

אין בעלאצערקאָווו, די שטאָט, וווּ ער האָט געוווינט און געשאַפן זיינע ערשטע ווערק, האָט ער זיך יאָ באַגעגנט מיט פאַרערער פון זיין טאַלאַנט יזן מיט מענטשן, וואָס האָבן איינגעשטימט מיט זיינע אידעען זיי זענען דאָך אָבער געווען נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע שרייבער, נאָר ליבהאָבער פון דער פאָלקס-ליטעראַטור און בכלל פאָלקיסטיש געשטימטע פערזאָנען. זיי פלעגן, אמת, פון צייט צו צייט אָפּדרוקן אַ פובליציסטישן אַרטיקל וועגן דער אָדער יענער פראגע, אָבער זייער פּראָפעסיע און באַשעפטיקונג איז געווען נישט ליטעראַטור, און זיי האָבן עס נישט געהאַלטן פאַר זייער באַרוף. אַשטייגער, ווי זיין בעלאצערקאָווער פריינד, וועלכער איז געווען אַ סך עלטער פון אים, דאָקטאָר יעקב טשערני, וועלכער האָט געדרוקט פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען וועגן פראגן פון מעדיצין.

צווישן די קלעריקאַל-בורזשואזע מיטאַרבעטער פונעם „יידישן פאָלקסבלאַט“, וועלכע האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אינטערעס צום יונגן ליטעראַרישן דור בכלל און צו שלום-עליכם'ן בפרט, האָט זיך אָבער

געפונען א יונגער שרייבער, וואָס האָט פון דעם ערשטן טאָג געמונטערט און געליבט שלום=עליכם'ן און שטאַרק געהאָפט אויף זיין גליקלעכער ליטעראַרישער צוקונפט. אָט דער יונגער שרייבער איז עס געווען מרדכי ספּעקטאָר, וועלכער האָט דער ערשטער אין דער פּראָזע מיט א באַזונדער ליבע און אינטערעס גענומען מאָלן דעם „פּראָסטן מענטשן" צווישן יידן. ער האָט זיך געווידמעט דער פראגע פון איינאָרדענען אויף ערד די יידישע פאופעריזירטע באַפעלקערונג. ער האָט געקעמפט אינאיינעם מיט שלום=עליכם'ן קעגן שמר'יזם, בולוואַרישקייט אין דער יידישער ליטעראַטור און איז ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן געווען פון די סאַמע איבערגעגעבנסטע פריינד שלום=עליכם'ס און פאַרערער פון זיינע ווערק.

אויך שלום=עליכם האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אז מרדכי ספּעקטאָר איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט צעווייט זיין איינזאַמקייט, אַרויסגעיאָגט אים פון פאַרצווייפלונג און מיטגעהאָלפן אים צו פאַרנעמען דעם געהעריקן אָרט אין דער ליטעראַטור. שלום=עליכם האָט אַנערקענט אויך ספּעקטאָרס פאַרדינסטן פאַר דער ליטעראַטור און ער פלעגט שטענדיק מונטערן אים צו שרייבן. שלום=עליכם האָט שטענדיק ליב געהאַט צו דערמאָנען ספּעקטאָרס ראָל אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן. דעמלט, ווען שלום=עליכם איז געווען דער באַרימטער שרייבער, פלעגט יעדער דערפאָלג ספּעקטאָרס אַרויסרופן ביי אים אמתע פרייד. ווען ער, שלום=עליכם, פלעגט באַגעגענען א שוואַכע זאך ספּעקטאָרס, פלעגט ער אים באַלד חבריש אָנווייזן מיט אן אינטימן פרייליכן שלום=עליכם'שן טאָן אין אַ בריוו.

ספּעקטאָר איז געווען נישט בלויז דער, וואָס האָט געקעמפט פאַר באַווייזן דעם פּראָסטן מענטשן צווישן יידן. צווישן די יידישע שרייבער פון זיין צייט איז ער געווען פון די איינציקע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט זאַמלען דעם יידישן פאָלקלאָר, און ער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט שלום=עליכם'ן אויף דער טעטיקייט פון זאַמלען די פאָלקסשאַפונג.

אַ פּאָר יאָר האָבן זיי זיך דורכגעשריבן חבריש און פריינדלעך אין בריוו און האָבן אַפילו איינער דעם אַנדערן נישט געקאָנט. אָבער אין 1886 האָט שלום=עליכם איינגעלאַדן ספּעקטאָרן צו זיך אין בעלאַצערקאָוו.

אין יענער צייט האָט שוין שלום=עליכם געהאַט אָפּגעדרוקט זיין מערקווירדיקן גראָטעסק „די וועלט=רייזע", אָדער „דער ערשטער אַרויספאָר", זיין ראָמאַן „קינדער=שפּיל" און „בילדער פון דער באַרדיטשעווער גאַס".

שוין דעמאָלט איז שלום=עליכם געווען באַקאַנט ביי די ראַדיקאַלע און פּראָגרעסיווע לעזער. ווי עס דערציילט שמעון דאַבין אין זיינע זכרונות, האָט מען אין שלום=עליכם'ס פעליעטאָנען דערהערט אַ פּאַרטייִדיקונג נישט בלויז פון די יידישע אָרעמע מאַסן, נאָר אויך פון די נישט=יידישע פּויערים און אַרבעטער.

זיי האָבן דאָך ביידע, סיי שלום=עליכם, סיי ספּעקטאָר, מיט פאַרשיידענע קינסטלערישע מיטלען, מיט נישט קיין גלייכע טאַלאַנטן אָנגעהויבן זייער געמיינזאַמען קאַמף פאַרן רעאַליזם, פאַר ווייזן די שיינקייט אין דער פאָלקס=נשמה, און גאָר ווייניק מיטפילנדיקע האָבן זיי געהאַט צווישן די אויפגעקלערטע קלעריקאַלן, וואָס האָבן געהאַט די אויבערהאַנט אין „פאָלקסבלאַט".

אין בעלאַצערקאָוו האָבן ביידע פריינד דער עיקר באַדויערט איין דערשיינונג, וואָס באַגלייט זייער טעטיקייט — דאָס איז דאָס פעלן פון אַ ליטעראַרישער סביבה, דאָס אָפּקומען מיטן האַנט זייער שאַפונג, וואָס איז געשריבן אין דער פאָלקס=שפּראַך, דאָס פאַרשווייגן פון דער קריטיק. אויב זיי זענען אָנערקענט געווען פונעם פּראָסטן מענטשן און פון דער ראַדיקאַל דענקענדיקער יוגנט, האָבן זיי אָבער געשטרעבט צו באַקומען אָנערקענונג, אַלס קינסטלער, אויך צווישן דער אינטעליגענץ, וואָס זי איז געשטאַנען בראָש פון דער רוסיש=יידישער פּרעסע. זיי האָבן שוין נישט איינמאָל געמאַכט פּרוּוון צו דערשלאָגן זיך אַ רעצענזיע פון זייערע ווערק אין דעם רוסיש=יידישן זשורנאַל „וואָסכאָד". אָבער עס האָט זיי נישט געלונגען. אָט די פראַגע האָבן זיי צווישן פיל אַנדערע באַרירט אין בעלאַצערקאָוו.

גליקלעכע טעג פון אינטימער פריינדשאַפט האָבן דורכגעמאַכט דער יונגער ספּעקטאָר און דער יונגער שלום=עליכם אין בעלאַצערקאָוו. שפּעטער, אין עטלעכע יאָר אַרום, האָט שלום=עליכם, ווי עס דערציילט בערקאָוויטש, מיט גרויס בענקשאַפט דערמאָנט יענע עטלעכע טעג. „איר געדענקט נאָך די בעלאַצערקאָווער נעכט ביים קאָסציאָל? — פרעגט שלום=עליכם ביי ספּעקטאָרן. — איר האָט נאָך נישט פאַרגעסן יענע אונדזערע יונגלשע פּראָיעקטן, הויכע, נאָר נאַרישע געדאַנקען, ריינע און געטלעכע געפילן, ערנסטע און אמתדיקע... אַ, איך געדענק דאָס גאַנץ גוט, איך האָב נישט פאַרגעסן!"

זיי האָבן געווים דעמאָלט אויך באַטראַכט און אַרומגערעדט די סעריע אַרטיקלען, וואָס האָט זיך דעמאָלט אַרייַנגעגנבעט אין „פאָלקסבלאַט" וועגן

קאָפּעראַטיווע פּראָדוציר־געזעלשאַפטן, וועלכע זענען דעמלט געווען א נייס פאַר דער יידישער פּרעסע אין רוסלאַנד און האָט נישט נאָר גערעדט וועגן „באַלמעלאָכעשע־שותפותן“, נאָר אויך געגעבן אָנצוהערענישן צווישן די שורות וועגן סאָציאַליסטישע אידעען. און ווען מע האָט אַרומגערעדט דעם אינהאַלט פון דער דאָזיקער סעריע, האָט מען אויך גערעדט וועגן דעם אויטאָר זייערן, וואָס איז ביז גאָר א וויכטיקער מענטש, וואָס רופט צום אמת און איז צעדערבוימס, דעם הויפּט־רעדאַקטאָרס, אן אייניקל. מע האָט אויך געפּלאַנירט צו באַפרייען זיך פון לעווי און צעדערבוימס דרוק איבער זיי און שאַפן אַ טריבונע פאר די יונגע און עלטערע פּראָגרעסיווע שרייבער.

אָבער איינע פון די סאַמע וויכטיקסטע פראגן, וואָס מע האָט נישט געקאָנט פאַרמיידן, — דאָס איז געווען די פראגע וועגן דער רוסיש־יידישער פּרעסע. זיי האָבן זיך נישט געלייגט קיין פייגעלעד אין בוזעם און האָבן געוווסט, אַז עס שטייט זיי פאָר אַ שווערער קאַמף אייגצוברעכן דעם רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „וואָסכאָד“. אָנערקענען אַלס קינסטלער שלום־עליכם׳ן און ספּעקטאָרן האָט געהייסן אָנערקענען די פאָלקס־ליטעראַטור. געזעגענענדיק זיך, האָבן די ביידע חברים באַשלאָסן אומבאַדינגט זיך דערשלאָגן אנערקענונג פאַר דער פאָלקס־ליטעראַטור פון דער רוסיש־יידישער קריטיק.

שלום־עליכם איז נאָך דאָס יאָר 1886 פאַרבליבן אין בעלאצערקאָוו. ספּעקטאָר איז אַוועקגעפאָרן צוריק אין פעטערבורג ווידער מיטאַרבעטן אין „פאָלקסבלאַט“.

אָבער די פריינדשאַפט זייערע איז דעמלט פאַרפעסטיקט געוואָרן אויף אייביק.

* * *

אין דעם זאַמלבוך, וואָס גאָרקי האָט פּראָיעקטירט אַרויסצוגעבן אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט אונטער דער רעדאַקציע פון שלום־עליכם׳ן, האָט ער אויך איינגעשלאָסן ספּעקטאָרן. און שלום־עליכם שרייבט אים דעמלט: „אין אייער ביאָגראַפיע פאַרגעסט נישט צו שרייבן, אַז מיר ביידע זענען געבונדן, אַז עס איז באַשערט געווען אַלע מאָל, מיר זאָלן ביידע זיין איביינעם, ווי אונטער די הענט“. דער איינציקער שרייבער, מיט וועלכן שלום־עליכם איז געווען אויף דו, איז געווען מרדכי ספּעקטאָר.

„מיט קיינעם פון זיי (מיט די שרייבער או. פּ.) האָט ער נישט געפירט אַזאַ אינטימע, אַלץ אַנטפּלעקנדיקע קאָרעספּאָנדענץ, ווי מיט ספּעקטאָרן, — שרייבט י. ד. בערקאָוויטש, — און אין קיין שום אַנדערע בריוו האָט זיך שלום עליכם׳ס הומאָר נישט צעגאָסן אַזוי פריי און אַזוי אומגעצאַמט, ווי אין זיינע בריוו צו ספּעקטאָרן. און אין פערזענלעכן פאַרקער האָט קיינער אַזוי נישט סטימולירט שלום⸗עליכם׳ן צו הומאָריסטישע געשפּרעכן און שאַרפזיניקע איינפאַלן, ווי ספּעקטאָר. ער פלעגט פון זיינע באַגעגענישן מיט שלום⸗עליכם׳ן שטאַרק הנאה האָבן. אַ רייזע צו שלום⸗עליכם׳ן איז פאַר אים געווען — אַ רייזע צוריק צו זיין יוגנט, צו זיין היים. זיין הנאה ווערט נישט געשטערט ווערן, אַפילו ווען ער אַליין פלעגט זיין דער אָביעקט פון זיין חברס הומאָר. שלום⸗עליכם פלעגט אים אין די אויגן מייסטעריש פּאַראָדירן — זיין שפּראַך, זיינע השגות, זיינע עולם⸗הזהדיקע שוואַכקייטן. און ספּעקטאָר פלעגט דאָס אַלץ אויסהערן ביז צום סוף מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויף זיין ראָזעווען פּנים און מיט איין אויג אַ צוגעמאַכטן, און לסוף זיך צעלאַכן גלייך מיט אַלעמען און זאָגן: „גיי, גיי! דו ה י ב ס ט שוין אָן מיט דיינע שטיקלעך!...“

## ליטעראַרישע פּלענער

אין יאָר 1885 שטאַרבט שלום⸗עליכם׳ס שווער אלימלך לאָיעוו. שלום⸗עליכם באַקומט דעמלט אַ באַדייטנדיקע ירושה. דעם זעלבן יאָר דרוקט שלום⸗עליכם אין „יידישן פאָלקסבלאַט“ אַ פעליעטאָן אין אַ דיאַלאָגישער פאָרם אונטערן נאָמען „קאַנטאָר⸗געשעפט“. דאָ ווייזן זיך שוין עסקיזן פון שלום⸗עליכם׳ס שפּעטערדיקע געשטאַלטן מנחם⸗מענדל און שיינע⸗שיינדל.

מיר זעען אויך דאָ שלום⸗עליכם׳ס באַציונג צו זיך זעלבסט, דעם צופעליקן גביר, וועלכער טרעט ארום אינעם ווערק אין דער געשטאַלט פון דעם יונגן אייגנטימער פון דעם קאַנטאָר⸗געשעפט. צום צופעליקן גביר קלעפּן זיך צו אַפעריסטן, וועלכע באַגנבענען אים, און ער ווערט וויטער דער זעלביקער אָרעמאַן וואָס פריער. שלום⸗עליכם האָט גוט געוווסט, אַז נישט די קאַנטאָר⸗געשעפטן זענען זיין באַרוף, אַז זיין לעבנס⸗באַרוף איז די ליטעראַטור.

ענג איז געוואָרן דאָס לעבן פאַר שלום⸗עליכם׳ן אין בעלאַצערקאָוו. דאָ אין בעלאַצערקאָוו קאָן ער נישט פאַרווירקלעכן זיינע ליטעראַרישע

פּלענער. שוין אַ פּאָר יאָר צייט, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ פּלאַן אַרויסצוגעבן ליטעראַרישע זאַמלביכער.

ער האָט שוין אַפילו אָנגעמערקט אַ צעטל שרייבער, וועלכע ער וועט איינלאַדן מיטצואַרבעטן אין זיין צוקונפטיקן זאַמלבוך. דאָס זענען די שרייבער, וואָס זייער האַרץ וויימיקט פאַר דער אָרעמער „בערדיטשעווער גאַס", — אָט די גאַס, וווּ עס ליגט „אַ מאַרעשכווירע אויף אַלע הייזער כליוון, זעמליאַנקעס, דורכגענעצטע, שוואַרצע, קאַלטע, מיט ערד באַדעקטע, די פענצטער אַרומגעשמעלט מיט געלע קישעלעך, רויטע קאָלדרעס און שוואַרצע שמאַטעס..."

שלום־עליכם האָט געשטרעבט צו באַשאַפן אַן אייגענע ליטעראַרישע טריבונע מיט אַ דעמאָקראַטישער פּראָגראַם. ער האָט געוואָלט, אַז זיין פאַרמעגן, וואָס איז אים צופעליק געקומען אין די הענט, זאָל אויסגענוצט ווערן אויף דער בוווּנג פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור. פון אַזאַ ליטעראַטור, וואָס זאָל באַלויכטן וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און זאָל שילדערן די געשטאַלטן פון דער „בערדיטשעווער גאַס".

אויסער דעם, וואָס אין בעלאַצערקאָוו האָט ער נישט געקאָנט פאַרווירקלעכן זיינע ליטעראַרישע פּלענער, האָט אים שטאַרק דערעסן דער „בעלאַצערקאָווער מוראַווייניק". די דאָזיקע באַלעבאַטישע סביבה האָט שלום־עליכם באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו פאַרלאָזן.

אין דער צייט דערפילט שוין שלום־עליכם זיין נירן־קרענק, וואָס האָט אים צענדליקער יאָרן געמאַטערט, ביז זיין טויט. אין יאָר 1886 פאָרט שלום־עליכם ספּעציעל זיך היילן אין אויסלענדישן קוראָרט קאַרלסבאַד. צוויי חדשים איז דעמלט שלום־עליכם אָפּגעווען אין אויסלאַנד.

דאָ אויפן קוראָרט האָט שלום־עליכם געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צוקוקן צו דעם אומגעלומפּערטן צייט־פאַרטרייב פון דער יידישער בורזשואזיע, צו איר זעלבסטצופרידנקייט. און ער האָט עס דערנאָך אויסגענוצט אין זיינע ווערק.

נאָך זיין צוריקקער פון אויסלאַנד באַזעצט זיך שלום־עליכם אין קיעוו. פון סעפּטעמבער 1887 ביז אָקטאָבער 1890 איז זיין וווינאָרט דאָרטן.

# באַרדיטשעווער גאַס

אַ באַזונדער אינטערעס שטעלן מיט זיך פאַר שלום-עליכם'ס פעליעטאָנען, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, זיינע קינסטלערישע פאַרצייכענונגען „די באַרדיטשעווער גאַס“. די דאָזיקע פאַרצייכענונגען ווייזן אונדז, אויף וויפל שלום-עליכם איז געווען פאַרבונדן מיט די פאָרגעשריטענע אידעען פון דער רוסישער פובליציסטיק פון יענער צייט און אויף וויפל די בעסטע פאָרשטייער אירע האָבן געדינט אַלס מוסטער פאַר אים. יעדע פאַרצייכענונג איז אָנגעהויבן מיט אומגעהויערע ליבע צו די פאָלקס-מאַסן, מיט טיפן ווייטיק פאַר זיי, מיט פקחותדיקייט, איראָניע און סאַרקאַזם, וואָס דערמאָנט אין די גרויסע רוסישע שריפטשטעלער גליעב אוספּיענסקי, סאַלטיקאָוו-שטשעדרין, קאָראָלענקאָ און אַנדערע.

די דאָזיקע סעריע פעליעטאָנען האָט שלום-עליכם אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן אין דער צייטונג „יידישעס פאָלקסבלאַט“ אין יאָר 1886 און האָט זי פאָרגעזעצט ביז ענדע פון יאָר 1887.

אונטערן באַגריף „באַרדיטשעווער גאַס“ האָט שלום-עליכם פאַרשטאַנען די יידישע פאָלקס-מאַסן, וואָס זענען נאָך נישט געווען פאַרכאַפּט פון דער אַזוי גערופענער „ציוויליזאַציע“, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון דער אַזוי גערופענער „פינצטערניש“, האָט הייסט אין טיפן תהום פון דלות און אומוויסן און זענען שווער עקספּלאָאַטירט געוואָרן. די דאָזיקע גאַס לעבט אין אַנטאַגאָניזם און אָפּגעזונדערט פון דער זשיטאָמירער גאַס, אונטער וועלכער שלום-עליכם פאַרשטייט די שיכטן פונעם יידישן פאָלק, וואָס זענען שוין אַריין אין דער „ציוויליזאַציע“, ד. ה. די מאָדערנע יידישע בורזשואַזיע און די בורזשואַזע אינטעליגענץ.

„די באַרדיטשעווער גאַס איז אומגעהויער גרויס, — שרייבט שלום-עליכם — און ווען מען זאָל זי קאָנען אויסמעסטן, וואָלט מען ערשט אַרויסגעזען איר לענג. נאָר מעסטן קאָן מען זי נישט, ווייל זי איז פול מיט בערג און מיט טאָלן, מיט גריבער און מיט קליינע גריבלעך, און די הייזער אַליין קומען אויס משונה געדרייט, אייגס איבערן אַנדערן, כמעט אַלע אונטער איין דאַך, אָן הויפן, אָן גערטנער, אַזוי אַז די גאַנצע גאַס אונדזערע האָט אַ פנים, ווי אַ גרויסער הויף, ווי אַ הוואָרעץ להבדיל“.

אָט דאָס איז דער אויסערלעכער אויסזען פון דער באַרדיטשעווער

גאַס, ווו עס טוליעט זיך די יידישע אָרעמשאַפט, וועלכע איז נאָך אינגאַנצן אונטער דער הערשאַפט פונעם יידישלעכן מיטלאַלטער און איז אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער וועלט. שלום־עליכם, וועלכער האָט ליב די „באַרדיטשעווער גאַס... — ווי ער שרייבט — מיט זיין גאַנצן חיות", ליידט פאַר דעם אומגעהויערן גייסטיקן און מאַטעריעלן דלות פונעם פאָלק. ער לאַכט אין די פעליעטאָנען אויס „די בלאָטע אויף דער גאַס און די בלאָטע, וואָס איז שטוב, דאָס רודפן איינער דעם אַנדערן". עס ווייטיקט אים ביז די סאַמע טיפענישן פון זיין האַרצן די לאַגע פון דעם איינוווינער פון דער באַרדיטשעווער גאַס, וועלכער דאַרף פירן „אַ מלחמה איבערן שטיקל ברויט". ער זעצט פאָר זיין קאַמף קעגן „דעם בוקן זיך צום קערבל, דער חניפה צום גביר, די מוסרים מיט די דאָנאָסן, דעם דעספּאָטיזם פון די גבירים, קנעכטשאַפט (ראַבסטוואָ — פאַרטייטשט פון ש. א.) פונעם פאָלק, דער צביעות פון די פרומע לייט, די פאַלשקייט פון דער אינטעליגענץ.

אויף וויפל עס איז געווען מעגלעך אין די צענזור־באַדינגונגען פון די 80־ער יאָרן, קעמפט שוין שלום־עליכם אין זיינע פעליעטאָנען „די באַרדיטשעווער גאַס" ניט נאָר קעגן די עקספּלאָאַטירנדיקע שיכטן אינעם יידישן פאָלק, נאָר אויך קעגן די פאָרשטייער פון דער צאַרישער מאַכט. ער מאַכט דאָ דעם ערשטן פרווו צו שילדערן די צאַרישע פּאָליציי, איר טעטיקייט, איר יאָגן זיך נאָך כאַבאַר, איר שטענדיקן אויפרייצן זיך מיטן יידישן קאָהאַל.

אין יענער צייט, אין דער מיט פון די 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט מען געדאַרפט פאַרמאָגן אַ דרייסטקייט צו געבן אין דער יידישער פּרעסע אַ קאָמישע שילדערונג פון דער צאַרישער פּאָליציי. שפּעטער האָט זיך שלום־עליכם פיל מאָל צוריקגעקערט צו זיינע געשטאַלטן פון דער צאַרישער פּאָליציי. און זעלטן ווער אין דער יידישער ליטעראַטור האָט זיי אַזוי קאָמיש צוגעטראָגן דעם לעזער, ווי ער.

אין דער צייט, ווען שלום־עליכם האָט געדרוקט זיינע פעליעטאָנען אין „דאָס יידישעס פאָלקסבלאַט", איז אָט די האַלב־קלעריקאַלע צייטונג אַלץ מער און מער געוואָרן דער אָרגאַן פון דער יידישער אָרעמשאַפט, פון דעם יידישן באַלמעלאָכע און פון דער יידישער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ. ניט איין מאָל האָט „דאָס פאָלקסבלאַט" אויפגערעגט די פאָרשטייער פון דער רוסיש־יידישער בורזשואַזער פּרעסע, וועלכע האָבן זי אָנגערופן „די צייטונג פון שוסטער און שניידער".

דער רעדאַקטאָר פון דער פעטערבורגער „יעווריסקאַיאַ ביבליאָטעקא“ האָט געווים קיין טעות נישט געהאַט, ווען ער האָט מיט שפאָט אַזוי אָנגערופן „דאָס יידישע פאָלקס-בלאַט“ דעמלט, ווען שלום-עליכם האָט אין איר געאַרבעט. די יידישע דעמאָקראַטיע האָט זיך אויף די שפאַלטן פון דער דאָזיקער צייטונג געפרייט מיט איר שלום-עליכם'ן, וועלכער האָט אויף דעם סאַמע דרייסטן און איבערגעגעבנסטן אופן געקעמפט פאַר אירע אינטערעסן.

באַזונדערס האָבן נישט געקאָנט סובל זיין שלום-עליכם'ס געלעכטער די אייראָפעיזירטע בעלי-טובות, די, וועלכע פלעגן שטענדיק אַרויסטראָגן פאָרויס זייער וווילקענעוודיקייט און טייטן מיט די פינגער אויף דעם פאָלק פאַר זיין אָפגעשטאַנענקייט, אויסנוצנדיק עם הערביי אין די אייגענע מאַטעריעלע אינטערעסן. די דאָזיקע לייט האָבן עם שלום-עליכם'ן טרעטירט, פונקט אַזוי ווי זיי האָבן טרעטירט די יידישע פאָלקס-מאַסן. אין דעם זעלביקן פעליעטאָן ווייזט אונדז שלום-עליכם, וויאַזוי איינער אַ זעלבסט-צופרידענער אייראָפעיזירטער רעאַגירט אויף זיינעם אַ פעליעטאָן: „איך סמייעט מיך באַשרייבן, — שרייט דער נייער בעל-טובה, — אין אַזאַ נידעריקער בלאַט, ווי „דאָס פאָלקס-בלאַט“, וועלכעס איז געמאַכט געוואָרן נאָר פאַר שוסטער און שניידערס און פאַר אַזעלכע ניעוועזשעס, ווי איר, שלום-עליכם“.

אין דער צייט, ווען שלום-עליכם האָט געשריבן זיינע פעליעטאָנען „די באַרדיטשעווער גאַס“ און „די זשיטאָמירער גאַס“, האָט ער שוין געאַרבעט אויף זיינע ראָמאַנען „סענדער בלאַנק“, „יאָסעלע סאָלאָוויי“ און „סטעמפעניו“.

די פעליעטאָנען זענען אַ רעזולטאַט פון אַ רייזע איבער דער פראָווינץ. די דאָזיקע רייזע האָט, ווייזט אויס, פאַרגרעסערט דעם סכום מאַטעריאַלן צו זיינע ערשטע ראָמאַנען. און מיר האָבן דאָ טאַקע אין זיין פעליעטאָן „פערעלע די שיינע“ דעם ערשטן פרווו אָנצוצייכענען אַ פאָרטרעט פון אַ יידישן פאָלקס-קינסטלער. די דאָזיקע קינסטלער זענען דער בלינדער חזן און זיין טאָכטער פערעלע די שיינע. אָט די הויך-טאַלאַנטירטע פערזאָנען באַווייזט אונדז שלום-עליכם מיט אַ באַזונדער ליבע. ער שילדערט אונדז די טיפע סיבות פון זייער אומקום: די אָרעמקייט און אומוויסן פון דער „באַרדיטשעווער גאַס“. די דאָזיקע פאָרטרעטן זענען געווים קינסטלערישע פאַרבאַרייטונגען, עסקיזן צו זיין אַרבעט פון דער וועלט פון משור-

דים און חזנים „יאָסעלע סאָלאָוויי“. און אויב מיר געפינען נישט אין זיין „יאָסעלע סאָלאָוויי“ נישט דעם בלינדן חזן און נישט די טאָכטער זיינע פערעלע די שיינע, באַגעגענען מיר זיך מיט זיי שוין אין אַ סך יאָרן אַרום אין די „בלאָנדזשענדע שטערן“.

אין דער „באַרדיטשעווער גאַס“ ווייזט זיך פאַר אונדז שלום=עליכם, ווי אַן עכטער סאַטיריקער, וואָס האָט זיך געלאָזן אין קאַמף קעגן דעם אומעט, דעם גלייכגילט צום לעבן, דער אָפּהענטיקייט און נבֿנעדיקייט, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון די שווערע רעפּרעסיעס אויף די פּאָלקס=מאַסן אין רוסלאַנד בכלל און אויף די יידישע בפרט אין די 80=ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. די פאַראָרעמונג אין לאַנד, די אַרבעטסלאָזיקייט און דער הונגער=געפאַר, וואָס איז געהאָנגען איבער די פּאָלקס=מאַסן אין לאַנד, האָט נאָך מער געדריקט אויף דער יידישער אָרעמשאַפט אין תחום. שלום=עליכם'ס סאַטירע איז דעמלט געווען אַ געוואַלדיקער פאַקטאָר ביים אויפמונטערן די יידישע פּאָלקס=מאַסן.

מיט טיפן טרויער און פאַרצווייפלונג איז דורכגעדרונגען שלום=עליכם'ס פעליעטאָן „קורצע אַנטוואָרטן אויף לאַנגע פראַגן“, וואָס איז געווען געדרוקט אין דעם ניי=יאָר=נומער פון יאָר 1887. דאָס איז געווען דאָס יאָר, ווען די באַגרענעצונגען קעגן די יידן האָבן זיך געמערט און געמערט, ווען די שוואַרצמאהדיקע פרעסע האָט כמעט קיין איין טאָג נישט דורכגעלאָזט אָן אַן אָנפאַל אויף יידן.

אויף דער „זשיטאָמירער גאַס“, ווו עס זענען אין שלום=עליכם'ס יוגנט פאָרגעקומען פאַרשידענע שטרייטן און קאַמפן וועגן אויפקלערן דאָס פאָלק, קומט שלום=עליכם און זוכט די משכילים, ווילע ייִנגלעך, די קינדער מיט פאַרבאָטענע ביכלעך. דאָ רעדט זיך שוין נישט וועגן „זרובאַוועל“, וועגן „תעודה“, דאָ רעדט זיך שוין וועגן דער טיף=דעמאָקראַטישער ריכטונג אין דער השכלה, וועלכע עס האָט „געבראַכט צו פירן מענדעלע מוכר=ספרים אין זיינע פאַרבאָטענע ביכלעך“. מענדעלע מוכר=ספרים ווערט דאָ אין דער אמתן געמיינט אונדזער קלאַסיקער מענדעלע.

די זשיטאָמירער גאַס איז אָבער אינגאַנצן פאַרענדערט און פאַרענדערט זענען אויך די איינוווינער אירע. שלום=עליכם דערקענט נישט די איינוווינער, נישט די גאַס. ער ווייזט אונדז, וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזן פון פיל פלאַמענדיקע אָנהענגער פון מענדעלען. דאָ איז ווידער דער יידישער אינטעליגענט פון די „איבערגעכאַפּטע בריוו“, וועלכער האָט זיך

„אוווליעקאַיעט“. אָבער אויב אין „די ברייוו“ האָט ער אונדז געוויזן מער נישט איינעם אַזאַ, ווייזט ער אונדז שוין דאָ די גאַנצע געזעלשאַפט, דעם גאַנצן אַרום פון אָט דער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אַמאָל „אוווליעקאַיעט“.

„סך־הכל צוואַנציק יאָר, פופצן יאָר — נישט מער — און אַזאַ פאַרענדערונג!... אַפילו די הייזער, די הויפן האָבן זיך איבערגעביטן, זיינען פאַרענדהערט געוואָרן אַזוי, אַז עס איז מיר שווער צו דערקענען“. שלום־עליכם לאָזט זיך איבער דער גאַס לייענען די מעשענע בלעטלעך אויף די טירן, וו עס איז שוין קיין זכר נישטאָ פון פאָלקסטימלעכע נעמען. אַפילו ער אַליין, שלום־עליכם, איז אויך אַן אַנדערער אויף דער זשיטאָמירער גאַס. שלום־עליכם איז, אייגנטלעך, דער צווייטער „איך“ זיינער. דער ערשטער „איך“ זוכט אויך אויף דער זשיטאָמירער גאַס; אויף דער טיר ביי אים איז אויך צוגעשלאָגן אַ מעשן בלעטל, און לייענען מיר אויף דעם אויך עפעס נישט קיין פאָלקסטימלעכן נאָמען סאַלאָמאָן נאַומאָוויטש*.

און דער שלום־עליכם, וואָס גייט אונדז נאָך „פיס־טריט אין יעדן אָרט... וואַלגערט זיך אַרום פון דער באַרדיטשעווער גאַס אויף דער זשיטאָמירער, פון דער זשיטאָמירער אויף דער „באַרדיטשעווער“, פרעגט זיך:

„ווער איז דער דאָזיקער נפש אָט דער סאַלאָמאָן נאַומאָוויטש?“

„אַ, דאָס ביסטו? — ענטפערט ער זיך אַליין — דו, שלומקע? שלום רב נחומס? רב נחום וועוויקס אַ זון? דעם פעטער וועוויקס? גאַנץ שיין! גאַנץ לייטיש!... „און ער רופט אויס פאַרוווּנדערט: „נאַ דיר גאָר סאַלאמאָן ראַבינאָוויטש!...“

און שלום־עליכם גייט אַרום איבער דער „זשיטאָמירער גאַס“ און „וויל זען, וועמען איז בעסער, וועמען איז זיסער דאָס לעבן“, צי דער „באַרדיטשעווער“ צי דער „זשיטאָמירער“ גאַס. און אַרומגייענדיק אַזוי איבער דער „זשיטאָמירער גאַס“, זוכנדיק דעם אמת, צו וועלכן עס האָבן אים אָנגעוויזן דעם וועג די „פאַרבאָטענע ביכלעך“, וועלכע עס האָט געבראַכט אַהין מענדעלע מוכר־ספרים, דערפילט ער זיך אין דער זעלביקער פאַרלעגנהייט, אין וועלכער עס האָט זיך טאַקע אין די זעלביקע 80־ער יאָרן געפונען גליעב אוספענסקים טיאַפושקין, באַזוכנדיק אין פעטערבורג זיין אַמאָליקן פריינד, וואָס איז געווען „אַ נאַראָדניק, געפאָרן אין דאָרף... האָט פיל גערעדט וועגן קאָנסטיטוציע... געזאָגט, אַז ער ווערט דערשטיקט...

---

* פאַרבייטן די יידישע נעמען האָט דעמלט געהייסן פאַרפרעמדן זיך פון פאָלק.

האָט טיף געזיפצט, זיצנדיק באַ אַ גלעזל טיי אין דער געזעלשאַפט פון פאַרשיידענע סטודענטן, קורסיסטקעס". און איצט אין דער מיט פון די 80-ער יאָרן, ווען טיאַפושקין איז צו אים געקומען, האָט שוין דער פריינד זיינער אים ניט דערקענט. ער האָט שוין באַקומען, גאָר אַן אַנדער פנים. „גאַנצע צען מינוט — דערציילט טיאַפושקין — האָב איך געדאַרפט וואַרטן, ביז וואַנען מיין פריינד האָט זיך געוויזן, פריער פלעגט אַזוינס נישט זיין... ענדלעך האָט ער זיך געוויזן און, לויט דעם גייסט פון דער צייט, האָט ער מיר לכתחילה נישט דערקענט, נאָכדעם האָט ער מיך דערקענט, נאָר אָן שום צופרידנקייט. אַמאָל וואָלט ער זיך צעשריען, וואָלט גענומען פאַרען אַהער און אַהין, איצט האָט ער נישט געשריען און איז געשטאַנען אויף איין אָרט. ער איז דיק, אָנגעטאָן אַקוראַט און זעט אויס גאַנץ באַלעבעסלדיק".

די זעלביקע באַגעגעניש האָט שלום-עליכם אויף דער „זשיטאָמירער גאַס", און נאָך שווערער, און נאָך גראָביונגערישער באַגעגנט מען אים האָרטן: „וואָס קוקסטו אויף מיר יוויליק? האָסט מיך נישט דערקענט? איך בין דאָך דיין חבר שלום-עליכם! האָסט שוין פאַרגעסן, אַז מיר האָבן צוזאמען אין איין חדר געלערנט?..."

„— איך בעט פאַרצייען, אומבאַקאַנטער הער, — ענטפערט מיר יוויליק אויף רוסיש. — ערשטנס, בין איך נישט יוויליק; מיין נאָמען איז יעווליק פעטראָוויטש; אויף מיין טיר איז צוגעשלאָגן מיין בלעטל מיט מיין נאָמען יעווליק פעטראָוויטש, פאָמאָשטשניק פריסיאזשנאָוואָ פאָווערעגאָוואַ יעווליק פעטראָוויטש...

„צווייטנס, פאַרדאָן, קען איך אייך נישט און וויים נישט, ווער איר זייט, און דריטנס, האָב איך אַצינד גראָד קיין צייט נישט, איך דאַרף גיין אין סוד: איך האָב היינט דריי דיעלעס; האָט קיין פאַריבל נישט, אַדיע!

„און יעווליק פעטראָוויטש ציט מיר אויס צוויי פינגער דורך דער פערטשאַטקע און טוט זיך לאָזן אַ דריי צו מיר מיטן הינטן און מיר צעשיידן זיך, ווי צוויי גאַנץ פרעמדע, אומבאַקאַנטע לייט".

דאָס וואָס איז פאָרגעקומען אין די 80-ער יאָרן צווישן אַ טייל פון דער רוסישער אינטעליגענץ אויף ניעווסקע אין פעטערבורג איז אויך פאָרגעקומען מיט אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ אויף דער „זשיטאָמירער גאַס". און פונקט ווי גליעב אוספענסקי האָט אין דער צווייטער העלפט פון די 80-ער יאָרן דערזען די פאַרוואַנדלונג פון דער פאָלקיסטישער אינטעליגענץ אין אַ בורזשואזער, וואָס האָט זיך געשעמט מיט איר

פאַרגאַנגענהייט, נישט געוואָלט וויסן פון די אינטעליגענטן, וואָס האָבן מיטגעפילט דעם פאָלק, און פון דעם פאָלק גופא, פונקט אַזוי האָט שלום-עליכם דערזען אין דעם יידישן פאָלק די אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך אַמאָל „אַוואַליעקאַיעט“ מיט די פאָלקס-אינטערעסן, ווי זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געלט-גייציקע באַלעבעסלעך אָן שום אינטערעס צום פאָלק, צו זיין לעבן, צו זיין שפּיגער און צו זיין קולטור.

אין די 80-ער יאָרן, ווען דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך געטראָגן אַ צעיושעטער איבערן גאַנצן לאַנד, ווען יעדער טאָג פלעגט ברענגען אַלץ נייע רדיפות אויף די יידישע פאָלקס-מאַסן, האָט אָבער שלום-עליכם דרייסט גערעדט וועגן רוסלאַנד, ווי וועגן אַ פאָטערלאַנד און האָט, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו זיין שטאָלץ אַלס אַ ייד.

אין יאָר 1886 פאָרט שלום-עליכם אין אויסלאַנד קורירן זיך. אין יאָר 1887, ווען ער קומט צוריק פון אויסלאַנד, שרייבט ער אין זיין פעליעטאָן „צוריק אַהיים“ מיט ביטערער איראָניע אָט וואָס: „ווי פריילעך און איינגענומען מיין אָפּפאָר איז געווען אין מיין צוריקקומען זיבן אין פופציק מאָל פריילעכער און איינגענומענער, דען צוויי גאַטירלעכע כוחות האָבן מיך די גאַנצע צייט פון מיין נסיעה צוריקגעצויגן, געשלעפּט, געצייפּט: אַהיים, אַהיים... די צוויי כוחות זענען: דאָס פינטעלע ייד און דאָס פאָטערלאַנד, געבורטסלאַנד, — ווי איר ווילט, רופט דאָס אָן... דאָס זעלבע פאָטערלאַנד, וואָס האָט מיך אַ סך ווייניקער גערן, ווי איך זי“.

שלום-עליכם האָט שטענדיק געדענקט, אַז דאָס פאָטערלאַנד — דאָס איז נישט דער דיאַק פון דעם פעליעטאָן „צוריק אַהיים“, אָט דער דיאַק, וואָס רופט אים זשיד. ווי אַן אמתער פאָלקס-שרייבער, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרלוירן זיין גלויבן אין דעם הויכן הומאַניזם, וואָס עס האָבן געטראָגן און טראָגן שטענדיק אין זיך די פאַרגעשריטענע רוסישע פאָלקס-מאַסן. ער האָט געוווסט אַז די נאַציאָנאַלע העצע וועט פאַרשווונדן אינאיינעם מיט דעם צאַריזם, און ער איז שטענדיק געבליבן אַ געטרייער זון פון רוסלאַנד זיין פאָטערלאַנד.

קאַפּיטל זעקס

# נחום ראַבינאָוויטש שטאַרבט

## דאָס יאָר 1887

אין דער פאמיליע פון נחום ראבינאָוויטש האָט מען, פונקט ווי ביי אלע יידן אין דער שטאָט פערעיאסלאוו און אין אנדערע שטעט, מיט געזאנג און מיט טענץ ארויסגעבאגלייט די הארבסטיקע יידישע יום=טובים. אויך היינטיקן שמחת=תורה האָט נחום ראבינאָוויטשעס עלטערער ברודער פיניע געזונגען און געטאנצט, גענומען אַ קאפּ פון דעם ביטערן טראָפּן „צוליב דעם כבוד פון גאָט, צוליב דעם כבוד פון דער תורה, צוליב דעם כבוד פון דעם יום=טוב". ער האָט געזונגען, און דער עולם אַרום אים האָט זיך משמח געווען, געטופּעט מיט די פיס, געפּליאַסקעט מיט די הענט און מיט אלעמען איניינעם האָט געפּאטשט א האנט אין א האנט, שווער געשאָקלט מיטן קאָפּ אויך דער באלעבאָס נחום ראבינאָוויטש.

אָבער אינעם היינטיקן טאַנץ, אין דער היינטיקער שמחת=תורהדיקער פריילעכקייט האָט זיך געפילט עפּעס א שווערקייט וואָס האָט געדריקט אויף יעדן איינעם פון דער משפחה. און אויב מע האָט אויף א רגע אַפילו פארגעסן אין דער שווערער לאַסט אין דעם צער, וואָס האָט אַזוי געלויערט איבער דער שטוב, איז ווען מע פלעגט נאָר אַ וואָרף טאָן א בליק אויף דעם באַלעבאָס, אויף זיין אויפגעהויקערטן גוף, אויף זיין גרינבאַרביק פנים און אויף זיינע אויגן, וואָס האָבן זיך טיפער אַוועקגערוקט אונטערן שטערן, האָט מען געמוזט איינהאַלטן אין זיך אַ זיפץ. האָבן טאַקע פיל פון די פארזאמלטע, וואָס האָבן זיך אָט דעם שמחת=תורה משמח געווען ביי נחום ראבינאָוויטשן אין שטוב, מיט עפּעס א באזונדער צערטלעכקייט, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט פרוכטיקער געהיימניספולקייט, געקוקט אויף דעם באַלעבאָס, וועלכער איז היינט געווען אַזוי

שטאַרק אײַנגעבויגן און אַזוי פאַרטראַכט, אַז אויף זײַן פּנים איז געלעגן אַ מין פֿראַגע־צייכן, וואָס האָט געזאָלט הייסן: צי איז שוין נישט, ברידערלעך, דער לעצטער שמחת־תורה, וואָס איך נחום ראַבינאָוויטש, פֿרײ זיך מיט אײַך אַלעמען אינאײנעם.

און ווען מען האָט אויף מאָרגן, מוצאי יום־טוב אין אָוונט, אַראָפּגענומען דעם באַדעקנס פֿון דער סוכּה, אוועקגעטראָגן דאָס אויפֿן שול־הויף צו פֿאַרברענען, איז שוין נחום ראַבינאָוויטש אַהינצו נישט געקומען. פֿון די ראַבינאָוויטשעס איז בײַ דעם שײַטער געווען בלויז איין פּנחס. ער איז געקומען אַהער, ווײַל ער האָט נישט געוואָלט שטערן דעם יום־טוב און פֿעלשן אין דער חזקה, נישט דורכלאָזן איין מאָל דאָס, וואָס ער פֿלעגט דורכפֿירן יאָרנלאַנג נאָכאַנאַנד.

און אין הויז בײַ נחום ראַבינאָוויטשן איז איצט אַ גאַנצער טאַרעראַם. דעם באַלעבאָס איז נישט גוט, עס איז אים שפּל. אין דער פֿאָדערשטער שטוב ברענט בלויז אַ קליין לעמפּל לפּנים ווען, אויף אַ פֿולן יאָר. דער גרויסער לאָמפּ איז הײַנט אין שלאָף־צימער און ליכטיק איז דאָרטן, גלײַך אָט דער צימער האָט קיינמאָל אַזאַ העלע שײַן נישט געזען, נחום ראַבינאָוויטש ליגט אַרומגעשפּאַרט מיט קישנס און אָטעמט שווער.

דאָס האָט מען אים אַקאָרשט אָפּגעשריען.

ווען דער אָנהויב־האַרבסטיקער אָוונט האָט זיך צעלייגט איבערן שטוב, האָט נחום ראַבינאָוויטש אַ פֿאַל אַנידער געטאָן אויף דער באַנק, אויף וועלכער ער איז געזעסן. פֿון די מאַנצבילן זענען אין שטוב קיינער נישט געווען, בלויז די פֿרויען זענען פֿאַרבליבן. נחומס פֿרוי האָט זיך מיט געשרייען געווענדט צו אירע קינדער און שטיפֿקינדער, געשריען ווי נישט מיט איר קול:

— שרײַט, קינדערלעך, שרײַט צו גאָט, וועלן מיר אָפּשרײַען דעם גזר! — און די טעכטער האָבן זיך צעשריען מיט אַ גרויסן גוואַלד. עס זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿן שכנים, אָפּגעצמינטערט דעם קראַנקן, אוועקגעלייגט אים אויפֿן בעט און אָט טאַקע פֿון דעם מוצאי יום־טובדיקן אָוונט האָט שוין קיינער אין שטוב נישט געקאָנט דערשטיקן אין זיך דעם טיפֿן צער, וואָס האָט געוועלטיקט אין זיי. נחום ראַבינאָוויטש, וועלכער איז אין איינציקע טעג אַרום אַראָפּ פֿון בעט, האָט שוין אַלץ מער און מער געפֿילט, אַז אין זײַן שטוב איז ער מיט זײַן פֿרוי און קינדער, אויב נישט די לעצטע טעג, איז די לעצטע חדשים, אָדער דאָס לעצטע יאָר.

און אָקאָרשט נישט לאַנג האָט אים אַ שמייכל געטאָן דאָס גליק. אַזויפיל צייט געוואַרט אויף אָט די גליקלעכע יאָרן, וואָס האָבן זיך ערשט מיט אַ פינף־זעקס יאָר צוריק אָנגעהויבן. און וואָס איז געווען זיין גליק? קיין עולם הזה'ניק איז ער קיינמאָל נישט געווען. ער האָט ליב געהאַט אַ ספר, געאַכטעט דאָס געדרוקטע וואָרט. דאָס בוך האָט אים אויפגעהויבן איבער זיין שווערער אַלטעגלעכקייט, איבער זיין גרויען מיטנוואָך. ער האָט דערלעבט גליקלעכע טעג: זיין זון שלום איז איינער פון די גרעסטע יידישע שרייבער. וואָס גייט אים עפּעס אַנדערש אָן? ער איז גליקלעך, נחום ראַבינאָוויטש.

די לעצטע יאָרן איז ער נאָך מער צוגעבונדן געווען צו שלום'ן זיין זון, וואָס די געפילן צו זיין פאָטער זענען געוואָרן נאָך מער צערטלעכער, ווי אין זיין קינדהייט און יוגנט. אַפילו איצט, ווען ער דערמאָנט זיך אין זיין זון שלום, נעמט אים אַרום עפּעס אַזאַ מין וואַרעמקייט, אַז עס הויבט זיך אים, אַז די שווערע ווייטיקן, וואָס מאַטערן זיין גוף, פאַרשווינדן פון אים. און ער פלעגט פאַרגעסן אין דער דחקות און נויט, לייענענדיק זיין זונס אַ געדרוקט ווערק.

און געווען איז, ווען ער איז נאָך געזונט געווען און פלעגט פאָרן צוגאַסט צו זיין זון, פלעגט זיך צוריקקערן צו אים זיין יוגנט, ער פלעגט צוריק ווערן אַ טרוימער וועגן אַ בעסערן לעבן פון פאָלק. און עפּעס יום־טובדיק איז דעמלט געווען זיין שטימונג, ווען ער פלעגט פאַרברענגען מיט זיין זון שלום. ער האָט דעמלט געפילט, אַז עס קומט צו אים צוגאַסט אַ נשמה־יתירה. און עס פלעגט זיך אים דוכטן, אַז בלויז אַ חלום, אַ שווערער חלום זענען די צענדליקער יאָרן פון אָרעמקייט און צער, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט.

און שלום־עליכם דער שרייבער איז איצט איז נאָך מער צוגעבונדן צו דעם פאָטער זיינעם. לעבן פאָטער דערפילט זיך שלום־עליכם, ווי לעבן אַן עלטערן ברודער, וואָס פרייט זיך, וואָס זיין יינגערער ברודער האָט דערגרייכט צו יענעם ציל, צו וועלכן ער, דער עלטערער, האָט נישט געקאָנט דערגרייכן און צו וועלכן ער האָט געשטרעבט פאַרבאָרגענערהייט אין די סאַמע טיפענישן פון דער נשמה.

איצט, אַז נחום ראַבינאָוויטש קוקט אויף זיינע לעצטע טעג, בענקט זיך אים מער נאָך זיין זון שלום־עליכם. עס ווילט זיך אים רעדן מיט אים וועגן פיל זאַכן, ער האַלט דאָך ביי „איבערקלייבן זיך צו זיינע עלטערן“

די שווערע קרעפּס=קרענק — זי גרייפט אָן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. נחום ראַבינאָוויטש ווערט אַלץ דאַרער און זיין לייב באַגיסט זיך אַלץ מער מיט א געדיכטער גרינקייט. די קינבאַקן — זיי ווערן בולטער, און די אויגן — זיי פאַרקריכן אַלץ ווייטער אונטערן שטערן און ווערן באַדעקט מיט א געדיכטן נעפּל. און יעדן טאָג, ווען נחום ראַבינאָוויטש גיסט אָפּ ניגל=וואַסער, זעט ער, ווי זיינע פינגער ווערן אַלץ דאַרער, פילט ער, ווי זיי ווערן אַלץ שווערער אין זייער באַוועגונג.

ער וועט זיך בעטן, מע זאָל אים אָפּפירן אין קיעוו. שטענדיק, ווען עס פליגט אים די לעצטע יאָרן מאַטערן א צער, אָדער א שווערע דאגה, פלעגט ער אַוועקפאָרן צו שלומען. ער ווייסט דאָך, אז ער קומט אהין, פאַרשווינדן פון אים אַלע דאגהס. ער געדענקט, ווי עס האָט אים שלום אַמאָל געלייענט א ליד וועגן א וואָלקולאַק, וואָס ווערט מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ פּרינץ. געהייסן האָט דאָס האָזיקע ליד „די בת=מלכה שבת“. און געשריבן האָט זי דער גרויסער היינריך היינע פון דייטשלאַנד. און ווען שלום האָט אים אָט דאָס דאָזיקע ליד געלייענט אין יידיש, האָט ער זיך אַליין אין געדאַנק פאַרגליכן צו אַ וואָלקולאַק, וואָס געפינט זיך אין פערע=יאַסלאַוו. און ווען ער קומט אין קיעוו צו זיין זון ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ פּרינץ און עס איז ביי אים דעמלט אַ שבת=שבתון.

זיין זון — ער פילט זיך לעבן פאָטער, גלייך ער שטייט ביים קוואַל, פון וועלכן ער האָט געשעפּט זיין ליבע צום פאָלק, וועלכער איז אויך שטענדיק פאַרוואַנדלט אין א וואָלקולאַק, געשעפּט זיין ליבע צום אונטערדריקטן און פאַרוואָרלאָזטן, ליבע צו ליטעראַטור און קולטור און דאָס שטענדיקע נישט באַפרידיקן זיך מיט דעם האַמעטנעם, באַלעבאַטישן ארום.

נחום ראַבינאָוויטש וויל, זיינע לעצטע טעג זאָלן פאַרגיין לעבן זיין זון. אָבער איידער ער פאָרט אין קיעוו, מוז ער דאָך צוגרייטן זיין לעצטן וואָרט און ווילן. וויל ער, אז אָט דאָס וואָרט זאָל קלינגען פאַר זיין זון דעמלט, ווען ער, נחום ראַבינאָוויטש, וועט שוין נישט זיין. ער וועט עס אָנשרייבן אויפן פּאַפּיר. זיין זון וועט עס געוויס באַהאַלטן צווישן זיינע וויכטיקע כתבים.

באַלד, ווי ער האָט אָפּגעדאַנקט גאָט, „וואָס האָט אים געטאָן צירי=קערן זיין נשמה מיט לייטזעליקייט“, איז ער אַוועק אין א באַזונדער צימער, זיך פאַרשפּאַרט און גענומען שרייבן אויפן פּאַפּיר דאָס, וואָס ער וואָלט געוואָלט זאָגן זיין זון שלום=עליכם נאָכן טויט.

ש ל ו ם=ע ל י כ ם און זיין פֿאָטער נ ח ו ם ר אַ ב י נ אָ װ י ט ש
(קיעװ 1885).

„היינט, דאָנערשטיק, פערצן טעג אין חודש טבת, שנת תרמה לפ״ק. מיין טייערער זון דער משכיל א.א.וו. הר״ר שלום זאָל לעבן“.

ער האָט זיך אביסל פארטראכט, וויאזוי בעסער אויסצולייגן זיינע געדאנקען, וואָסערע ווערטער צו נעמען, וואָס זאָלן אָפּשיינען מיט טיפער פארגעגנגענהייט, מיט יענעוועלטיקייט.

„היום מלאו לי חמישים ושמנה שנים ימי הגיעו לימי אבי ז״ל נ״ע — היינט איז מיר פול געוואָרן אַכט און פופציק יאָר — מיינע טעג האָבן דער־גרייכט צו די טעג פון מיין פאָטער זכרונו לברכה זיין נשמה איז אין גן־עדן“. און נאָך האָט ער געשריבן אין העברעיש, וואָס אין יידיש וועט עס זיין אַזוי: „איך טו זיך איבערקלייבן צו מיין פאָלק, אָבער דעם טאָג פון מיין טויט ווייס איך נישט. צו דיר, מיין טייערער זון, טו איך אָנ־ברייטן אייניקע ווערטער, אייידער איך שייד מיך אָפּ פון דיר אויף אייביק, ווייל דיך האָט גאָט באַגנעדיקט מיט פארשטאנד און מיט וויסנשאפט מער איבער אלע דיינע ברידער“.

נחום ראבינאָוויטש, וועלכער רעדט מיטן לשון און אין דעם סטיל פון דער ביבל, פארמאָגט אָבער אין זיך נישט דעם גײַפיל פון יידישלעבער תקיפות, ער מאָגט נישט קיין כבוד אויף דעם טראַדיציאָנעלן אופן, ווי אַ טאַטע אַ תקיף. ווי אַלע מאָל אין זיין לעבן, איז ער אויך דאָ אַוועק פון די פאַרעלטערטע זיטן אין דער באַציונג צווישן פאָטערס און קינדער. ער שטעלט זיין זון העכער פון זיך, אָבער קיין מאָל נישט העכער פון די אינ־טערעסן פון פאָלק, ווי ער, נחום ראַבינאָוויטש, פאַרשטייט זיי.

„וואָס־זשע זאָל איך דיר זאָגן, מיין טייערער זון, וואָס איז דען פאָ־ראַן אזעלכעס וואָס איך ווייס, און דו ווייסט נישט? דעריבער, טייערער זון מיינער, גיי מיט דער קראַפט דיינער פון אָט דעם וועג, וואָס דו האָסט פאַר זיך געטאָן אויסטרעטן, אָבער די ליטערע און געלייטערטע יידישקייט, אַזוי ווי טוסט איר פארשטיין, זאָל זיין אויסגעקריצט אויפן טאָוול פון דיין האַרצן און פירן זאָל זי דיך אין די שטעגן פון יושר די גאנצע טעג, וואָס זענען דיר באשערט אויף דער וועלט“.

און איצט — ער וועט דאָ אנטפּלעקן פאר זיין זון דעם טיפן צער, וואָס האָט אים יאָרנלאנג געמאטערט, אָט דעם צער, וואָס ער האָט געמוזט פאַרבאָרגן פון זייניקע, וואָס ער האָט אים קיינמאָל נישט געקענט אַרויס־זאָגן. ער וועט אנטפּלעקן פאר זיין זון אליין, ווארום ווער קאָן אים אזוי פאַרשטיין, ווי ער. חלילה, ער וועט אים נישט באַפעלן, ער וועט פון אים נישט פאָדערן, ער וועט בלויז, ווי אן עלטערער ברודער, אים דערמאָ־

נען וועגן זיין פֿאָטערס פֿאַריתומטער פֿאַמיליע און בעטן אים פֿאַר איר; גיין, ער וועט נישט באַפֿעלן, דאָס איז נישט קיין משכילישער טאַט.

„יעקב אבינו... האָט פֿאַר זיין טויט באַפֿוילן זיין ייִנגערן זון, דעם וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייט אין זיין האַנט. אָבער איך וויל דיר חלילה נישט באַפֿעלן, וואָרום ווי קאָן אַ מענטש באַפֿעלן אויף אַ זאַך, וואָס איז נישט זיינע? נאָר מיט תּחנונים בעט איך מיך פֿאַר דיר, מיין טייערער זון.

אָט בלייבט איבער אַן אָרעמע משפּחה, ווי שוים אויפֿן וואַסער, וועמען האָט זי דאָ און וואָס האָט זי דאָ? דעריבער, מיין טייערער זון, אויב דיין זעל איז געניגט דערצו, זאָל טייער זיין ביי דיר דער אָנדענק פֿון דיין פֿאָטער, אַז דו זאָלסט נישט אָפּוועגדן דאָס אויג און דיין השגחה פֿון דער אומגליקלעכער משפּחה און זאָלסט זיי אויסשטרעקן אַ האַנט פֿון הילף מיט פֿיל אָדער מיט ווייניק. איך ווייס, מיין זון, איך ווייס גאַנץ גוט איר פֿאַרברענגען קענען אייך פֿון אמאָליקע טעג, נאָר אויף אַלע אירע זינד זאָל פֿאַרדעקן דיין ליבע צום אָנדענק פֿון דיין פֿאָטער. אָט דאָס אַלץ באַפֿעל איך דיר נישט חלילה, נאָר אויב דו וועסט וועלן, וועסטו דאָס טאָן פֿון דיין גוטן ווילן, און דערפֿאַר וועסטו זוכה זיין צו דערציען דיינע טעכטער אין גוטס און אין פֿאַרגעניגן און מיט פֿיל רייכקייט און גליק.

דאָס זענען די לעצטע ווערטער פֿון דיין פֿאָטער,

מנחם נחום במו"ה זאב וואָלף ראַבינאָוויטש".

און געפֿילט האָט ער זיך, ווען ער האָט פֿאַרענדיקט דעם דאָזיקן צוואה=בריוו, באַזונדערס דערהויבן. ער האָט דאָס פּאַפּיר אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט, פֿאַרקלעפּט און מיט ציטעריקע הענט אַריינגעלייגט עס אין בוזעם=טאַש. איצט פֿאָרט ער אין קיעוו צום זון. ער איז זיכער, עס וועט אים דאָרטן גרינגער ווערן: אין דער מסיבה פֿון זיין זון ווערט ער מער געהיילט, ווי פֿון דאָקטוירים.

אָבער דאָס מאָל האָט זיך נחום ראַבינאָוויטש אָפּגענאַרט, בלויז זעקס וואָכן האָט ער געלעבט נאָך דעם, ווי ער האָט פֿאַרשריבן זיינע לעצטע ווערטער צו זיין זון שלום=עליכם. זיין קרענק האָט זיך אַלץ מער און מער פֿאַרשטאַרקט, ביז ער האָט געמוזט איבערלעבן דעם טעם פֿון כירורגישן מעסער און איז געשטאָרבן.

טיף האָט איבערגעלעבט שלום=עליכם דעם טויט פֿון זיין פֿאָטער,

וועלכן ער האָט שפּעטער באַשריבן מיט גרענעצלאָזער ליבע און אַכטונג אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „פונעם יאריד“. אינעם אָנדענק פון זיין פאָטער האָט שלום־עליכם אַרויסגעגעבן זיין „בינטל בלומען“, אַ ביכל לידער אין פּראָזע, ריכטיקער, מיניאַטורן, וואָס דערמאָנען מיט זייער מייסטערשאַפט אין די געשליפענע קורצע משלים־אַרטיקע תלמודישע אַגדות.

דעם לעצטן בריוו פון פאָטער האָט ער באַהאַלטן און געהיט אין אַ באַזונדערן קאָנווערט מיט אַ שוואַרצער טרויער־ראַם, פאַרגעדענקט און אויסגעפּילט זיין פאָטערס געבעט. פאַרגעדענקט אויף שטענדיק זיין באַציונג צום פאָלק, וועמען ער האָט איבערגעלאָזט איינעם פון די גרעסטע קולטור־אוצרות.

אויך ער האָט אין זיין צוואה גאָרנישט באַפוילן. ער האָט בלויז געבעטן און, פונקט ווי זיין פאָטער, וועלכער האָט אים געבעטן צו זיין שטענדיק טריי זיין פאָלק, זאָגט ער אויך אָן זיינע קינדער אין פאַראַגראַף „ה“ פון זיין צוואה: „רעליגיעזע איבערצייגונגען קאָנען מיינע קינדער און קינדס־קינדער האָבן, וואָסערע זיי ווילן, נאָר זייער יידישע אָפּשטאַמונג בעט איך, זיי זאָלן היטן“.

## צווישן די קיעווער יידישע שרייבער

סוף אויגוסט פון יאָר 1888. אויף מאַלאָ־וואַסילקאָווסקע גאַס נומער 26 אין קיעוו, וווּ עס האָט געוווינט שלום־עליכם, האָט זיך היינט צונויפגעזאַמלט אַ גרופּע קיעווער יידישע שרייבער. אינגאַנצן זענען געקומען היינט צו שלום־עליכם'ן אַ פינף־זעקס מענטשן. כמעט אַלע זענען געווען אין די עלטערע יאָרן און אפילו אין טיפן עלטער.

עס איז בייגעווען דער גרויער משה אהרון שאַצקעס, דער אויטאָר פונעם בוך „המפתח“, אַ בוך, וואָס האָט אויף אַ ראַציאָנאַליסטישן אופן דערקלערט די אוראַלטע יידישע מיטן און לעגענדעס, האָט אַראָפּגעריסן פון זיי דעם רעליגיעז־געטלעכן שלייער. אָט דאָס בוך האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער קלעריקאַל־רבנישער וועלט. אין די שטעט און שטעטלעך פונעם געוועזענעם „תחום“ אינעם צאַרישן רוסלאַנד האָבן זיך אויף די שול־הויפן געוואָרפן שייטערהויפנס. ווי מע האָט געברענט מ. אַ. שאַצקעסעס בוך, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר זיין ציל, ווי די רבנים האָבן געוואָרנט, אָפּצוווענדן די יידן פון זייער אַלטן יידישן גאָט. די רבנים האָבן אַריינגעוואָרפן דעם אויטאָר אין חרם.

די ברייטע פאָלקס־מאַסן איז משה אהרון שאצקעס געווען באַקאַנט מיט זיין בוך אין דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „דער יידישער פּאַר־פּסח“. דאָס איז געווען אַ קינסטלעריש־סאַטיריש ווערק קעגן פאַרעלטערטע און פאַרגליווערטע יידישע מנהגים, וואָס האָבן אין משך פון יאָרהונדערטער מיטגעהאָלפן דער אָפּגעזונדערטקייט און אָפּגעשטאַנענקייט.

דער אַלטער גרויער פאָרשטייער פון דער השכלה, וואָס האָט זיך ניִשט אָפּגעשראָקן פאַר דער פינצטערער רעאַקציע פון די 80־ער יאָרן, האָט שוין אָבער ווייניק געשריבן. אונטער דער ווירקונג פון שלום־עליכם'ן האָט ער זיך ווידער גענומען צו שרייבן יידיש. ער איז הייגט צוליב דעם געקומען צו שלום־עליכם'ן.

עס איז אויך געקומען צו שלום־עליכם'ן דער דעמאָלט באַקאַנטער העברעישער שרייבער יצחק יעקב ווייסבערג.

דאָס האָט ער דער ערשטער אין דער העברעישער ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט וועגן דער פרויען־פראַגע ביי יידן און אוראַלט און אין מיטלאַלטער.

עס איז אויך געקומען דער שוין אונדז באַקאַנטער דיכטער יהל"ל.

עס האָט אויך געזאָלט קומען הייגט דער גרויסער זקן, דער באַרימטער יידישער פאָלקס־דיכטער, מיכל גאָרדאָן, ער איז שוין אָבער געווען אַזוי שוואַך, אַז ער האָט ניט געקאָנט אַוועקגיין פון זיין בעט. שוין איייניקע יאָר, אַז ער געפינט זיך אין מושב־זקנים. דער דיכטער, וואָס האָט איינער פון די ערשטע אין דער יידישער פּאָעזיע אויפמערקזאַם געמאַכט די יידישע פאָלקס־מאַסן אויף צבועקעס, אויף פאַלשע גאָטס־סטראַפּטשעס, דער פאָלקס־דיכטער מיכל גאָרדאָן, וואָס מיט זיינע לידער האָבן מוטערס פון די יידישע אָרעמע שיכטן פאַרוויגט זייערע קינדער און קיין איין פאַרווײלונג אין די שטעט און שטעטלעך פונעם יידישן תחום פלעגט ניִשט פאַרקומען אָן דעם געזאַנג פון זיינע לידער, איז אין זיין טיפער עלטער געווען עלנט, און האָט געמוזט אין מושב־זקנים ציען זיין חיונה דערפון, וואָס ער פלעגט זאָגן תהילים אויפן קול אינאיינעם מיט פראָפעסיאָנעלע שנאָרער.

אָבער שוין באַלד אַ האַלב יאָר, אַז ער האָט זיך באַפרייט פון זיין תהילים־זאָגעריי: כמעט יעדע וואָך באַזוכט אים דער יונגער מוטיקער, שיין געקליידטער שלום־עליכם. ער קומט אינעם קיעווער מושב־זקנים שטענדיק אין אָוונט. זיין קלינגענדיקע שטים פאַרטרייבט די אומעטיקן

שאָטנס. דער משגיח ווערט דערמלט מילדער צו די אָרעמעלייט די זקנים: ער ווייסט, אז דער גאסט וועט אים שוין אָפּגעבן דאָס, וואָס אים קומט, און בעטן, ער זאָל אכטונג געבן אויף מיכל גאָרדאָנען, זאָגנדיק ווי שטענדיק:

— אן עלנטער, א תלמיד חכם. א משורר, א פּאָעט, היט אים!

זינט שלום־עליכם האָט גענומען באַזוכן מיכל גאָרדאָנס לעצטע היים, האָט מיכל גאָרדאָן גענומען שרייבן איבעראַניים און געשאַפן פיל נייע לידער.

אן אלטער קאַנטאָניסט, וואָס האָט אָפּגעדינט זיינע פינף און צוואנציק יאָר מיליטער־דינסט און איז אויך זיינע לעצטע יאָרן אָפּגעקומען אין דעם אינוואַלידן־הויז, איז געווען מיכל גאָרדאָנס איינציקער נאָענטער פריינד. שטענדיק איז ער געזעסן לעבן אים, פלעגט אים דערציילן פון זיין קינדהייט און יוגנט. וואָס איז אזוי רייך געווען מיט ליידן און שמערצן.

היינט האָט זיך גאָרדאָן מיט דער הילף פונעם אינוואַליד אוועקגעזעצט אויפן בעט און האָט פאר אים געלייענט א ליד, געלייענט מיט אן אלטן פאָלקס־ניגון. די גרויע אויגן זיינע האָבן געשיינט, די געל־בלייכע הענט אויפגעהויבן אין דער הייך.

עס טוט אמאָל פון ים א שפּריץ
א טראָפּן וואסער פאַרן זונען־שיין
און פאַלט געשווינד, אזוי ווי א בליץ,
צוריק אראָפּ אין ים אַריין.

צווישן די שרייבער ביי שלום־עליכם'ן אין שטוב איז אויך געווען דער דעמלט נאָך גאָר יונגער לערער, וואָס פלעגט איבערוואנדערן יעדע האלבן יאָר פון איין שטאָט אין דער צווייטער. ער האָט שוין געשריבן דערציילונגען אין „המליץ“, דערציילונגען וועגן די ליידן און פריידן פון די סאמע פארשטויסענע יידישע פאָלקסמאסן. ער האָט זיך געהאלטן שעמעוודיק. זיין לאנגער ראָק און דער גאנצער הולך זיינער האָט זיך ווייניק געפּאסט צו די רייך־מעבלירטע צימערן פון שלום־עליכם'ס דעמאלטיקער דירה. דאָס איז דער שרייבער ישעיה ניסן גאָלדבערג, וואָס האָט געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים „יכנה״ז“.

שלום־עליכם האָט ארומגעשפּאנט איבערן צימער און צוגעהערט זיך צו די רייד פון יעדן איינעם

— עס איז גאיוו, — האָט ער געזאָגט — אריינצופאלן אין אזא שווערער שטימונג, ווי דער דיכטער יל״ג, (יהודה לייב גאָרדאָן). ער קלאָגט זיך אין זיין ליד „פאַר וועמען האָרעווע איך“, אַז ער איז עלנט. ער האָט אָבער א טעות. ס'איז פאראן פאר וועמען צו האָרעווען. ס'איז דאָ מיליאָנען פארוואָגלטע, פאַריאָגטע, פאַרשטויסענע פאָלקס־מאַסן. מע דאַרף נאָר רעדן צו זיי אויף זייער שפראַך און ניט אויף דער אלטער העברעישער שפראַך, וואָס דער גרעסטער טייל פון יידישן פאָלק פאַרשטייט זי נישט. אויב די שפראַך פון די מיליאָנען יידישע פאָלקס־מאַסן איז נאָך נישט פולקאָם ליטעראַריש, ווי אנדערע ליטעראטור־שפראכן, דאַרפן מיר זי דערפירן צו דער שטופע פון א ליטעראטור־שפראַך, און ניט אָפּזאָגן זיך צו שרייבן יידיש.

עפּעס איז היינט דער לוסטיקער שלום־עליכם געווען ערנסט און גערעדט מיט מער ברען ווי אלעמאָל. דער פריילעכער וויץ האָט היינט אָפּגעטראָטן זיין אָרט.

דער דיכטער יהל״ל איז געזעסן אומרואיק אויף זיין שטול, עפּעס אַ פאַרדראָס האָט פאַרצויגן זיין פּנים. ער האָט אַלץ אויפגערעגט געעפנט און פארמאכט די דעקלעך פון זיינע קאסאָקע אויגן. עס האָט זיך געראנגלט אין אים זיין פארגאנגענהייט פון אן איבערזעצער פון מארקסן און זיין קעגנוואַרט.

ער איז מסכים אז עס איז פאראן פאר וועמען צו האָרעווען, אָבער פאָלק טרינקט זיך אין א ים פון טרערן, און מיר, שרייבער, שפּאָטן איבער אים און טרייבן ליצנות. זאָל אונדזער טרער זיך אויך אריינגיסן אינעם שטראָם פון פאָלקס טרערן. מע דאַרף וויינען צוגלייך מיטן פאָלק. ס'איז איצטער קיין צייט נישט צום לאַכן. נישטאָ קיין אָרט פאַר הומאָר אין דער ליטעראַטור.

שלום־עליכם האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן:

— געוויין, זאָגט איר! דאָס וועט נאָך שווערער מאכן דאָס געמיט פון פאָלק. טרערן. לאָמיר וועקן דאָס פאָלק צו מוגטערקייט, און טאקע דורך געלעכטער. נישט אַלעמאָל האָט דער, וואָס גיסט טרערן, ליב, און דער וואָס לאַכט האָט פיינט.

שלום־עליכם האָט די פּאַרזאַמלטע דערמאָנט וועגן אייגער אן אַרויסזאָגונג זיינער אין „די בילדער פון דער בערדיטשעווער גאַס“.

— „די דאָזיקע וויסטע, פינצטערע גאַס, וועט איר מיר גלויבן? איז מיר טייער, ליב איינגעבאקן אין הארצן, עפּעס ווי א נעבעכל, ווי א יתומהלע, ווי אן אומגליקלעך קינד... א נעבעכל, מישטיינס געזאָגט. וואָס סע

דרייט זיך אומעטום און איז גרויס ביי יעדערן אין די אויגן, און דערפאַר מאַקע, סע הייסט, מהאי טעמא, ווייל עס לעבט, ווייל עס רודערט זיך און ווייל עס דרייט זיך פאַר די אויגן, הרגעט מען עס, ממיתט מען דאָס... איך האָב זי ליב די בערדיטשעווער גאס, איך האָב זי ליב מיט מיין גאנצן חיות אָן חכמות, אָן חניפה, אָן קאָמפּלימענטן. כאָטש גישט איין מאָל קומט מיר אויס אויסלאכן זי אויס אירע ווילדע משונה אנטיקלעד, וועלכע געפינען זיך נאָך ביי איר".

אין דעם דאָזיקן אָוונט איז געלייגט געוואָרן דער ערשטער פונדאַמענט פאַר שלום-עליכם'ס באַקאַנטע זאַמלביכער „די יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק", וואָס האָט געשפּילט א וויכטיקע ראָליע אין דער אנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור.

## א קריטיקער און א רעדאַקטאָר

שלום-עליכם דער קריטיקער איז געקומען, ווי א פאָרזעצער פון מענדעלעס קריטישע אנשויונגען און האָט זיי ווייטער אנטוויקלט אין אײנקלאנג מיט דער קריטיק פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן. די יידישע ליטעראַטור האָט, לויט שלום-עליכם'ס מיינונג, אין צענטער פון אירע פּראָבלעמען געדאַרפט אוועקשטעלן, און האָט מיט רעכט אין די 60-ער יאָרן אָנגעהויבן באַהאַנדלען די באַהאַנדלונג פון דעם דלות-פּראָבלעם. באַווייזן די עקאָנאָמישע גרונט פון די פּאַופּעריזירטע יידישע מאַסן, אויפדעקן זייערע ליידן, קעמפן פאַר דער פאַרבעסערונג פון זייער ווירקלעכקייט, פאַר זייער בעסערער צוקונפט — דאָס איז דער וועג, אין וועלכן די יידישע ליטעראַטור איז געגאַנגען דורך מענדעלען און ליניעצקין.

אין יאָר 1888 פאַרעפנטלעכט שלום-עליכם אין דער ביילאַגע צו דעם „יידישעם פאָלקסבלאַט" א סעריע אַרטיקלען „דער יידישער דלות אין די ווערקע פון אונדזערע בעסטע פאָלקס שריפטשטעלער". אין דעם דאָזיקן אַרטיקל דעקט שלום-עליכם אויף דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור דעם גרויסן הומאַניזם פון די ווערק פון מענדעלען און ליניעצקין, וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט פלאַמיקער ליבע צו די אָרעמע יידישע פאָלקס-מאַסן.

„באַשרייבן דעם נידעריקן קלאַס, געבן בילדער פון די קראַנקע, הונגעריקע, געדריקטע, אָרעמע, עלנטע, באַליידיקטע, אומגליקלעכע לייט, אויס

מאָלן דעם דלות — אט דאמיט פארנעמען זיך אָפט די בעסטע שרייבער פון דער וועלט, — זאָגט שלום=עליכם אין זיין ארייַנפיר צו דער דאָזיקער סעריע, — און נאָך מער פארנעמט דער דלות אַן אָרט בא אונדזערע יידישע פאָלקס=שריפטשטעלער, דען ביים פאָלק ישראל געפינען זיך אָרעמע לייט, עניים ואביונים קבצנים, דלפנים, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, א סך מער, אַלס אין אַנדערע פעלקער". עס איז קיין ספק נישט, אַז שלום=עליכם האָט דאָ איבערגעטריבן אין דעם יחוס פונעם יידישן דלות. דער יידישער דלות איז געווען נישט גרעסער און נישט קלענער, ווי דער דלות פון די נישט יידישע פאָלקס=מאַסן — רוסישע, פוילישע, אוקראַינישע, ווייסרוסישע און אַנדערע. אָבער דער יידישער דלות, וועלכער האָט געבושעוועט צווישן אַ שטאָטישער באַפעלקערונג, האָט זיך גיכער געלאָזט מערקן.

שלום=עליכם האָט, ווי אין זיינע „איבערגעכאַפטע בריוו", „בילדער פון דער באַרדיטשעווער גאס", אזוי אויך אין זיין „דער יידישער דלות..." געפאָדערט, אַז די אָרעמקייט פון די יידישע מאַסן זאָל געשילדערט ווערן אָן באַזונדערע סענטימענטן און אָן עקזאָטיק. עס זאָל אויפגעדעקט ווערן דער ווייטער גורל פון די פאָלקס=מאסן, ווי א רעאלע סאָציאַלע דערשיינונג. וועגן ליניעצקים „פוילישעם יינגל" האָט ער דעריבער געשריבן: „דאָס איז דער מקור פונעם יידישן דלות מיט אַלע זיינע ביטערע און פינצטערע זייטן, וועלכע ליניעצקי שטעלט ארויס גאנץ עפנטלעך לפני כל עם ועדה, ער קערט איבער דאָס גאַנצע יידישע לעבן, דעם גאַנצן יידן אויף דער לינקער זייט און זאָגט צו אונדז: „נאט, קוויקט זיך!" און מיר קומען און קוויקן זיך; מיר לאַכן. נאָר מיר לאַכן מיט קלעמעניש: אַז אָך און ווי איז צו אונדזער געלעכטער!.."

די אַלע אומגאָרמאַלקייטן אינעם לעבן פון די יידישע פאָלקס=מאַסן איז עפעקטיווער צו ווייזן דורך דער סאטירע אָדער דורך הומאָר. דערביי פירט שלום=עליכם דער קריטיקער א פראָפאַגאנדע פאר הומאָר און סאטירע, שטעלנדיק עם העכער פון אַלע ליטעראַרישע זשאנרען. שלום=עליכם האָט זיך באַצויגן מיט גרויס אכטונג צו מענדעלען און ליניעצקין פאר זייער קינסטלערישער סאַטירע, וואָס איז „אַ שאַרפע גוצלעכע שווערד". ער איז אָבער אין דער זעלביקער צייט אַרויסגעטראָטן קעגן שמ"רן און זיין קאמפאניע, וועלכע האָבן אין זייערע ווערק אַנשטאַט סאַטירע געגעבן האמעטנע און גראָביאַנגערישע וויצן. דאָסזעלבע איז ער אויך אַרויסגעטראָטן דעמלט קעגן זיין גאָענטן פריינד ספעקטאָרן, וועלכער האָט אין זיין ראָמאַן „עניים ואביונים" פרעטענדירט צו באַווייזן דעם דלות ביי די יידן

אין רוסלאנד אין די 80=ער יאָרן. שלום=עליכם פאראורטיילט שארף דעם סענטימענטאליזם אין ספעקטאָרס ראָמאַן.

אין א געוויסער מאָס דערמאָנען שלום=עליכם'ס טענות צו ספעקטאָרן די טענות, וואָס קאָוונער האָט אין די 60=ער יאָרן ארויסגעשטעלט די בעלי=מליצה און די פּילשער פון רעאליזם. „אין אזא בוך, וו מען פאר= געמט זיך מיט עניים ואביונים זאָגט שלום=עליכם, — קאָן מען זיין רעַ= אלנע ביזן סוף און מאָלן בילדער פונעם לעבן אליין“, ניט אויסטראכטן, ניט צופּוצן, ווייזן דאָס ווירקלעכע לעבן, די אמתיע ליידן פון דעם אָרעמאַן. אָבער ספעקטאָר זעט גאָר אנדערש די ווירקלעכקייט, נישט רעאליסטיש... „די גאַנץ אייגפּאַבע אַש=גרויע פאַרבן שטעלן זיך אים פאר פון דעם שטארקן זונען=גלאנץ, וואָס עקזיסטירט דאָרט אין דער הויך, וו די פאַנ= טאזיע טראָגט אים ארום, אלס עכט=ראָזעווע, און די בילדער קומען ארויס ביי אים יום=טובדיק; יעדער קעגנשטאַנד איז באַשריבן מיט קעלבערנע התפעלות, אַזוי ווי עס ווערן פאָרגעשטעלט אין די פאַנאָראַמעס די פּאָס= מעכער אין זיידענע העמדלעך, לאנגע געקרייזלטע בלאנדע האָר, רויטע סאפיאן=שיכלעך מיט זילבערנע שנאלן און א גאָלדן פייפל אין האנט. שיין זענען אַזעלכע בילדער, דאָס אויג פרייט זיך, זעענדיק זיי; אָבער ווי ווייט זענען זיי פון אמת!...

אין אמתן לעבן זעען מיר, צום באדויערן, אז די פּאסטעכער זיינען זייער שמוציק, גייען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, מיט געשוואָלענע צעש= טאָכענע פיס, דאָס פּנים פארחושכט ווי די ערד, שווארץ ווי א קויל, מיט הילצערנע פייפלעך און מיט א טאָרבע אויף די פלייצעס, אמאָל מיט א שטיקל ברויט און אמאָל אָן דאָס אויך, ווי גאָט גיט...

צום באדויערן, איז דאַס וויסטע, פינצטערע לעבן פון די אָרעמעלייט נישט אַזאַ אידיליע (א שיין בילד פון צופרידענע לייט), ווי עס קומט אויס בא ספעקטאָרן“.

גלייך ווי בעלינסקי אין דער רוסישער קריטיק, האָט שלום=עליכם געפאָדערט צו מאַכן אַ טיפן אונטערשייד צווישן דער געמלאכהטער, אויסגעטראכטער פאַלשקייט און ליבע צום פאָלק און דער אמתער רעאַ= לער שילדערונג. ער האָט געפאָדערט פונעם שרייבער צו קענען דאָס לעבן, צו שרייבן קינסטלעריש און צו זיין נאָענט צום הארצן פון דעם וועמען ער שילדערט. אלס מוסטער פון אזא שרייבער האָט שלום=עליכם ארויס= געשטעלט מענדעלע מוכר=ספרים. „אַזוי קענען דעם אָרעמאַן (ווי מענ= דעלע), אזוי טיף ארייגקריכן צו אים אין זיין לעבן אריין, מוז מען אפנים

חוץ אַ טאַלאַנט, טאַקע אַריינקוקן אומעטום, זיך צוקוקן צו יעדער זאַך, שנאָרן און שמעקן, נישטערן און זוכן — מיט איינעם וואָרט — וויסן, אז דאָס, וואָס איך שרייב, ווייס איך, און דאָס, וואָס איך ווייס — שרייב איך".

אין דער סעריע אַרטיקלען „דער יידישער דלות אין די ווערקע פון אונדזערע בעסטע פאָלקס=שריפטשטעלער" האָט שלום=עליכם אַרויסגעשטעלט וויכטיקע פאָדערונגען צו דעם שרייבער און קינסטלער, האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם אינדיווידועלן כאַראַקטער פון יעדער פערסאָנאַזש ביי אונדזערע קלאַסיקער, אויף דער ריינקייט און מייסטערישקייט פונעם סטיל אאַוו.

שלום=עליכם טראָגט דרייסט די פאָן פונעם רעאַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור. פון אָט דעם רעאַליזם, וואָס עס האָבן אַזוי מעכטיק פאַרפלאַנצט אין דער יידישער ליטעראַטור מענדעלע, ליניעצקי און אַנדערע פאָרגעשריטענע שרייבער פון די 60=ער און 70=ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

אין נאָמען פונעם רעאַליזם האָט זיך שלום=עליכם גענומען אויסצוואָרצלען דאָס ווילדגראָז פון דער יידישער ליטעראַטור. און די סאַמע גרעסטע געפאַר פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם רעאַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור און פאַר דער דערציונג פונעם לעזער איז דעמלט געווען שמ"ר מיט זיינע ראָמאַנען.

דאָס איז, אייגנטלעך, געווען אַ שרייבער — אַ פאַרוועלטלעכטער קלעריקאַלער מגיד, וואָס האָט מיט זיינע ווערק איינגעשלעפערט דעם לעזער, וועלכער האָט געליטן פון דלות, פון פאָליטישער און נאַציאָנאַלער רעכטלאָזיקייט ביים צאַריזם. אין זיינע ווערק האָט שמ"ר געפרעדיקט שלום צו מאַכן מיטן דלות, זיין תמיד פאַסיוו און וואַרטן אויף א נס, ווען דער אָרעמער שוסטער און שניידער וועט פלוצעם דורך א וווּנדערלעכן צופאַל ווערן א גראַף אָדער אַן אַנדער שררה.

שלום=עליכם האָט דעמלט אָנגעשריבן זיין ליטעראַרישן פאַמפלעט אונטערן נאָמען „שמ"רס משפט", ווו שמ"ר און זיינע נאָכמאַכער טרעטן אַרויס, ווי באַשולדיקטע פאַרן געריכט. די גרונט=באַשולדיקונג, וואָס שלום=עליכם האָט זיי אַרויסגעשטעלט, איז געווען דאָס פאַרקריפּלען די ווירקלעכקייט אין דער ליטעראַטור.

„אַלעס, וואָס ריכטיק איז, — שרייבט שלום=עליכם אין „שמ"רס משפט" — איז גוט, איז רעאַלנע. און דאָס פאָדערט די עסטעטיק, די פאָעז=

יע, די קונסט, אַזוי דאַרף מען שרייבן און באַשרייבן. אַזוי איז מחויב יעדער בעלעטריסט געבן אין זיין ראָמאַן נאָר דאָס, וואָס מעגלעך איז, וואָס אינעם לעבן געפינט זיך, וואָס קען זיך געפינען".

שילדערן דאָס, „וואָס מעגלעך איז, וואָס אינעם לעבן געפינט זיך, וואָס קען זיך געפינען", — אָט דאָס איז געווען דער ליטעראַרישער קרעדאָ פון שלום־עליכם'ן ענדע די 80־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. קעגן סכע־מאַטיזם, קעגן פוסטע, ווילדע, אויסגעטראַכטע מעשות וואָס קענען נישט פאָרקומען אין לעבן, קעגן מגידות אין דער קונסט האָט געקעמפט שלום־עליכם דער קינסטלער און דער קריטיקער.

אין זיין „שמ"רס משפט" טרעט שלום־עליכם אַרויס ווי אַ פאָר־שטייער פון די אידעען פון דער השכלה־ליטעראַטור, פון אירע בעסטע טראַ־דיציעס. דאָ, אין זיין „שמ"רס משפט", ווענדט שלום־עליכם די אויפ־מערקזאַמקייט פונעם לעזער אויף די בעסטע פאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע, ליניעצקי, גאָלדפאַדען און דיק.

„אַזעלכע רייזן, ווי אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר־ספרים), ליניעצקי, גאָלדפאַדען און אייזיק מאיר דיק, האָבן זיך געפילט געזונט אין כוח ארי־בערצוטראָגן פון דער צאינה וראינה מיטן טייטש חומש אין דער לעבעדי־קער ליטעראַטור אריין, פון דער באָבע־מעשה אין דעם ראָמאַן אריין, פון „שבחי בעשט" אין דער פּאָעזיע, פון די תחינות אין דער סאַטירע אריין. די דאָזיקע פיר גיגאַנטן האָבן אַריינגעבלאָזן דעם אייראָפּעיִשן רוח אינעם אלטן זשאַרגאָן. און עס זענען אויסגעוואַקסן לעזער מאַסנווייז!... ס'איז כמעט נישט געווען די יידישע שטוב, וו מע האָט זיך נישט געהאַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער פון „דעם פּוילישן יינגל" פון ליניעצקי, געזונגען די אומשטערבלעכע זיסע לידער פון גאָלדפאַדען, געשלונגען, געדערקלאַ־מירט, איבערגעחזרט די שיינע סצענעס פון אַבראַמאָוויטשעס „פּאַקסע" אַרנל. הכלל, דאָס איז געווען אַ גליקלעך שטיקל צייט אינעם יידישן לעבן בכלל".

שלום־עליכם האָט געמאָנט ביי די יידישע שרייבער, זיי זאָלן פאַר־זעצן די טראַדיציעס פון רעאַליזם, באַווייזן אין דער יידישער ליטעראַטור די ליידן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, דעם דלות זייערן, גלייך ווי עס האָ־בן עס געטאָן מענדעלע, ליניעצקי, דיק און גאָלדפאַדן. נישט גיין אין דעם דאָזיקן וועג האָט ביי שלום־עליכם'ן געהייסן פעלשן אינעם פאָלק און אין זיינע אינטערעסן. שמ"רן האָט שלום־עליכם דערקלערט אַלס פאַרברעכער

דערפֿאַר, וואָס ער דערציילט נישט פֿונעם פֿאָלקס לעבן, וואָס ער פֿאַר־הוילט פֿון אים זיין אמתע לאַגע, וואָס ער נאַרט אים אָפּ.

„אָפּנאַרן א מענטשן... הרגענען, קוילען איז, נאָך מיין מיינונג, א קלענערער פֿארברעכן, — זאָגט שלום־עליכם אין „שמ״רס משפּט“ — איידער אָפּנאַרן א גאַנץ פֿאָלק, קוילען א גאַנצע ליטעראַטור, פֿארדארבן דעם געשמאַק פֿון טויזנטער לעזער. אין דעם ערשטן פֿאַל קומט אָפּ א יחיד, און דאָ ליידט א כּלל, דאָ ליידט דער גאַנצער המון־עם.“

וויאַזוי קען דער שרייבער לויט שלום־עליכם'ן דערגרייכן זיין ציל? דאָס קען ער דערגרייכן נאָר דעמאָלט, „ווען ער גיט אונדז אַזעלכע בילדער, וואָס זענען אונדז באַקאַנט, וואָס מיר האָבן אין זיי א באַגריף, וואָס קענען לכל־הפּחות זיך טרעפֿן אינעם לעבן... אָבער נישט אַזוי, ווי שמ״ר, וועל־כער פֿאַרקריכט אַזוי אין פֿאַנטאַזיע, אַז פֿון א מלמד ווערט ביי אים א לאָרד, פֿון א קוימענקערער א גראַף, פֿון טויט — לעבעדיק און פֿון לע־בעדיק — טויט. מיליאָנען מיט בריליאַנטן וואַלגערן זיך ביי אים ווי מיסט“.

דעם רעאַליזם ראַט שלום־עליכם די יידישע שרייבער צו לערנען זיך נישט נאָר ביי די יידישע קלאַסיקער, נאָר אויך ביי די קלאַסיקער פֿון דער רוסישער ליטעראַטור, צווישן די רוסישע קלאַסיקער האָט שלום־עליכם אָנגערופֿן די נעמען פֿון גאָגאָלן, שטשעדרינען, ניעקראַסאָוון, אָסטראָווסקין, טורגעניעוון.

שלום־עליכם איז געווען דער איינציקער באַדייטנדיקער יידישער קרי־טיקער ענדע די 80־ער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט. אַלס קריטיקער האָט ער געמאָסטן ביי די שרייבער די בעסטע קוואַליטעטן פֿון זייער שאַפֿן. ער האָט געמאָנט דעם רעאַליזם פֿאַר די אינטערעסן פֿון דער „שוסטער־גאַס“, פֿאַר אירע לַדיין און פֿריידן.

„אהא, די „שוסטער־גאַס“!... אונדזערע אַריסטאָקראַטן פֿאַרגעסן, — זאָגט שלום־עליכם, — אַז אַן אמתער משכּיל הייסט דער, וואָס קאָן זיך אַראָפּלאָזן צום פֿאָלק און אויסלערנען אַלע זיינע באַדערפֿעניש, דאָס לע־בן זיינס, מיט אַלץ, וואָס אים פֿעלט און נוצלעך איז“.

„אין די אַמאָליקע ראָמאַנען פֿלעגן אונדז די מחברים אויסקלייבן העלדן, — האָט געשריבן שלום־עליכם, — אָדער גאָר הויכע מענטשן — כּמעט מלאָכים, אָדער גאָר נידעריקע, משונה ווילדע, כּמעט שדים. דערצו פֿלעגן יענע מחברים צוטראַכטן פֿאַנטאַזיעס, וואָס נישט געשטויגענע, נישט געפֿלויגענע... נאָר דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל. היינט האָט זיך אַלצ־

דינג איבערגעביטן אין דער וועלט און אויך דאָס שרייבן. דער ערשטער ראָמאַן איז שוין נישט דאָס, וואָס אַמאָל. די מלאָכים מיט די שדים האָבן זיך אויסגעלאָזט".

אָט ווי שלום⸗עליכם פאַרשטייט דעם פּראָצעס פון קינסטלערישן שאַפן: „אַ שרייבער אַ ראָמאַניסט אין דער איצטיקער צייט — דאָס איז אַ קינסטלער, וואָס מאָלט אונדז נישט נאָר די אויסגעוויינטלעכע צורה, דאָס געשטאַלט פונעם מענטשן, נאָר אויך אַלע אינווייניקסטע ווינקעלעך מיט אַלע קנייטשעלעך פונעם מענטשנס כאַראַקטער מיט אַלע אונדזערע השגות און תאוות, מיט אונדזערע פאַרגעניגנס, יסורים, פרייד און לייד — אַלץ, וואָס פילט אָן אונדזער פאַרטאַרעראַמטע, פאַרומערטע לעבן אויף דער וועלט; יעדער טאָג, יעדער שעה, וואָס מיר לעבן איבער, איטלעכס חכמה, איטלעכס נאַרישקייט, וואָס מיר טוען, האָט פאַר דעם שרייבער דעם קינסטלער אַ גרויסע ווערט. ער קלייבט צונויף די אַלע קלייניקייטן פון אונדזער לעבן און שטעלט דאָס נאָכדעם צונויף און באַפּוצט דאָס, געוויינלעך, מיט אַלערליי פאַרבן. ער פלייסט זיך, עס זאָל האָבן אַ גוף מיט אַ נשמה, עס זאָל לעבן, עס זאָל, ווי מע זאָגט, רעדן ווערטער, צוטראַכטנדיק דערצו אַ פאַנטאַזיע, געוויינלעך, על⸗פּי דרך הטבע, נישט משוגענערהייז. — מאַכט ער פון דעם אַ גאַנצן בנין".

ווי אַ רעאַליסט, איז שלום⸗עליכם נישט קעגן דער פאַנטאַזיע אין דער ליטעראַטור. ער פאָדערט בלויז, אַז די פאַנטאַזיע זאָל זיין „כּדרך הטבע".

צוליבן רעאַליזם און צוליב דער אמתער פאָלקס⸗ליטעראַטור האָט שלום⸗עליכם פריער פאַר אַלץ געדאַרפט פירן אַ קאַמף פאַר דער אָנערקענונג פון דער פאָלקס⸗שפּראַך.

„דער, וואָס דענקט נאָר לאָגיש, — שרייבט שלום⸗עליכם, — וועט אָנערקענען, אַז די אויפלעבונג פון זשאַרגאָן איז דאָס בעסטע מיטל, אַז דער גייסט פון פאָלק זאָל גיין אַלץ העכער. און דער דערפאָלג, וואָס די שפּראַך וועט מאַכן, וועט אונדז ווייזן, אַז מיר שרייבן נישט פאַר אַ קליינע גרופּקעלע אויסדערוויילטע, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק, אינגאַנצן גענומען. אונדזערע אָנשטרענגונגען וועלן געפינען אַ וועג צו די הערצער פון אונדזערע ברידער — און וואָס דאַרפן מיר נאָך?"

שלום⸗עליכם האָט געקעמפט פאַר דער פאָלקס⸗שפּראַך דערפאַר, ווייל דורך איר האָט די ליטעראַטור געקאָנט געפינען אַ וועג צו די ברייטסטע פאָלקס⸗מאַסן.

שלום⸗עליכם האָט זיך באַמיט איינצושטעלן אויך אַ סיסטעם אין דער

יידישער שפראך, אין איר לעקסיק און אפילו אין איר אויסלייג. ער האָט דער ערשטער אַ רוק געטאָן פאָרויס דעם צושטאנד פונעם אויסלייגן אין יידיש. אין זיין „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" האָט ער פארעפנטלעכט כללים פון אויסלייגן אונטערן טיטל „עטלעכע ווערטער וועגן זשארגאָן־אויסלייג".

שלום־עליכם האָט אַוועקגעשטעלט דאָס פראָבלעם פון שאַפן אַ געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור. דורך זיין מיטווירקונג האָט זיך אלעזר שולמאן גענומען אָנשרייבן די געשיכטע פון דער יידישער שפראך און פון דער יידישער ליטעראטור אין מיטלאלטער. אָבער איידער שולמאן האָט אָנגעשריבן זיין געשיכטע פון דער מיטלאלטערלעכער יידישער ליטעראטור, האָט שלום־עליכם געפונען פאר נייטיק, אז אין דער „פאָלקס־ביבליאָטעק" זאָלן געגעבן ווערן ביאָגראפישע ידיעות פון די יידישע שרייבער פון 19־טן יאָרהונדערט. צוליב דעם צוועק האָט ער זיך געווענדט צו דעם דעמלט שוין אכציקיאָריקן זקן, צו דעם שרייבער אברהם־בער גאָטלאָבער, וועלכער האָט פארעפנטלעכט אין דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" זיינע „זכרונות וועגן יידישע שרייבער".

שלום־עליכם האָט נישט נאָר געהויבן די ווירדע פון דער יידישער ליטעראטור, ער האָט אויך געהויבן די ווירדע פונעם יידישן שרייבער און קינסטלער. זייענדיק דער רעדאַקטאָר און דער אַרויסגעבער פון דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק", האָט ער געזאָרגט וועגן דעם, אז די ארבעט פונעם שרייבער זאָל אָפגעשאצט און באלוינט ווערן און דער שרייבער זאָל נישט זיין אויף הפקר אין די הענט פון צופעליקן סוחרישן פארלעגער. ער האָט איינגעשטעלט נאָרמאלע האָנאָרארן פאר קינסטלערישער ליטעראטור — א דערשיינונג, וואָס איז נאָך ביז דעמלט נישט געווען אין דער יידישער ליטעראטור.

באזונדערס פילבאר איז שלום־עליכם געווען צו עלטערע און קראנקע שרייבער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דחקות און נויט. אין דער צייט פון זיין ארויסגעבן „די פאָלקס־ביבליאָטעק" איז איינער א מיטארבעטער קראנק געוואָרן און געשטאָרבן. האָט שלום־עליכם גענומען דעם גרעסטן אָנטייל אין איינאָרדענען די פאריתומטע פאמיליע פון דעם דאָזיקן מיטארבעטער

אין יאָר 1889 האָט דער שרייבער קלמן שולמאן געפראוועט זיין זעכציקיאָריקן יובילײ. דחקות און נויט, הונגער און קעלט, עלנט און פארוואָרלאָזטקייט איז געווען דער גורל פונעם דאָזיקן שרייבער אויף דער על־

טער. שלום־עליכם נעמט אונטער אן אקציע דורכצופירן א געלט־זאמלונג אין קיעוו פאר אָט דעם אלטן שרייבער.

די דאָזיקע באציונג האָט שלום־עליכם איינגעהיט ביזן סוף פון זיין לעבן. אין יאָר 1907, זייענדיק אין אמעריקע, האָט שלום־עליכם אָרגאַניזירט א ספעציעלן פאָנד לטובת דעם בלינד־געוואָרענעם יידישן ארבעטער־פאָעט מאָרים ראָזענפעלד.

שלום־עליכם זוכט אָפּ און מונטערט אויף יונגע טאלאנטן, שרייבט זיך מיט זיי דורך, אינטערעסירט זיך נישט בלויז מיט זייער ליטעראַרישן שאפן, נאָר אויך מיט זייער פערזענלעך לעבן.

אַ באַזונדערע ליבע ווייזט שלום־עליכם ארויס צו אַזעלכע טאלאנטן, וואָס דאָס לעבן האָט זיי פון קינדערוויַז פארשטויסן, אָדער צו די באַגאבטע טרעגער פון דער יידישער פאָלקס־קונסט, וואָס האָבן קיינמאָל קיין גליק נישט געזען. זיי, אָט די דאָזיקע אומגליקלעכע פאָלקס־קינסטלער, ווידמעט שלום־עליכם זיינע צוויי פריאיקע ראָמאַנען „סטעמפעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי".

„מיינע חברים די שרייבער האָבן נישט געקענט אריבערטראָגן, — האָט געשריבן שלום־עליכם, — וואָס האָב איך זיך עפּעס אָנגעכאַפּט אָן סטעמפעניו? „איי, פע, א קלעזמער גאָר!" אזוי האָבן זיי צו מיר געשריבן גאַנץ ערנסט. דאָס אייגענע וועלן זיי מסתמא פרעגן אויף יאָסעלען אויך: „יאָסעלע, אַ משוררל?!" איך וואָלט אָבער זיין אַ בעלן צו וויסן, וויפל גרויסע מענטשן, ארטיסטן, אמתע טאלאנטן זענען ביי אונדז פארפאַלן געוואָרן און גייען לאיבוד נאָך עד־היום? אַזאַ טאלאַנט, ווי „סטעמפעניו", וואָלט ביי לייטן אפשר געווען א גרויסער קינסטלער, ער וואָלט געהייסן אַרטיסט, ווירטואָז וכדומה. און ביי אונדז וואָס איז ער? א קלעזמער!... אַזאַ געני, אַזאַ קינסטלער, מיט אן אמתער פּאָעטישער נשמה, ווי יאָסעלע סאָלאָוויי, וואָלט דאָך ביי אַנדערע געהאַט כבוד אָן א שיעור, מ'וואָלט מיט אים געקלונגען די וועלט, אויף די הענט וואָלט מען אים ארומגעטראָגן. אַזעלכע טאלאנטן, ווי סטעמפעניו, ווי יאָסעלע וכדומה, זענען ביי אונדז לרוב, נאָר זיי ליגן באַגראָבן ערגעץ אין אַ העק, נישט אָנקוקנדיק די ליכטיקע וועלט".

אין „סטעמפעניו" און אין „יאָסעלע סאָלאָוויי" האָט שלום־עליכם אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם עלנט פונעם יידישן פאָלקס־קינסטלער, וועלכער פלעגט, ווי אַ מעטעאָר, אַ שיין טאָן אינעם יידישן געטאָ און באַלד אַנידערפאַלן אין א תהום פון פיין און דערנידעריקונגען.

# די יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק

„איך האָב זיך געוואָלט דערהויבן צו אַזאַ הויך, צו וועלכער עס איז נישט דערגאַנגען קיין איינע פון דעם מין אויסגאַבעס, נישט אויסשליסנדיק דעם „האסיף“, „כנסת“ און אנדערע — און דערביי בלייבן צוטריטלעך פארן פאָלק. איך האָב באמת גרופירט אלץ, וואָס איז נאָר פאראַן גוטס אין אונדזער ליטעראַטור“. אזוי האָט שלום-עליכם געשריבן אין אַ בריוו צו שמעון דובנאָוו וועגן זיין „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק“, וועלכע ער האָט נאָך דעמלט געגרייט צום דרוק. און באַלד נאָך דעם, ווי עס האָט דערשיינט דער ערשטער באַנד פון אָט דעם זאמלבוך, האָט קיינער פון די קריטיקער נישט געקענט אָפּלייקענען די גרויסע ליטעראַרישע באַדייטונג זיינע.

וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אין דער אמתן די „הויך“, וואָס שלום-עליכם האָט צו איר געשטרעבט? דאָס האָט געהייסן דערהויבן זיך אריבער די דרוק-אָרגאַנען פון דער לעצטער העלפט פון די 80-ער יאָרן אין 19-טן יאָרהונדערט דורך פאַרזעצן די טראַדיציע פון דער יידישער ליטעראַטור פון די 60-ער יאָרן. מיט דער „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק“ האָט שלום-עליכם געשטרעבט צו דערציִען דעם נייעם דור יידישע שרייבער אויף די בעסטע טראַדיציעס פון דער אויפקלערונג און צו פירן אים אין דעם פאָרגעשריטנסטן וועג פון דער מיטצייטיקייט.

אין דער „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק“ זענען געקומען די „זיידעס“ פון דער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע, ליניעצקי און אנדערע, און האַנט-ביי-האַנט מיט זיי — די עלטערע און יינגערע „אייניקלעך“. די זיידעס האָבן זיך גענומען אונטערפירן אַ סך-הכל פון זייער אָפּגעטאָנענער אַרבעט, געפּרוווט און באַמיט זיך צו ווייזן אויך דאָס פּאָזיטיווע אינעם יידישן לעבן. און איצט האָבן זיי אין דער „פאָלקס-ביבליאָטעק“ נאָך מער באַטאָנט און אונטערגעשטריכט זייער טרייקייט און איבערגעבנקייט צו די האָרעפּאַשנע און אָרעמע שיכטן פון פאָלק.

מענדעלע האָט אין דער „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק“ אָנגעהויבן זיין ראָמאַן וועגן דעם קאַמף פון די יידישע אָרעמע מאַסן פאַר אויפקלערונג און פאַר באַפרייען זיך פון דער השגחה פון קהל, תקיפים, בעלי-טאַקסע און גאַנץ קאַזאַקן. מיט אַ באַזונדער ליבע מאָלט אונדז דאָ מענדעלע די לעבנס-געשיכטע פון אַ יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון קאַבצאַנסקער זומפּ, איז געוואָרן אַ געלערנטער און איבערגעגעבן זיך די אמתע



שלום־עליכם אין דער צייט פון דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“
(קיעוו, 27 אויגוסט, 1889).

אינטערעסן פון פאָלק. נאָך מער וואַקסט אויס אין דעם בוך מענדעלעס ליבע צו די האָרעפּאַשנע יידישע פאָלקס־מאַסן, וועלכע ער שילדערט דאָ מיט אַ באַזונדער חן און וואַרעמקייט.

ליניעצקי, דער בייסנדיקער סאַטיריקער פונעם „פּוילישן ייִנגל", איז דער ליניעצקי, וואָס האָט מיט זיין סאַטירישן פייער געצונדן און איבער־קלייב, ליניעצקי, וואָס האָט דערמלט קיין שום פּאָזיטיווס און געזונטס נישט געפונען אינעם יידישן לעבן, האָט איצט, אין „פאָלקס־ביבליאָטעק", געגומען אַרויסציען דאָס „גאָלד פון דער בלאָטע"; די „עטלעכע בריליאַנ־טעלעך אין דער לעבנס־קאַלוזשע". אַצינד האָט ער אויגן אין פאָלקס־ביבליאָטעק" געוויזן פאָרטרעטן פון די מענטשן צווישן דער יידישער אָרעמשאַפט, „וואָס לעבן נאָר פון יענעמס וועגן און זענען זיך מפקיר פאַר זייער אָרנטלעכער אידעע".

אין דער גרויסער שטייענדיקער פאַרגליווערטער בלאָטע פון „וצונו", פונעם יידישן שטעטל געפינט ליניעצקי אָט די, וואָס טראָגן מיט זיך ליבע צו דעם צווייטן אין וואָס קאָנען דינען אַלס אַ מוסטער פאַרן יונגן דור צו לערנען זיך פון זיי גוטהאַרציקייט און איבערגעבנקייט צום פאָלק, צו זען, וויאַזוי מע וואַרפט אָפּ די אייגענע אינטערעסן צוליב דעם וווילטיק פון דעם נאָענטן און ליידנדיקן מענטשן. ליניעצקי דערמאָנט זיך איצט אין זעקס און דרייסיק יאָר אַרום נאָך דעם „פּוילישן ייִנגל", אַז ער האָט דערמלט פאַרזען (און עס פאַרדריסט אים אויף דעם) און האָט נישט גע־שילדערט די גרויסקייט און דעם טיפן מאָראַלישן ווען פון די פאָרשטייער פונעם אמתן האָרעפּאַשנעם פאָלק. „הייגט אָבער דערמאָן איך מיך אין איטלעכן פּיצעלע — שרייבט ליניעצקי — ...אָט שטייט מיר פאַר די אויגן די איינגעהויקערטע שטוב מיט דעם האַלב־אָפּגעגעם דאַך. זינט איך לעב, שטייט זי אַלץ אַזוי, און עס ווינט אַלץ אין איר שאַכנע... די ווענט נעצן — און שאַכנע ווינט, דער ווינט בלאָזט אין שטוב אַריין — און שאַכנע ווינט. דער שניי מיטן פראָסט ליגט אויף די ווענט ווינטער, און הורבעס שטיב און פאַראָך זומער—און שאַכנע ווינט... וואָס זשע איז אַזוינס שאַכ־נע? אַ ריז? צי אַ פעלד־גזלן? צי אַזאַ פוילע זאַך, וואָס ווערעם מעגן אים אויפּטאָטשען, ווייל ער זיך פון אָרט נישט רירן? ...שאַכנע איז אַן אויסגע־דייוערט יידל, מיט אַ גוט ליכטיק פּנים און מיט צוויי שוואַרצע, אָפענע, החמנותדיקע אויגן און ער רוט נישט פון שאַריגן אויף טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט במעט איין מינוט... שאַכנע איז אַ טאַבאַק־מאַכער... זיין ווייב פאַרקויפט עס, און ער גייט אַרום איבערן שטאָט, זוכט, וועמען צו

העלפן אין אַ נויט. ער גייט אין הקדש צו די שווערע חולאים, ער בעט זיי איבער. ליגט זיי איבער, פויעט זיי אָן מיט אַ גוט וואַרעם ביסל יויך". און אַזוי פרוווט ליניעצקי ווייזן אונדז אין זיין „וואָרעם אין כריין" אַ גאַנצע גאַלעריע געשטאַלטן, וואָס זענען זיך מוסר־נפש פאַר דעם גליק פון די ליידנדיקע פון פאָלק, געשטאַלטן, וואָס טראָגן אין זיך די סאַמע טיפסטע שיינקייט, וואָס די מענטשלעכע נשמה פאַרמאָגט, ליכטנדיקע און עכטע הומאַניזם.

עס איז קיין ספק נישט, אז די פאָרגעשריטענע סאטירע פון די 60־ער יאָרן, פון מענדעלע, ליניעצקי און אנדערע, האָט אָפּגעטאָן א ריזיקע ארבעט אין הינזיכט פון אויפרייסן דעם מיטלאַלטערישן יידישן לעבנשטייגער, די פאַרגליווערטע השגות. אָבער פאָרזעצן בלויז אָט דעם קאמף וואָלט געהייסן בלייבן הינטערשטעליק און נישט גיין פאָרויס מיט דער געשיכטע. מענדעלע, וועלכער האָט דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראטור אויפגעהויבן דעם קאמף פאַר דער יידישער אָרעמשאַפט, אויך ער האָט איצט זיך גענומען ווייזן אונדז פאַרפאָלקאָמטע געשטאַלטן פון דער יידישער אָרעמשאַפט, אויך ער האָט זיך גענומען צו געבן אַ פּאָזיטיוו געשטאַלט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. די פּאָזיטיווע געשטאַלטן האָבן פון דער ליטעראטור געפאָדערט די פאָרגעשריטענע פאָרשטייער פון די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן, פון דער יידישער אינטעליגענץ.

די פאָרגעשריטענע פרעסע פון די 80־ער יאָרן, סיי אין יידיש, סיי אין העברעיש, פאָדערט און מאָנט צו ווייזן אין דער ליטעראטור די שיינקייט פון אונדזער פאָלקס־מענטש, וועלכן זיי מיינען צו געפינען אין דער שטעטלדיקער און שטאָטישער ארבעטנדיקער אָרעמשאַפט.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אויף מענדעלעס יובילעי האָט די פרעסע דער עיקר אָפּגעמערקט, אלס זיין פארדינסט, דאָס, וואָס ער האָט אויסגעדריקט די אינטערעסן פון פאָלק, וואָס ער איז געוואָרן „דער טריבון פון פאָלק". און פונקט אין א יאָר נאָך מענדעלעס יובילעי האָט משה־לייב ליליענבליום אין זיין קריטיק „איבער י. ל. גאָרדאָנס לידער (דערשיינט אלס ביילאגע צום „המליץ") געשריבן: „צי איז דען פאראַן איין ליד אין אַלע גאָרדאָנס לידער, ווו ער באַזינגט עפּעס א גוטע מידה, וואָס עס האָט א ייד, און באַזונדערס א גוטע מידה פונעם המון־עם, אזא מין מידה, וואָס האָט געבראַכט גוטס דעם מענטשלעכן געשטאַלט? צי האָט ער דען אין דער אמתן נישט געפונען קיין שום גוטעס אין לעבן פון די יידן סיי אין דער פארגאנגענהייט און סיי אין דער קעגנוואַרט... גאָרדאָנס לידער

שטויסן אָפּ פֿינעם פֿאָלק, וואָס אין אַלע ווינקעלעך פֿון זיין לעבן איז בלויז פֿינצטערניש, נאַרישקייט...“

אויך ספּעקטאָר האָט געפֿאָדערט, די ליטעראַטור זאָל זיך אָפּגעבן מיט דער „נאַראָדנאַסט“, אויך ער האָט געפֿאָדערט, אַז עס זאָלן באַווייזן ווערן פּאָזיטיווע געשטאַלטן פֿון דער יידישער פֿאָלקס-מאַסע. אָט די פֿאָדערונג, סיי פֿון ספּעקטאָרן, סיי פֿון ליליענבליומען, האָט בשום אופֿן נישט אָפּגעלייקנט די ראָל פֿון סאַטירע אין דעם יידישן לעבן אין די 80-ער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט.

שלום-עליכם איז געגאַנגען מיט דעם זעלביקן וועג, אויך ער, ווי מיר ווייסן, האָט געשטרעבט צו באַווייזן אַ פּאָזיטיווע געשטאַלט און האָט זי לכתּחילה געזוכט צווישן דער יידישער אינטעליגענץ, אָבער די דאָזיקע געשטאַלטן האָבן זיך איִם נישט אַזוי איינגעגעבן, ווי זיינע פּאָזיטיווע געשטאַלטן פֿון דער יידישער פֿאָלקס-מאַסע סטעמפּעניו.

די „יידישע פֿאָלקס-ביבליאָטעק“ און איר רעדאַקטאָר האָבן איינגעפֿינען, אַז די צייט פֿון צעברעכן, פֿון צעוואַרפֿן דעם מיטלאַלטערישן יידישן לעבנשטייגער איז שוין היפּש פֿאַרגאַנגען און אַז דאָס וויכטיקסטע פּראָבלעם, וואָס עס שטייט איצט פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור, איז צו „בויען און צו פֿלאַנצן“, ווי עס האָט געזאָגט אין זיין בריוו צו שלום-עליכם'ן דאָקטער יצחק קאַמינער, איינער פֿון די אַקטיווע מיטאַרבעטער פֿון דער סאָציאַליסטישער יידישער פּרעסע, אין דעם בריוו, וועלכן שלום-עליכם האָט נישט אומזיסט געגעבן אַלס אַ פֿאָרוואָרט צו דעם ערשטן באַנד פֿון דער „פֿאָלקס-ביבליאָטעק“.

פֿירנדיק אַ קאַמף מיטן שמ"ריזם, פֿון איין זייט, האָט שלום-עליכם אין זיין „פֿאָלקס-ביבליאָטעק“ זיך געשטעלט אַ ציל אָפּצולייקענען דעם אומגעלומפּערטן אויסטראַכט פֿון אונדזערע שונאים, „אַז מיר זענען אַ פֿאָלק פֿון סאַמע חסרונות“, און אַז יידן אַלס מענטשן באַזיצן די מעלות, און די חסרונות גלייך מיט אַלע מענטשן אויף דער ערד“ (בריוו צום אַרויסגעבער פֿון דאָקטער יצחק קאַמינער). צוליב דעם האָט שלום-עליכם זיך געשטעלט קעגן די „סאַטיריקער“, וואָס האָבן איבערגעחזרט אַלטע טענות אַנטקעגן אַ יידישער קאַפּאָטע און האָבן פֿאַרגעסן און נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, אַז דאָס לעבן און די צייט האָט געפֿאָדערט פֿון דער ליטעראַטור צו באַהאַנדלען גאָר אַנדערע פֿראַגן, פֿראַגן, וואָס זאָלן פֿאַרגרינגערן דעם עקאָנאָמישן, גייסטיקן לעבן פֿון די יידישע פֿאָלקס-מאַסן, צעברעכן זייערע באַגרענעצונגען, צערייסן דעם שווערן יאָך פֿון צאַריזם,

וואָס ליגט אויפֿן ייִדישן פֿאָלק און אויף אַלע פֿעלקער אין דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע. און אָט ווי שלום־עליכם פֿאָרמולירט זיין פּראָגראַם דורך דעם דאָקטער יצחק קאַמינער, וואָס האָט שטענדיק ליב געהאַט צו רעדן אויפֿן מעדיציניש לשון.

„מיר דאַרפֿן פֿלייש! מער פֿלייש, מער פֿלייש גיט אונדזער פֿאָלק! מער אינהאַלט, אמתע, ערנסטע געדאַנקען, מער ריינע, מענטשלעכע, ייִדישע געפֿילן לייגט אַריין אין אייערע פֿאָלקס־ביכער! לאָז נישט זיין פּיסגע, פֿאַרעווע דער באָרשטש, לאָז נישט זיין וואַסערדיק די יויך, ווי יענע וואַסערדיקע, פּוסטע, נאַרישע, שעדלעכע ראָמאַנען! פֿלייש (געדאַנקען), שמאַלץ (געפֿילן), זאַלץ (הומאָר), פֿעפֿער (סאַטירע) — דאָס צוזאַמען, אַז זיי קלייבן זיך צונויף, קומט אַרויס זייער גאַרהאַפֿטע שפּייז, זייער געשמאַקע מאכלים. איך זאָג זאַלץ און פֿעפֿער, מחמת, דאָס האָט ליב אונדזער פֿאָלק; אַבי מיט פֿלייש! נישקאָשע, דאָס פֿאַרדייעט דער ייִדישער מאָגן: דער ייִד האָט ליב אַ גלייכווערטל, אַ ליצנות, אַ קאַטאָוועס, אַ שאַרף סאַטיריש וויצל; — נאָר מיט אַ מאָס, מיין ליבער פֿריינד! מיט אַ וואָג און מיט אַ מאָס, בכדי עס זאָל נישט שאַטן, חלילה, אינעווייניק!“

„מיט אַ וואָג און מיט אַ מאָס!“, דאָס הייסט, מיט פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער ליטעראַטור און פֿאַרן פֿאָלק. שלום־עליכם און זיינע מיטאַרבעטער, סיי פֿון עלטערן און סיי פֿון ייִנגערן דור, האָבן אָנערקענט און האָבן מיט דער „ייִדישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק“ געצוווּנגען אויך אַנדערע צו אָנערקענען, אַז די ייִדישע פֿאָלקס־ליטעראַטור איז נישט קיין וויסטע יתומהלע, וואָס מע קען איר שפּייען אין פּנים, אונטערטראָגן אָן איבערקלייב אַלץ, וואָס דאָס האַרץ גלוסט.

נאָך קלאָרער הייקט אויס די פֿאָדערונג צו דער ליטעראַטור דער אויטאָר פֿון איינעם אַן אַרטיקל אין ערשטן באַנד „ייִדישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק“, „איין ערנסט וואָרט“, סטודענט מ. א. ק—ר: „די ליטעראַטן, די בעסטע שרייבער זענען ביי אַלע פֿעלקער — שרייבט ער — לערער פֿונעם פֿאָלק. לעת־עתה, ביז איצט, האָבן אונדזערע העברעישע, רוסישע און נאָך מער די זשאַרגאָנישע שריפֿטשטעלער צום גרעסטן טייל געלאַכט פֿון ייִדישע חכמות; נאָר געלאַכט. די כּוונה, פֿאַרשטיי איך, איז אַפֿילו צו גוטן: אויסצולאַכן אונדזערע רעדלפֿירער, שתדלנים, קליינע מענטשעלעך, עקאָנאָמישע „ר׳ סענדערס בלאַנק“ און. וואָס זענען טאַקע אַ גרויסע מכה. אַזעלכע שלעכטע טיפּן האָבן אונדזערע פֿאָלקס־שרייבער אַפֿילו מייסטעריש פֿאַרגעשטעלט; נאָר איך גלויב, אַז אונדזערע בעסטע שרייבער וואָלטן

געקאָנט זיך נעמען מיט דער זעלבער פעדער אויסצומאָלן אויך די גוט'ע זייט פון אונדזער לעבן! צו באשאפן אזעלכע טיפן און בילדער, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט ביז צו געבן; אונדזערע שרייב'ער וואָלטן געקאָנט לערנען און טרייסטן דאָס פאָלק, אָנרירן אלע סטרונעס פונעם יידישן הארצן.

דאָס איז דער הייליקער חוב פון אונדזערע שריפטשטעלער און נאָך מער פון אונדזער'ע טאלאנטפולע פאָלקס-שרייבער, געבילדעטע זשארגאָניסטן, דען ביי זיי אין די הענט געפינט זיך איצנד דאָס בעסטע מיטל, די פאָלקס-שפראך, דער זשארגאָן. דאָס איז נאָך מיין מיינונג, דאָס טייערסטע כלי-זין, וואָס מען קאָן און מען דארף ווירקן אויף אונדזער'ע מוטערס און אויף אונדזערע קינד'ער, אויף אונדזערע ווייבער און שוועסטער — אויפן גאנצן פאָלק. אויף זיי, אויף די זשארגאָניסטן, די פאָלקס-לערער, ליגן מיר ארויף פיל בטחון; פון זיי, פון אונדזערע פאָלקס-שרייבער, דערווארטן מיר אויך א סך".

סיי דער סטודענט, סיי דער אלטער דאָקטאָר, דער באוווסטער געלערנטער און דיכט'ער, וועלכער האָט זיך אליין אויסגעצייכנט מיט זיינע דעמאסקירנדיקע דיכטונגען — ביידע פאָדערן, אז די ליטעראטור זאָל נעמען מאָלן דאָס פאָזיטיווע. צי האָבן זיי, דער „זיידע" און דאָס „אייניקל" — דאָקטאָר קאמינער און דער סטודענט — געמיינט, אז דאָס פאָזיטיוו'ע דארף מען זוכן צווישן די עקספלואטירנדיקע שיכטן פון פאָלק? ניין, צווישן די עקספלואטירנדיקע שיכטן, צווישן די סוחרים און אריס-טאָקראטן האָבן זיי געזען „פארדאָרבענע מענטשעלעך, אזעלכע קליינע מענטשעלעך מיט סוחרישע נשמהלעך, מיט געמיינע השגות, מיט מיאוסע תאוות, אָן שום איידלקייט..." און אָט אין די פארדאָרבענע מענטשן האָבן זיי געזען אזעלכע, וואָס שעמען זיך מיטן יידישן פאָלק, וואָס קוקן אויפן יידישן אָרעמאן גלייכגילטיק, עגאָיסטיש, סוחריש, וואָס אינטערעסירן זיך גישט נישט מיט דער פארגאנגענהייט און נישט מיט דער קעגנווארט פון פאָלק.

די „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק" האָט דאָך פאָרגעזעצט די טראדיציעס פון די 60-ער יאָרן, האָט זי זיך געשטעלט דעם ציל אויפצוּוועקן הומאניש'ע געפילן צו די אָרעמע שיכטן פון פאָלק, צו וועקן דעם נאציאָנאלן שטאָלץ ביי די יידישע פאָלקס-מאסן און ביי די, וועלכע האָבן זיך געשעמט מיט זייער נאציאָנאלער פארגאנגענהייט.

„צו וואָס טויג אונדזערע סוחרים וויסן, אז מיר זענען אמאָל א פאָלק

געווען? — פרעגט דער סטודענט מ. א. ק—ר. — א פאָלק נישט נאָר פון סוחרים, מעקלער און פאַקטאָרס; א פאָלק מיט געווויסן, מיט פיינע זיטן... צו וואָס הארפן זיי ווייזן פון אונדזער געשיכטע? צו וואָס טויג דאָס אלעם זיי צו ווייזן?"

און אָט די דאָזיקע סוחרישע זינדלעך, זיי שטעלן זיך בלומרשט העכער פון די אינטערעסן פון פאָלק, זיי געפינען נאָר אין אונדזער פאָלק בלויז חסרונות, פארקויפן זיינע אינטערעסן פאר א טאָפּ לינדזן, טרייבן אויף אים רכילות, באשמוצן אים אינאיינעם מיט אלע רעאקציאָנערן פון אַנדערע פעלקער.

„וואָג און מאָס", נאציאָנאלע גדלות, אכטונג צום פאָלק, צו זיין שפּראַך און צו זיין ליטעראטור דרינגט דורך די גאנצע זאמלונג „די יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק", ווי אין זיינע פובליציסטישע, אזוי אויך קרי-טישע און בעלעטריסטישע ווערק, וואָס זענען געשריבן דורך די „זיידעס" און דורך די „אייניקלעך".

## 1. „סענדער בלאַנק"
## 2. „סטעמפעניו"

אין יאָר 1887, שרייבט שלום-עליכם אָן זיין ערשטן ראָמאַן „סענ-דער בלאנק", וווּ ער גיט שוין א גרעסער סאטיריש בילד פונעם נייעם יידי-שן בורזשוא.

סענדער בלאנק — דאָס הויפּט-געשטאלט פונעם ראָמאַן — איז דעמלט געווען א נייס אין דער יידישער ליטעראטור. דאָס איז א געשטאלט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף קאַפּיטאַליסטישע באַציונגען.

נאָכגעיאָגט איז אָט דאָס דאָזיקע געשטאַלט נאָך שלום-עליכם'ן נאָך פון דעם ערשטן טראָט פון זיין ליטעראַרישן שאפן. משה ליבטינאָוו, דער אייגנטימער פונעם גוט „מאַגילא" אין זיין ערשטער דערציילונג „צוויי שטיינער", איז, אייגנטלעך, דער ערשטער וואריאנט פון „סענדער בלאנק". און ווער איז ליבטינאָוו?

„ער האָט א פעסטן כאראקטער... איז קיינמאָל ביי זיך נישט אראָפּ-געפאַלן. מיט די גאָטליבער יידן האָט ער נישט געקאָנט הויזן און איז גע-ווען זיין קריג מיט דער גאנצער שטאָט... אָנגעזאמלט א היפשן קאַפּי-טאַל... געוואָרן א פּאָסעסאָר פון עטלעכע דערפער... האָט זיך פארשלאָסן מיט דער משפחה אין „מאַגילא"... די גאָטליבער האָבן אים נאָך מער פיינט געקראָגן פאר זיין עשירות און פריי לעבן".

אין „סענדער בלאנק“ האָט שלום־עליכם געשטעלט פאר זיך אלס ציל צו געבן די בורזשואזע משפחה, ווייזן די פוסטקייט און די געלטגייציקייט פון דער יידישער בורזשואזער פאמיליע.

דער דאָזיקער ראָמאַן שלום־עליכם'ס האָט, ווי זיינע אַנדערע ראָמאַנען, געהאט נאָך א ציל אָפּצוּווענדן דעם יידישן פאָלקס־לעזער פון די בולוואר־ראָמאנען, „ווו עס קומען פאָר פיל פארדרייטע, פארפּלאָנטערטע אינטריגעס, רירנדע און הארצרייסנדע סצענעס. ווו מע גנבעט, מע גזלט איינמיטן העלן טאָג, ווו מע טראָגט מתים פון די קברים, מע הרגעט זיך ביזן טויט איבער אַ שיין מיידל אַ ברונעטין, אָדער אַ פיינעם בחור אַ בלאָנדין און כדומה אַזעלכע ווילדע פאַנטאַזיעס, באַצויגן פון פאַרשידענע פוסטע רוסישע, דייטשישע אָדער פראנצויזישע ראָמאנען פון קסאַוויע דע מאָנטעפּען, פּאָל דע קאָק און אנדערע“.

און שלום־עליכם האָט אין א גאנצער ריי שטעלן פון זיין ראָמאן פּאראָדירט שמ"רן און זיינע שונדישע גענג.

דאָס יידישע פאָלק איז נישט קיין אויסדערוויילטס, ווי עס האָבן הונדערטער יאָרן נאָכאנאנד געוואָלט איינשמועסן די יידישע עקספּלאָאַטירנדיקע קלאסן און די גאָטס־סטראפּטשעס. דעם דאָזיקן געדאנק פירט דורך שלום־עליכם, ער ווייזט, אז „פאר קיין פאָלק פאסט נישט צו מאכן א צימעס דערמיט, וואָס מיר, מישטיינסגעזאָגט, זענען א צאצקע ביים רבונו־של־עולם, אן אתה־בחרתנו“. און שלום־עליכם גיט אונדז אין „סענדער בלאנק“ א נעגאטיוו געשטאלט פון א יידישן קאפיטאליסט לויטן מוסטער פון אַסטראָווסקיס קיט קיטיטש.

די יידישע בורזשואזע קריטיק האָט נישט געקאָנט פארטראָגן, פארוואָס שלום־עליכם האָט אין נעגאַטיווע פאַרבן אַרויסגעשטעלט „דעם צוקערהענדלער, דעם גרויסן סוחר, דעם רייכן סוחר“.

דער יידישער קריטיקער יוסף יהודה לערנער, וואָס האָט זיך אין די 60־ער יאָרן דערקלערט פאר א תלמיד פון די גרויסע רוסישע אויפקלערער און האָט געענדיקט זיין קאריערע אלס צארישער צענזאָר, איז ארויס מיט אַן ארטיקל אין דער ביילאגע צום „יידישן פאָלקס־בלאט“ קעגן שלום־עליכם'ן און קעגן זיין ראָמאַן.

„דער מחבר אליין, — האָט געשריבן לערנער, — זעט מען ארויס, האלט זיין סענדער בלאנק פאר אַזאַ מין משונה באשעפעניש, פאר א פארזעניש, וואָס ער רופט עס אָן קיט קיטיטש אויף דעם יידישן שניט. אויף דעם יידישן פאַסאָן... איך מוז אָפן זאָגן, אז ער האָט זיך דערמיט שטארק

פאַרזינדיקט, ווייל באַשאַפֿן יידישע קיט קיטיטשעס הייסט — אַזאַ כאַראַקטער, וואָס מע באַגעגנט ביי אַ גראָבן קופּעץ... ווער עס קאָן דאָס יידישע פאַמיליע-לעבן, ווייסט, אַז קיין יידישע קיט קיטיטשעס האָבן מיר נישט“

אָט פאַרוואָס דער בורזשואַזער יידישער קריטיק איז נישט געפֿעלן „סענדער בלאַנק“, דאָס יידישע פאָלק איז דאָך, לויט איר מיינונג, אַן אויסדערוויילטס, דער יידישער „קופּעץ“ קאָן דאָך נישט זיין קיין „גראָבער“.

אין דער דאָזיקער צייט האָט שלום-עליכם אָנגעשריבן אויך זיינע באַקאַנטע ראָמאַנען „סטעמפּעניו“ און „יאָסעלע סאָלאָוויי“, וווּ ער האָט אַרויסגעפֿירט די געשטאַלטן פֿון יידישע פֿאָלקס-קינסטלער. שלום-עליכם האָט דאָ אויך געשילדערט די אונטערטעניקע לאַגע פֿון דער יידישער פֿרוי. שלום-עליכם האָט אָנגערופֿן די ביידע ראָמאַנען „יידישע ראָמאַנען“, ווענדיק דערמיט אונטערשטרייכן, אַז ער האָט געשטרעבט וואָס בעסער צו שילדערן דיווירקלעכקייט און די ספּעציפֿישע כאַראַקטערן אין דער יידישער סביבה. דאָס איז געווען אויך אַן אויסדרוק פֿון זיין רעאַליסטישער ריכטונג.

שלום-עליכם האָט זיין „סטעמפּעניו“ געהאַלטן פֿאַר זיין שטאַרקסט ווערק פֿון דעם פּעריאָד. „סטעמפּעניו“ איז אַ קינסטלעריש ווערק, — האָט שלום-עליכם געשריבן אין זיינעם אַ בריוו, — פֿון אים איז אָפּהענגיק דער גאַנצער ווייטערדיקער גורל פֿון מיין ליטעראַרישער טעטיקייט. איבערנעמענדיק זיך מיטן געדאַנק אָנצושרייבן אַ יידישן ראָמאַן פֿאַרן פֿאָלק, האָב איך איבערגענומען פֿון אים אַלע וווּנדערשיינע לעגענדעס וועגן דער דאָזיקער, אַזוי צו זאָגן, היסטאָרישער פּערזענלעכקייט, וועלכע עקזיסטירט ביי אונדז אין לאַנד און אין בערדיטשעוו (וווּ ער איז געבוירן געוואָרן), זשיטאָמיר און אַנדערע שטעט פֿון וואָלין און אוקראַינע. דאָרט איז נישטאָ קיין איין אַלטער יידישער איינוווינער, וואָס זאָל נישט קענען, אויב נישט סטעמפּעניון אַליין, איז ווייניקסטנס די גרויסע צאָל אַנעקדאָטן, געשיכטעס און לעגענדעס וועגן אים“.

אָבער דער יונגער שלום-עליכם האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט די מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט צונויפֿגעזאַמלט וועגן אָט דעם דאָזיקן פֿאָלקס-קינסטלער סטעמפּעניו. שלום-עליכם האָט דאָך געוווּסט, אַז כדי צו שאַפֿן אַ קינסטלעריש ווערק, איז נאָך ווייניק אויפֿצוזאַמלען רוי-מאַטער-



שלום־עליכם און שלום אַש (בעלמאַר, נ. דזש זומער 1915)

יאַלן. די האַזיקע מאַטעריאַלן דאַרפן געלייטערט ווערן, אויסגעלעבט ווערן דורך דער קינסטלערישער פאַנטאַזיע.

„סטעמפעניו" איז שוין נישט קיין קאָפּיע פון דער ווירקלעכקייט, — שרייבט שלום־עליכם אין אַן אַנדער בריוו, — נאָר אַ קינסטלעריש בילד, וואָס באַלעבט די ווירקלעכקייט מיט זייַנע שיינע, האַרמאָנישע און קלאָרע בילדער און שטריכן. דאָס איז מיין ערשטער פּרווו איבערצוועטש־פערן עפּעס זייער שיינס דער הערשאַפט פון דער פאַנטאַזיע אויף אַ יידי־שן, פאָלקסטימלעכן אונטערשלאַק".

די ביידע ראָמאַנען „סטעמפעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי", האָט שלום־עליכם פאַרעפנטלעכט אין זיין „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק".

## דער אָנגריף פון דער בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישער פרעסע

אַ שטורעם האָט אָנגעמאַכט דאָס דערשיינען פון דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" אין דער יידישער קלעריקאַל־בורזשואַזער פּרעסע. דאָס „יידישע פאָלקס־בלאַט" און דער „המליץ" האָבן זיך געלאָזן אין שלאַכט קעגן דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק", קעגן איר רעדאַקטאָר און קעגן דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור בכלל.

פון די שפּאַלטן פון „המליץ" און „פאָלקסבלאַט" האָבן געגראַגערט, ווער עס האָט נאָר געוואָלט. דער נאַציאָנאַליסטישער פּובליציסט לעווינ־סקי האָט זיך צעלאָזן מיט אַ גאַנצער סעריע אַרטיקלען קעגן שלום־עליכם'ן און קעגן „יוחנן דעם שוסטער", ווי ער האָט אָנגערופן דעם יידישן באַלמעלאָכע און דעם יידישן אַרבעטער. לעווינסקי האָט אין דער „פאָלקס־ביבליאָטעק" דערזען אַ נייע קראַפט, וואָס הייבט אָן צו ווירקן אויף די יידישע פאָלקס־מאַסן, וואָס הייבט זיי אָן אויפקלערן זייער קלעגלעכע לאַ־גע, וואָס סטאַרעט זיך אַריינטראָגן ליכטיקייט אין זייער פינצטערניש און אומוויסן.

ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן באַזונדערס שלום־עליכם'ס פּובּ־ליציסטישע אַרטיקלען און דער עיקר דעם אַרטיקל וועגן די באַלמעלאָכעס, ווו שלום־עליכם שרייבט וועגן אַ „באַלמעלאָכישן פּאַדריאַד" אָדער וואָס „ביי דער וועלט הייסט עס אַסאָציאַציע, ביי אונדז אין רוסלאַנד ווערט עס אָנגערופן אַרטעל", און דאָס וואָס שלום־עליכם ווענדט זיך צו די יידישע שרייבער, אַז די שרייבער זאָלן אָט די דאָזיקע פראַגע דערלערנען און פּראָפּאַגאַנדירן צווישן די באַלמעלאָכעס.

לעווינסקי האָט געמאכט א גוואלד, סטייטש, „עס האָט זיך געפונען אַן אויסלייזער פון זשארגאָן, דער הער שלום=עליכם... גאָט האָט אים געבענטשט מיט רייכקייט און פארמעגן און מיט א פילנדיק הארץ צום זשאַרגאָן. זיין גאַנצע טעטיקייט און זיינע אַלע ווּנטשן זענען נאָר צום נוצן פון אָט דעם קידעחוועלש, אויפצוהייבן זיין פרעסטיזש און מאַכן פון אים א ליטעראטור=שפראך. צוליב דעם ציל זשאלעוועט ער קיין געלט נישט, דרוקט ביכער און פאַרקויפט זיי פאַר ביליקע פרייזן. ער צאָלט גוטע האָנאָראַרן די שרייבער, אזא האָנאָראר, אז אונדזערע גרעסטע און בעסטע שרייבער האָבן עס אין חלום נישט געזען. שלום=עליכם האָט אויסגערופן צו אלע יידישע שרייבער און האָט אויסגעקריצט אויף זיין פאָן פאָלגנדיקע ווערטער: „צען קאָפּיקעס פאר א שורה פראָזע און צוואָנציק קאָפּיקעס פאר א שורה דיכטונג“.

און לעווינסקי שפּאָט און שפּאַסט איבער די יידישע שרייבער אין דעם סטיל פון תנך: „אלטע גבורים, — שרייבט ער, — גבורים פון דער העברעישער שפראך, מענטשן מיט נעמען, ווי זיי האָבן עס אויפגעלעבט, דערשמעקנדיק דעם ריח פון געלט אין דער גאָז. אַלע האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט אין איין קאָמאנדע צו שרייבן זשארגאָן... יידישע שרייבער דארפן האָבן פרנסה, און זיי וועלן אויך שרייבן אויף יעדער שפראך, צאָלט נאָר גוט, זיי וועלן אייך זינגען אויף אלע שפראכן, זאָל דאָס זיין זשארגאָן אָדער טאָטעריש, נאָר צאָלט אָפּ“.

דער אָנפאל לעווינסקיס איז אייגנטליך געווען נישט אזוי קעגן דעם „זשארגאָן“, ווי קעגן די אויפוואכנדיקע פאָלקס=מאסן, וואָס זייער שטים האָט זיך געהערט אין די בעסטע ווערק פון די יידישע דעמאָקראטישע שרייבער.

„אויב דער הער שלום=עליכם — זאָגט לעווינסקי — רעדט וועגן די ...ן פארן פאָלק, ווייסט דאָך יעדער מענטש, אז עס איז מער נויט פאראַן אין דעם תנך, איידער אין הונדערטער זאמלביכער, פארוואָס זשע זאָל מען נישט איבערזעצן דעם תנך? — פארוואָס געפינען זיך נישט קיין גוטע איבערזעצער, כדי איבערזעצן דעם סידור? דאָס זענען ווירקלעך וויכטיקע זאכן, און זיי טוען דאָס נישט“.

אזא ליטעראטור אויף יידיש האָט געפאָדערט לעווינסקי פון שלום=עליכם'ען.

מיט נאָך אַ גרעסערן ציניזם האָט זיך געוואָרפן אויף שלום=עליכם'ען דער דעמלטיקער רעדאקטאָר פון דעם „יידישן פאָלקסבלאט“ לעווי, ווע=

שלום־עליכם און מרדכי ספעקטאָר (קיעוו, מערץ 1902).

בער איז באַרימט געוואָרן מיט זײַנע העסלעכע אַרויסטרעטונגען קעגן די בעסטע ייִדישע שרײַבער:

„זיי פאַלן אָן ווי די בריטאַנעס אויף שמ"רן און שרײַען גוואַלד, אַז זײַנע דיבורים מאַכן אומגליקלעך דאָס ייִדנטום, נאָר איך מוז זאָגן, אַז נאָך מײַן דעה האָבן שמ"רס צוויי־טאַזשנע, און אַפילו ווען ער וואָלט געשריבן פֿינף־ און זעכצן־טאַזשנע, ווי די אַמעריקאַנער הייזער, ראָמאַנען, וואָלטן זיי נישט געבראַכט אַ טויזנט חלק שאָדן דעם ייִדנטום, ווי דער איינער „ייִדישער פֿאַר פּסח" האָט געבראַכט, כאָטש שלום־עליכם דביקהט זיך ווי אַ חסיד, איבער אים".

לעווי האָט זיך גענומען מוסרן שלום־עליכמ'ן און די עלטערע שרײַבער משׂכּילים, וואָס זענען געגאַנגען מיט אים.

„שוין ברוך השם מער אַלס דרײַסיק יאָר, — האָט געשריבן לעווי אין „פֿאָלקס־בלאַט", — אַז מע הערט פֿון די גרויסע ייִדישע „משׂכּילים" נאָר אַזעלכע חכמות, אַזעלכע ליצנות איבער ייִדישע מנהגים, ייִדישער תּורה און דעם ייִדישן לעבן בכלל. זיי לאַכן פֿון לעבעדיקע און פֿון טויטע, זיי מאַכן ליצנות פֿון אַלץ, וואָס ייִדן איז הייליק און טייער געווען טויזנטער יאָרן... כּמעט די גאַנצע „נײַע ייִדישע ליטעראַטור", מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען, שטעלט, לײַדער, פֿאַר אַ טיוואָלאַניש געלעכטער, עפּעס אַ מין וואָלפֿוריגישע נאַכט פֿון אַלע אָרעמע בעל־עבֿירות, פֿון... נאַקעטע נשמה־לעך, וואָס האָבן זיך צו קיין רעכטער זאַך נישט געקאָנט צושלאָגן, חוץ צו דער ליצנות איבער ייִדן און ייִדישקייט".

סאַטירע איז גוט פֿאַר אַנדערע פֿעלקער, אָבער נישט פֿאַר ייִדן, האָט געטענהט דער רעדאַקטאָר לעווי, שלעכטע מידות האָבן אַלע פֿעלקער, נאָר נישט ייִדן. עס איז נישטאָ וואָס אויסצולאַכן פֿון קיין ייִדן.

„מסתּמא האָט אים עמעצער געזאָגט, שלום־עליכמ'ן, — האָט געשריבן לעווי, — אַז דער עולם האָט הנאה פֿון זײַנע פּוסטינקע גלײַכווערטער־לעך, האָט ער זיך אָנגעהויבן אײַנצורײדן באמת, אַז ער איז אַ גרויסער מחבר. ער האָט געהערט זאָגנדיק, אַז בײַ זיי, ביגויהם, איז עפּעס געווען אַ גאָגאָל, אַ שטשעדרין אדגל., וואָס האָבן מיט זייער סאַטירע זייער פֿיל געווירקט אויסצולעבן די שלעכטע מידות, האָט ער אָנגעהויבן זיך אויך אַרײַנצורעכענען צווישן די גרויסע סאַטיריקער. דאָס האָט ער, דער שוטה, פֿאַרגעסן, אַז יענע שרײַבן אין אַזאַ לשון, וואָס די מליצה אַליין פֿון דעם לשון האָט שוין אַ ווערט, און בפֿרט נאָך זיי לאַכן אָפּ פֿון אמתע שלעכטע מידות און העלפֿן מיט זייער סאַטירע אַרויסצוזאָגן די חסרונות, און

ער שרייבט אין דעם גרייגרעוויטשער לשון, וואָס אז נישט דער ענין גופא, איבער וועלכן מע רעדט, האָט דאָס לשון אליין קיין צורה נישט און קיין פנים, און ער לאכט אָפּ פון די מנהגים אויף אן אָרעמער חתונה אין דער בערדיטשעווער גאס אדגל., איז דאָס נאָר קאָניקעס געצויגן פון דער נאָז".

די אָנפאַלן אויף שלום-עליכם'ן מצד דער יידישער קלעריקאַל-בור-זשואזער פרעסע דערמאָנען, אין א געוויסער מאָס, די אָנפאַלן מצד דער רעאקציאָנערער פרעסע אויף גאָגאָלן, וועלכן שלום-עליכם האָט געהאלטן פאר דעם גרעסטן אויטאָריטעט.

איין שרייבער בלויז פון דעם „יידישן פאָלקסבלאט" האָט געפרייט שלום-עליכם'ס געלעכטער, דער דאָזיקער שרייבער איז געווען דער נאָך דעמאלט יונגער יידישער פראָזאיקער מרדכי ספעקטאָר. נאָך אין יאָר 1884 האָט ספעקטאָר דער ערשטער אויפמערקזאַם געמאַכט שלום-עליכם'ן אויף זיין הומאָריסטישן טאַלאַנט. דעם הומאָר שלום-עליכם'ס האָט ספעקטאָר באמערקט אין שלום-עליכם'ס אַ בריוו צו אים.

„— אלץ איז אין דעם בריוו געמאָלט מיט א האנט פון א קינסט-לער, און דערצו מיט אזויפיל הומאָר", — האָט ספעקטאָר געשריבן צו שלום-עליכם'ן.

אין ספעקטאָרן האָט דעמאלט שלום-עליכם באַקומען אַ נאָענטן פריינד, אַ שרייבער, און אָט די פריינדשאַפט איז פאַר דעם יונגן שלום-עליכם געווען זייער וויכטיק.

ביידע זענען זיי נאָך דעמאלט געווען זייער יונג, ביידע האָבן זיי זיך ארומגעטראָגן מיט גרויסע ליטערארישע פלענער, און ביידע האָבן זיי גע-שטרעבט מיטצוהעלפן דער אנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראטור.

קאַפּיטל זיבן

# דער זיידע און דאָס איינִיקל

ערשט אָנהויב 1888 האָט זיך שלום=עליכם'ן, דעם רעדאַקטאָר, איינגעגעבן צו פאַרבינדן זיך מיט מענדעלען דורך בריוו. מענדעלע האָט געענטפערט אויף שלום=עליכם'ס ווענדונג אַזוי: „ווען איר זאָלט וויסן... וויאַזוי אונדזערע יידישע מחברים פון גאַזעטן און זשורנאַלן מאַכן מיר קראַנק דעם קאָפּ מיט זייערע בקשות אַלץ אין איין קול: „שרייב!“, „שרייב!“ זאָגן דערביי צו גילדענע בערג און בלייבן דערנאָך ליגנער; וויאַזוי מיאוס איך האָב מיך שוין אין מיין לעבן פיל מאָל פון אַזעלכע אָפּגענאַרט... איך קען אייך נישט אָפּזאָגן און גיב אייך מיין וואָרט ווי ווייט נאָר מעגלעך צו דינען אייך מיט דער פען“.

מענדעלע וועט אָבער נישט גיין מיטאַרבעטן אין אַ זשורנאַל, אין אַ צייטונג, וואָס אַנטשפּרעכן נישט זיינע אָנשוווּנגען. און פּונקט ווי מיט צוויי יאָר צוריק, אין 1886, ענטפערט ער ספּעקטאָרן אויף אַן איינלאַדונג מיטצואַרבעטן אין ספּעקטאָרס אַ געפּלאַנטער צייטונג, אַז „ס'איז... שטאַרק נייטיק באַקאַנט צו ווערן מיט די פּרטים, מיט איטלעכער זאַך באַזונדער, וואָס צו דער גאַזעטע, צו איר לייב=און=לעבן, צו איר נשמה איז נוגע“. אַזוי פאָדערט מענדעלע אויך פון שלום=עליכם'ן, אַז ער מוז אים ענטפערן „גאַנץ ריין און שאַרף אויף די דאָזיקע זאַכן: ווי הייסט אייער זשורנאַל, וואָס איז די פּראָגראַם זיינע“.

באַלד ווי שלום=עליכם האָט נאָר באַקומען מענדעלעס ענטפער, האָט ער גלייך פאַרבונדן מיט אים אַ קאָרעספּאָנדענץ. שוין אין דעם ערשטן בריוו האָט שלום=עליכם אויסגעזאָגט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געטראַכט אין פאַרלויף פון יאָרן וועגן מענדעלען, און דעמלט האָט ער אים אָנגערופן „דער זיידע פון דער יידישער=ליטעראַטור“ און זיך אַליין פאָרגע=

שטעלט פאַר מענדעלעם אַן אייניקל. און וואָס ווייטער — ווייטער הייבט שוין אָן דער פופציקיאָריקער מענדעלע צו דערקלערן זיך אין ליבע צו זיין אייניקל, ער שרייבט צו שלום-עליכם'ן: „כ'וועל ערגעץ נישט פאָרן צו פאַרברענגען דעם זומער, ווי איך בין תמיד געוווינט, נאָר זיצן אין דער היים און געשמאַק שרייבן. איך וועל דאָס טאָן... נאָר צוליב אייך, ווייל איר געפעלט מיר עפּעס. דאַכט זיך, איר זייט פון מיינע לייט". אזוי האָט שוין מענדעלע געשריבן צו שלום-עליכם'ן, צו זיין „ליבהאַרציק אייניקל", אין יוני פון 1888.

דורך בריוו האָבן זיי איינע די אַנדערע דערקענט: דער „זיידע" און דאָס „אייניקל" פונעם יידישע רעאַליזם. און דער „זיידע" האָט אזוי ליב געקראָגן דאָס אומבאַקאַנטע „אייניקל", אז ער שרייבט צו אים אין א בריוו: „אייער בילד איז ביי מיר זייער אָנגעלייגט. כ'האָב עם גוט באַטראַכט און געפונען אין אייך דאָס, וואָס איך זוך, — אַ גוטן, קלוגן, ערלעכן מענטשן. מיין אויג, מיין האַרץ נאַרן מיך קיינמאָל נישט אין אַזוינע זאַכן". פריער פון אַלץ האָט מענדעלע געזוכט אינעם שרייבער דעם „גוטן, קלוגן און ערלעכן מענטשן".

שלום-עליכם האָט באַלד צוגעשיקט זיינע געדרוקטע ווערק צו מענדעלען און געבעטן, ער זאָל אים זאָגן זיין מיינונג וועגן זיי. דאָס ערשטע ווערק שלום-עליכם'ס, וואָס מענדעלע האָט געלייענט, איז געווען „דער גט", וואָס האָט זיך געדרוקט אין מ. ספּעקטאָרס „הויז-פריינט" אין יאָר 1888 און אונגעהייערע פרייד האָבן שלום-עליכם'ן פאַרשאַפט די פאָר שורות אין מענדעלעם א בריוו צו אים וועגן אָט דעם דאָזיקן ווערק, ווו מענדעלע שרייבט מיט זיין אייגנטלעכן פּאַראָדיע-סטיל: „נישקשה, ס'איז מיר געפעלן, מע זעט גרמעהווייז, אין דעם אייניקל רינט דעם זיידנס בלוט. מיט א קניפּ אין בעקעלע זאָג איך אייך: א ווויל אייניקל, נישקשה, א האָפענונג צו גאָט, אז דער זיידע וועט פון אייך אויף דער עלטער גרוים נחת האָבן! אייניקלעך האָט דער זיידע פיל, נאָר געראָטענע זייער ווייניק".

אצינד האָט שוין שלום-עליכם צונויפגעקליבן אלע זיינע ווערק און אוועקגעשיקט דעם „זיידן" אויף מבינות. און דער „זיידע" לייענט דורך שלום-עליכם'ס ווערק, און עס איז אים שוין ווייניק אָנצושרייבן אַ פאָר שורות אין אַ בריוו וועגן זיין „אייניקלס" שאַפן. ס'איז אים ווייניק אויף דעם א גאַנצער בריוו און מער פון אַ בריוו. און דער „זיידע" שרייבט צום „אייניקל": „אצינד לייען איך אייערע ספרים. פון פיל זאַכן האָב איך שטאַרק הנאה. ארויסשרייבן אייך מיין מיינונג איז אצינד אוממעגלעך,

איך וועל באדארפן אָנשרייבן א ספר". און מענדעלע שרייבט ווייטער: „אַך, ווען איך זאָל קענען מיט אייך רעדן מינדלעך, וואָלט געווען זייער, זייער גוט און נוצלעך. בכלל, זאָג איך אייך, האָט דער „זיידע" גרויס תענוג פון זיין „אייניקל".

דאָס זענען געווען פאַר שלום-עליכם'ן די סאַמע אויטאָריטעטע רייד פון אַ קריטיקער, דאָס איז פאַר שלום-עליכם'ן געווען די איינציקע מיינונג פון דער קריטיק. און שלום-עליכם באַנוגנט זיך שוין נישט דערמיט, וואָס ער שיקט צו דעם „זיידן" שוין אָפּגעדרוקטע ווערק זיינע. ער וויל, דער „זיידע" זאָל זאָגן זיין מיינונג וועגן זיינע נאָך נישט געדרוקטע ווערק, ער וויל, אז מענדעלע זאָל דורכקוקן זיין ראָמאַן „סטעמפּעניו" אין מאַנוסקריפּט.

ביידע, סיי דער „זיידע", סיי דאָס „אייניקל", האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם טאָג, ווען זיי וועלן זיי קאָנען באַגעגענען פּנים צו פּנים, דורכרעדן זיך וועגן די פּראָבלעמען, וואָס זענען לויט זייער מיינונג דעמלט געשטאַנען פאַר דער יידישער ליטעראַטור, און סוף-כל-סוף איז שלום-עליכם ספּעציעל אַראָפּגעקומען קיין אָדעס זען און דורכריידן זיך מיט דעם „זיידן".

## ביים „זיידן" צוגאַסט

אין א זומערדיקן פארנאַכט פון יאָר 1890 איז אויף באַזאַרנער גאַס אין אָדעס, אין איינעם פון די קוואַרטאַלן, וו עס האָט געוווינט די יידישע אָרעמשאַפט, צוגעפאָרן אַ דראָזשקע און זיך אָפּגעשטעלט ביי דער געביידע פון אָדעסער תלמוד-תורה. פון דער דראָזשקע זענען אַראָפּ צוויי יונגעלייט: איינער א מיטלוווקסיקער, מיט העל-קאַשטאַנעווע לאָקן; אונטער אַ קיילעכדיק היטעלע; ער איז געווען אויסגעפּוצט, לייכט און מונטער איז געווען זיין טראָט; ער האָט עפּעס גערעדט צו זיין באַגלייטער, וואָס איז געווען עטוואָס העכער פון אים, און יענער האָט געשמייכלט, גלעטנדיק זיין קורץ בערדל.

דאָס זענען געווען שלום-עליכם, וואָס איז אקאָרשט געקומען פון קיעוו מיטן צוועק זיך צו זען מיטן „זיידן", און אן אָדעסער מיטאַרבעטער פון דער „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק".

אין איינציקן מינוטן אַרום זענען זיי ביידע — שלום-עליכם און זיין באַגלייטער — געזעסן אין קאַבינעט ביים „זיידן פון דער יידישער לי-

טעראַטור" מענדעלע מוכר־ספרים. דאָס ערשטע מאָל האָט שלום־עליכם געזען דעם „זיידן" אויג־אויף־אויג. דאָס ערשטע מאָל האָט דער „זיידע" דערזען לעבן זיך זיין „ליב אייניקל", וועלכן ער האָט געקענט ביז דעמלט בלויז דורך בריוו און דורך פאָטאָגראַפישע בילדער.

אין מענדעלעס קאַבינעט, וואָס איז אין דער זעלביקער צייט געווען אי אַן עסצימער אי אַ צימער פאַר געסט, איז היינט געווען עפּעס אַנדערש, ווי אין אַלע אָוונטן פון אַ גאַנץ יאָר.

דער „זיידע" מיטן „אייניקל" האָבן זיך דערזען פּנים צו פּנים. ביידע האָבן זיי דערפילט, אַז עס איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן פון זיי די בענקעניש, וואָס האָט זיי ביידן געמאַטערט די גאַנצע צייט פון זייער שריפטלעכער באַקאַנטשאַפט.

מע האָט גערעדט וועגן דעם צושטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור, וועגן די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר דער „פאָלקס־ביבליאָטעק", און גערעדט האָט אייגנטלעך מער מענדעלע, איידער שלום־עליכם.

מענדעלע האָט אַ הייב געטאָן זיינע אַקסלען און געזאָגט:

— איך בין געווען אין פּעטערבורג און האָב באַזוכט דעם אַזיאַטישן מוזיי פון דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע. דער ביבליאָטעקער האָט מיך אַריינגעפירט אינעם ביכער־אוצר, און אפשר צען מינוט בין איך געגאַנגען צווישן ביכער, בין דורכגעגאַנגען אַ גאַנצן קוואַרטאַל פון העברעישע ביכער. דריי מענטשלעכע לעבנס זענען אפשר ווייניק, כדי דורכצולייענען זיי. איך האָב מיך געפרעגט, וועגן וואָס רעדט צו אונדז אָט די דאָזיקע ביכער־גאַס? זי רעדט צו אונדז בלויז וועגן הימלישע זאַכן. וועגן ברויט, וועגן געזונט, וועגן לעבן — פע, פע... בעסער תעניתים, לייטערונג פונעם גוף צוליב דער נשמה, אָפּזאָגן זיך פון דער־וועלט צוליב יענער־וועלט. און יאָרנלאַנג האָבן אָט די דאָזיקע ביכער פאַרשטעלט אַזוינע פּערלען, ווי די בעסטע שאַפונגען פון יהודה הלוי, גבירול און אַנדערע. און אויב עמעצער האָט געהאַט מוט אַרויסצוטרעטן קעגן דער הימלישער הערשאַפט, ווי דאָס האָבן געטאָן דער מוטיקער ברוך שפּינאָזע, פלעגט ער אין חרם אַריינגעוואָרפן ווערן.

מענדעלע האָט זיך צוגעזעצט אויפן שטול, אַ ביסל באַטראַכט זיך און ווידער גערעדט:

— איין גליק איז נאָר, וואָס דאָס אָרעמע פאָלק האָט געלעבט אין דער זייט פון אָט דער ביכער־גאַס, האָט גערעדט אויף זיין שפּראַך און האָט, נאַטירלעך, געוואָלט עסן און געשטרעבט צום לעבן. רײדן וועגן לע־

בעדיקן לעבן צום פאָלק אויף העברעיש איז אוממעגלעך, דאָס איז א שפּראַך בלויז אויף צו ריידן וועגן עולם־הבא. יידיש — דאָס איז די שפּראַך פון עולם־הזה, פון דער לעבעדיקער וועלט. דערפאר האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן אין יידיש.

אָט די רייד, וועגן וועלכע מענדעלע האָט אים דערמאָנט, אז ער האָט שוין אים וועגן דעם געשריבן אין אַ בריוו, האָבן שלום־עליכם'ן געטראָפן אין פּינטל. ער האָט זיך איבערצייגט, אז דער „זיידע" איז איינשטימיק מיט זיין טעטיקייט, וואָס ער פירט אין דער יידישער ליטעראַטור.

עס איז שוין געווען טיפע נאכט, ווען שלום־עליכם און זיין באַגלייטער האָבן זיך צעזעגנט מיטן זיידן און זענען אוועק.

אַציגד זענען זיי געגאַנגען זען נאָך איינעם א גרייזגרויען זיידן, וואָס איז שטענדיק יונג און פארלירט נישט זיין יוגנטלעכן חן. שלום־עליכם האָט שוין לאנג געגארט נאָך אים. שוין לאנג געוואָלט זען, דאָס איז דער ים, דער שווארצער ים, וואָס ליגט אויף די שוועלן פון דער שטאָט אָדעס.

דער מעכטיקער אָטעם פון ים האָט געגאָסן מיט א פרישקייט איבער דער שטאָט, איבער די קווארטאלן פון דער אָרעמשאפט, וואָס איז גע־שלאָפן נאָך אַ טאָג פון שווערער מי און האָרעוואַניע.

שלום־עליכם האָט געקוקט פונעם ברעג אין דער ווייט און פלוצעם דערפילט לעבן זיך אַ נעפּלהאפט געשטאַלט פון אַ מענטשן מיט אַ צעשוי־בערטן, געקרויזטן קאָפּ. זיינע שטריכן האָבן אים אויסגעזען עפּעס מאָדנע נאָענט. עס האָט אויף אים א ווייע געטאָן מיט יוגנט. און ער האָט זיך דערמאָנט פּושקינס וואונדערבארע פערזן וועגן ים און אויך פּושקינס דער־ציילונג וועגן אן אנדער דיכטער, פּובליוס אָווידיוס, וואָס איז אין די צייטן פון אלטערטום א פארוואָגלטער אויך געשטאַנען אויפן ברעג פון אָט דעם ים און פארטרויט די כוואליעס זיין טרויער.

— איך בין אייך מקנא, — האָט ער זיך פלוצעם געווענדט צו זיין באַגלייטער, — וואָס איר האָט די זכיה צו וווינען אין אָדעס, און איר קאָנט אָפּט געניסן דעם פאַרגעניגן צו זיין ביים „זיידן", אים זען און הערן, צו זען דעם ים, דעם גרייזגרויען ים, וואָס ווייסט פון אַזויפיל טרויער צו דערציילן, איז קיינמאָל נישט אַלט און פליסקעט שטענדיק מיט א פריילעכן און יוגנטלעכן חן.

קומענדיק צוריק קיין קיעוו, האָט שלום־עליכם אוועקגעשטעלט ביי זיך אויפן שרייבטיש דעם „זיידנס" בילד, און בשעת דעם שרייבן פלעגט ער

אַפּט קוקן אויפן בילד און פרעגן ביי זיך, צי וועט די זאַך געפעלן ווערן דעם „זיידן“ צי ניט.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז שלום־עליכם אינאיינעם מיט זיין פרוי ווידער געפאָרן קיין אָדעס פאַרברענגען מיטן „זיידן“.

שלום־עליכם׳ס קומען איז געווען אַ פריידיקע דערשיינונג פאַר אַלע יידישע שרייבער אין אָדעס. מע האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַלע אינאיינעם און מע האָט פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט אין אַ פריינדלעכן שמועס.

און אַז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן און מע האָט זיך גענומען קלייבן אַהיים, האָט דער שטענדיק ערנסטער און אָנגעכמורעטער משה־לייב לי־ליענבלום זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט אי־בער זיין ברייטער גלעטער באָרד, אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— צייט מיר געזונט. ס׳איז שוין אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן, און איך דאַרף שוין גיין זיך פאַרנעמען מיט דער זאַך פון באַגראָבן יידן.

ווי יעדער איינציקער יידישער שרייבער אין צאַרישן רוסלאַנד, האָט אויך ליליענבלום נישט געקענט לעבן פון דער ליטעראַטור. און ער האָט געמוזט דינען אין „חברה־קדישא“ אין אָדעס. ביי דער זעלבער פּראָפעסיע האָט זיך אויך געמוזט האַלטן די בעסטע צייט פון זיין לעבן, אין זיינע בעסטע שעפערישע יאָרן, דער יידישער קלאַסיקער י. ל. פּרץ, וועלכער האָט געדינט אין דער וואַרשעווער קהילה, אין דעם אָפּטייל, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט באַגראָבן מתים.

## שלום־עליכם און י. ל. פּרץ

אין אָנהייב פון יאָר 1888, ווען שלום־עליכם האָט זיך געגרייט אַרויס־צוגעבן זיין „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“ און איינגעלאַדן פיל פון די דעמלט באַרימטע יידישע שרייבער, האָט ער באַקומען אַ בריוו פון אַן אומ־באַקאַנטן, גאָר נישט קיין פאַרבעטענעם אויטאָר פון דער פוילישער שטאָט זאַמאָשטש. געשריבן איז דער בריוו געווען אין העברעיש און געלייענט האָט אין אים שלום־עליכם אָט וואָס:

„טייערער הער!

צוריק מיט עטלעכע טעג האָב איך באַקומען פון איינעם פון מיינע האַרציקע פריינד, פון ה׳ עפשטיין, אַ קורצן אָפּגעם בריוו אָן אַ דאַטע, ווו עס שטייט געשריבן:

דאָ געפינט זיך איינער א זשארגאָנישער שרייבער, וועלכער גרייט זיך ארויסצוגעבן איינגיכן אין דער היגער דרוקעריי א יאָרבוך אין זשארגאָן. זיי אזוי גוט און שיק אים צו דיינע לידער און ארטיקלען, און אויב זיי וועלן אים געפעלן וועט ער זיי דרוקן.

דער ארויסגעבער איז דער באוווסטער שרייבער מיטן נאָמען שלום-עליכם" *.

דער שרייבער פון אָט דעם בריוו איז געווען יצחק לייבוש פרץ, דער שפעטער בארימטער יידישער קלאסיקער, און דער ה' עפשטיין, וואָס האָט אים אָנגעזאָגט וועגן דער אויסגאבע — אן אָנגעשטעלטער אין דער בערדיטשעווער דרוקעריי, ווו שלום-עליכם'ס „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק" האָט זיך געדרוקט. **

שלום-עליכם האָט נאָך דעמאלט קיין באגריף נישט געהאט וועגן י. ל. פרץ, וועגן זיינע שעפערישע מעגלעכקייטן. און פרץ האָט דעמאלט כמעט גאָר קיין באגריף נישט געהאט וועגן דער יידישער ליטעראטור און וועגן שלום-עליכם'ן (ש. ראבינאָוויטש), וועלכן ער האָט פארביטן אויף מענדעלע מוכר ספרים (ש. אבראמאָוויטש), און אפילו וועגן דעם לעצטן האָט ער געוווסט נישט פון העברעיש און נישט פון יידיש, נאָר פון דער פוילישער איבערזעצונג פון דער „קליאטשע" און „מסעות", וואָס עס האָט געמאכט דער פוילישער שרייבער קלעמענס יונאשא.***

אין יענער צייט, ווען שלום-עליכם האָט זיך געגרייט ארויסצוגעבן „די יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק" איז י. ל. פרץ נאָך נישט געווען קיין פראָפעסיאָנעלער שרייבער, זיין באשעפטיקונג איז געווען אדוואָקאטור. אָבער ער האָט שוין דעמאלט געהאט א גאָר נאָענטע שייכות צו ליטעראטור.

מיט עלף יאָר צוריק, איידער ער האָט געשריבן זיין ערשטן בריוו שלום-עליכם'ן, אין יאָר 1877, האָט ער אינאיינעם מיט גבריאל יהודה ליכטענפעלד ארויסגעלאָזט א ביכל אונטערן נאָמען „סיפורים בשיר ושירים שונים". פון דעמאלט אָן האָט ער זיך פון צייט צו צייט געדרוקט אין „השחר", „חבוקר אור", „האסיף", „כנסת", „היום", „הצפירה". ער האָט דאָרטן פארעפנטלעכט לידער, פאָעמען און פראָזע.

---

* בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ, 1944, ז. 138.

** דאָרטן, זייט 138.

*** דאָרטן, ז"ז. 148—149.

פרץ'ס נאָמען איז אָבער געווען גאָר ווייניק באקאנט צווישן די פראָ־פעסיאָנעלע שרייבער און באזונדערס צווישן די שרייבער פון אוקראינע און רוסלאנד. אגב האָט פרץ דעמלט אויף זיך אליין אויך ניט געקוקט, ווי אויף אַ צוקונפטיקן שרייבער, וואָס וועט שפּילן כאָטש א באדייטנדיקע ראָלע אין דעם אויפקום פון דער מאָדערנער יידישער און העברעישער לי־טעראַטור. כאָטש געהאט האָט דעמלט פרץ זייער גוטע אָפּרופן פון דער קריטיק וועגן אייניקע פון זיינע ווערק.

פרץ סמאָלענסקי, דער באַרימטער העברעישער ראָמאניסט און פובלי־ציסט, האָט געשריבן וועגן פרץ'ס א ליד: „עס וועט נישט פארשעמט ווערן פאר אלע איבעריקע גוטע און שיינע לידער, וואָס זיינען אָנגעשריבן די לעצטע יאָרן אין העברעיש". און נאָך האָט ער געשריבן, אז י. ל. פרץ האָט „דאָס רעכט פאררעכנט ווערן צווישן אלע אמת'ע דיכטער, וועלכע וועלן זיך מיט אים נישט שעמען און אַז די שפּראַך און אירע ליבהאָבער וועלן זיך פרייען מיט זיינע ווערק און וועלן אים בענטשן פון טיפן הארצן *. פרץ האָט אָבער ווייניק וואָס געגלויבט דעמלט אין זיין ליטעראַרישן באַרוף און האָט נישט געשטרעבט צו מאכן די ליטעראטור פאר דעם הויפּט־מקור פון זיין לעבן.

אין יידיש אָבער האָט פרץ דעמלט קיין איין שורה אפילו נישט גע־דרוקט, כאָטש געשריבן האָט ער יידיש נאָך אין זיינע יונגע יאָרן ** און אויך שפּעטער. אָבער זיינע יידישע פּרוון זענען נישט אַוועק ווייטער פון זאמאָשטש און איר אומגעגנט.

די פארפאָלגונגען, וועלכע עס האָבן געהאט אויסצושטיין די יידישע פאָלקס־מאסן אין רוסלאנד מצד דעם צאריזם, די שווערע עקאָנאָמישע לא־גע זייערע האָט י. ל. פרץ'ן, ווען עס איז אויסגעקומען צו באגעגענען זיך אין זיין אדוואָקאטישער טעטיקייט מיט דער יידישער אָרעמשאַפט, געצוווּנגען צו פארטראכטן זיך וועגן איר צוקונפט.

פרץ האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויפצוקלערן דאָס פאָלק, בילדן דאָס פאָלק, אויפהויבן עס און זיינע קולטור־ווערטן צו אַזאַ מדרגה, אַז עס זאָל אליין שטארקער ווערן זיין מוט אויסצושטיין די שווערע רדיפות, וואָס עס האָבן אויף אים געברענגט אינעם צארישן רוסלאנד און פוילן. שוין איי־

---

* „השחר" תרל"ט.

** י. ת. זאַגאָראָדזקי „יצחק לייבוש פרץ", לות אחיאסף, וואַרשע, תרס"א.

ניקע יאָר, אַז ער שרייבט יידיש, זוכט אַן אָרט, ווו עס צו דרוקן. אָבער ער האָט זיך ניט געפילט ווי אַזאַ, וואָס איז שוין פולקאָם באַרופן צו נעמען אויף זיך אָט די מיסיע צו היילן די ווונדן פון פאָלק דורך דעם געדרוקטן וואָרט.

אין יאָר 1887 האָט ער צום ערשטן מאָל געשטעלט די פראַגע וועגן דער גישט ריכטיקער באַציונג צו יידיש מצד די אויפגעקלערטע. און אין זיינעם אַ העברעישן שיר „מנגינות הזמן" האָט ער שוין געפרוווט פירן אַן אַגיטאַציע פאַר דער אויפלעבונג פון יידיש אַלס ליטעראַטור=שפּראַך. „ברידער מיינע, שרייבער, — האָט י.ל. פרץ געשריבן — האָט נישט קיין פאַריבל, אויב די שפּראַך פון בערל און שמערל איז מיר ליב און איך רוף נישט אָן מיט פאַראַכטונג זייער שפּראַך — שטאַמלער=שפּראַך. פון זייער מויל הער איך די שפּראַך פון מיין פאָלק... די שפּראַך פון גלות=יידן, די פאַרטריבענע, די שפּראַך, וואָס איז אַן אייביקער עדות פון דעם פאַרגאָסענעם בלוט, פון די רציחות, גזילות און חורבנות, וואָס מ'איז מיט אונדז באַגאַנגען אין די אַלע וואָגלענישן פון לאַנד צו לאַנד. אין דער שפּראַך ליגט באַהאַלטן דאָס געוויין פון אונדזערע עלטערן, דער וויי=געשריי פון פיל דורות, דער גיפט און די פאַרביטערטקייט פון דער געשיכטע. דאָס זיינען טייערסטע דימענטן — די יידישע טרערן, וואָס זיינען נישט אויסגעטריקנט געוואָרן, נאָר זיינען פאַרגליווערט געוואָרן" *.

אַצינד, ווען פרץ האָט זיך דערוווסט, אַז עס ווערט געגרייט אַ גרויסער ליטעראַרישער זאַמלבוך אין יידיש, אין וועלכן עס וועלן אָנטיילנעמען די בעסטע יידישע שרייבער, האָט ער זיך מיט פרייד געווענדט צו שלום=עליכם'ען. ער האָט אים אָבער גאָרנישט געשיקט. די ערשטע סיבה, וואָס האָט מיטגעווירקט דערצו, איז דאָס, וואָס עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די פאָנעטישע אונטערשיידן צווישן דעם אוקראַיִניש=ליטווישן און פוילישן דיאַלעקט, אויף וועלכן פרץ האָט גערעדט, זיינען אַזוי טיף, אַז זיי קענען זיין אומפאַרשטענדלעך, און דערפאַר וועלן זיינע זאַכן נישט געפעלן ווערן שלום=עליכם'ען.

פרץ'ן דוכט זיך דערמיט אויך, אַז עס עקזיסטירט אַ געוויסע אָפּגעפרעמדקייט צווישן דעם פוילישן און רוסישן יידנטום, און איינע פון די סיבות פון אָט דער פאַרפרעמדקייט זענען טאַקע די פאַרשיידענע דיאַלעקטן. ער ווענדט זיך דעריבער צו שלום=עליכם'ען מיט אַ רוף צו קעמפן

---

* האסיף, 1886; תרמ"ז, וואַרשאַ.

פאַר דער דערנענטערונג פון דעם רוסישן און פּוילישן יידנטום. „איצט אין די אַממערסטן פּאַסיקע צייט — שרייבט י. ל. פּרץ צו שלום־עליכמען — צו דערנענטערן די הערצער און צו שאַפן א געמיינזאַם אָרט אין דער ליטעראַטור, ווו עס זאָלן קומען צום אויסדרוק די יידיש־פּוילישע און יידיש־רוסישע אויסשפּראַכן" *. שוין פון די ערשטע טריט פון זיין ליטעראַרישן שאַפן, ביי דער ערשטער שריפטלעכער באַגעגעניש מיט שלום־עליכם'ן, שטעלט פּרץ, הייסט עס, די פראַגע וועגן דעם, אז עס מוז געשאַפן ווערן אַן איינהייטלעכע ליטעראַרישע שפּראַך, וואָס זאָל אַריינגעמען אין זיך די שעפערישע כוחות פון דעם פּוילישן און רוסישן יידנטום.

„איצט איז די העכסטע צייט צו דערוועקן — שרייבט ער ווייטער — די הערצער פון יעדן איינעם צו פאַרשטיין דעם ברודער, וואָס לעבט אין איין לאַגע און אין איין צייט מיט אים, נאָר אין אַן אַנדער אָרט" **. אָבער די דערנענטערונג דורך דער ליטעראַטור צווישן פּוילישן און רו־סישן יידנטום, מיינט דעמלט פּרץ, דאַרף געמאַכט ווערן אין דער ערשטער ריי צווישן דער אינטעליגענץ, און אָט די מיינונג זיינע איז געווען די צווייטע הויפּט־סיבה, וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן צו שיקן שלום־עליכם'ן פון זיין שאַפונג.

„איך וויים — שרייבט פּרץ צו שלום־עליכם'ן — די אַרבעט פון מיין האַר: זיין ווילן און שטרעבן איז (אויף וויפל איך האָב געקענט פאַרשטיין) צו שרייבן צוליבן עולם, וואָס רעדט זשאַרגאָן פון זשאַרגאָ־נען־לאַנד (דאָס הייסט, וואָס רעדן און פאַרשטייען נישט אַנדערש, ווי יידיש. אַ. פּ.) איך אָבער שרייב צוליב זיך, צוליב מיין הנאה וועגן, און אויב איך דערמאָן מיך אַמאָל אין דעם לעזער, איז ער פון אַ העכערער מדרגה פון דער געזעלשאַפט. עס איז דער מענטש, וואָס האָט געלערנט און געלייענט אין אַ לעבעדיקער שפּראַך" ***. אויף אַזאַ אופן האָט שוין פּרץ אַליין אין זיין ערשטן בריוו צו שלום־עליכם'ן באַטאָנט וועגן דעם אונטערשייד צווישן אים און שלום־עליכם'ן אין דער ליטעראַרישער פּראָפּאַגאַנדע און אין עצם תוך פון זייער קינסטלערישן שאַפן.

צום באַדויערן, זענען נאָך ביז היינט נישט פּובליקירט געוואָרן שלום־עליכם'ס בריוו צו פּרץ'ן, און מיר שטויסן זיך אָן וועגן זיין ענטפער פון פּרץ'ס ווייטערדיקע בריוו צו אים.

---

* בריוו און רעדעס, ז. 139.

** דאָרטן, ז. 139.

*** דאָרטן, ז. 140.

און פון דאָרטן זעען מיר, אַז מיט עכטער שלום־עליכם'שער וואַרעמקייט האָט ער געענטפערט אויף פרץ'ס ערשטן בריוו און געבעטן אים צושיקן זיינע שאַפונגען. ווייזט אויס, אַז שלום־עליכם האָט אים געענטפערט אין יידיש און דערקלערט, אַז דער אונטערשיד אין די דיאַלעקטן שפיגלט זיך גאָר ווייניק אָפּ אין דער ריטמיק און מעטריק פונעם ליד, וועלכן פרץ האָט צוגעגעבן אַ באַזונדער באַדייטונג, און נאָך ווייניקער אין דער פּראָזע. אַז שלום־עליכם'ס ערשטער בריוו צו פרץ'ן איז גיכער פון אַלץ געשריבן געוואָרן אין דער יידישער שפּראַך, קאָנען מיר דרינגען פון פרץ'ס פאָלגנדיקער ארויסזאָגונג: „אייער בריוו האָט מיך זייער דערפרייט, ווייל איך האָב זיך איבערצייגט, אַז דער אונטערשיד צווישן די אויסשפּראַכן פון די פוילישע און רוסישע יידן איז גאָר נישט אזוי גרויס און אַז איינער קאָן פאַרשטיין דעם צווייטן“ *.

שלום־עליכם האָט אין פרץ'ס בריוו באַלד דערקאָנט, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ וויכטיקן קאָרעספּאָנדענט, און האָט אים מיט דער זעלביקער באַגייסטערונג, ווי אין בריוו צו אַנדערע וויכטיקע אַדרעסאַטן, אויפגעקלערט, אַז זיין „ביבליאָטעק“ איז נישט אויסגערעכנט בלויז אויף דעם סאַמע אָפּגעשטאַנענעם לעזער, אַז אַרום דער אויסגאַבע פון דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“ האָט זיך געשאַפן אַ גאַנצע באַוועגונג פאַר אַ ליטעראַטור אויף דער יידישער שפּראַך, אַז אין דעם זאַמלבוך זיינען וועלן זיין פאַרטראָטן פאָרשטייער פון דער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ, „דאָקטוירים און סטודענטן“, וואָס באַציען זיך מיט גרויס סימפּאַטיע צו אָט דער פאָלקס־זאַך און וואָס פריער פון אַלץ אין זייער לעבן זענען די אינטערעסן פונעם המון־עם.

נאָך דעם, ווי שלום־עליכם האָט באַקומען פרץ'ס ערשטן בריוו, האָט ער אים באַלד צוגעשיקט זיינע ווערק, וואָס זענען געווען אַ סענסאַציע נישט נאָר פאַר פרץ'ן, נאָר פאַר דער זאַמאָשטשער אינטעליגענץ בכלל. נאָך מער, שלום־עליכם'ס ווערק האָבן פרץ'ן געבראַכט צו אַ חשבון־הנפש. געמאָנט ביי אים, פאַרוואָס זיין באַציונג צו דער שפּראַך פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן איז נישט אַוועק ווייטער פון זיין אַרויסזאָגונג אין זיין העברעישן שיר.

„מיר איז אַ בזיון צו זאָגן, — שרייבט פרץ צו שלום־עליכם'ן, — אַז ביי אונדז אין שטאָט איז נישטאָ קיין איין זשאַרגאָניש ביכל און קויפן

* בריוו און רעדעס, ז. 138.

דערלויבט מיר נישט די איצטיקע שלעכטע לאַגע מיינע. דעריבער, ווי איך האָב נאָר דערהאַלטן אייערע ביכער, האָב איך דאָס רוב פון זיי גלייך איינגעשלונגען" *.

שלום=עליכם'ס ווערק האָבן פּרץ'ן איבערצייגט, אַז די יידישע ליטעראַטור איז נישט אַזאַ פאַרוויסטע און פאַרלאָזענע, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, און אז די מיטצייטיקע העברעישע ליטעראַטור און קריטיק האָט זיך וואָס צו לערנען פון דער יידישער. „אייער משפט איבער שמ"רן (געמיינט שלום=עליכם'ס ביכל „שמ"רס משפט" או. פ.), וואָס איך האָב אים נישט געקאָנט און נישט געלייענט, האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן אין פולן זין פון וואָרט, און דערנאָך האָב איך געקרעכצט: פאַרוואָס איז נישטאָ אַזאַ מין קריטיק אין העברעיש, וואָס זאָל פאַרטרייבן די שמרוי און פלעווע פונעם שייער?" פּרץ זעט אין שלום=עליכם'ן אַן אויטאָריטעטן שרייבער און בעט אים, ער זאָל ענדערן אין זיינע ווערק „די אויסדריקן וואָס זענען נישט פאַרשטענדלעך פאַר די ליטווישע און רוסישע". אין דער זעלביקער צייט פלאַטערט שוין אָבער פּרץ איבער זיין שאַפונג, האָט מורא, עס זאָל נישט אָנגערירט ווערן די קינסטלערישע שלימות אירע. „איך בעט אייך אַכטונג געבן אויף דער פערזן=מאָס, — שרייבט ער, — און, אויב עס איז פאַר אייך נישט שווער, מיר געבן צו וויסן וועגן די ענדערונגען, ווייל דער מייסטער אַליין קאָן גיכער פאַרריכטן זיינע ווערק".

דער ערשטער בריוו שלום=עליכם'ס האָט אַרויסגערופן מוט און באַגייסטערונג אין פּרצן. „פאַר דער ליבע און פאַר די פריינדשאַפט=אויסדריקן — שרייבט פּרץ אין זיין ענטפער=בריוו — דאַנק איך אייך פון טיפן האַרצן, און פאַר דער ליבע און פריינדשאַפט גופא — א דאַנק אָן ווערטער". ער שעמט זיך מער נישט פאַר אים: „איך נעם אַראָפּ דעם שלייער פון מיין פנים" — שרייבט ער ווייטער — און ער דערציילט שלום=עליכם'ן זיין ליטעראַרישע ביאָגראַפיע.

3

אַדאַנק שלום=עליכם'ן איז פּרץ געוואָרן באַקאַנט מיט דער מיט=צייטיקער יידישער ליטעראַטור, אַדאַנק שלום=עליכם'ן האָט זיך פּרץ ענדגילטיק דערנענטערט צו דער יידישער שפּראַך און אין דער ווירק=

---

* בריוו און רעדעס, ז. 138.



פון לינקס שלום־עליכם, י. ל. פרץ און יעקב דינעזאָן.
(וואַרשע, זומער 1914).

לעבקייט דערנעענטערט זיך צום פאָלק. פּרץ האָט אין שלום=עליכם'ן דערזען א נייעם פריינד און אים אויסגעצויגן זיין האַנט מיט דער גרייטקייט צו גיין אויף דעם וועג, אויף וועלכן שלום=עליכם האָט אים גערופן. „איר אַרבעט לשמה, אָן אויסקוק אויף פאַרדינסט, — שרייבט פּרץ צו שלום=עליכם'ן אין זיין צווייטן בריוו, — איך האָב עס פריער געוווּסט און איצט ווייס איך עס נאָך קלערער, דעריבער לאָמיר נעמען און טאָן צוזאַמען א באמת גוטע זאך". און עס גייט אַוועק אין דעם זעלביקן בריוו א ביז גאָר ערנסטער שמועס וועגן די אויפגאַבן פון דער יידישער ליטעראטור און וועגן די אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר דעם קולטור=טוער בנוגע די יידישע פאָלקס=מאַסן אין רוסלאַנד און אין פּוילן. די יידישע שפּראַך דאַרף אויסגענוצט ווערן, מיינט פּרץ, נישט בלויז פאַר דעם בעלעטריסטישן שאַפן, נאָר זי דאַרף אויך שפּילן דעם דאָרשט פון די פאָלקס=מאַסן צו קענטעניש און וויסנשאַפט. אגב, א ביז גאָר קליינע באַדייטונג גיט ער דעמלט צו דער בעלעטריסטיק און דער קונסט אין דער פראגע פון בילדן און אויפקלערן די מאַסן. פּרץ לייגט פאָר שלום=עליכם'ן צו געבן דעם פאָלק וויסנשאַפטלעכע ווערק. ער לייגט זיך אליין פאָר אלס צוקונפטיקער קאָמפּיליאַטאָר פון ווערק איבער סאָציאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע. וויסן איז דער הויפט=מיטל, כדי אויפצולעבן דאָס פאָלק און זיין שפּראַך, כדי צוציען צו אים די אינטעליגענץ. „אויב מיר פאַרלאַנגען פון פאָלק, — שרייבט ער, — עס זאָל קאָנען זיין שפּראַך... דאַן דאַרפן מיר די שפּראַך צוגרייטן אזוי, אַז זי זאָל באַפרידיקן אויך אַלע באַדערפענישן פון דעם אויפגעקלערטן".

דער פּיסאַרעווישער צוגאַנג צו ליטעראַטור און קונסט איז ביי שלום=עליכם'ן אָבער געווען אַ שוין לאַנג דורכגעמאַכטער עטאַפּ, וואָס איז אוועקגעגאַנגען איינציגעם מיט זיין יוגנט. און שלום=עליכם האָט צוגעגעבן א ביז גאָר וויכטיקע באַדייטונג אין דער אַנטוויקלונג פונעם פאָלק דער קינסטלערישער ליטעראַטור. ער איז דעריבער גאָר נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פון אָט דעם פאָרשלאַג פּרץ'ס וועגן וויסנשאַפטלעכע קאָמפּילאַציעס. האָט טאַקע פּרץ מער וועגן דעם נישט דערמאָנט.

עס הויבט זיך אָבער אָן א קעגנזייטיקע ווירקונג פון שלום=עליכם'ן אויף פּרץ'ן און פון פּרץ'ן אויף שלום=עליכם'ן. פּרץ'ן האָט זיך געדוכט, אַז שלום=עליכם שליסט זיך איין אין די נאַציאָנאַלע דלד=אמות און ער פּרווט מאַכן אויפמערקזאם אויף דעם זיין נייעם פריינד: „איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס פאַרלאַנגט איר נאָר פונעם לעבן פון יידן. דאַרף דען

נישט קיין פאָלק וויסן דאָס לעבן פון דעם אַנדערן פאָלק, וואָס לעבט מיט אים צוזאַמען? פאַרוואָס זאָל דאָס פאָלק נישט וויסן די אַלגעמיינע פראַגן, און איר באַגרענעצט אים נאָר מיט אייגענע פראַגן? אמת, דאָס איז דער עיקר, אָבער דער טפל איז אויך נישט קיין לוקסוס-זאַך, מיר דאַרפן פאַרשטיין אַלץ" *.

עס איז אפשר נישט אויסגעשלאָסן, אַז אָט די רייד פּרץ'עס קעגן דער נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט האָבן שלום-עליכם'ן געלאָזט וויסן, אַז ער איז נישט איינזאַם אין דער נעגאַטיווער באַציונג זיינער צו דעם יידישלעכן אתה-בחרתנו, וואָס האָט דעמלט געהערשט צווישן אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ. דעריבער איז ער מיט סאַרקאַזם אַרויס-געטראָטן אין זיינעם אַ בריוו צו דובנאָוון קעגן באַגרענעצן זיך נאָר מיט דער יידישער טעמאַטיק **.

ס'איז פאַרשטייענדלעך, אַז פּרץ האָט מיט זיינע בריוו געהאַט אַ ווירקונג אויף שלום-עליכם'ן אין הינזיכט פון אויפשטעלן די פּובליציסטיש-קריטישע פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע אָפּטיילונג פון דער „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק". אין איינעם אַ בריוו צו שלום-עליכם'ן שרייבט פּרץ: „ס'איז זייער וויכטיק צו געבן פאַרן פאָלק אַרטיקלען פון געשיכטע בכלל און יידישער געשיכטע בפרט". ער פּרוווט זיך דערוויזן שלום-עליכם'ן, אַז דערקלערן די יידישע געשיכטע איז זייער אַ וויכטיקער מיטל קעגן אַסימילאַציע. עס קאָן גרייילעך זיין, אַז שלום-עליכם האָט לויט פּרץ'ס עצה געדרוקט מ. ליטינסקים אַרטיקל „צו דער געשיכטע פון יידן אין פּאָדאָליע", אַ מאַטעריאַל, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק צו מינטערן דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ („נאַציאָנאַלע גדלות" לויט שלום-עליכם'ס אויסדרוק) פון די לייענער. פּרץ האָט אויך אויפמערקזאַם געמאַכט שלום-עליכם'ן, אַז עס איז וויכטיק צו לייגן אַ באַזונדער אַכט אויף דער יידישער פרוי און איר איינפלאַנצן אין איר ליבע צו דער קולטור פון אונדזער פאָלק און צו אונדזער פאַרגאַנגענהייט. אַ רעזולטאַט דערפון איז מסתמא געווען דער אַרטיקל פון י. י. וויסבערג „די יידישע ווילקע-נענדע פרויען".

י. ל. פּרץ האָט געפילט אַ שטאַרקע סימפּאַטיע צו שלום-עליכם'ן. ער האָט הויך געשעצט זיין טאַלאַנט און זיין ליטעראַרישן געשמאַק. „ווי

* בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ, ז. 150.

** שלום-עליכם, אויסגעוויילטע בריוו, מאָסקווע, ז. 69.

איך האָב אייך דערקענט פון אייערע בריוו, — שרייבט י. ל. פּרץ צו שלום־עליכם'ן, — זע איך נישט, אַז איר זאָלט האָבן אַן אַנדער געשמאַק, וואָס זאָל זיך פונאַנדערגיין פון דעם אַלגעמיינעם און פון מיין אייגענעם געשמאַק". ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון שלום־עליכם'ס מיינונג און גערעכנט זיך מיט איר. נישט ווייניקער האָט פּרץ געשעצט שלום־עליכם'ן אַלס מענטש און געזעלשאַפטלעכן טוער. „איך גלויב אייך, — שרייבט ער אין אַן אַנדער בריוו צו שלום־עליכם'ן — אַז אייער גאַנצער ווילן איז נאָר דער טובת־הכלל... דעריבער געפין איך פאַר מיין חוב אויסצודריקן פאַר אייך מיין גאַנצן באַגער אין די טאָג־פראַגן, און אויב איר וועט געפינען אין דעם אַ גייע זאַך, אַ פּאַסנדיקע זאַך, וואָס מע קאָן פאַרווירקלעכן אין לעבן דאַן וועל איך זיך פילן גליקלעך".

4

פאַר דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" האָט י. ל. פּרץ צוגעשיקט זיין באַלאַדע „מאניש". שלום־עליכם האָט געהאַלטן, אַז דאָס דאָזיקע ווערק נויטיקט זיך נישט נאָר אין אַ סטיליסטישער רעדאַקציע, נאָר אַז פיל ערטער דאַרפן באַזייטיקט און פאַרריכט ווערן. שלום־עליכם האָט די באַלאַדע פאַרקירצט אין אַנדערע ערטער אפילו צוגעשריבן. צוליב מאַנגל אין צייט האָט ער די אויסבעסערונגען זיינע נישט צוגעשיקט דעם אויטאָר, כדי צו באַקומען דערויף זיין הסכמה, אויף אַזאַ אופן איז די אָפּגעדרוקטע באַלאַדע מיט שלום־עליכם'ס אויסבעסערונגען געווען פאַר פּרץ'ן אַן אומגעריכטע דערשיינונג. דאָס האָט אַרויסגערופן ביי אים אַן אומצופרידנקייט לגבי היעם רעדאַקטאָר, באַזונדערס נאָך דעם, ווי די קריטיק האָט זיך אָפּגערופן אומגינסטיק וועגן „מאָניש" *.

* ביז גאָר נישט לאַנג האָט די יידישע ליטעראַטור־געשיכטע געהאַלטן, אַז שלום־עליכם האָט אין „מאָניש" געמאַכט פיל ענדערונגען. מע האָט פאַרגליכן די צוויי אויסגאַבעס פון „מאָניש" אין „פאָלקס־ביבליאָטעק" און פון 1892. דער אונטערשייד איז דאָ אין דער ווירקלעכקייט אַ גאָר באַדייטנדיקער. אָבער אין יאָר 1937 איז פּובליקירט געוואָרן אַ וואַריאַנט פון „מאָניש", וועלכן פּרץ האָט אין יאָר 1887 געשענקט זיין פריינדין פּאַולינאַ אַלטבערג. פון אָט דעם וואַריאַנט זעען מיר, אַז שלום־עליכם'ס ענדערונגען זענען גאָר קליינע, אויף אַזאַ אופן איז צו גלויבן, אַז אָט דער וואַריאַנט איז אויך צוגעשיקט געוואָרן שלום־עליכם'ן פאַר דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק". בכלל זענען פאַראַן פיל וואַריאַנטן פון „מאָניש". דער וואַריאַנט פון 1892, וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין פּרצעס „געקליבענע שריפטן", האָט, ווייזט אויס, גענומען אין אַכט די אָנווייזונגען פון דער קרי־

די קריטיק אין דער פערזאָן פון ש. דובנאָוו (קריטיקוס) איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּ אָ ע מ ע „מאָניש“, טענהנענדיק, אַז קיינער פאַרשטייט זי נישט, אָנווייזנדיק אויך אויף אומלאָגישקייט און נישט צוזאַמענגעבונדנקייט אינעם ווערק. אגב, האָט דובנאָוו די זעלביקע מיינונג וועגן פּרץ'ס שאַפן און וועגן זיין אומפאַרשטענדלעכקייט אַרויסגעזאָגט אין זיינער אַ רעצענזיע וועגן דעם זאַמלבוך „האסיף“ *. אפילו איינער פון די טיכטיקסטע מיטאַרבעטער פון דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“ י. ח. ראַווניצקי האָט אין דער צייטונג „המליץ“ (1889, נומ. 87), נישט אַרויסטרעטנדיק קעגן דער קינסטלערישער ווערט פון „מאָניש“, דאָך אָנגעוויזן, אַז אָט דאָס ווערק איז צופעליק געדרוקט געוואָרן אינעם זאַמלבוך, ווייל עס איז העכער פון דעם פאַרשטאַנד פונעם פאָלק, וואָס פאַר אים איז דאָס בוך געשאַפן“. אין צוועלף יאָר אַרום, אין די טעג פון פּרץ'ס פופציקיאָריקן יובליי, האָט זיין פריינד און ערשטער ביאָגראַף זאַגאָראָדזקי וועגן „מאָניש“ געשריבן: „זיין פּאָעמע „מאָניש“... איז ווי באַזונדערע פּערל, ווי אַ רייע צעוואָרפענע פונקען...“**.

פּרץ, ווייזט אויס, האָט געהאַלטן, אַז שלום־עליכם האָט פאַרמינערט דעם קינסטלערישן ווערט פון זיין פּאָעמע. ער האָט דעריבער אין גאָר אַ קורצן בריוועלע אָנגעשריבן שלום־עליכם'ען: „אויב עס איז נאָר מעגלעך, בעט איך אייך אומצוקערן מיר דעם כתב־יד „מאניש“. אויב פּרץ האָט שטאַרק איבערגעלעבט פאַר זיין ערשט ווערק, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דער יידישער שפּראַך, האָט ער זיך אָבער געפרייט פאַר דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס די יידישע שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור האָט געהאַט מיט דעם דערשיינען פון דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“. ער שרייבט צו שלום־עליכם'ען, וועלכער האָט אים דאָס בוך צוגעשיקט: „די מתנה האָב איך באַקומען, אייער בוך איז באמת אַן אוצר מיט אַלדאָס גוטס“.

דער פאַריבל אויף שלום־עליכם'ען פאַר זיין רעדאַקציע פון „מאניש“ האָט אָבער נישט דערווייטערט פּרץ'ן נישט פון שלום־עליכם'ען און נישט

---

טיק. אין זיינע שפּעטערדיקע וואַריאַנטן, און באַזונדערס אין דעם לעצטן, האָט פּרץ פאַרקירצט און אַרויסגעוואָרפן פיל שורות.

* „וואָסכאָד“, נומ. 1, 1887.

** אחיאסף־מאַסף ספרותי, תרס"ב, וואַרשע, י. ח. זאַגאָראָדזקי, יצחק לייבוש פּרץ.

פֿון זיין „יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק“. נאָך מיט מער ברען נעמט זיך איצט פּרץ פֿאַר זיין ווייטערדיקער ליטעראַרישער אַרבעט. ער שרייבט ווידער אַ גרויסע פּאָעמע פֿאַר דער „יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק“, וואָס „דער צוועק פֿון דעם גאַנצן ווערק איז — אַדורכצופֿירן אונטער דער קריטיק און צושטעלן צום שאַנד-סלופּ אַלע גדולי-הדור, די אָנגעזעענסטע חסידים, מתנגדים, סוחרים, בעלי-צדקות, און בעלי-טובות און אויפֿדעקן דעם פֿאַרדומפּענעם קוואַל, וואָס פֿון אים שעפּט אונדזער לעבן“. דער העלד פֿון דער דאָזיקער פּאָעמע האָט געדאַרפֿט פֿון דעם שטעטל קומען אין דער גרויסער שטאָט, אַזוי אַז דאָ וואָלט דורכגעגאַנגען פֿאַר דעם לעזער אַ בילד אויך פֿון מאָדערנעם יידישן לעבן.

פּרץ פֿילט אָבער, אַז עס האָט זיך אויפֿגעשטעלט, אָדער עס האַלט זיך ביים אויפֿשטעלן, אַ וואַנט צווישן אים און שלום-עליכם'ן. ער ווייסט, אַז די סיבה דערין ליגט נישט אין פּערזענלעכע באַציונגען, אין שלעכט- אָדער גוט-ברודערשאַפֿט, נאָר אין די מיינונגס-פֿאַרשיידנהייטן, אנשויונגען אויף דער ליטעראַטור, אויף אירע פֿליכטן און אויף אירע אויפֿגאַבן פֿאַרן פֿאָלק.

שלום-עליכם, דער קעמפֿער פֿאַרן ריאַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור, דער, וואָס האָט שטענדיק געזוכט קלאָרקייט און ניכטערקייט אין יעדן ווערק, וועלכער האָט אויפֿן ערשטן אָרט געשטעלט די פֿאָלקס-מאַסן, געסטאַרעט זיך צו ריידן אויף זייער שפּראַך, האָט נישט געקאָנט מסכּים זיין מיט אַזאַ דיכטונג, וועלכע ליידט אויף נישט פֿאַרשטענדלעכקייט, אויף הויכע, פֿאַרנעפּלטע רייד און געדאַנקען. עס האָט זיך אָנגעקניפּט אַ קאָנפֿליקט צווישן „פּראָסטע“ און „הויכע“ רייד. פּרץ פֿילט עס און זוכט דעריבער צו דערקלערן און צו באַרעכטיקן זיין גאַנג אין דער ליטעראַטור.

„איך ווייס נאָך נישט, — שרייבט פּרץ צו שלום-עליכם'ן, — צי דער שיר וועט אייך געפֿעלן. איך וויל זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר דעם אופֿן, ווי ער איז געשריבן. אַז „מאַניש“ איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, האָב איך באַקומען פֿיל ליב-בריוו, אָבער די אַלע, וואָס האָבן געלויבט, האָבן באַמערקט, אַז דאָס פֿאָלק פֿאַרשטייט נישט „מאַניש“. און אויב אַזוי — צו וואָס טויג עס? אָבער איך נעם עדות אונדזערע מאַסן, אַז אויב זיי פֿ א ר ש ט י י ע ן נאָר לויט זייער פֿאַרשטאַנד, דערפֿאַר אָבער פֿ י ל ן זיי די שיינקייט, דעם גייסט, וואָס שוועבט איבערן שיר. און דאָס איז דאָך דער צוועק פֿון דעם שיר — נישט אויסצודריקן דורך מליצות דאָס

באַקאַנטע, נאָר אויפֿצוּדעקן נייע הימלען, צו שאַפֿן פֿאַרן פֿאָלק נייע באַגריפֿן, אַריינצודרינגען צו אים מיט נייע געדאַנקען, און נישט איבערדערציילן דאָס אַלטע און פֿאַרעלטערטע. דער לעזער באַדאַרף טאַקע לייענען איין מאָל און אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל, אָבער וואָס מער ער וועט לייענען, וועט ער אַלץ מער פֿילן, אַלץ מער פֿאַרשטיין — און דאָס איז דאָך די אויפֿגאַבע!“

פּרץ פֿאַרשטייט אין דעם פֿאַל דעם שעפֿערישן פּראָצעס, ווי אַן אַקט, וואָס איז דער עיקר אויסער דעם באַוווּסטזיין פֿונעם שעפֿער. דאָס זעלבע איז אויך מיט דעם לייענער, וועלכער דאַרף אין דעם פֿאַל, לויט פּרץ'ס מיינונג, אויפֿנעמען די פּאָעטישע ווערק בלויז מיטן געפֿיל, און נישט מיט זיין באַוווּסטזיין. אָט קעגן אַזאַ מיינונג וועגן דיכטער און לייענער איז, פֿאַרשטייט זיך, שלום-עליכם אויפֿגעשטאַנען. דאָס האָט אינגאַנצן נישט געשטימט מיט זיינע אַרויסזאָגונגען וועגן ליטעראַטור אין זיינע בעלעטריסטישע ווערק, אין זיין „שמ“ר'ס משפּט“ און אַנדערע קריטישע אַרבעטן. אָבער שלום-עליכם האָט מיט איין העלפֿט פֿון פּרץ'ס אַרויסזאָגונגען געווים איינגעשטימט: ער איז קיינמאָל נישט געווען פֿאַר דעם, אַז די ליטעראַטור זאָל „איבערדערציילן דאָס אַלטע און פֿאַרעלטערטע“, נאָר פֿירן דעם לייענער אויפֿן וועג פֿון פּראָגרעס, באַרייכערן אים „מיט נייע באַגריפֿן, מיט נייע געדאַנקען“.

„אַז מיר ווילן אַריינברענגען נייע געדאַנקען, — שרייבט ווייטער פּרץ צו שלום-עליכם'ן, — מוזן מיר געבן אויך נייע פֿאָרמען, נייע אויסדרוקן, ווייל דער אַלטער לבוש פּאַסט זיך נישט צו צום נייעם. די אויסדריקן זעען אוים לכתחילה פֿרעמד, אָבער סוף-כל-סוף וועלן זיי אַריינדרינגען ווי וואַסער אין דעם לעזער און וועלן באַרייכערן זיין פֿאַרשטאַנד. דעריבער האָב איך זיך נישט געמיט צו באַשרענקען מיינע געדאַנקען און באַגרענעצן זיי מיט די אויסדריקן פֿון המון“. דאָ גייט פּרץ ווידער נישט אויף דעם ברייטן רעאַליסטישן שליאַך, אויף וועלכן עס זענען געגאַנגען מענדעלע און שלום-עליכם. אינהאַלט און פֿאָרם איז טאַקע אַן אומצערייסבאַרע איינהייט, אָבער דער נייער אינהאַלט באַהעפֿט זיך נישט מיט דער נייער פֿאָרם אין איין הרף-עין, די אַלטע פֿאָרם אין דער ליטעראַטור לעבט נאָך אַ גאַנץ דויערנדיקע צייט מיט דעם נייעם אינהאַלט. דאָס איז אַ קאָמפּליצירטער דיאַלעקטישער פּראָצעס, און פּרץ, וועלכער איז געקומען אויפֿקלערן דאָס פֿאָלק, האָט פּאַקטיש, ווי ער אַליין אַנערקענט אין זיין בריוו, נישט גערעדט אויף דער אמתער פֿאָלקס-שפּראַך“

„פאַרקערט, — שרייבט ער צו שלום־עליכם׳ן, — איך האָב זיך געווענדט נישט צו זיין (דעם המון) שפּראַך, נאָר צו דער שפּראַך, וואָס דריקט אָמ־שאַרפסטן אויס דאָס פּילבאַרע״ *.

אָט די דאָזיקע אייגנשאַפט אין פּרץ׳עס סטיל האָבן אים אָפּגעשטויסן פון שלום־עליכם׳ן, און די נאָך דעמלט יונגע צוויי גרויסע שרייבער האָבן גענומען דערווייטערט ווערן איינער פון דעם אַנדערן. שלום־עליכם האָט פּרץ׳עס נייע פּאָעמע נישט געדרוקט נישט בלויז צוליב איר באַדיי־טנדיקער צאָל שורות, נאָר אויך צוליב דער ספּעציפישקייט פון פּרץ׳עס פּאָעטישן סטיל, וואָס האָט זיך אין יענעם מאָמענט דערווייטערט פון דעם עכטן פאָלקסטימלעכן.

שלום־עליכם איז שוין דעמלט געגאַנגען מיט פעסטע טריט אויפן רעאַליסטישן וועג, האָט זיך פון אים קיינמאָל נישט אָפּגעקערט אָן א זייט. זיין קינסטלערישע וועלט־אַנשויונג איז געווען אין גרונט פריי פון ווידער־שפּרוכן. פּרץ׳עס קינסטלערישע וועלט־אָנשויונג אָבער האָט פאַרמאָגט, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט אין זיינע „זכרונות״, „אַ גרויסע דאָזע מיסטישע רעזיגנאַציאָן״, „טרויעריקע דעקאַדאַנסן פון חסידיזם, חורבות פון וועלט־אָנשויונגען״.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס צו פּרץ׳עס פופציקיאָריקן יובילײ האָט די קריטיק אָפּגעמערקט די ווידערשפּרוכן אַלס דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר אים: „אומזיסט וועט איר זוכן ביי אים א סיסטעם, אן אנשויונג, א גאַנג... ער איז א דיכטער, און וווהין עס טראָגט אים זיין פאַנטאַזיע, אַהין פליט ער. אַמאָל זידלט ער דעם חסידיזם... און אַמאָל טוט ער אָן א קראַנץ אויף זיין קאָפּ פאַר דער פּאָעזיע און פאַנטאַזיע, וואָס איז אין אים באַהאַלטן. אַמאָל צאַרנט ער קעגן דער רעליגיע, און אַמאָל לויבט ער זי און דערהויבט זי״.**

שלום־עליכם האָט אָבער פּרץ׳ן נישט אָפּגעשטויסן פון זיין אויסגאַבע. ער האָט נישט געדרוקט זיינע פּאָעטישע שאַפונגען, האָט ער אָבער אינעם צווייטן באַנד פון זיין „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק״ געדרוקט זיינע דריי פּראָזע־זאַכן: „דער כעלמער מלמד״, „וועגום און שולמית״, „יאַנקעלע פעסימיסט״. אין זיינע פּראָזע־ווערק איז פּרץ געווען, אין קעגנטייל צו

---

* בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ.

** י. ח. זאַגאָראָדזקי, ציטירטער אַרטיקל.

זיינע פּאָעטישע ווערק, ביז גאָר נאָענט דעם לייענער פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

ביי זיין רוף צו אחדות האָט זיך פּרץ געהאַלטן די ערשטע פּאָר יאָר פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט שלום־עליכם'ן. „סיי מיין שיר וועט זיך יאָ דרוקן און סיי נישט, — שרייבט ער צו שלום־עליכם'ן, — זענען מיר דאָך מענטשן, ברידער פון איין מלאכה, און אונדזערע מיינונגען, אפילו אויב זיי זענען פאַרשיידענע, וועלן אונדז נישט שטערן"... אָבער שלום־עליכם האָט דאָך געפילט, אז פּרץ איז צו אים נישט ווי געכטן און ווי אייערנעכטן, און ער האָט אים, פּרץ'ן, וויזט אויס, אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף. אויף דעם האָט שלום־עליכם באַקומען פון פּרץ'ן אַן ענטפער: „ נאָך אַמאָל פאַרזיכער איך אייך, — שרייבט ער, — אַז איך האָב גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט צו ד ע ר ו ו י ט ע ר ן זיך פון אייך מיט מיין אַרבעט, און אויב עס וועלן זיין ביי מיר טענות און מענות, וועל איך זיי זאָגן מיטן פולן מויל, ווייל די „פאָלקס־ביבליאָטעק" שטייגט איבער מיט איר באַדייטונג אַלץ, וואָס איז ביי אונדז געדרוקט אין אונדזערע ביידע ליטעראַטורן".

אָט אין אַזאַ צושטאַנד האָבן זיך געפונען די באַציונגען צווישן פּרץ'ן און שלום־עליכם'ן ערב דער דערשיינונג פונעם צווייטן באַנד „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק".

## 5

אין די יאָרן 1889—1890 שרייבט פּרץ פיל נישט נאָר דיכטונג, נאָר אויך פּראָזע. ער ווערט א פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, וועלכער פילט אין זיך דעם כוח און שטרעבט צו שטעלן זיך ביים רודער פון דער יידישער ליטעראַטור. ער פאָרט אַריבער קיין וואַרשע און אין יאָר 1890 מאַכט ער זיין באַוווּסטע רייזע איבער דער פּראָווינץ, ווי א מיטגליד פון א סטאַטיסטישער עקספּעדיציע. פּרץ, וועלכער איז געווען פעסט אין זיינע ליטעראַרישע פּרינציפּן, האָט, ווייזט אויס, דעמאָלט געשטעלט זיך פאַר א ציל צו באַפרייען זיך פון א פרעמדער רעדאַקטאָרישער האַנט, שאַפן פאַר זיך אַן אייגענע טריבונע און פירן פריי א פּראָפּאַגאַנדע פאַר זיינע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע און ליטעראַרישע אָנשויונגען, די באַציונגען צווישן שלום־עליכם און פּרץ זענען געוואָרן אַלץ ווייניקער פריינדלעך.

אז שלום־עליכם'ס **„יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק"** האָט זיך אָפּגע־

שטעלט, האָט זיך פּרץ גענומען צו פֿאַרווירקלעכן זיין פּלאַן וועגן אַרויסגעבן אַן אייגענעם זאַמלבוך און אין יאָר 1891 הויבט אָן פּרץ אַרויסגעבן זיין זאַמלבוך „יידישע ביבליאָטעק“.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דער נאָמען פֿונעם זאַמלבוך האָט אַרויסגערופֿן ביי שלום-עליכם'ן גרויס פֿאַרדרוס אויף פּרץ'ן, אין א געוויסער מאָס האָט דער נאָמען ווירקלעך פֿאַרפֿירט דעם לייענער, ווייל ער האָט אין פּרץ'עס זאַמלבוך געקאָנט זען א פֿאָרזעצונג פֿון שלום-עליכם'ס „יידישע פֿאָלקס-ביבליאָטעק“. שלום-עליכם האָט זיך אין יענער צייט נאָך נישט אָפּגעזאָגט פֿון פֿאָרזעצן זיין אויסגאַבע. דער נאָמען פֿון פּרץ'עס נייעם זאַמל-בוך האָט איצט געווירקט, אַז די צוויי שרייבער זענען נאָך מער דערווייטערט געוואָרן צווישן זיך.

אין יאָר 1892 האָט שלום-עליכם אַרויסגעגעבן זיין „קול מבשר צו דער יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק“. אין דער צייט טרעט אַרויס שלום-עליכם עפֿנטלעך קעגן פּרץ'ן אין זיין „קול מבשר“.

אין זיינע פֿעליעטאָנען „א בריוו פֿון דער יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק צו איר אַרויסגעבער שלום-עליכם“ און „אַן ענטפֿער פֿון שלום-עליכם'ן צו דער יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק“ האָט ער אויסגעדריקט זיין שווערן שטימונג און בענקשאַפֿט נאָך דער „יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק“, וועלכע ער האָט געמוזט אָפּשטעלן. אינעם „בריוו“ געפֿינען מיר אַזאַ מין ווענדונג פֿון דער „יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק“ צו שלום-עליכם'ן: „זאָלסט אָנקוקן, וויאַזוי אַנדערע נעמען זיך איבער פֿאַר מיר, טוען מיר נאָך ווי די מאַלפּעס, ציען ארויף אויף זיך מיין פּנים, כלומרשט, מיינע קליידער, אפֿילו דעם נ אָ מ ע ן מיינעם באַנוצן זיי און שפּרינגען איטלעכן אין די אויגן אריין“. ס'איז קיין ספֿק נישט, אַז די דאָזיקע קאַפּוליע אָנצוהערעניש האָט יעדער לעזער געווים צעשיפֿרירט און האָט באַלד געוווּסט אַז דאָס מיינט פּרץ'ן.

און שלום-עליכם באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט אָנצוהערענישן און טרעט אַרויס אָפֿן קעגן פּרץ'עס ווערק. אמת, נישט קעגן זיינע פּראָזאיש ווערק, וואָס זענען געדרוקט אין דער „יידישער ביבליאָטעק“ און נישט קעגן דעם זאַמלבוך בכלל. אָבער האָט זיך שלום-עליכם, ווייזט אויס, צו פּרץ'עס פּראָזע נישט באַציִגן אַזוי ווי צו זיין פּאָעזיע. ער האָט זיך גענומען צו פּרץ'עס א לידער-זאַמלונג „פּאָעזיע“, וועלכע האָט געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פֿון עקספּערימענטאַלישקייט, קינצלערישקייט און שלא כדרך-הטבעדיקייט פֿאַר דעם יידישן פֿערז. עס האָבן דאָרטן אויך

נישט געפעלט קיין פּראָווינציאַליזמען, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר דעם פּויליש־יידישן דיאַלעקט. אונטער דעם פּסעוודאָנים „קריטיקוס דער צווייטער" רייסט איצט שלום־עליכם אַראָפּ פּרץ'עס פּאָעטישע עקס־פּערימענטן.

ברענגענדיק אייניקע אויסצוגן פון פּרץ'עס ליד „כסא שלמה", שרייבט שלום־עליכם: „פון אויבן אויף קומט דאָס אויס אפילו אביסעלע טונקל, וויטלער פון פאַרשטאַנד, עפּעס ווי א מין שפּרוך פון א מכשף, אָדער א סגולה צו צאָנווייטיק..." און דאָ אַנטבלויזט שלום־עליכם פּרץ'עס קוק אויף פּאָעזיע, וועלכע דאַרף כלומרשט נישט ריידן צום באַוווסטזיין פון לייענער: „פּאָעזיע איז נישט קיין פּיפּערנאָטער, — שרייבט שלום־עליכם, — פּאָעזיע באַדאַרף האָבן קודם א געדאַנק, און דער געדאַנק באַדאַרף זיין אַרויסגערעדט אזוי, אַז מע זאָל פאַרשטיין, עס זאָל זיין ביי וואָס אָנצו־נעמען, ובפרט, אז מע שרייבט פאַרן פאָלק אין זשאַרגאָן, באַדאַרף מען ערשט זען, אז עס זאָל עפּעס זיין געזאָגט, נישט גלאַט א מישמאַש פון משונה־ווילדע הויכע ווערטער, לאָקש, בווידעם, ציבעלע, פּיזעם, קאָנבל, קובעבע מיט לאַקריצע, ווי למשל דאָס צווייטע ליד „דעם לייבס לוויה", וואָס איז אויך פאַרשטעלט פון סודות" *.

דער לייענער האָט נישט געקאָנט פאַרבייגיין אַזאַ מין קריטיק אויף פּרץ'ן, וואָס איז געווען געדרוקט אין אַ זאמלבוך פון אַזאַ שווין אין יענער צייט באַרימטן שרייבער, ווי שלום־עליכם.

פּרץ'ן האָט די דאָזיקע רעצענזיע שטאַרק געטראָפן און אין דעם זעלבן יאָר שרייבט ער אין א בריוו צו ב. גארין: „שלום־עליכם טרעט צו אַרויסצוגעבן דעם דריטן באַנד; דערווייל האָט ער אַרויסגעגעבן דעם „קול מבשר", צוזאַמענגעשטעלט אויסשליסלעך קעגן מיין אומגליקלעכער פּערזאָן". שלום־עליכם'ס באַציונג צו זיין שאַפן האָט פּרץ'ן שטאַרק באַ־אומרואיקט. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז שלום־עליכם'ס קריטיק איז ני־דעריקער פון שלום־עליכם'ס ווירדע און איז בשום אופן נישט קיין גע־רעכטיקע. „שלום־עליכם — שרייבט ער אין דעם זעלביקן בריוו — איז פּאָרט א טאַלאַנטירטער שרייבער! פאַרוואָס קריכט ער אין בלאָטע?..." פּרץ'עס אויפריכטיקע באַציונג צו ליטעראַטור האָט אים פאַרהיט פון פּערזענלעכע פּניות און ער קאָן נישט פאַרבייגיין די צוויי שלום־עליכם־

---

* „קול מבשר צו דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק", אָדעסאַ, 1892.

דיקע שעדעוורן, וואָס זענען אינעם „קול מבשר“ גיצדרוקט. „אין „קול מבשר“ — גיט פרץ צו — זענען גוט דאָס געדיכט „וויגען=ליד“ און אויסגעצייכנט איז געשריבן „לאנדאָן“ (א קאפיטל פון מנחם מענדל — או. פ.), דאָס איבעריקע — נול. און אַלץ, דוכט זיך, אָנגעשריבן פון איין פען“.

נאָך דעם איז שלום=עליכם דריי יאָר עפנטלעך נישט ארויסגעטראָטן קעגן פרץ'ן, אָבער זיין פאַרדראָס אויף פרץ'ן פערזענלעך און זיין באַציונג צו אים אלס דיכטער האָט זיך נישט געביטן. דאָס זעען מיר פון זיינע בריוו צו ספעקטאָרן און צו ראַווניצקין. אין יאָר 1895 מאכט שלום=עליכם אַ פרווו ווידער אַרויסטרעטן עפנטלעך קעגן פרץ'ן דעם דיכטער. ער שיקט צו מ. ספעקטאָרן פאר דעם „הויז=פריינד“ אין דער „רובריק פון קליינקייטן“ אן ארטיקל א.נ. „פאָדראָזשאַניע“. ספעקטאָר האָט אָבער נישט געפונען פאר נויטיק צו דרוקן עס.

איניינעם מיט פרישמאנס פאַראָדיעס „לאָקשן“ און „א פלוי פון תשעה=באב“ האָט אָט די „פאַראָזשאַניע“ געדארפט שאפן א שטימונג ביים לייענער וועגן דער נישטיקייט פון פרץ'עס דיכטערישער טעטיקייט, און אזוי ווי זי איז נישט געדרוקט געוואָרן, קאָנען מיר פארצייכענען נישט מער ווי איין עפנטלעכע ארויסטרעטונג פון שלום=עליכם'ן קעגן פרץ'ן אין הער פרעסע.

אין יאָר 1895 און 1896 הויבט אָן פרץ צו פירן אן אטאקע קעגן שלום=עליכם'ן. אַרויסטרעטנדיק אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איבערזעצערישער טעטיקייט פון א. קאטיק און א. ברעסלער, קעגן רוסיציזמען אין דער יידישער שפראך, ווייזט פרץ, אז כלומרשט שלום=עליכם איז דער, וואָס האָט פאַרמיסטיקט די יידישע שפראך מיט נישט קיין אָרגאַנישע פאר איר רוסיציזמען. „שלום=עליכם — שרייבט ער — האָט דער ערשטער געשעט צו טאָפטש'ן מיט די פיס, אויסטראָפען די פאָטשווע, צו שרייבן: גראַביאָזש! און צו מאַכן אַ פאָלגע נאַפאַדיעניע אויף שמ“רס קרעפאָסטן און אוקרעפליעניעס און האָט אים גאנץ אומאָנגענעם געהרגעט“. דאָ, האַרף מען באַמערקן, האָט פרץ אָנגעהויבן אויך פירן אַ קאמף פאר דאָס רעכט פון פאָלאָניזמען אין דער יידישער שפראַך, אָנווייזנדיק זייגע קעגנער, הער עיקר שלום=עליכם'ן, אויף צופעליקע און נישט=אָרגאַנישע רוסיציזמען. די זעלביקע פאַרטיידיקונג פון פאָלאָניזמען זעצט ער פאָר אין זיין אַרטיקל „די קראַנקע נערוון“, געשריבן אין יאָר 1896. דרך=אגב רעכנט ער זיך אָפּ מיט שלום=עליכם'ן פאר זיין

שוין דערמאָנטער רעצענזיע אין „קול מבשר צו דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“. „שלום־עליכם, איינער פון די בעסטע זשאַרגאָניסטן, — שרייבט ער, — האָט אמאָל נישט געוווּסט, וואָס מע מיינט „פּאָעזשיווע“. אַן אנדער אויף זיין אָרט רופט אריין דעם ערשטן בעסטן פּוילישן ייד און פרעגט, וואָס דאָס וואָרט באַטייט. ער איז אָבער נערוועז, שטעלט ער זיך אנידער, ווי אַן אָקס מיט גרויסע הערנער, אין זיין אמעריקאנישן רעקלאמאציאָנס „קול מבשר“ און בלעקט ארויס: „מאַי פּאָעזשיווע? כדי ער זאָל „פּאָסטפּאַקטום“ געוואָר ווערן, אז פּאָעזשיווע איז דאָס איינעגע, וואָס „קראָפּיווע“, דאָס הייסט אַ מין געוויקס, וואָס פאסט אזוי אין אַ גאָרטן אַריין, ווי זיין „קול מבשר“ אין אַן אָרנטלעכער ליטעראַטור“. פאר דער עפנטלעכקייט האָט פּרץ פארגעסן, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן צוויי זאַכן, וואָס זענען געווען געדרוקט אין „קול מבשר“ אין דעם שוין ציטירטן בריוו צו ב. גארין.

6

פּרץ'עס טאַלאַנט האָט זיך פאנאנדערגעבליט אַלץ מער און מער. פאר די צוועלף יאָר, זינט פּרץ האָט דעביוטירט אין דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“, פון 1888 ביז 1901, איז ער געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע יידישע שרייבער. זיין געזעלשאפטלעכע און ליטעראַרישע טעטיקייט האָט אים פארבונדן מיט די סאמע ברייטסטע שיכטן פון די יידישע פאָלקס־מאסן אין פּוילן און רוסלאנד. פיל פון זיינע ווערק האָבן מיט א מעכטיקער קראַפט אָפּגעשפּיגלט דעם שווערן מאַטעריעלן צושטאנד פון די האָרעפּאשנע און ארבעטער־שיכטן. מיט א באזונדערן חן האָט ער געשילדערט דעם הויכן גייסטיקן ניוואָ פון אונדזערע פאָלקס־מאַסן, זייער לויטערע מאָראַלישקייט.

זיינע „יום־טוב־בלעטלעך“ זענען מיט אינטערעס געלייענט געוואָרן פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער פון דער יידישער ארבעטערשאפט אין רוסלאנד. און שלום־עליכם, וועמען עס זענען געווען טייער די אינטערעסן פון פאָלק און פון זיין קולטור, האָט אין יאָר 1901, ווען עס איז געפייערט געוואָרן פּרץ'עס פינף און צוואַנציקיאָריקער יובילײ (זינט ער האָט אָפּגעדרוקט זיינע ערשטע העברעישע לידער) און פופציק יאָר פון זיין געבורטס־טאָג, זיך געווענדט צו פּרץ'ן מיט אַ באַגריסונג, אין וועלכער ער פרווט אָנערקענען זיין טעות, אָבער ווי ער באַטאָנט דאָך דעם אונ־

טערשייד צווישן זיין סטיל און פּרץ'עס, צווישן זיין וועג און דעם יובי־ליאַרס. אין דער באַגריסונג, געשריבן אין העברעיש און יידיש, איז צווי־שן אַנדערן געזאָגט געוואָרן אָט וואָס:

„היום שלושה ושלושים יום, שהם ארבעה שבועות וחמישה ימים לעומר בשנת תרס"א, שהיא שנת היובל לפרץ; ובכן יהי הרצון שבזכות ספירת העומר שספרתי היום יתוקן מה שפגמתי בספירה...

„...צ ו ו י י שמידן קלאַפּן מיט צ ו ו י י ע ר ל י י האַמערס אין אייזן,

צוויי אַרבעטער האָרעווען מיט צווייערליי געצייג איבער איין אַרבעט.

צוויי רייזנדע שפּאַנען פון צ ו ו י י ע ר ל י י פּונקטן צו איין ציל.

צוויי ליטעראַטן שרייבן מיט צווייערליי פּענעס צוליב איין פאָלק.

לעבן זאָל אונדזער פאָלק!<br>
לעבן זאָל זיין ליטעראַטור!<br>
לעבן זאָלן אירע געטרייע אַרבעטער!<br>
לעבן זאָל דער פאָלקס־יובילאַר פּרץ!...“

אָבער דאָך איז זייער לאַנגזאַם פאָרגעקומען די דערנענטערונג צווי־שן די צוויי גרויסע שרייבער. שלום־עליכם האָט בשום אופן נישט געקאָנט גלייכגילטיק אויפנעמען פּרץ'עס נעאָחסידיזם און די אינדיווידואַליסטי־שע שטריכן, וואָס עס האָבן זיך גאַנץ אָפט געלאָזט מערקן סיי אין פּרץ'עס שאַפן און סיי אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ווען מיר זאָלן גלויבן י. ד. בערקאָוויטשן, און מיר האָבן גישט קיין גרונט נישט צו גלויבן אים, האָט שלום־עליכם אין אייניקע יאָר אַרום נאָך פּרץ'עס יובילײ דער־קלערט פאַר אים און פאַר בעל־מחשבותן זיין אָפּגעפרעמדקייט פון פּרצן אויף אַזאַ מין אופן: „ער (פּרץ) איז אַ בעל־גאווה קעגן פאָלק — האַלט זיך מיטן פאָלק מעשה־פּריץ, רעכנט דעם המון נידעריקער פון זיך, רעדט מיט אים נישט אויף זיין שפּראַך, נאָר זאָגט פאַר אים „תורה“ — פול מיט כוונות, מיט רמזים, מיט פּינטעלעך... רינגלט זיך אַרום מיט יונגע־לייט־חסידים, צווישן זיי אַ סך גאָרנישטן, פליאַסקעדריגעס, וואָס באַמקען צו צו יעדן האַלבן וואָרט זיינעם, קומען אַריין אין קעלבערנע התפּעלות פון יעדן וווּנק זיינעם, פון יעדן קנייטש מיטן ברעם „אײ־אײ, פּלאי־פּלאים!“

עס פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע דערקלערונג שלום־עליכם'ס איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. פּרץ האָט זיך קיינמאָל נישט געהאַלטן „מיטן פאָלק מעשה־פּריץ“, עס איז אָבער נישט געווען ביי אים אָט די צוגע־

לאָזטקייט צום פאָלק און די פאָלקסטימלעכע געניאַלע פשטות, וואָס צווישן אונדזערע קלאַסיקער האָט זי פאַרמאָגט נאָר שלום־עליכם.

אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט און אפילו שפּעטער האָבן זיך געפונען געגנער ליטעראַרישע פליאַסקעדריגעס, וואָס האָבן פּרץ'ן געהויבן, אַראָפּוואַרפנדיק גאָר ניזעריק דעם גרויסן ווערט פון שלום־עליכם'ן. זיי האָבן אים אָנגערופן פעליעטאָניסט, געהאַלטן אים פאַר א ליץ און נישט פאַרשטאַנען די קאָלאָסאַלע באַדייטונג פון זיין טאַלאַנט פאַר דער יידישער ליטעראַטור בפרט און פאַר דער וועלט־ליטעראַטור בכלל. אַזאַ לאַגע האָט, פאַרשטייט זיך, אויפגערעגט שלום־עליכם'ן קעגן פּרץ'ן.

די דאָזיקע „פיינשמעקער" — אינדיווידואַליסטן און נאַציאָנאַליסטן מכל המינים — האָבן אָפּגעלייקנט די יידישע ליטעראַטור ביז פּרץ'ן, און פון פּרצן האָבן זיי גענומען בלויז די שוואַכערע און אפילו נישט קיין פאַרגעשריטענע עלעמענטן פון זיין שאַפן. נישט איין מאָל האָט מען שלום־עליכם'ן געגעבן אָנצוהערעניש, אז ער דאַרף גיין אין חדר סיי צו דער פּרץ־פּערזענלעכקייט, סיי צו פּרץ דעם שרייבער. שלום־עליכם האָט נישט אָן אויפרעגונג וועגן דעם געענטפערט בעל־מחשבותן: „א וועגווייזער מעג זיין אזא ווי טאָלסטאָי, אזא ווי טשעכאָוו, וואָס מאַכן נישט קיין אָנשטעלן, שרעקן נישט דעם עולם מיט זייער טיפער חכמה, וואָס מע דאַרף האָבן א זכיה זי צו פאַרשטיין — זיי זענען אזוי עכט און אזוי אויפריכטיק, אז אלע פאַרשטייען זיי. אָט ביי וועמען מיר דאַרפן זיך לערנען, וויאזוי צו שרייבן... יידיש שרייבן — האָט שלום עליכם ווידער געזאָגט — וואָלט מען, דאַכט זיך, שוין געמעגט גיין לערנען זיך ביי אבראמאָוויטשן".

אָט אין דער אַרויסזאָגונג שלום־עליכם'ס פאַר בעל־מחשבותן און דעם יונגן בערקאָוויטש ליגט אפשר דער הויפּט־שליסל צו פאַרשטיין די אָפּגעפּרעמטע און נישט פריינדלעכע באַציונגען צווישן די צוויי גרויסע יידישע קלאַסיקער. שלום־עליכם האָט זיינע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור געמאַכט ווי א טרייער תלמיד פונעם רוסישן רעאַליזם, פון זיינע פאַרגעשריטענע פאָרשטייער און עס זענען אים אינגאַנצן געווען פרעמד פּרץ'ס „מיסטישע רעזיגנאַציאָן"... „טרויעריקע דעקאַדאַנסן פון חסידיזם".

שלום־עליכם האָט געהאַלטן, אז א פּאָזיטיווער אָפּרוף אפילו אין א פובליציסטישע פאָרם וועגן דעם אויפקום פון חסידיזם איז שעדלעך פאַר דעם לייענער פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאסן. „ס'איז אומבאַדינגט

נויטיק — שרייבט שלום־עליכם צו ש. דובנאָוון — אין געוויסע ערטער די ארבעט (געשיכטע פון חסידיזם — אַ. פ.) קירצן. דער עיקר מוז מען מיט „מייגע" לעזער איינגאנצן אין אַן אנדער טאָן רעדן מכוח „שבחי בעש"ט". „מיינע" לעזער קאָנען עס אָננעמען פאַר א גוטער מטבע און דעמלט וועט דערפון ארויס א צווייטער „שבחי בעש"ט" *.

גלייך ווי זיי האָבן פארלאָזן שלום־עליכם'ען, האָט בעל־מחשבות געזאָגט צו בערקאָוויטשן: „א האַרץ פילט אַ האַרץ, פונקט אַזוי קריכט פרץ פון דער הויט פארלייקענען שלום־עליכם'ן" **. און ווי בערקאָוויטש דערציילט, האָט עס בעל־מחשבות אויסגעטייטשט, ווי אַ רעזולטאַט פון פערזענלעכע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. די פאַרשידענע אָנשווינגען אויף דער ליטעראַטור, וואָס די צוויי קלאַסיקער האָבן געהאַט זענען דערקלערט געוואָרן פאַר פערזענלעכע ריוואַליטעטן אויפן באָדן פון פערזענלעכע אַמביציעס.

7

דעם ערשטן טראָט צו דערנענטערן זיך צווישן זיך האָט געמאַכט שלום־עליכם. דאָס איז געווען נאָך דעם, ווי ער האָט זיך באַקאַנט מיט דעם נאָר וואָס דערשינענעם באַנד פרץ'ס „פאָלקסטימלעכע־געשיכטן". דאָ האָט שלום־עליכם זיך איבערצייגט, אַז ער האָט אומזיסט באַשולדיקט פרץ'ן אין ווייט זיין פון די פאָלקס־מאַסן, אין קוקן אויף זיי פון אויבן אַראָפּ. דעמלט האָט ער, ווי עס ווערט דערציילט, אַוועקגעשיקט צו פרץ'ן אַ באַגייסטערטן בריוו, ווו ער האָט געזאָלט דערקלערן: „אַז איך האָב דורכגעלייענט די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", בין איך צוגעגאַנגען צום שפּיגל און זיך אַליין געגעבן צוויי פּעטש דערפאַר, וואָס איך האָב ביז אַהער נישט געוווסט, וויאַזוי אָפּצושאַצן אייער ווערט!" ווי מע דערציילט, איז פרץ געווען זייער צופרידן מיט שלום־עליכם'ס אַנערקענונג. מיט אַ באַזונדער פרייד זאָל ער דעם דאָזיקן בריוו געהאַט געלייענט פאַר אַלע זיינע גוטע פריינד.

שלום־עליכם האָט געהאַלטן די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" פאַר

---

* שלום־עליכם, אויסגעוויילטע בריוו, מאָסקווע, פארלאַג „עמעס", 1941, ז. 69.

** שלום־עליכם־בוך, י. ד. בערקאָוויטש, מיט דער משפחה פון שרייבער.

פּרץ'ס בעסטע שאַפונג. י. ד. בערקאָוויטש דערציילט: „איך געדענק, ווי איין מאָל אין נערווי, שפּאַצירנדיק אויפן ברעג ים מיט איינעם א באַקאַנטן פאַרשטייער פון דער דעמאָלטיקער רוסישער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער פּאַרטיי... און וועלנדיק דערווייזן אים, צו וואָס פאַר א הויכער מדרגה די יידישע ליטעראַטור האָט דערגרייכט, האָט ער אים רעקאָמענדירט פּרץ'ן (וועמענס נאָמען יענער האָט צום ערשטן מאָל געהערט). דערביי האָט שלום=עליכם מייסטערהאַפט איבערגעזעצט אויף רוסיש די „דריי מתנות". פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און איז געווען גליקלעך, אַז זיין צוהערער האָט די דאָזיקע זאַך באַוואונדערט ווי א ליטעראַרישע פּערל" *.

ביסלעכווייז האָבן איינע די אַנדערע אנערקענט און האָבן זיך ענדלעך דערנענטערט און באַפריינדעט. פּרץ האָט גענומען עפנטלעך אַרויסזאָגן זיין פּאָזיטיווע באַציונג צו שלום=עליכם'ן סיי אין פּריוואַטע שמועסן וועגן ליטעראַטור, סיי אין דער פּרעסע. באַזונדערס איז ער געווען באַגייסטערט פון שלום=עליכם'ס ראָמאַן „סטעמפּעניו". עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אגב, אַז ענדע די 80=ער יאָרן האָט „סטעמפּעניו" אָנגערעגט י. ל. פּרץ'ן צו זיינע קלעזמער=געשטאַלטן און קינסטלער.

מע דאַרף אָבער קאָנסטאַטירן, אַז פּרץ איז נישט אַלע מאָל געווען מסוגל אָפּצושאַצן פולשטענדיק אונדזער געניאַלן הומאָריסט שלום=עליכם'ן און זיינע אומשטערבלעכע קלאַסישע ווערק. אין זיין אַרטיקל „וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור" קען פּרץ נישט געפינען קיין אַנדער עפּיטעט פאַר שלום=עליכם'ן, ווי „דער קיעווער שלום=עליכם", וואָס „האָט געגעבן דעם קאָמי=וואיאזשאָר, דעם נאַיוו=נאַריש=איבערקלוגן פּרנסה=זוכנדיקן איבערזידלער פון דער קליינער אין דער גרעסערער שטאָט אַריין, און אַנטפּלעקט טביה דעם מילכיקערס טראַגיקאָמעדיע".

אָבער אַראַנק שלום=עליכם'ן איז די פריינדשאַפט צווישן אים און פּרץ'ן אַלץ ווייטער פעסטער געוואָרן, און זיי זענען אפילו איבערגעגאַנגען אויף „דו". עס האָט זיך פאַרהיט פּרץ'ס א בריוו צו שלום=עליכם'ן, אין וועלכן עס ווערט אָפּגעשפּיגלט זיין צאַרטע און נאָענטע באַציונג: „ליבער שלום=עליכם. איך בין בטבע א פיינט פון בריוו=שרייבן, אָבער דיין צושריפט צו דינעזאָנס בריוו האָט מיך שרעקלעך גערירט. וואָס זאָל איך דיך שרייבן? איך לעז אַלץ, וואָס דו שרייבסט, אַפילו וועגן

---

* שלום=עליכם=בוך.

אונדזער באַקאַנטן פּ... איך ליגן און באַוווּנדער... און וואָלט זייער געוואָלט, דו זאָלסט געזונט ווערן. זיי געזונט! דיין י. ל. פּרץ" *. אָבער שוין אַפּילו ווען די פריינדשאַפט צווישן פּרץ'ן מיט שלום-עליכם'ן איז געווען אן קיין שום ספק, האָט פּרץ וועגן שלום-עליכם'ן גערעדט נישט אַנדערש, ווי וועגן אַ „שימל-קראַצער", וועמעס עובֿדה אין דער יידישער ליטעראַטור איז בלויז אָפּצולייקענען דאָס פאַרעלטערטע און אָפּגעשטאַנענע, און נישט צו באַשטעטיקן די גרויסקייט, די הערלעכקייט, לויטערקייט און אָפּטימיזם פון דער פאָלקס-נשמה. דער גיניאַלער אויטאָר פון דעם טיף הומאַנישן, אָפּטימיסטישן, קיינמאָל נישט דערשלאָגענעם אָבער געשלאָגענעם טביה האָט געוואוסט דעם כּלל, אַז „קטאָ סטאַראָיע וואָספּאָמנים, טאָמו גלאַז וואָן" (ווער עס וועט דאָס אַלטע דערמאָנען, יענעם זאָל די אויג אַרויס) און ער האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק.

## 8

שווער האָט שלום-עליכם איבערגעלעבט פּרץ'ס טויט. אין דער פרעמד, אין אַמעריקע, האָט ער זיך וועגן דעם דערוווּסט. „אַ ברייט וואָרעם האַרץ, — האָט ער געשריבן וועגן פּרץ'ן, — אַ קאָלאָסאַלער קאָפּ, אַ מענטש אַ ריז — אָט דאָס איז געווען דער איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט; און דער עיקר — אַ פּיקח, מיט אויגן פון אַ תּלמיד-חכם, טיפע, בליצנדיקע, גרויסע אויגן. אַ ברייטער בליצנדיקער קוק און אַ מויל, וואָס פּערלט, געדאַנקען, וואָס ברויזן, זעצן פון אַ קוואַל, און ווערטער אַזעלכע שיינע און אַזעלכע געפליגלטע, אַז ס'איז נאָר געווען אַ וווּנדער, פונוואַנען נעמען זיך צו אונדזער אַזוי געראָפּענער „אָרעמער שפּראַך" אַזוי פיל פיינע קיילעכדיקע פערלדיקע ווערטער?" **.

עס ווערט דערציילט, אַז אויף אַן אָוונט פון „שלושים" נאָך פּרץ'ס טויט איז שלום-עליכם געזעסן אַ ציטערדיקער אויף דער שטול צווישן די שרייבער אויף דער בינע, צוגעמאַכט די אויגן, אַן אויסגעבלייכטער און האָט זיך צוגעהערט צו דעם רעפעראַט, וואָס ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן וועגן די דריי גרונטלייגער פון אונדזער נייער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע, פּרץ, שלום-עליכם.

---

* בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ.

** שלום-עליכם, „יידישע שרייבער", ב. 15, ז. 75.

זיין רעדע האָט שלום=עליכם געהאַלטן זיצנדיק און צווישן אַנדערע האָט ער געזאָגט:

„דער חשובער ד״ר זשיטלאָווסקי האָט היינט גערעדט וועגן דריי, און מיר איז אַזאַ ווייטיק צו טראַכטן, אַז איצט זענען געבליבן בלויז צוויי״.

## שמעון דובנאָוו

צו שלום=עליכם׳ן קיין באַיאַרקע איז געקומען שמעון דובנאָוו. אויף דער באַגעגעניש האָט שלום=עליכם גערעדט מיט אומגעדולד. ער האָט געוואָלט מיט דובנאָוון, מיט דעם אָנגעזעענסטן קריטיקער פון די פּעטערבורגער יידיש=רוסישע זשורנאַלן, באַטראַכטן, ווי אַזוי צו לייזן פאַרשידענע פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַר דער יידישער ליטעראַטור, קלאָר מאַכן די באַציִונג צום חסידישן רעקאַדאַנס, צו פּריץ׳ס פאָרשלאַג וועגן געבן אין דער „יידישער פאָלקס=ביבליאָטעק״ אַרטיקלען איבער סאָציאָלאָגיע און אויך דורכרעדן זיך וועגן זיינע אַרבעטן איבער חסידיש. ער איז אינגאַנצן מסכים מיט דובנאָוון בנוגע זיין קוק אויף דעם אויפקום פון חסידיזם. גלייך ווי איליאַ גריגאָריעוויטש אָרשאַנסקי, וועלכער האָט נאָך מיט יאָרן צוריק אַרויסגעזאָגט זיין פּאָזיטיווע מיינונג וועגן דעם אויפקום פון חסידיזם, זאָגט איצט אויך דאָסזעלבע דובנאָוו, נאָר ער באַשטעטיקט עס מיט מערער פאַקטן. אָבער, פּונקט ווי אָרשאַנסקי, האַלט אויך שלום=עליכם, אַז דער חסידיזם איצט איז געוואָרן אַ טאָרמאָז פאַר דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק אין דער יידישער סביבה.

נאָך פיל און פיל פראַגן האָט צוגעגרייט שלום=עליכם צו דובנאָווס קומען. זיי וועלן זיך דורכרעדן, און עס וועט פאַר אים גופא קלאָר ווערן זיין פאַרהעלטעניש צו אַט די דאָזיקע פראַגן. אָבער דובנאָוו קומט אין אַזאַ צייט, ווען ער וועט אים נישט קענען אויפנעמען אַזוי, ווי ער האָט געמיינט, צוליב דעם פּלוצימדיקן קראַך אין זיינע געשעפטן. ער האָט שוין וועגן דעם געטראַכט, פאַרנדיק מיט אַ פּאָר טעג צוריק פון דער ביראָזשע אין באַיאַרקע: „מענטשן וועלן זיך פון מיר דערווייטערן. זיי האָבן זיך צו מיר דערנעענטערט מסתמא גיכער פון אַלץ דערפאַר, וואָס איך בין אומגעריכט רייך געוואָרן״. נאָך איין געדאַנק האָט אים שטאַרק באַאומרויקט. דאָס איז די וואָרעניש פון די דאָקטוירים וועגן זיין געפער=

לעבער נירן=קראנקהייט. עס האָט זיך ביי אים אַריינגעגנבעט א מורא פאַרן טויט.

אָבער וועגן זיינע פריינד האָט ער זיך טועה געווען. אַלע שרייבער האָבן אין דער צייט, ווען ער איז שוין געווען נישט פאַרמעגלעך און געפירט א שווער לעבן פון א יידישן ליטעראַט ביים צאַריזם, נישט אָפּגעקערט זיך פון אים און אפילו אַרויסגעוויזן נאָך מער פריינדשאַפט, ווי פריער.

מיט דובנאָוון האָט שלום=עליכם באַהאַנדלט אַלע ליטעראַרישע און קולטור=היסטאָרישע פראַגן.

די פאַראָרעמערונג פון די ארבעטנדיקע מאסן אין לאַנד, דער שטאַר=קער אָנגריף פונעם קאַפּיטאַליזם און די רעאַקציע האָבן באַוועגט שלום=עליכם'ן און דובנאָוון צו באַהאַנדלען די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד.ביידע האָבן געהאָפט אויף דעם אָנקום פון בעסערע צייטן אין דער פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד דורך א רעוואָלוציע און געגלויבט, אַז די פאַרבעסערונג וועט קומען איניינעם מיטן 20=טן יאָרהונדערט, וואָס וועט ברענגען א ניי לעבן די פעלקער פון רוסלאַנד. ווען דובנאָוו האָט פאַר=בראַכט די לעצטע שעהן אין באָיארקע, האָט ער מיט שלום=עליכם'ן באַשלאָסן צו באַגעגענען זיך אייגער מיטן צווייטן אין אָנהויב 20=טן יאָרהונדערט און זיי האָבן צווישן זיך אונטערגעשריבן דעם פאָלגנדיקן אָפּמאַך:

**Погруженные в грустные думы о превратных судьбах человеческих вообще и нашего народа — страдальца в особенности, мы решили и обязались словом, в ознаменование этого момента, непременно свидеться друг с другом через десять лет, в самом начале XX века. Доживаем ли мы? Вот вопрос, который разрешит будущее 18 июля 1890 г. Гоярка**

נכתב ונחתם בארבעה עשר לירח המר והנמהר אב בשנת צרה ומצוקה תר"ן.

**С. Дубнов**
**Соломон Рабинович**
**Свидетельствую. Ольга Рабинович**

אַז שלום=עליכם האָט דעמלט שטאַרק געטראַכט וועגן טויט איז צו זען פון זיינע בריוו אין 1890 יאָר צו מענדעלען און צו די ברידער. די דאָזיקע שטימונג איז געווען א רעזולטאַט נישט בלויז פון זיין קרענק,

נאָר, מסתמא, אויך פון זיינע געלט־געשעפטן, אין וועלכע ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט.

ווי זיין איידעם י. ד. בערקאָוויטש גיט איבער, איז „ווי שלום־עליכם אין אריבערגעקומען דעם פינאַנסיעלן קריזיס און איז פּטור געוואָרן פונעם געלט, פון וועלכן עס האָט זיך אים די לעצטע צייט „שוין געגלוסט מייקענען״, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין א בריוו צו מענדעלען, האָט זיך זיין גייסט אויסגעלייטערט און אַלע שרעקנדיקע שאָטנס זענען פאַרשוואונדן. אין אָדעם האָט ער זיך איבערצייגט אין דער ריינער פריינדשאַפט פון זיינע חברים־שריפטשטעלער — צווישן זיי אויך דובנאָוו״.

די דאָזיקע צייט איז געווען דער אָנהויב פון שלום־עליכם׳ס שווער לעבן. עס האָט זיך דעמלט אָנגעהויבן פאַר אים א לעבן פון נויט, א לעבן פון א יידישן ליטעראט אין דער צייט פון צאַריזם.

## אין געראַנגל פאַר דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק״

אין 1890 האָט שלום־עליכם פאַרלאָרן דאָס פאַרמעגן, וואָס ער האָט באַקומען אַלס ירושה פון זיין שווער. מע האָט אים אָנגעזעצט, און ער האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי אויך אָנזעצן. עס האָט אים געדראָט דאָס צאַרישע געריכט און די צאַרישע תּפיסה. די בירזשע־סוחרים און דאָס צאַרישע געריכט האָבן זיך גאָרנישט גערעכנט דערמיט, וואָס סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש איז געווען דער באַקאַנטער שרייבער שלום־עליכם.

שלום־עליכם שיקט אַוועק זיין פאַמיליע קיין אָדעס, ווי זי קומט קוים איבער אַ טאָג אין שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען און אין שרעק, עס זאָלן זי נישט באַפאַלן די קרעדיטאָרן.

שלום־עליכם אַליין שוואַרצט די גרענעץ. ער פאָרט א געוויסע צייט אַרום איבער רומעניע, גאַליציע, עסטרייך און פראַנקרייך. דאָ האָט שלום־עליכם געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זען באַשיינפּערלעך די ערשטע שרעקלעכע פאָלגן פון די עמיגראַציע־גליקן. דאָ האָט ער זיך געקאָנט צוקיקן צום שווערן הינטלאָזן לעבן פון דער יידישער אָרעמשאַפט אין רומעניע.

נאָך שווערע מאַטערנישן האָט זיך שלום־עליכם ווי־עס־איז איינ־געאָרדנט. ער זאָל שוין קענען וווינען אין רוסלאַנד לעגאַל, ער קומט

שלום־עליכם און זיין פרוי מיט זייערע טעכטער: טיסי און ליאָלי (קיעוו, 1888).

צוריק קיין רוסלאַנד און באַזעצט זיך אין אָדעס. דאָס איז געווען אין 1891.

שלום־עליכם'ס פאַרלירן דאָס פאַרמעגן האָט געבראַכט צום אונטער־גאַנג פון דער „פאָלקס־ביבליאָטעק". דאָס איז געווען אַ שווערע געשעעניש נישט בלויז פאַר שלום־עליכם'ן אַליין. דאָס האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף דער שעפערישער טעטיקייט פון די בעסטע שרייבער, וואָס האָבן אָנטייל־גענומען אין דער „פאָלקס־ביבליאָטעק", אפילו אויף מענדעלען. די „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" איז געווען דעמאָלט דער איינציקער אָרגאַן, וווּ די פּראָגרעסיווע יידישע שרייבער האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו דרוקן.

אָנהייב די 90־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט קיין פּעריאָ־דישע פּרעסע און יידיש אין רוסלאַנד נישט עקזיסטירט. עס האָבן עקזיסטירט דעמאָלט בלויז צוויי פּעריאָדישע יאָרביכער: פּרץ'ס „יידישע ביבליאָטעק" און ספּעקטאָרס „הויז־פריינד", וואָס זענען דערשינען אין וואַרשע.

פאַר דעם יידישן שרייבער האָט זיך זייער ערנסט געשטעלט די פראַגע וועגן דרוקן זיין ליטעראַרישע פּראָדוקציע. שלום־עליכם האָט נישט פאַרלאָזן דעם געדאַנק ווידער אויפצושטעלן זיין זאַמלבוך.

אין די סאַמע שווערסטע מאַטעריעלע באַדינגונגען, אין אַ צייט פון עלנט וויל שלום־עליכם ווידער אויפשטעלן זיין ליטעראַרישע היים. ער פאַרמשכנט דאָס לעצטע, וואָס איז אים איבערגעבליבן, און גיט אַרויס אַ מין פּראָספּעקט צו אַ נייעם באַנד פון „דער יידישער פאָלקס־ביבליאָ־טעק" אונטערן נאָמען „קול מבשר צו דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק".

די דאָזיקע אויסגאַבע האָט שלום־עליכם כמעט אַליין צונויפגע־שטעלט. דאָ האָט שלום־עליכם אָפּגעדרוקט דאָס ערשטע בינטל בריוו פון מנחם־מענדלען צו שיינע־שיינדלען, וואָס גייט אונטערן נאָמען „לאָנדאָן". דאָ האָט שלום־עליכם פאַרעפנטלעכט אייניקע קריטישע אַרטיקלען און פעליעטאָנען.

די „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" איז אים אָבער נישט געלונגען אויפצולעבן, ווייל צו ווייניק זענען געווען זיינע מאַטעריעלע מיטלען כדי אויפצוהייבן אַזאַ אונטערנעמונג.

שלום־עליכם האָט זיך אין אָדעס געמוטשעט וואַרפן פון איין באַ־שעפטיקונג צו דער צווייטער, כדי צו קאָנען ווי־עס־איז אונטערהאַלטן די עקזיסטענץ פון זיין פאַמיליע.

# מנחם־מענדל

מנחם־מענדל איז נישט קיין העלד פון אַ ראָמאַן און איבערהויפּט נישט קיין אויסגעקלערטע פיגור. דאָס איז נעבעך אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, מיט וועמען דער פאַרפאַסער איז פערזענלעך און גאָנץ באַקאַנט" — אַזוי האָט שלום־עליכם געשריבן וועגן איינעם פון זיינע גרונט־געשטאַלטן. אין די געבראַכטע שורות איז פאַראַן אַ גרויסער אמת.

די סעריע דערציילונגען, געשריבן אין אַן עפּיסטאָלאַרישער פאָרם מיט דעם הויפּט־העלד מנחם־מענדל, האָט שלום־עליכם, ווי אונדז איז שוין באַוווסט, אָנגעהויבן שרייבן אין אָנהייב פון די 90־ער יאָרן. אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט פאָלגט ער נאָך נאָך דעם דאָזיקן העלד זיינעם, באַאָבאַכטעט אים, באַאַרבעט און אַרבעט איבער די דערציילונגען, וואָס ווערן כלומרשט געשריבן פון מנחם־מענדלען גופא און פון זיין ווייב שיינע־שיינדל אין דער פאָרם פון אַ בריוו־וועקסלונג צווישן זיי.

דער קליינשטעטלדיקער סקאַרבאָווער האַלב־אינטעליגענט מנחם־מענדל, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אויף די פאַרעלטערטע טראַדיציעס פון דעם איינגעשלאָסענעם לעבן אינעם יידישן שטעטל פונעם געוועזענעם תחום, פאַלט אַריין אין די גרויסע מאָדערנע שטעט פון אוקראַינע — אין אָדעס און אין קיעוו — (יעהופּעץ). מיט אַ פיבערהאַפטער אָנשטרענגונג באַמיט ער זיך צוצופּאַסן צו די פאַר אים נייע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן און צו די נייע פאָרמען פונעם לעבנשטייגער. ער בויט פאַנטאַסטישע פּראָיעקטן, איינער פאַנטאַסטישער פונעם צווייטן, און שטענדיק פאַלט ער דורך שלימזלדיק.

מנחם־מענדל איז תוך אַ מענטש מיט באַגאַבטקייט, מיט פאַנטאַזיע און מיט איניציאַטיוו, אָבער דאָס פעלן פון אַ רעאַלן באָדן אונטער די פיס מוז אומפאַרמיידלעך צונישט מאַכן אַלע זיינע פּראָיעקטן, אַלע זיינע פאַנטאַזיעס. סוף־כל־סוף פאַלט ער אַריין אין אַ קאָמישער לאַגע, ווערט לעכערלעך און ווייזט זיך אונדז אויס פאַר אַ מענטש אַ טויגעניכטס, אַ פלאַפּלער, אַ מענטש, וואָס פאַנטאַזירט וועגן נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

מנחם־מענדל פאַרשטייט נישט און איז נישט אימשטאַנד צו פאַרשטיין דעם זין פון די קלעגלעכע רעזולטאַטן פון זיין טעטיקייט. דער שלים־שלי־מזל איז לויט זיין מיינונג, די סיבה פון אַלע זיינע

מפּלות און צרות. מנחם־מענדל שטרעבט נישט איבערצואַנדערשן די וועלט, פאַרקערט, מיט אַלע כּוחות שטרעבט ער זיך צוצופּאַסן צו דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. אָבער דער קאַפּיטאַליזם טאַקע שטויסט אים אָפּ און מאַכט צוניש אַלע זיינע פּלענער און שטרעבונגען. קאָמיש איז ער דערפאַר, וואָס ער פאַרשטייט נישט זיינע אייגענע אינטערעסן און וואָס ער זעט נישט די סיבות פון זיינע דורכפאַלן.

ער זעט בלויז די אויסערלעכע באַוועגונגען פונעם קאַפּיטאַליזם און זיין הו־הא. ער ווערט, לויט שלום־עליכם׳ס אויסדרוק, א לופטמענטש, שוועבט אין דער לופטן און האָט זיך נישט אין וואָס אָנצושפּאַרן.

מנחם־מענדל איז א טראַגי־קאָמיש געשטאַלט, ער איז הילפלאָז און פאַרשטייט נישט זיין לאַגע, ער רייסט זיך אומזיסט צום לעבן, רייסט זיך פונעם שטעטל און שטרעבט צו א ניי לעבן, אָבער דאָס נייע לעבן וואַרפט אים אומברחמנותדיק אָפּ פון זיך. ער איז אַ טיפּישער פאָרשטייער פון יענע שיכטן פונעם יידישן שטעטל אין צאַרישן רוסלאַנד, וואָס האָבן געלעבט אין רעכטלאָזיקייט, אין דלות, ביז די גרויסע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע האָט זיי באַפרייט און פאַרוואַנדלט אין פעיקע און נוצלעכע בירגער.

מנחם־מענדל וואַקסט איבער ביי שלום־עליכם׳ן די נאַציאָנאַלע ראַמען. ער צעשטערט שלום־עליכם׳ס געמיטלעכן הומאָר. אין אונטערשייד צו טביה דעם מילכיקן, וואָס איז א ליריש־הומאַניסטיש געשטאַלט, איז מנחם־מענדל געגעבן גראָטעסק־ארטיק, אין שאַרפע שטריכן. דאָ איז שלום־עליכם מער סאַטיריקער, איידער הומאָריסט. מנחם־מענדל וואַקסט איבער אין א סאַטירע אויף דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, ער ווערט א געשטאַלט פונעם קליינבירגערטום וואָס ווערט אָן רחמנות צעטראָטן פונעם קאַפּיטאַליזם.

„והשנית, זיי וויסן, — שרייבט מנחם־מענדל צו שיינע־שיינדלען, — אז דער עסק פון זאַוואָדן איז שטאַרק אָפּגעקילט געוואָרן, עס איז אָנגעקומען אויף זיי א קריזיס. ממש עס וואַלגערן זיך זאַוואָדלעך אין גאַס. נישטאָ קיין קונים... וואָרעם מע האָט אָנגעמאַכט אַזויפיל צוקער, אַז עס איז נישטאָ וווּ זיך אַהינצוטאָן מיט אים, כאָטש נעם וואַרף אים אַרויס. ס׳איז אין דער ערד דאָס געשעפט. די זאַוואָדטשיקעס שטאַרבן נאָך אַ גראָשן. די קאַפּיטאַליסטן האַלטן זיך אָפּ, און די מעקלערס דרייען זיך אַרום אָן א שטאָך אַרבעט, און איך אויך". — דער נאַיוו־טרוימערישער מנחם־מענדל דערציילט עס אין אַ בריוו צו זיין מער

פּראַקטישער פרוי שיינע־שיינדל. ער קאָנסטאַטירט בלויז דעם פאַקט און, ווי אַלעמאָל, דערקלערט ער עס מיט זיין שלים־שלימזל.

אָבער שלום־עליכם, דער שעפער פון דעם דאָזיקן געשטאַלט, קוקט גאָר אנדערש אויף דעם גורל פון זיין שלימזלדיקן העלד. אין זיין פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע פון „מנחם־מענדל" שרייבט שלום־עליכם, אַז ער האָט:

„...צונויפגעזאַמלט אַלע זיינע בריוו, וואָס ער (מנחם־מענדל) האָט אין פאַרלויף פון די אַכצן יאָר געשריבן אין פאַרשידענע צייטן און געדרוקט אין פאַרשידענע ערטער, צו זיין ווייב שיינע־שיינדל, ווי אויך די בריוו פון זיין ווייב צו אים, און געמאַכט פון זיי אַ בוך, מע קען זאָגן, כמעט א בריוונשטעלער.

טאַקע א בריוונשטעלער, אייגנטלעך אין זעקס באַזונדערע אָפּטיילונגען, און דערביי געהאַט א מיינונג: אַ ייד, א סוחר, אז ער וועט וועלן שרייבן א בריוו צו זיין ווייב, למשל, פון אָדעס, — זאָל ער זוכן אינעם ערשטן בוך „לאָנדאָן". א שפּעקוליאַנט אויף דער בערזע פון יקנה"ז, פון אַקציעס וכדומה אַזעלכע סחורות וועט געפינען א מוסטער אינעם צווייטן בוך „פּאַפּירלעך" אָדער אינעם דריטן בוך „מיליאָנען". א ייד א מעקלער, שדכן אָדער אן אגענט — לאָז זוכן אין פערטן. מיט איינעם וואָרט — יעדער וועט זיך געפונען זיינס... (מע דאַרף) לאַנג נישט האָרעווען ביים צונויפשטעלן א בריוו. מע קאָן אים נעמען גלייך, ווי ער שטייט און גייט. און טאָמער וועט זיך געפונען איינער פון טויזנטער, וואָס די געשעפטן גייען אים דערהווייל גוט, קאָן ער זיכער זיין, אז ס'איז נישט אויף לאַנג. אַלץ, וואָס איז געבויט אויף לופט, מוז סוף־כל־סוף פאַלן. שטאַרק אָנגעלייגט איז דאָס נישט, דערפאַר איז דאָס אָבער אמת"...

דערמיט האָט שלום־עליכם אונטערגעשטראָכן די באַנאַלאַזיקייט פון דער מנחם־מענדל־געשטאַלט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַ שווידערלעכער, פאַרקריפּלטער סביבה פון רעבעלאָזיקייט און קאַפּיטאַליסטישן הו—הא.

## א סאַטירע אויף די בירזשע־סוחרים

נאָך פאַרשיידענע פרוון אויפצולעבן די „פאָלקס־ביבליאָטעק" איז אָדעס פאָרט שלום־עליכם ווידער אריבער קיין קיעוו. דאָס איז געווען אין יאָר 1893.

קיין פּרעסע אין דער יידישער שפּראַך עקזיסטירט נאָך אַליץ נישט. קיין פאַרלאַגן זענען נישטאָ. ער אָריענטירט זיך שוין נישט אויף דעם, אַז די פּען זאָל אים איינאָרדענען אין לעבן. ער איז געצוווּנגען זיך צו נעמען צו זייטיקע פּראָפעסיעס, און דאָ האָט ער נישט איין מאָל דורכגעמאַכט די טרויעריקע דערפאַרונג פון זיין מנחם-מענדלען.

נאָך טיפער, נאָך שווערער ווערט דער עלנט פונעם גרויסן יידישן שרייבער שלום-עליכם. אָבער שלום-עליכם וועט נישט אָוועקלייגן זיין פּען. אומעטום, ווו ער איז, מיט וועמען ער איז, שטענדיק וועט ער שרייבן און באַשרייבן פאַרן גונסטן פון די פאָלקס-מאַסן. ער טראַכט נישט, ווי און ווען ער וועט עס דרוקן.

ער קאָן נישט פאַרליידן די זייטן פון דער בירזשע-וועלט. ער זעט די פאַרדאָרבנקייט פון די אויפגעקומענע יידישע גבירים, באַנקירן און פאַבריקאַנטן. ער זעט, וויאַזוי עס וואַקסט אויס אַ באַנק-קאַנטאָר אויף די פאַרהאָרעוועטע גראָשנס פון די האָרעפּאַשנע שיכטן. ער זעט, וויאַזוי דער באַנקיר נאַרט אויס דעם לעצטן גראָשן ביי אַלמנות, יתומים, ביי אָרעמע שניידער, שמידן, און ער באַשרייבט אָט די יעהופּעצער (קיעווער) בירזשע.

אין יאָר 1894 דרוקט ער אָפּ אַ סאַטירישע דראַמע וועגן די קיעווער בירזשע-סוחרים און באַנקירן אונטערן נאָמען „יקנה'ז“. ער ווייזט דאָרטן זייער פאַרדאָרבנקייט, לעבנשטייגער און צייט-פאַרטרייב, זייער ספּעקולירן אויף די בלוטיקע גראָשנס פון די פאָלקס-מאַסן. ער לאַכט אויס דעם קליינשטעטלדיקן קליינבירגער, וואָס שאַרט זיך אַרום זיי, ווען זיי נאַרן אַריין אין זאַק.

פיינקוגל — איינער פון די הויפּט-העלדן פון דער סאַטירע „יקנה'ז“ — אַ קלוגער ספּעקולאַנט, שפּילט אַ פרומע ראָל, האָט נישט פיינט קיין קערטל; גרייגער — אַ הייסער ספּעקולאַנט, אַ נידעריקער, אַ גראָבער, מיט אַ רויטער באָרד. אין די צוויי פּערסאָנאַזשן האָבן זיך באַלד דערקענט דער קיעווער באַנקיר פייגאָלד און דער בירזשע-מעקלער גריימער. באַלד האָבן די קיעווער סוחרים אויפגעהויבן אַ קאָמפּאַניע קעגן שלום-עליכם'ן — אַוועקגעשיקט אַ מסירהלע אין קיעווער צענזור-קאָמיטעט, און די פּיעסע איז קאָנפיסקירט געוואָרן.

## צווישן די חיות ביים לייב

אויף גרויס־וואסילקאָווסקע אין קיעוו, לעבן דעם הויז פון איינעם פון די גרעסטע צוקער־פאבריקאנטן אין אוקראַינע, שטייט א לאנגע ריי עקיפּאַזשן. די פּראַכטפולע געבייזרע איז פּארגאָסן מיט ליכט. פון די אָפע־נע פענצטער דערטראָגן זיך קלאנגען פון מוזיק. דורכגייער גייען נישט ווילנדיק א קער מיטן קאָפּ און ווארפן א בליק אויף דעם הויז. אויף די פערד, וואָס קלאפן אומגעדולדיק מיט די טלאָען איבערן בריק.

דער מיליאָנער לייב בראָדסקי, אָדער „דער לייב צווישן די חיות", ווי עס האָט אים איראָניש אָנגערופן שלום־עליכם אין איינעם פון זיינע ווערק, פראַוועט היינט אַ באַל פאר זיינע פריינד און באַקאַנטע. גאַנץ קיעוו ווייסט פון דעם דאָזיקן באַל. יעדעס יאָר, ווען עס קומט פסח, אָרדנט בראָדסקי איין אזעלכע אָוונטן, און גאנצע חדשים רעדט מען וועגן אָט דעם דאָזיקן באַל. מע רעדט וועגן אים אין די הייזער פון די רייכע אויף וואסילקאָווסקע, אויף קרעשטשאטיק, אויף ביביקאָוו־בולוואר.

אַריסטאָקראַטישע דאַמען דערציילן מיט פארדראָס וועגן דעם צירונג און וועגן די נייע קליידער, וואָס ווערן ספּעציעל באַשטעלט צו די דאָזיקע אָוונטן. מע שאצט — וויפל צענדליק יאָר עס איז געשטאַנען אין קעלער דער וויין. וואָס מע האָט דערלאַנגט צום טיש. די אנטיילנעמערינס פון דעם באַל דערמאָנען מיט פארדראָס א לאנגע צייט נאָכאנאנד דעם פו־ראָר, וואָס די אָדער יענע באקאנטע זייערע האָט געהאַט.

— וואָס די מאַנצבילן זענען... געפינען פון וועמען נתפעל צו ווערן... נישט קיין פנים, נישט קיין פיגור! אַ מויל ווי אַ טויער. אוי, ווי איך קען זי נישט אָנקוקן, די דינע ליפּעלעך!...

און באַלד טרייסט מען זיך אַליין:

— מע דארף נישט זיין שיין, מע דארף נישט זיין קלוג, מע דארף נאָר האָבן געלט.

אויף פּאָדאָל און אויף דעמיעווקע — ביי דער אָרעמשאַפט, רעדט מען גאָר אנדערש וועגן די דאָזיקע בעלער.

— וויפל פאַמיליעס, אשטיינער, וואָלט מען געקאָנט אויסהאַלטן פארן געלט, וואָס מע האָט געפּאַטערט אויף אָט דעם באַל?

און יעדער שאצט דערמיט, מיט וואָס עס וויקלט זיך אים אויפן האַרצן.

— א ווערטל צו זאָגן, דריי טעג נאָכאַנאַנד האָבן די שוחטים נאָר געקוילעט הינער, קאַטשקעס און אינדיקעס!..

און דער עולם הייבט זיך אָן צו ווינטשן:

— ווען גאָט גיט, איך זאָל פאַרמאָגן אַזויפיל, וויפל עס באַטרעפן די לײדיקע פלעשער פונעם ווײן, וואָס מע האָט אויסגעטרונקען אויף דעם אָוונט, וואָלט געווען געגוג אויף חתונה צו מאַכן מײנע דרײ טעכטער.

אַ צווייטער כאַפּט אונטער:

— ווען גאָט גיט מיר, אַז איך זאָל פאַרמאָגן אַזויפיל, וויפל עס זענען ווערט די פעדערן פון די געקוילעטע עופות, וואָלט איך מיר אויסגעבויט אַ שטוב אויף פּאָדאָל, וואָלט זיך צוגעשריבן צום צעך און געהאַט פּראַוואָזשיטעלסטווע.

הײנט האָט זיך צעטראָגן אַ גיים אויפן באַל: עס וועלן ארויסטרעטן באַרימטע אַרטיסטן און ליטעראַטן. ווער פון זיי וועט אַרויסטרעטן, דאָס איז קײנעם נישט געווען באַוווסט.

אַן עלעגאַנטער יונגערמאַן מיט אַ קליין צעצווייט בערדל, אַ געלער, מיט אַן אָפּגעצערט פאַרשלאָפן פּנים, האָט אַ זאָג געטאָן צו די דאַמען, מיט וועלכע ער האָט פאַרבראַכט:

—איר ווייסט, הײנט וועט דאָ לייענען זײנע זאַכן אַ יידישער שרייבער שלום-עליכם, א רעכטער חברהמאַן... אַ טיפּ... אַ קאָמיק!

— טפו! אויף זשאַרגאָן אוודאי? דאָ איז דאָך נישט פּאָדאָל, מיט רעספּעקט צו זאָגן, — האָט געזאָגט אײנע פון די דאַמעס און האָט גע-פאָכט מיטן פאָכער — כ'איז אים אָבער טשיקאַווע צו הערן. ער מאָלט זיי אַזוי אָפּ אין זיין קריטיקע — אַז מע קען פּלאַצן פאַר געלעכטער... נישקשה, לעוו איזראַילעוויטש וועט נישט אריינלאָזן צו זיך אַבי וועמען... אויף זשאַרגאָן אַפילו, אָבער אן אמתער אַקטיאָר. איך שווער אייך ביי באָרד און פאות פון מיין בעזדיעטנעם עלטערזיידן, אז ער מאכט עס נישט ערגער פונעם „ריזשן“ אין צירק!

— ער טרעט דען ארויס פאַרגרימירט? וויי, איך האַלט נישט אויס! איך קען נישט לײדן די פאַרשמאָלצענע קאַפּאָטעס! איך האָב האָלט פרישן וואָזדוך —. האָט געזאָגט אַ הויכע שטשופּלע דאַמע מיט אַ בראָדעווקע אויף דער נאָז.

— איך בעט אייך, ווילהעלם פּאַוולאָוויטש, אפשר וואָלט גאָר גע-ווען מעגלעך אָן דעם שײנעם פאַרגעניגן... אָן דעם קאָמיק אייערן, מיט

רעספעקט צו מעלדן? — האָט געזאָגט די דאַמע מיטן פאָכער, צונויפגעצויגן די ליפּן און קאָקעטיש אַרײַנגעקוקט דעם יונגנמאַן אין פּנים אַרײַן. — הער פּייפּער, איר האָט זיך שוין היינט ווידער נישט אויסגעשלאָפן? אַך, די קאָרטן, די קאָרטן! מיט רעספּעקט צו מעלדן...

פּייפּער האָט ברוגז דורך די ברילן אַ קוק געגעבן אויף דער דאַמע. שוין לאַנג, אַז פּייפּער וויל איר צודינען, אָט דער דאָזיקער אַריסטאָקראַטקע. רק זי זאָגט אים מוסר. ער וועט זי וויזן⸗עס⸗איז אָנלערנען.

שלום⸗עליכם און דער יונגער קיעווער פידלער שטורמאַן האָבן געשפּאַנט איבערן זאַל. דער יונגער מוזיקער האָט שוין לאַנג געוואָלט אַ שמועס טאָן מיטן אויטאָר פונעם ראָמאַן וועגן סטעמפּעניו, אָט דעם אמתן פאָלקס⸗קינסטלער, וואָס האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען אויף דער ליכטיקער שיין זיין גאַנצע באַגאַבטקייט...

פּאַרטיפּט אין געשפּרעכן, זענען זיי דורכגעגאַנגען דעם זאַל און זיך אָפּגעשטעלט לעבן די דאַמען, וואָס האָבן נאָר וואָס, גערעדט וועגן שלום⸗עליכם'ן.

דער עלעגאַנטער יונגערמאַן מיטן צעצווייט בערדל האָט זיך באַגריסט מיט שלום⸗עליכם'ן און מיטן פידלער.

— סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, ווי גייט עס עפּעס?

— נישקשה, הער פּייפּער, — האָט שלום⸗עליכם גלייכגילטיק געענטפערט.

— אַך, יאָ, — האָט זיך פּייפּער געכאַפּט, און אַ צופרידן פייערל האָט אַ בליאסקע געטאָן אין זיינע אויגן, — כ'האָב אייך נאָך נישט באַקאַנט. זייט באַקאַנט, הער ראַבינאָוויטש, — האָט ער אָנגעוויזן אויף די פרויען, וואָס האָבן מיט אינטערעס באַטראַכט דעם יונגן פידלער און דעם אומבאַקאַנטן מאַן מיטן שמייכלענדיקן פּנים.

אין איייניקע מינוטן אַרום האָבן די דאַמען לעבהאַפטיק געשמועסט מיט זייער נייעם באַקאַנטן.

די דאַמע מיטן פאָכער, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געקאַטשעט פאַר געלעכטער פון שלום⸗עליכם'ס אַ וויץ, האָט זיך צו אים געווענדט:

— וואָס זאָגט איר, מסיע ראַבינאָוויטש, ווי געפעלט אייך לעוו איזראַילעוויטש? צו וואָס אַ מיליאָנער קאָן זיך דערטראַכטן! ער מאַכט דאָך אונדז היינט, מיט רעספּעקט צו מעלדן, אַ סורפּריז, עס וועט דאָך עפּעס היינט אַרויסטרעטן אַ זשאַרגאָנישער שרייבער, אַ קאָמיקער. וואָס זאָגט איר דערצו, מיט רעספּעקט צו מעלדן?

שלום-עליכם האָט זיך דורכגעקוקט מיט זיין באַגלייטער און געענטפערט:

— איך האָב, מיט רעספּעקט צו מעלדן, אויך עפּעס געהערט וועגן דעם דאָזיקן קאָמיקער.

און ער האָט קאַטעגאָריש פאַרגעזעצט דעם געשפּרעך מיט די דאַמען. די דאַמען האָבן זיך גאָרגיש פאַרגעשטעלט, אַז זייער פריינדלעכער גייער באַקאַנטער איז דאָס דער שרייבער, דער „קאָמיקער", וועגן וועלכן זיי האָבן מיט אַזאַ ביטל זיך אָפּגערופן. שלום-עליכם האָט גלענצנדיק געשפּילט די ראָל פון אַ וועלטלעכן יונגנמאַן. שטורמאַן האָט געמאַכט די סאַמע שווערסטע אָנשטרענגונגען, ער זאָל זיך נישט פאַנאַנדערלאַכן. ער פלעגט אָפּט אָפּקערן זיין בלאַס, מיט זומערשפּרענקעלעך באַשאָטן פּנים, גלייך ער וואָלט עמעצן געזוכט אינעם פּובליקום.

די אַרויסטרעטונגען פון די באַרימטקייטן האָבן זיך אָנגעהויבן. איינער אַ פּאָרלייענער האָט מיט אַ הייזעריקער שטים מאָנאָטאָן געלייענט אַ לאַנגע און אַ לאַנגווייליקע דערציילונג. דאָס פּובליקום האָט געהוסט, געגענעצט אויפן קול און שטילערהייט פאַרגעזעצט זיינע געשפּרעכן.

שלום-עליכם און שטורמאַן האָבן זיך אַנטשולדיקט פאַר די דאַמען און זענען אוועק.

שלום-עליכם האָט פאַרנומען דאָס אָרט פונעם פאָרלייענער, וואָס האָט אָקאָרשט פאַרענדיקט זיין איינשלעפערנדיקע דערציילונג, און האָט גענומען רעדן אויף פּראָסט יידיש.

די דאַמען, וואָס האָבן נאָרוואָס מיט אים פאַרבראַכט, זענען געוואָרן אויסער זיך. די דאַמע מיטן פּאָכער האָט אָנגעשטעלט איר לאָרנעט, כדי איבערצייגן זיך, צי דאָס איז אין דער אמתן איר גייער באַקאַנטער סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש.

— מיט רעספּעקט צו מעלדן, ס'איז דאָך טאַקע ער... וואָזמוטיטעלנאָ!

שלום-עליכם האָט געלייענט איינעם פון זיינע מאָנאָלאָגן. איבערן זאַל האָט זיך געקייקלט אַ געלעכטער.

נישט בייטנדיק אינגאַנצן די שטים איז שלום-עליכם איבערגעגאַנגען צו לייענען אייניקע סצענקעס פון זיינער אַ פּיעסע וועגן די מאַניערן און אויפפירונג פון אַ רכילותניצע — אַ קאָקעטקע.

„מ אַ ד אַ ם פּ אַ ס ט ע ר נ אַ ק. איר ווייסט נישט, ווער מיר גייט? מיר גייט שטענדיק קלאַראַ. קיינער קאָן מיר נישט אַזוי צוטרעפן צו מיין כאַראַקטער, ווי קלאַראַ. זי איז שוין אַזוי געניט, מיט רעספּעקט

צו מעלדן, אין מײן פיגור, אַז זי פאַרשפּאָרט מיר נעמען אַ מאָס. זי טרעפט אין דער פינצטער. נאָר וואָס דען איז איר חסרון? זי איז, מיט רעספּעקט צו מעלדן, אַ גרױסע גנבטע. פון צוועלף אַרשין מאַטעריע קאָן זי אַראָפּכאַפּן דרײצן. אונטער די הענט ווערט בײ איר פאַרברענט... גענימט עפּעס. פאַרוואָס זאָלט איר עפּעס נישט געניסן? אָט שטײען ניס, מאַראַנצן, אײנגעמאַכץ...

מ אַ ד אַ ם כ י נ ק י ם (צו די איבעריקע דאַמען). וואָס מע קאָן זיך שוין בײ איר אָנגנבענען! (צו דער מאַדאַם פאַסטערנאַק) פאַר־ וואָס זאָלט איר זיך בעסער נישט נײען בײ דער מאַדאַם אונטערשלאַק? אַלע יעהופּעצער דאַמען נײען זיך בײ דער אונטערשלאַק. זי איז טאַקע אונדזערע אַ קאַמענעצערן.

מ אַ ד אַ ם פ י י נ ק ו ג ל. איך גײ מיר נאָר אין אויסלאַנד. מיר זאָל מען אויפנײען אַ מלבוש הי, נישט אין אויסלאַנד, וואָלט איך דאָס נישט געקאָנט אָנטאָן אפילו".

הער עולם, וואָס האָט געקענט די דאַמע מיטן פאָכער, האָט באַלד פאַרשטאַנען, וועמען דער שרײבער האָט געמײנט, און אַלע האָבן גענו־ מען קוקן אויף די דאַמען, וואָס זענען געזעסן אויפגעקאָכטע און מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ.

שלום־עליכם האָט פאָרגעזעצט:

מ א ד אַ ם כ י נ ק י ם. וואָס טויג אײך רעדן פון מאָדיסטקעס? הערט זיך צו, איך וועל אײך בעסער דערצײלן אַ נײַס פון דער מאַדאַם מײערצימעס מיט איר טעכטערל. מיר דאַכט, אַז מיר וועלן אײנגיכן האָבן מזל־טוב.

אַ ל ע ד אַ מ ע ן. אַ קנסמאָל?

מ אַ ד אַ ם כ י נ ק י ם. נאָך ערגער פון אַ קנסמאָל...

אַ ל ע ד אַ מ ע ן. אַ חתונה?

מ אַ ד אַ ם כ י נ ק י ם. נאָך ערגער פון אַ חתונה...

אַ ל ע ד אַ מ ע ן. (קוקן זיך איבער פאַרוואונדערט). אױ! וואָס הײסט? טאַקע אַן אמת? (אַ פּליעסק מיט די הענט) וואָס זשע האָט איר געשוויגן ביז אַהער? דערצײלט זשע אונדז, נשמהניו, האַרצעניו, ליובע־ ניו! (מע כאַפּט זי אַרום, מע קוועטשט איר די הענט, מע בעט זי דער־ צײלן).

מ א ד א ם כ י נ ק י ם. דערצײלן וועל איך אײך, נאָר בתנאי, אַז צווישן אונדז זאָל דאָס בלײבן. קײן פויגל זאָל נישט וויסן! איר גע־

דענקט, זומער בשעת מיר זענען געקומען פון דעם אויסלאַנד, האָב ער איך געפרעגט, וווּ איז דאָס אהינגעקומען די מאדאם מייערצימעס מיט דער טאָכטער? קיינער האָט נישט געוווּסט: דער האָט געזאָגט — אין ווין; דער — אין בערלין! אַנדערע האָבן געדרונגען — אין פּאַריז. ער האָב מער אַלץ געבראָכן דעם קאָפּ, וויאַזוי ווערט מען דאָס געוויר אַקוראַט? ער האָב מער אפילו אַ פּאָר מאָל באַגעגנט מיט איר אין די קלייטן, נאָר צוגיין צו איר אָפּגעבן איר פריער דעם גוט-מאָרגן — צופיל כבוד פאר איר. יענע האָט אזוי פאררייסן די נאָז, אז זי מיינט, קיינער איז צו איר נישט גלייך. ער געדענק נאָך, אַז זי איז געווען אַן אם ביי אונדז אין קאַמענעץ... איך זאָל אַזוי לעבן!“

„מ א ד א ם כ י נ ק י ס. כאפט זשע נישט. קורץ און גוט — די אונטערשלאק האָט אויפגענייט די זשאקעטלעך, אָפּגעבראכט די זשאקעטלעך, זי נעמט אָנמעסטן די זשאקעטלעך, פריער דער מאדאם מייערצימעס — גוט! זי נעמט אָנמעסטן דער טאָכטער — א צרה, א שלאק, אן אומגליק! איר פארשטייט? (זי בייגט זיך צו צו מאדאם פאסטערנאק און רוימט איר איין א סוד אין אויער).

מ א ד א ם פּ א ס ט ע ר נ אַ ק (א פליעסק מיט די הענט). אוי, איך האלט דאָס נישט אויס! מע באדארף, מיט רעכפּעקט צו מעלדן, חלשן!“

איצט איז שוין פאר אלעמען געווען קלאָר, וועמען דער פּאָרלייענער האָט געמיינט. שלום-עליכם האָט איצט שוין נישט געקוקט אויף דער דאַמע מיטן פּאָכער און אויף איר חברטע מיט דער בראָדעווקע אויף דער נאָז. דערפאר האָבן אלע געסט מיט גרוים אינטערעס געקוקט אויף זיי פון אלע זייטן.

ווילהעלם פּאוולאָוויטש, — האָט מיט א וויינענדיקער שטים איינגערוימט די דאַמע מיטן פּאָכער, — איר זייט, מיט רעשפּע... — זי האָט זיך פארכאפּט, זיך דערמאָנענדיק אין דער מאדאַם פּאסטערנאק. — איר... איר זייט א סקאנדאליסט! פייפער בלייבט פייפער! — האָט זי שוין איצט היסטעריש אויסגעשריען.

אוי, ס'איז מיר שפּל! אוי, ס'איז מיר נישט גוט!...

פייפער האָט פארשטאנען, אז עס קאָן באלד ארויסקומען א סקאנדאל, האָט ער זי גענומען אונטער דער האנט און האָט זי באלד ארויסגעפירט פון זאל אין דערבייאיקן צימער.

דאָס גאַנצע פּובליקום האָט געלאַכט און האָט זיך געוויצלט איבער דער מאַדאַם מיטן פּאָכער און איבער איר „רעשפּעקט צו מעלדן".

פּייפּער איז נאָך קיינמאָל אַזוי צופרידן נישט געווען ווי היינט. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פריילעכער, פאַרהויבן דעם קאָפּ און אַלעמען דערציילט, וויאַזוי ער האָט, צוגעגרייט די גאַנצע מעשה.

— איך מיט שלום־עליכם'ן, ווען מיר זאָלן וועלן, קענען מיר אָפּשפּילן אַ פיינע קאָמעדיע. איר האָט געווען געדאַרפט הערן, ווי ער האָט מיט זיי גערעדט. זיי לאַכן פון שלום־עליכם'ן פאַר סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטשן... און מיר האָבן אפילו מיט די אויגן נישט אַ מאַך געטאָן.

נאָר פּייפּער האָט פאַרגעסן צו דערציילן פאַר זיינע באַקאַנטע, אַז שלום־עליכם'ן באַגעגנט ער ערשט דאָס צווייטע מאָל, זינט ער לעבט.

פּייפּער האָט געמוזט אויפהערן זיך צו באַרימען: ס'האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן דער פידלער שטורמאַן.

דער פידלער האָט זיך געגעבן אַ נעם צום פידל, דעם ערשטן פיר געטאָן מיטן בויגן איבער די סטרונעס אַראָפּ און אַרויף. דער בחור מיטן קליינערדיקן פּנים איז באַלד פאַרשווונדן געוואָרן, און אויף זיין אָרט איז אויסגעוואַקסן אַ נייער מענטש. גאָר אַן אַנדער אויסזען, אַן אַנדער געשטאַלט. אַנדערע אויגן — גרויסע, בלויע אויגן... ער שפּילט. און אין זאַל איז שטיל. בלויז די מעכטיקע און ליידנשאַפטלעכע קלאַנגען פון פידל צעגיסן זיך איבערן זאַל. די פידל איז שטיל געוואָרן. דאָס פּובליקום האָט אָנגעהויבן צו דונערן מיט אַפּלאָדיסמענטן. און פאַר דעם פאַרזאַמלטן עולם איז ווידער געשטאַנען דער שווינדזיכטיקער בחור מיט די זומערשפּרענקלעכער אויפן פּנים און מיט אַ פיבער־גלאַנץ אין זיינע אויגן, אַ שטאָלצער און אַ גליקזעליקער איז ער געשטאַנען פאַרן פּובליקום. ער האָט זיך קאַלט פאַרנייגט. מע האָט אים אַרויסגערופן פיל מאָל. און איטלעכס מאָל, וואָס ער איז אַרויסגעגאַנגען, איז ער געגאַנגען פעסט, האַרט ביי דער ערד, נאָר קאַלט און רואיק, ווי אַ מענטש, וואָס איז זיכער, אַז דאָס קומט אים.

דער באַלעבאָס פון הויז „דער לייב צווישן די חיות", איז געווען אויסערגעוויינלעך צופרידן פון דעם דערפאָלג פונעם קאָנצערטאַנט. איצט ווייסט ער, אַז עס וועט זיך באַלד צעטראָגן אין די קרייזן פון דער קיעווער אינטעליגענץ, אַז ער, לעוו איזראַילעוויטש בראָדסקי, פאַרשטייט און שעצט די קונסט און די ליטעראַטור.

דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון די 90־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

האָט זיך אמאָל געטראָפן, אז שלום־עליכם האָט באגעגנט זיינעם א באקאנטן אדוואָקאט. און וועגן וואָס שמועסט א יידישער אינטעליגענט מיט שלום־עליכם'ן? פאַרשטייט זיך, אז וועגן רוח־הזמן. און עס ווילט זיך אים וויסן, וואָס זאָגט עפּעס שלום־עליכם. ער דערציילט אים, דער אדוואָקאט, וועגן פארשידענע „ענינים", וואָס עס קומט אים אוים צו פירן פון פארשידענע יידישע קליענטן.

— דער גרעסטער טייל „ענינים", ווייסט איר, סאלאמאָן נאומאָוויטש, — האָט דער אדוואָקאט געזאָגט מיט באדויערונג, — דער גרעסטער טייל „ענינים" גיבן זיך אָפּ מיט פראגן פון „וויסיעלעניע". מע טרייבט יידן פון דערפער... וואָס וועט עס זיין? מע שטויסט, מע ווארפט פון אומעטום. און רעדנדיק אזוי וועגן די רדיפות, האָט זיך דער אדוואָקאט מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן: — שיר נישט אַרויס פון זינען. די גאַנצע צייט האָב איך געטראכט, אז ווי נאָר איך באגעגן זיך מיט אייך, דערציל איך אייך וועגן דעם. איך זאָג אייך, אן אמתער סיורפּריז, אָבער איר מיינט, אז כ'וועל אייך באלד זאָגן? האָט איר טאקע א טעות, מיין טייערער פריינד.

— אוודאי עפּעס וועגן ישועות אויף יידן? טאָ זאָגט שוין וואָס גיכער און מאטערט נישט — האָט שלום־עליכם, מעשה ארטיסט, מיט א געמאַכטן פאטאָס געזאָגט. — נאָר איך קאָן דאָך אייך אָן אָפּגעשונדענעם. איר ווילט דאָך אוודאי, איך זאָל אייך אונטערפירן אהיים? איז טאקע „לא" מיט א גרויסן אלף. איך בין איצטער פארנומען סכנות.

— וואָס רעדט איר, סאלאָמאָן נאומאָוויטש, אן אמתער סיורפּריז, וואָס אמת הייסט — און ער האָט אָנגענומען פאַרן עלנבויגן שלום־עליכם'ן וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן פאָרויס אויף אַוועקצוגיין. — איר הערט זשע נאָר אויס. נישט לאנג בין איך געפאָרן אויף איינעם א געריכט מיט מיינעם א קאָלעגע, אן אדוואָקאט...

— אהא, אָט איז דאָס, טאקע די אייגענע מעשה... האָט מיר א גוטן טאָג, איך בין סכנות פארנומען.

— סאלאָמאָן נאומאָוויטש, איך שפּאָט גאָר נישט, הערט נאָר אויס. איז זינגט ער, דער אדוואָקאט, הייסט עס, יידישע לידלעך, אז עס איז

אַ פֿאַרגעניגן צו הערן, איינס זיינס אַ לידל קאָן איך נאָר נישט פֿאַר־געסן. אוי, אַ מתיקות! אוי, אַ חיות! — און דער אַדוואָקאַט האָט זיך צעזונגען:

אוי, מאַכט כאַנציע בולקעס,
אוי, מאַכט כאַנציע בולקעס!

ער האָט פֿאַרגעסן די מעלאָדיע און האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס ער האָט פֿאַרגעסן דעם ווייטערדיקן טעקסט. שלום־עליכם האָט זיך שוין דעמלט נישט געאײַלט און האָט זיך מיט אינטערעס צוגעהערט צו דער מעלאָדיע. ער האָט אויף גיך גענומען פֿאַרהערן זײַן אייגענעם זכרון, צי האָט ער ערגעץ נישט געהערט אָט די פּאָר שורות און די מעלאָדיע. איבערצייגט זיך, אַז ער האָט ביז היינט נישט געהערט, האָט ער זיך גע־נומען נאָכפֿרעגן אויף דעם דאָזיקן זינגער.

— קומען קומט אײַך, סאָלאָמאָן נאומאָוויטש, אַז איך זאָל אײַך נישט זאָגן, ווער דער זינגער איז, נאָר וואָס טוט מען נישט צוליב אַ גוטן פֿרײַנד און נאָך אַ ייִדישן שרײַבער דערצו? פֿאַרשטייט זיך, אַז כ׳וועל אײַך שוין זאָגן. דער זינגער איז טאַקע, ווי איך האָב אײַך געזאָגט מײַ־נער אַ קאָלעגע, זײַן פֿאַמיליע איז וואַרשאַווסקי, און ער האָט טאַקע אַליין אָט די דאָזיקע לידלעך פֿאַרפֿאַסט: די מעלאָדיע, דעם טעקסט, אַלץ אַליין. ווי אויסגעצייכנט! איר האָט אים געמעגט הערן..

— וואַרשאַווסקי? — האָט געזאָגט שלום־עליכם, — כ׳האָב געהערט פֿון אַזאַ אַדוואָקאַט אין קיעוו. צי דען פֿאַרפֿאַסט ער ייִדישע לידלעך? — און שלום־עליכם האָט דערבײַ אַ זאָג געטאָן: — אויב ער פֿאַרפֿאַסט אַפֿילו נישט קיין לידלעך, וואָלט געווען משיקאַווע די דאָזיקע לידלעך צו פֿאַר־שרײַבן און אָפּדרוקן זיי צווישן די ייִדישע פֿאָלקס־לידער.

— און איך זאָג אײַך, ער האָט מיר אַליין דערציילט, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט, — אַז ער אַליין פֿאַרפֿאַסט סיי די ווערטער, סיי די מעלאָדיעס. אויב איר מיינט, אַז די לידלעך זענען פֿרעמדע, „נאַראָדנע“, קענט איר נישט וואַרשאַווסקין. ער איז דאָך בײַ אונדז, אַדוואָקאַטן, דער כאַמע שאַרפֿזיניקער, פֿריילעכער און וויציקער מענטש. — און דער אַד־וואָקאַט האָט פֿאַרגעצט: — איר ווייסט גאָר נישט? קופּערניק מיט זײַנע גלענצנדיקע רעדעס און וואַרשאַווסקי מיט זײַנע קופּלעטן־עקס־פּראָמטן האָבן דאָך אַ שם. קיין איין אָוונט, קיין איין יום־טוב, קיין איין קערמישל באַגייט זיך דאָך נישט בײַ אונדז אַדוואָקאַטן אָן מאַרק מאַר־

קאָוויטשן. איך זאָג אייך, סאלאָמאָן נאומאָוויטש, ער האָט גאָר א באזונדערן טאלאנט פריילעך צו מאכן דעם עולם.

— יאָ, עס קאָן זיין, — האָט שלום־עליכם געזאָגט און אין זיין שטים האָט זיך פונדעסטוועגן געלאָזט הערן אן אומצוטרוי צו דער ריכטיקייט פון דער זאך. — יאָ, עס קאָן זיין, ער זאָל אויך מאכן לידלעך אין זשארגאָן? דאָס גייט מיר גאָר אויפן געדאנק נישט ארויף. — מיט גרויס נייגער האָט שלום־עליכם אויסגעהערט די וויטערדיקע כאראקטעריסטיק וועגן ווארשאווסקין, וואָס עס האָט אים געגעבן זיין מיטשפרעכער.

— ער האָט עפּעס גאָר א באזונדערן טאלאנט צו זיינע הומאָריסטישע עקספּראמטן און גראמען, — האָט דער אדוואָקאט ווידער איבערגעחזרט, און אויף זיין פּנים האָט זיך צעגאָסן א שמייכל פון פארליבטקייט צו זיין קאָלעגע, און ער האָט פארגעזועצט: — ער קאָן אייך אָפּשילדערן א מענטשן מיט אלץ זיינע פּיטשעווקעס אין דריי־פיר ווערטער.

— אויב אזוי, — האָט שלום־עליכם געזאָגט א צופרידענער, — טאָ ברענגט אים צו מיר, אָט דעם פויגל. און זיי האָבן זיך צעזעגנט.

מארק ווארשאווסקי האָט גאָר א קליינע באדייטונג צוגעגעבן זיינע יידישע לידער. ער האָט בכלל אויף זיך נישט געקוקט, ווי אויף א דיכטער, וואָס פארדינט, אז זיינע לידער זאָלן פארשפּרייט ווערן ווייטער פון די גרענעצן פון זיין שטאָט. ער האָט אויסגערעכנט אויף זיינע נאָענטע צוהערער און, שאפנדיק זיינע ווערק, האָט ער, ווי יעדער פאָלקלאָרישער שעפער, געהאט אין זינען בלויז די סביבה, אין וועלכער ער האָט זיך אליין געפונען, כאָטש זיינע ווערק זענען נישט געווען ענג־לאָקאליש, האָבן שטענדיק באהאנדלט פראגן פון אלגעמיינעם לעבן פונעם יידישן פאָלק און זענען געווען עכט קינסטלעריש. ער האָט זיך פונדעסטוועגן געלאָזט איינרעדן פון זיין קאָלעגע צו גיין צו שלום־עליכם'ן ווייזן זיך מיט זיין שאפן, כאָטש מער פון אלץ האָט אים אינטערעסירט די באקאנטשאפט מיט שלום־עליכם'ן גופא.

עס זענען אוועק אייניקע טעג און צו שלום־עליכם'ן אין שטוב זענען געקומען זיין באקאנטער אדוואָקאט און מיט אים א מענטש „ארייבער פופציק, פון קורצן וווּקס מיט קורצזיכטיקע, נאָר שמייכלענדיקע און א סך־רעדנדיקע אויגן, גוט געפּאקט, אין אן אָפּגעטראָגן רעקל מיט אביסל אויסגעריבענע עלנבויגנס, אן אלטגעזעסענער שניפּס, א גיך געבנגל, א שיין קול און א שטארק הילכיק געלעכטער". דאָס איז געווען דער פארפאסער פון די „לידלעך" מ. ווארשאווסקי.

אָן קיין שום אָנגעצויגנקייט האָבן זיי זיך באַקאַנט — שלום-עליכם און מ. וואַרשאַווסקי. זיי האָבן זיך ביידע דערפֿילט, ווי אַלטע, גוטע באַ-קאַנטע, אַז וואַרשאַווסקי איז שוין געקומען פֿאַרברענגען די צייט, וועט ער דאָך נישט זיין קיין פּאַסיווער מיטשפּרעכער אָדער קיין פּאַסיווער אָנטיילנעמער אין קאָמפּאַניע. ער „האָט זיך נישט לאַנג געלאָזט בעטן, זיך אַוועקגעזעצט צום פּאָרטעפּיאַן און גענומען זינגען און זיך אַליין אַקאָמפּאַנירט", אין צימער האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ פֿאָלקסטימלעכקייט, אַזאַ עכטע, וואָס עטעמט שטענדיק מיט האַרציקער פֿרייד און פֿריילעכ-קייט. די שטים וואַרשאַווסקיס האָט געקלונגען מיט לירישער אינטימקייט און עס האָט זיך געדוכט, אַז אין דעם גאַסט-צימער ביי שלום-עליכם'ן אויף קרעשטשאַטיק, דער גאַס אין קיעוו, זענען זיך צונויפֿגעפֿלויגן באַ-חנטע מעלאָדיעס פֿון טרויער און בטחון, וואָס האָבן באַגלייט די קינדהייט און יוגנט פֿון די ביידע יידישע דיכטער. ער האָט געזונגען, וואַרשאַווסקי, דאָס ליד „אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿייערל":

איר וועט, קינדער, עלטער ווערן,
וועט איר אליין פארשטיין,
וויפל אין די אותיות ליגן טרערן
און וויפל געוויין...

— גזלן, — האָט זיך שלום-עליכם געווענדט צו זיין נייעם באַקאַנטן און האָט אים אַרומגענומען, — פֿאַרוואָס לאָזט איר נישט אָפּדרוקן די דאָזיקע לידער? ווען איך זאָל נישט וויסן, אַז דאָס זענען אייערע איי-גענע, וואָלט איך געמעגט שווערן, אַז איך האָב זיי אַמאָל געהערט זינגען פֿון מיין מאַמען, אַזויפֿיל פֿאָלקסטימלעכקייט איז אין זייערע ווערטער און אַזויפֿיל פּראָסטקייט אין זייערע מעלאָדיעס.

וואַרשאַווסקי האָט זיך אַביסל פֿאַרלוירן. אויף זיינע שמייכלענדיקע אויגן האָט מיטאַמאָל אַ גלאַנץ געטאָן אַ טרער, אַן אומגעריכטע טרער, און אונטערן לייב האָט זיך דורכגעטראָגן עפּעס אַ גרויל, וואָס קומט פֿון אומגעריכטקייט אָט דעמלט, ווען עס גיט אַ שיין פֿאַר דיר די ווייטקייט, צו וועלכער דו האָסט פֿאַרבאָרגענערהייט געשטרעבט און צו וועלכער די ביסט אומגעריכט געקומען. ער האָט ווידער גענומען זינגען און שפּילן. זיין שטים איז געוואָרן נאָך לויטערער און האַרציקער:

פאַרטריקנט, פאַרדאַרט אַלע גלידער,
זייט איר, מיינע אָרעמע ברידער,
פאַרמוטשעט פון הונגער און נויט
איך לייען אויף אייער פּנים דעם טויט.

— יאָ, ווען איך וואָלט געלייענט אייערע לידער און נישט געהערט אייך זינגען, — האָט שלום־עליכם געזאָגט, — וואָלט איך געפאָדערט פון אייך אַ מאָס, געזוכט דעם משקל, אָבער אייערע לידער קאָן מען פילן דער עיקר, ווען מען זינגט זיי. זיי זענען פּראָסט, פּשוט, ווי די לידער פון אונדזערע שוועסטער, מאַמעס, איין גאַנצעם מיט דער מעלאָדיע, נישט אָפּצושיידן.

— אַ פּראָסטע ייִדישע קאַפּאָטע, אָן קונצן! — האָט זיך אָפּגערופן וואַרשאַווסקי. ער האָט צוגענומען די הענט פון פּאַרטעפּיאַן און זיי ווי געוואָלט אויפהייבן אינעווייניק. — נישט אַלעמאָל באַקלאָגן זיך מיינע פאַרשווינדלער. פאַרקערט, זיי זענען גרויסע בעל־בטחונים, פריילעכע קבצנים. — און זיינע הענט האָבן זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אויפן פּאַרטעפּיאַן:

אוודאי איז אונדז געווען גוט...
וואָס האָט מען דאָ צו קלערן,
מען האָט זיך געבאָדן אין אונדזער בלוט,
אין אונדזערע טרערן.
נאָר ייִדישע זון און טעכטער
האָבן געמאַכט דערפון אַ געלעכטער.

וואַרשאַווסקיס קאָלעגע דער אַדוואָקאַט איז געזעסן אין אַ זייט. ער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון שלום־עליכם'ן, און יעדע באַוועגונג שלום־עליכם'ס האָט אַרויסגערופן אַ פרייד אויף זיין פּנים.

— וואָס וועט איר זאָגן, הער שלום־עליכם, אויף אונדזערן אַ „גאַש־בראַט“, אַן אַדוואָקאַט? אַן אמתער גוטער־ברודער. ער טויג, האַ? נישט נאָר אויף צו טראָגן דעם פראַק אין געריכט. און איר, הער שלום־עליכם, האָט אונדז נאָך אַמאָל גוט אַריינגעשניטן, די אַדוואָקאַטן, אין דער „פאָלקס־בלאַט“. נו, אדרבה, וואָס וועט איר זאָגן אויף אַזאַ מתיקות?

— עפּעס טאַקע אַ מין מתיקות סיי אין די ווערטער, סיי אין די מעלאָדיעס. ווי אין אַ לויטער וואַסער... דאָס גאַנצע לעבן פונעם ייִדישן פאָלק מיט אַלע ייִדישע פריידן און ליידן. ייִדישע צרות, ייִדישער דלות, ייִדישע טרערן און ייִדישער געלעכטער, — האָט געזאָגט שלום־עליכם.

— איר מאכט חוזק פון מיר, — האָט וואַרשאַווסקי געזאָגט — צי מיינט איר דאָס באמת, אָדער איך וועל אריינפאַלן צווישן אייערע אָפּגעלעצעוועטע פאַרשוויגענע? 

— אמת, — האָט שלום-עליכם געזאָגט מיט פאַרדראָס, — איך שפּעט טאַקע פון אייך. איר זייט טאַקע ווערט, מע זאָל אייך באַשרייבן, אָפּלצעווען. איר ווייסט אליין נישט פון אייער פאַרמעגן.

— מיין פאַרמעגן? אדרבה. אָט וועל איך אייך אויסרעכענען, און ריכטיק, אות באות: א פרוי, א טאָכטער, א קאַטשעלקע, א זייפעלע, א פסחדיקער און חמצדיקער צעבער... יאָ, איך געדענק נאָר נישט, באמת, צי פאַרמאָג איך א פליישיקע באַנק און א זאַלץ-ברעט, צי נישט.

— איר ווייסט דאָך, אז איך האָב פיינט צו לאכן... איך בין דאָך נישט מער, ווי א הומאָריסט, נאָר היינט, אוי, ווילט זיך מיר פון אייך לאכן, פון דעם אַדוואָקאַט דעם אינטעליגענט. אין דער אמתן דאַרף מען זיך פרייען מיט אייך. עכטע טאַלאַנטן יאָגן זיך נישט ארויסצובאַווייזן, מע דאַרף זיי זוכן און געפינען.

— הייסט עס, אז איר האָט געפונען א מציאה? — האָט מיט א געלעכטער געזאָגט וואַרשאַווסקי.

— הער שלום-עליכם, לחצאים! — האָט זיך ארויסגעכאַפּט וואַר-שאַווסקיס קאַלעגע, — עס וועט אייך גאָרנישט העלפן, הער שלום-עליכם. פאַרגעסט נישט, אז איר האָט זיך אָנגעהויבן מיט אן אַדוואָקאַט. און איך געדענק נאָך, וואָס איך האָב געלערנט אין חדר אפילו: „שנים אוחזים בטלית". מילא, וואָס איז דאָ א סך צו רעדן, איך וועל די גאַנצע מציאה נישט אָפּגעבן, איך האָב אין דעם א חלק.

— איך בעט אייך, — האָט זיך וואַרשאַווסקי מיט א געלעכטער גע-בעטן ביי שלום-עליכם'ן און זיין קאָלעגע, — זאָל כאָטש נישט דערגיין צו יידישע פעטש, זאָל מען זיך באַגיין אָן אַ רב און אָן אַ דיין. איך וויל נאָר אייך פרעגן, הער שלום-עליכם, וואָס פאַר אַ פּאָעט בין איך, אַז איך האָב פאַרגעסן, וויאַזוי מע שרייבט יידיש, כאָטש מיין ערשטן וויסן האָב איך באַקומען אין דער ראַבינער-שול אין זשיטאָמיר.

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז וואַרשאַווסקי שאַפט זיינע לידער און פאַרגעדענקט זיי אויפן זכרון, ער פאַרשרייבט זיי נישט. ער האָט פאַרגעסן די יידישע שריפט. כאָטש די אומגאַנג-שפּראַך אין זיין פאַמיליע איז געווען יידיש.

שוין אין דער ערשטער באַגעגעניש פון שלום=עליכם׳ן מיט ווארשאווסקין איז געשלאָסן געוואָרן זייער סאמע נאָענטסטע פריינדשאפט, וואָס האָט זיך געצויגן ביז די לעצטע טעג פון זייער לעבן. פאר דעם יידישן פאָלקס=דיכטער ווארשאווסקי, פאר זיינע עכט פאָלקסטימלעכע לידער און מעלאָדיעס האָבן מיר צו פארדאנקען אונדזער גרויסן שלום=עליכם׳ן. ער האָט ווארשאווסקין ארויסגעפירט פון זיין לאָקאלן שאפן און געמאכט אים פאָפולער צווישן די ברייטסטע שיכטן פון די יידישע פאָלקס=מאסן.

אין א געוויסער צייט ארום נאָך דער ערשטער באגעגעניש איז ווארשאווסקי געזעסן ביי שלום=עליכם׳ן און האָט אים דיקטירט זיינע לידער. שלום=עליכם האָט זיי פארשריבן אויף פאפיר, סיסטעמאטיזירט זיי, געפונען א מוזיקער, וואָס האָט פארשריבן די נאָטן פון די מעלאָדיעס. און אין יאָר 1901 איז אין דער יידישער פאָלקס=פאָעזיע דערשינען א ניי בוך „יידישע פאָלקס=לידער פון מ. ווארשאווסקי מיט א פאָררעדע פון שלום=עליכם“.

## טביה דער מילכיקער

אין 1894 האָט שלום=עליכם אָפּגעדרוקט די ערשטע דערציילונג פון דעם בארימטן ציקל מאָנאָלאָגן „טביה דער מילכיקער“. דעם דאָזיקן ציקל האָט שלום=עליכם געשריבן אין משך פון צוואנציק יאָר, גלייך ווי די סעריע בריוו פון מנחם=מענדל צו שיינע=שיינדל זיין ווייב.

טביה דער מילכיקער, אן אָרעמער ישובניק, וואָס זיינע עלטערן און זיידעס האָבן געוואוינט אין דאָרף, באשעפטיקט זיך מיט ערדארבעט, קלעצער פירן, דערציילט פאר דעם אויטאָר וועגן די וויכטיקסטע געשעענישן אין זיין לעבן און אינעם לעבן פון זיין פאמיליע פאר די לעצטע צוואנציק יאָר... ביז דער אימפעריאליסטישער מלחמה.

פאר דעם פעריאָד צייט איז דורכגעגאנגען די רעוואָלוציע פון 1905 יאָר, בלוטיקע פאָגראָמען פון די שווארצמאהניקעס, די פינצטערע רעאקציע, דער צייטווייליקער זיג פון דער קאָנטררעוואָלוציע, און נאָכדעם א נייער אויפשטייג פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואליע. דאָס אלץ האָט זיך אָפּגעשפיגלט אין „טביה דעם מילכיקן“.

טביה דער מילכיקער ווייזט אונדז מער פון אלע אנדערע געשטאלטן פון שלום=עליכם, ווי שטארק עס איז דער אָפּטימיזם פון די פאָלקס=

מאסן, ווי אומעגדלעך עס זענען די קוואלן פון דער פאָלקס־חכמה. עס ווייזט אונדז אויך, ווי שטאַרק און עקשנותדיק עס איז דער ווילן פון פאָלק צו א בעסער, שענער לעבן.

דאָס דאָזיקע באליבטע געשטאַלט פון שלום־עליכם שטרעבט צו פאַר־פיינערן דאָס לעבן, ווי דאָס אייגענע, אזוי אויך דאָס אַרומיקע. אין אונ־טערשייד צו מנחם־מענדלען איז טביה דער מענטש, וואָס וויל פאַרפיינערן זיין לעבן דורך האָרעוואניע. ער איז צוגעבונדן צו זיין היים, צו זיין דאָרף און צו זיין ארבעט.

ער דערציילט פאר דעם אויטאָר מיט זיין גיכט־געקינצלטער שפּראַך, וואָס איז דורכגעוואָרפן מיט גלייכווערטלעך און מיט איבערגעדרייטע פסוקים פון דער ביבל, וועגן זיינע געשעפטן, וועגן זיינע טעכטער און זייערע חתנים און מאַנען, וועגן דעם לעבן פון די גבירישע דאַטשניקעס אינעם דאַטשע־שטעטל בויבעריק (באָיאַרקע) אונטער יעהופּעץ (קיעוו), וווהין ער פירט צו פאַרקויפן זיין מילכיקס.

טביה איז א האָרעפּאַשניק, ער איז נישט קיין לופט־מענטש, אָבער עס האָט אים איין מאָל פאַרגלוסט צו זיך מנחם־מענדל, אוועקגעשלעפּט אים אויף זיינע לופט־פליגלען און פאַנטאַזיעס וועגן לופט־שלעסער, אָבער דאָס איז בלויז א צופעליקע דערשיינונג אין טביהס לעבן, און דאָס איז פאר אים נישט כאַראַקטעריסטיש. דער גמיטלעכער, דער גוטער און קלוגער טביה האָט קיין אַנדער נאָמען נישט פאר מנחם־מענדלען, ווי נאָר א — דער שלימזל. ווען מנחם־מענדל נעמט ביי אים צו דאָס ביסל געלט, זאָגט אים צו גילדערנע בערג, נעמט אים פאר א שותף אין געשעפט און פון דעם געשעפט לאָזט זיך אויס א בוידעם, ווי פון אַנדערע מנחם־מענדלס אונטערנעמונגען, זאָגט טביה צו אים: „דער גיהנום, זאָג איך, נאָר איינער, דער גיהנום איז דאָך קאָרג פונדיינעטוועגן".

און טביהס פאָלקס־חכמה זאָגט אים אונטער, אז, אייגנטלעך, דאַרף ער, טביה, גאָר נישט זיין אין כעס אויף דעם נאַרישן שלימזל מנחם־מענדל, וועלכער האָט אים צונויפגעפּלאָנטערט מיט די „האָזן" אויף דער בירזשע. און עס פאַרדריסט אים, טביהן, אויף דעם אומגליקלעכן אויסזען פון זיין צופעליקן שותף: „איך שטיי און באַטראַכט אים, דעם שלימזל, ווי ער שטייט אזוי, דעם קאָפּ אראָפּ, צוגעשפּאַרט צום וואַנט, דאָס היטל אויף א זייט, יעדער זיפץ און יעדער קרעכץ, עס רייסט אויס א שטיק הארץ".

„ווער איז שולדיק, ווען נישט איך אליין, — זאָגט טביה, — וואָס

האָב מיך געלאָזט איינרעדן גרינגע פייגעלעך, זאָג איך, שמיגדריקעס. שמאַכטעליאַקעס? געלט — ברודער, באַדאַרף מען, זאָג איך, פאַרהאַרע־וועז, פאַרשוואַרצט און אויסגעריסן ווערן! פעטש, זאָג איך, ביסטו, טביה, ווערט, פעטש ווי האָלץ!!"

טביה איז נישט פריי פון אַלטע פאָראורטיילן פון אַלטן יידישן לעבנשטייגער. אָבער ער קוקט זיך אַרום אויף דעם נייעם לעבן, וואָס שפּראָצט אַרום אים, און ער הייבט אָן צו פאַרשטיין, אַז עס קימט אויף עפּעס אַ נייע וועלט. די געשעענישן אין לאַנד דערגרייכן צו אים אין שטוב, און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אויף די שידוכים פון זיינע טעכטער, וואָס שמ'ען אַרום פאַר זייער שיינע.

ער מיינט, טביה, אַז אָט מאַכט ער חתונה זיין שיינע און געראָ־טענע טאָכטער האָדל. זי „שיינט ווי אַ שטיק גאָלד... שרייבט און לייענט יידיש און רוסיש, און ביכלעך — ביכלעך שלינגט זי ווי די האַלעשקעס". און טביה פאַנטאַזירט שוין וועגן דער צוקונפט פון זיין טאָכטער: זי וועט אַליין גליקלעך זיין און וועט אים געבן אַ מעגלעכקייט צו באַגליקן זיינע אָרעמע באַקאַנטע. „איך שטעל מיר שוין פאָר מיין האָדלען, — זאָגט טביה, — ווי זי פאָרט אין אַ קאַרעטע מיט אַ פאָר ברענענדיקע סוסים, און די וועלט איז מיר מקנא, נישט אַזוי אויף דער קאַרעטע מיט די סו־סים, ווי אויף די טובות, וואָס איך טו דער וועלט דורך מיין טאָכטער דער נגידית, העלף אַרויס די געפאַלענע מיט אַ גמילות־חסד, וועמען אַ כאַפּהייער, וועמען אַ פּופציקער און וועמען אַ הונדערטער, ווי זאָגט איר, יענער האָט אויך אַ נשמה..." עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז זיין טאָכ־טער האָדל האָט זיך אַליין אויסגעקליבן אַ מאַן, און פעפערל הייסט ער. ער איז אַן אָרעמאַן, אַן עקסטערן, אַ רעוואָלוציאָנער, וועלכער ווערט באַלד אַרעסטירט און ווערט פאַרשיקט קיין סיביר.

טביה דערפילט זיך דעמלט ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל אויף דער ערד, און ער דערציילט דעמלט וועגן זיך אַ משל וועגן „אַ הון אַ קוואָ־קע, וואָס האָט אויסגעזעסן קאַטשקעלעך. די קאַטשקעלעך האָבן זיך נאָר אויפגעכאַפּט אויף די פיסלעך, האָבן זיי זיך געלאָזט אויפן וואַסער, און די קוואָקע, נעבעך, קוואַקעט".

אָבער וואָס ווייטער — ווייטער ווערט טביה אַלץ נעענטער צו די אי־דעען פון זיין איידעם פעפערל. טביה איז אפילו ברוגז אויף זיין יינגערער טאָכטער ביילקע, וואָס וויל נישט גיין אין די וועגן פון איר עלטערער שוועסטער האָדל און איז מסכים חתונה צו האָבן פאַר אַ גביר. „צו

האָדלען, זאָגט זי, זאָלסטו מיך נישט גלייכן. האָדל איז געווען, זאָגט זי, אין אַזא צייט, ווען די גאַנצע וועלט, זאָגט זי, האָט זיך געווינגט, זאָגט זי, געהאַלטן ביי אָט־אָט איבערקערן זיך, האָט מען זיך געזאָרגט, זאָגט זי, פאַר דער וועלט, און זיך האָט מען פאַרגעסן; און איצט, זאָגט זי, אַז די וועלט איז א וועלט, זאָגט זי, זאָרגט זיך יעדערער פאַר זיך, און די וועלט האָט מען פאַרגעסן".

זינט האָדל פאַרלאָזט טביהן און פאָרט אַוועק צו איר מאַן אין דער פאַרשיקונג, פילט טביה אַלץ מער און מער אויף זיך די זדיעקעס פון די רייכע. א טאָכטער זיינע ווערט אָפּגענאַרט פון אַ גבירישן זונדל, און זי פאַרענדיקט מיט זעלבסטמאָרד. זיין איידעם פּדהצור, בײַלקעס מאַן, וואָס איז איינער פון די אָנגעזעענע יעהופּעצער גבירים, שעמט זיך מיט אים. מע לאָזט אים צו זיך אין שטוב נישט אַריין. עס שטאַרבט טביהס פרוי. דאָס געשטאַלט פון טביה ווערט אַלץ טראַגישער. זיין איינציקע טרייסט איז דאָס אָרט, וווּ עס איז אַוועק זיין קינדהייט, יוגנט און עלטער, דאָס דאָרף, די פעלדער אַרום דאָרף, און סוף־כּל־סוף קומט אויס טביהן צו געזעגענען זיך אויך מיט דעם דאָרף. עס העלפן אים קיינע טענות נישט. עס קומט דער צאַרישער אוריאַדניק און הייסט אים פאַרלאָזן זיין הויז, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. טביה פאַרשטייט גאַנץ גוט, ווער עס טרייבט אים פון דאָרף, און וועמען מע טרייבט פון דאָרף. ער ווייסט, אַז ער האָט נישט מיט וועמען צו רעדן און צו טענהן. אָבער די דאָזיקע געשעעניש רודערט אויף אַזוי זיין געמיט, אַז ער הייבט זיך אָן אויסטענהן מיט גאָט:

„אַך, טי רבונו־של־עולם, גאָטעניו! — וואָס האָסטו זיך עפּעס צוגע־טשעפּעט צו טביהן גראָד? פאַרוואָס זאָלסטו בעסער נישט א שפּיל טאָן זיך אַמאָל אויף א טשיקאַווע, למשל, מיט בראָדסקין אָדער מיט א רויט־שילד? פאַרוואָס לערנט מען מיט זיי נישט די סדרה לך־לך?"

מיטן סאַמע טיפסטן טראַגישן ליריזם איז דורכגעדרונגען די דער־ציילונג טביהס, ווען ער זעגנט זיך מיט זיין היים אין דאָרף, פונוואַנען מע טרייבט אים אַרויס:

„קום איך אַהיים, טרעף איך שוין קיין שטוב, נאָר א חורבה. די ווענט נאַקעט, זיי וויינען ממש מיט טרערן!... אויפן פּריפּעטשיק זיצט די קאַץ, ווי א יתומה, געבעך, טרויעריק — עס האָט מיך אַזש א נעם געטאָן ביים האַרצן, און טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן...

דאָ אויסגעוואקסן, דאָ פארשווארצט געוואָרן כל-ימיו, און פּלוצעם, אינמיטנדערינען — לך-לך!"

נישט אומזיסט האָט שלום-עליכם ליב געהאט טביה דעם מילכיקן מער פון אלע זיינע געשטאלטן, ווייל אין טביהן האָט ער געזען א פארקערפערונג פון א פאָלקס-מענטש, וואָס איז טיף פארבונדן מיט דער ערד, אויף וועלכער ער איז אויסגעוואקסן און אויף וועלכער ער האָט געהאָרעוועט, מיטן לעבן, מיט די טיפע פאָלקס-קוואלן, וואָס ברויזן מיט חכמה און אָפּטימיזם.

קאַפּיטל נײַן

# פרײדן און לײדן

צום אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַר־קער דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף פון די אַרבעטער אין רוסלאַנד. עס קומען פאָר שטרײקן און דעמאָנסטראַציעס.

די אַרבעטער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן ווערן אַלץ נעענטער און נעענטער צווישן זיך. די רוסישע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ הייבט אָן אַרויסצווייזן אַן אינטערעס צו די ליטעראַטורן פון די פאַרשי־דענע פעלקער פון רוסלאַנד, — אין דעם אויך צו דער יידישער ליטעראַטור. באַזונדערס ווײַזט אַרויס אַט דעם אינטערעס אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש גאָרקי, דער שטורעם־פויגל פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

דאָס מונטערט אויף שלום־עליכם'ן און ער הייבט זיך אָן אַלץ מער און מער צו האַלטן פאַר דעם שרײַבער פון די אויפגעוואַכטע פאָלקס־מאַסן.

„איך ווײס גאַנץ גוט, — שרײַבט שלום־עליכם צו זײַנעם אַ פרײַנד אין יאָר 1901 — אַז זיי (די אַריסטאָקראַטן) וועלן נאָר דערהערן, אַז שלום־עליכם קומט צו פאָרן... מע וועט עפּעס לייענען מעשהלעך... פּע, ווי פּאַסט עס פאַר אַ שוואַרצטומער גביר... וואָס האָט אייגענע הײַזער און אַ פולן סאַבלמאַש מיט געלט... ווי פּאַסט גאָר, זאָג איך, ער זאָל גיין מיט אַלע קבצנים, מלמדים, פּראָסטע יידן און פּראָסטע ווײַבלעך אַן ברילייאַנטן... נאָר אַז מיר וועלן אָבער שמועסן נאָכאַמאָל דאָס אייגענע ווידער צוריק, באַדאַרף מען זיי אויף צו להכעיס דווקא יאָ קומען און דווקא יאָ לייענען, און לאָזן זיי זיצן אין געהאַקטע ווונדן אין דער היים, זיך גלעטן די בײַכלעך, קוקן אין שפּיגל אַרײַן און זיך צוהערן, צי דער מאָגן קאָכט! איך קען זיי, די מוואַלאַטשעס, אוי, קען איך זיי"!

און ווער האָט נאָך אַזוי געקאָנט די יידישע בורזשואַזיע, ווי שלום־עליכם! נאָך אין זיין ערשטן אַרויספאָר אין דער ליטעראַטור האָט ער דאָך אונדז געוויזן דעם עגאָיזם, די פאַרטעמפּטקייט און די פאַרדאָרבנקייט פון דער גבירישער פאַמיליע בלאַנק.

מיט אַ שמייכעלע פון פאָלקסטימלעכער פרייד דערציילט שלום־עליכם וועגן דער גרויסער געשעעניש פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס „די רוסישע שרייבער האָבן זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו אונדז, צוהערן און אינטערעסירן זיך. איינער פון זיי, אַ מענטש מיט אַ גוואַלטאָוונער פּעז, מיט אַ ריזיקן טאַלאַנט און מיט אַ גילדן האַרץ — מ אַ ק ס י ם ג אָ ר ק י האָט זיך גענומען צו אונדז גאַנץ געשמאַק. עס וועט דערשיינען אין רוסיש אַ היפּש זאַמלבוך פון גאָלע יידישע אַנטיקלעך, איבערהויפּט פון זשאַרגאָן, איבערגעאַרבעט אין רוסיש... מע אַרבעט אין געשעפט! און די אַרויסגעבער זענען דווקא אַלע רוסן“.

מיטן גרעסטן אינטערעס, מיט דער גרעסטער פרייד האָט זיך שלום־עליכם אָפּגעגעבן דער דאָזיקער אונטערנעמונג. ער האָט אַליין צונויפגעקליבן דעם מאַטעריאַל פאַרן זאַמלבוך. און געקליבן האָט ער די מאַטעריאַלן, וואָס קאָנען געבן אַ פאָרשטעלונג פונעם לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אינעם צאַרישן רוסלאַנד. דורך אים און אונטער זיין רעדאַקציע זענען איבערגעזעצט געוואָרן אייניקע טיילן „פישקע דער קרומער“, זעקס קאַפּיטלען „מסעות בנימין השלישי“, פינף קאַפּיטלען פונעם „ווינטשפינגערל“. און נישט נאָר מיט איבערזעצן האָט זיך שלום־עליכם באַגרענעצט. ער האָט אויך געשריבן קריטישע אַרטיקלען וועגן די שרייבער, וואָס האָבן געדאַרפט אין דעם זאַמלבוך אַריין.

און כאָטש דער דאָזיקער זאַמלבוך איז איבער סיבות, וואָס זענען נישט געווען אָפּהענגיק נישט פונעם פאַרלעגער און נישט פונעם רעדאַקטאָר, נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן, האָט דער פאַקט פון צונויפשטעלן אַ זאַמלבוך פון דער יידישער ליטעראַטור אין רוסיש אונטער דער רעדאַקציע פון מאַקסים גאָרקי פיל אויפגעמונטערט די בעסטע פאָרשטייער פון דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור און געהויבן זייער שטאָלץ אַנטקעגן דער יידישער בורזשואַזיע וואָס האָט טרעטירט אי זיי אי זייער שאַפן.

און שלום־עליכם'ן האָט אָט דער דאָזיקער פאַקט אַלץ מער און מער דערנענטערט צו מאַקסים גאָרקי. ער האָט נאָך מער זיך אָפּגעגעבן

מיט די פּראָגמע און פאַרשטויסענע אינעם יידישן פאָלק. און צו זיין יוגנט־פריינד ספּעקטאָר שרייבט ער דעמלט אַזוי:

„— איך מוז מיך מודה זיין פאַר דיר, אַז איך פיל מיך עפּעס ווי ניי געבוירן, מיט נייע, שפּאָגל־נייע כוחות. כמעט קאָן איך זאָגן, אַז איך הייב ערשט אָן צו שרייבן"

אָבער דער ביטערער גורל פון דער יידישער ליטעראַטור אין צאַרישן רוסלאַנד, די שטענדיקע הונגער און נויט פונעם יידישן פאָלקס־שרייבער שמייסן אים מיט דאגות־פּרנסה. און שלום־עליכם שרייט ביטער אויס:

אז אָך און ווי איז מיר, איך דאַרף גאָר לויפן זוכן אַ קערבל! ברענען זאָל די בירזשע, ברענען זאָל דאָס קערבל!...

„מע פרעגט מיך, — האָט שלום־עליכם געשריבן צו ספּעקטאָרן, — די, וואָס קענען מיך און זעען מיך אַלע טאָג, ווען שרייב איך? כ'לעבן, אַז איך ווייס אַליין נישט ווען! אָט אַזוי שרייב איך, גייענדיק, לויפנדיק, זיצנדיק ביי יענעם אין קאַבינעט, פאָרנדיק אויפן טראַמוויי, און פונקט בשעת מע דולט מיר אַ קאָפּ מיט אַ וואַלד, נישט געהאַקטן וואַלד, אַן אימעניע אַ טייערע, אַ זאַוואָדל, — פונקט דעמלט וואַקסן אויס די שענסטע בילדער, און עס לייגן זיך צונויף די בעסטע מחשבות, און מ'קאָן זיך נישט אָפּרייסן אויף קיין מינוט, אויף קיין רגע דאָס אַלצדינג ארויסצונעמען אויף פּאַפּיר — ברענען זאָלן די געשעפטן! ברענען זאָל די וועלט!"

## זיין פּאָפּולערקייט וואַקסט

דער רעוואָלוציאָנערער אויפבריוז אין לאַנד האָט אויך פאַרכאַפּט גרויסע שיכטן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן נאָכפרעג אויפן יידישן בוך און אויף קינסטלערישער ליטעראַטור.

שלום־עליכם פאָרט דעמלט אַרום איבער שטעט און שטעטלעך פונעם צאַרישן רוסלאַנד. ער טרעט אַרויס אויף אָוונטן: ווו ער לייענט פאַר זיינע מאָנאָלאָגן און נאָוועלעס. ער באַגעגנט זיך פּנים צו פּנים מיט זיינע לעזער. זיין פּאָפּולאַריטעט וואַקסט פון טאָג צו טאָג. ער זעט עס פון די באַגעגענישן מיט די לעזער אין די שטעט און שטעטלעך. ער דערציילט דעמלט, שמייכלענדיק איבער זיך, זיין טאָכטער אַזוי:

„איך גיי אַרויס נעכטן, שבת (אין קרעמענטשוג), שפּאַצירן אויף:

פון רעכטס צו לינקס (זיצנדיק): רחל לאָיעוו, שלום=עליכם, נומאַ, ליאָלי, פון רעכטס צו לינקס (שטייענדיק): עמאַ, מאַרוסי, פרוי שלום=עליכם, מישא, ערנעסטינע, י. ד. בערקאָוויטש.
י. ד. בערקאָוויטש.

הויפּט־פּראָספּעקט, ערשט איך זע: דער עולם שפּאַרט זיך צום שווי־פּענצטער, ווי צו עפּעס אַ באַרימטקייט. אַשטייגער, ווי שאַליאַפּין. דער פאָטאָגראַף האָט צוליב גרויס עפּעקט אַרויסגעשטעלט אויך מיין פּסעוודאָנים אויף יידיש. האָבן זיך עס אַ שאָט געטאָן שפּאַצירער פון אַלע זייטן, גענומען גאַפן אויף מיר, טייטן מיט די פינגער און אַריינקוקן מיר גלייך אין פּנים אַריין — דער רוח ווייסט וואָס דאָס איז! איך האָב געמוזט עוקר זיין פונעם פּראָספּעקט און באַהאַלטן זיך אין האָטעל. נאָר מע האָט מיך אויפגעזוכט און אָנגעהויבן פאַרבעטן אויף אָוונטן, אויף זיצונגען און גלאַט אַזוי אויף טיי".

עס איז געקומען דער לוסטיקער, פרייליכער שלום־עליכם אין שטאָט, אָט דער, וואָס איז שוין דעמלט ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן געוואָרן ווי אַ מין האַרציקער, פרייליכער העלד פון אַ פאָלקס־לעגענדע. און דאָס איז געווען אַ פריידיקע געשעעניש פאַר דער גאַנצער שטאָט.

אַ פרישער שטראָם פון שאַפונגס־ענערגיע האָט דעמלט גענומען שלאָגן פון שלום־עליכם'ן. איצט האָט ער באַשיינפּערלעך געזען, וואָס פאַר אַ גרויסע ווערדע ס'האָט באַקומען דער „זשאַרגאָן" און די „זשאַרגאָן־ליטעראַטור" פאַרן אויפהויבן דעם קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזיין פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. און ער איילט זיך טאַקע אָנצוזאָגן וועגן דעם זיין פריינד ספּעקטאָרן:

„איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר אַ פּנים מיר וועלן האָבן ביי אונדזערע אור־אייניקלעך, אַשטייגער, אין אַ פופציק אָדער הונדערט יאָר אַרום, דעמלט ווען אונדזערע ביינער וועלן שוין לאַנג פוילן אין דער ערד! אַך, דער זשאַרגאָן, דער זשאַרגאָן! מי־יודע וואָס פאַר אַ ראָלע ער וועט נאָך אַמאָל שפּילן ביי אונדזער פאָלק! נאָר לאָז די געשיכטע גיין איר וועג, און מיר באַדאַרפן לעת־עתה אין זינען האָבן אונדזערס... זאָלסט געווען זיין אין זשיטאָמיר און זען דעם כבוד, וואָס איך האָב דאָרט געהאַט צווישן אונדזער פובליקום, וואָלסט איינגענומען אַ מיתה־משונה פאַר גרויס נחת. ממש אויף די הענט געטראָגן! אויפן צווייטן טאָג איז אין „וואָלין" געווען אַ באַריכט, אַז דער באַוווסטער יידישער זשאַרגאָן־שריפטשטעלער שלום־עליכם איז אַ גאַסט ביי אונדז אין שטאָט".

די אָפטע פאָרלעזונגען שלום־עליכם'ס אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן אים דערנעענטערט צו דעם לעזער, האָבן אים צוגעגעבן קראַפט און מוט און נייע האָפענונגען.

## אין בערדיטשעוו אויף די „פּעסקעס“

„וואָס פאַר אַ שרעקלעכע שטאָט דאָס איז בערדיטשעוו! זי דערמאָנט די פאַרשאָלטענע שטעט, וועגן וועלכע עס ווערט גערעדט אין דער ביבל. אין איר און אַרום איר רוכט זיך אויס, אַז אַלץ איז אָנגעשטעקט מיט צעפאַלונג, מיט רואינירונג און מיטן טויט. אויף די פּאַסאַדן פון די הייזער לאָזן זיך זען אָדער אָפּגעפאַלענער טינק, אָדער עקלהאַפטע פלעקן. עס דוכט זיך, אַז פון דעם זומפּ, אויף וועלכן די דאָזיקע הייזער זענען געבויט, רייסן זיך טויט־טראָגנדיקע מיאַזמען, וועלכע שניידן זיי אונטער און צעלייגן זיי. דאָס איז אַ שטאָט פון קויט און פון שמאַטעס, אַ קאַפערנאום פון נידערטרעכטיקייטן, אַ קלאָאַקע אָן אַ נאָמען, וווּ דאָס יידנטום האָט אויפגעקליבן זיין גאַנצן דלות און קויט, האָט אַרויסגעשטעלט פאַר אַליצמען זיינע וווּנדן און פייכטע מכות, ווי איוב, ווען ער האָט געפוילט“.

אַזוי האָט געשריבן וועגן דער שטאָט בערדיטשעוו אַ פראַנצויזישער רייזנדער וויקטאָר טיסאָ אין די 80־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט.

אין 1903 באַזוכט שלום־עליכם אויך בערדיטשעוו. ער האָט דאָ אַ ברודער אַ באַלמעלאָכע, וועלכער ווייסט גוט די שטאָט, און ער וועט גיין מיט אים. גלייך באַלד נאָך זיין קומען אין בערדיטשעוו זענען שלום־עליכם און זיין ברודער וואָלף אַוועק באַקוקן די קוואַרטאַלן פון דער יידישער אָרעמשאַפט, וואָס זענען אים שוין געווען באַקאַנט פון אַמאָל. ער איז אַוועק אַראָפּ־באַרג צו דעם טייך גנילאָפּיאַטע.

אין דער לופט האָט געפאַרעט. און פאַרשידענע ריחות זענען געקראָכן אין דער נאָז אַריין. מענטשן זענען געגאַנגען און האָבן געפאָכעט אויף זיך מיט די הענט. ליבן טייך זענען אָנגעפאַלן באָרוועסע און אָפּגעריסענע קינדער, געוואָרפן שטיינער און שמאַטעס אין טייך. אַ פּאָר פון זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אַ געפּגרטער קאַץ, וואָס איז געלעגן אויפן ברעג, אַ כאַפּ געטאָן זי און פליוך אינעם געלן וואַסער, וואָס האָט אויסגעזען ווי געדיכטער ליים. די געפּגרטע קאַץ האָבן די קינדער געוואָרפן אינעם וואַסער אַריין גראָד אויף יענעם אָרט, וווּ עס האָבן זיך געבאָדן אַ פּאָר עלטערע מענטשן.

שלום־עליכם, וועלכער איז געשטאַנען פונדערווייטנס און זיך צוגעקוקט צו דעם בילד, איז צוגעגאַנגען נענטער צו די קינדער, אָנגע־

גומען איינעם פאַר אַ הענטל, געפּרוּווט כלומרשט אויסמוסרן און גענומען זיך פאַנאַנדערפרעגן.

— וועמענס ביסטו ייִנגעלע?

— אַ טאַטנס מיט אַ מאַמעס.

— ווי רופט מען דיין טאַטן?

— ווי מע האָט אים אַ נאָמען געגעבן.

— ווי האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן?

— ווי מע האָט געוואָלט — אַזוי האָט מען געגעבן.

— פאָרט, ווי האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן?

— ער איז שיקע דעם שערערס, און דאָרט וווינען זיי, — האָט אַ צווייט ייִנגעלע געזאָגט און האָט דערביי פאַרהויבן דאָס קעפּל און מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף דעם געסל, וווּ עס וווינט שיקע דער שערער. — און זיין מאַמען, — האָט ער מיט אַ קווייטשיק קעלכל צוגעגעבן, — רופט מען הוואָסיע די שערערין.

— איר דאַרפט זיך אפשר שערן? — האָט דאָס דרייסטע ייִנגעלע, וואָס האָט געפירט מיט שלום־עליכם'ן דעם לאַנגן שמועס, געזאָגט, — ביי אייך איז דאָך אַזוינע לאַנגע האָר, איר האָט זיך דאָך אוודאי שוין לאַנג נישט געשוירן, קומט צו אונדז, איך וועל אייך וויזן...

די ייִדן, וואָס האָבן זיך געבאָדן, האָבן זיך צוגעהערט צום געשפּרעך און געשמייכלט איינער צום צווייטן. איינער פון זיי האָט זיך געווענדט צום ייִנגל:

— ליימענער גולם דו, ס'איז דאָך אַזאַ מאָדע לאַנגע האָר... זיי זענען מסתמא, א פילאָזאָף, נאַרישער קאָפּ דו איינער. זיי האָבן אפנים גענומען אויף זיך נישט צו שערן זיך פאַר קיין געלט. האָט קיין פאַריבל נישט — האָט ער זיך שוין איצטער געווענדט צו שלום־עליכם'ן, — און אפשר האָב איך אַ טעות, אפשר ווילט איר זיך טאַקע שערן? אָט בין איך שוין אַן אָנגעטאָנענער, קומט, וועל איך אייך וויזן צו זיין טאַטן טאַקע.

זיי זענען אַוועק אויף ליינקס, אין אַ שמאָל געסל פון הייזלעך מיט צע־שפּאָלטענע, שיר נישט קיין צעפאַלענע ווענט.

שלום־עליכם האָט נאָר געדאַרפט, אַז די עלטערע זאָלן מיט אים אַריין אין אַ שמועס וועגן זייער לעבן, וועגן זייערע פּרנסות. ער האָט גערעדט מיט זיי, איבערגעפלאָכטן זיין געשפּרעך מיט גלייכווערטלעך און מיט אַ וויץ. די מיטשפּרעכער האָבן אים אויך געענטפערט אויף

דעם זעלביקן אופן. פּלוצעם כאַפּט שלום־עליכם אַרויס פון בוזעם־טאַש אַ ביכעלע, פאַרשרייבט עפּעס און פאַרטראַכט זיך. די מיטשפּרעכער זענען מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, און איינער האָט אַריינגעשושקעט דעם צווייטן אין אויער:

— עפּעס נישט קיין גלאַט מענטשל, פאַרשרייבט עפּעס אין ביכעלע.

— און באַלד האָט ער זיך געווענדעט צו שלום־עליכם'ן.

— האָט קיין פאַריבל נישט, פּאַני, וואָס איז אייער טועכץ?

— איך בין א שרייבער.

— וואָס זשע שרייבט איר? פּראָשעניעס, פּאַפּירן, מסירות?

— פעליעטאָנען, מעשה־ביכלעך פאַר יידישע קינדער.

— זייט איר, הייסט עס, א מוכר־ספרימניק, א בעל־מחבר? וואָס זשע טוט איר הי?

— געקומען אָנקוקן אייער בערדיטשעוו.

— מער גאָרנישט?

— מער גאָרנישט.

— קיין שום געשעפטן?

— קיין שום געשעפטן.

— און לייגט הוצאות?

— און לייג הוצאות.

— צו וואָס נוצט דאָס אייך?

— כבדי איך זאָל האָבן וואָס צו שרייבן.

— וווהין שרייבן?

— אין די גאַזעטן.

— וואָסערע גאַזעטן?

— יידישע גאַזעטן

— עמעצער צאָלט אייך עפּעס דערפאַר, פאַרוואָס איר שרייבט?

— געוויינטלעך.

— שרייבט איר, הייסט עס, אויף די בלעטער? אָוואַ! אַ גרויסע זאַך! מע דאַרף אַפּנים האָבן דערצו אַ קאָפּ, האַ? — האָט דער ייד אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ נעם געטאָן זיין שיטער בערדל אין האַנט. — איז וואָס, באַשרייבט איר דאָס טאַקע אונדז, האַ? טאַקע ווי מיר שטייען און גייען, האַ?

— נעמט נישט פאַר אומגוט, — האָט דער צווייטער ייד געזאָגט, — זאָגט מיר, איר זייט דאָך אַוודאי פון די הייגטיקע? איך זע דאָך אין

אײך... כאָטש מיט לאַנגע האָר, נאָר... שער־און־אײזן, עמך, ס'פּאַסט צו זאָגן, אַ נאַש־בּראָט... אַ פּראָסטער שלוש־סעודות... ס'וואָלט, זאָג איך אײך, גאָר קײן עוולה נישט געװען, אַז מע זאָל אונדז באַשרײבּן, װאָס באַשרײבּן הײסט, ס'איז דאָך ערגעץ פאַראַן אַ װעלט מיט פײנע מענטשן, אײדעלע הערצער, װאָס זוכן טובת־הכלל, װאָס זוכן... כ'װעל אײך שױן זאָגן דאָס, װאָס איך זאָג צו אים, — און דערבּײ האָט ער אַ קער געטאָן דאָס פּנים צו זײַן פרײַנד, — גװאַלד! עד־מתי? בּיז װאַנען װעלן מיר דאָס זיצן אין געהאַקטע װענדן אין אָט די קבֿרים און רופן זיך לעבעדיקע? גװאַלד, זאָג איך נאָכאַמאָל, עד־מתי! בּיז װאַנען װעל איך דאָס דאַרפן אױסקוקן אױף אַ שטיקל אַרבעט און אין דער לײדיקער צײַט גײען פאַר סינדער און קינדס־קינדער תּכריכים? גאָט איז אַװדאי אַן אל רחום־וחנון, שטראָפן שטראָפט ער קײנעם נישט אומזיסט. אָבער פאַרװאָס אײנעם גאָר די צרות און אײנעם גאָר די הצלחה? אַ גדיױ יושר, פרעג איך בּײַ אײך? „איך בּין נישט פון די הײנטיקע, אָבער זײ זענען פאָרט גערעכט... גװאַלד, יושר, אַ גדיע יושר?

שלום־עליכם און זײַנע באַגלײטער זענען געגאַנגען צו שיקען דעם שנײַדער. מ'איז צוגעגאַנגען צו אַ שטיבל, און אױף דעם שטיבל איז געהאַנגען אַ שילד:

**Военской и гражданской портной Меер Полковой. Он же для дам.**

שלום־עליכם האָט מיט אָנשטרענגונג גענומען לײענען די שילד אין דער הױך לױט די טראַפן און האָט אַ שמײכל געטאָן.

— דאַכט זיך, אַ קאָפּ־מענטש, און לײענט פאַמעלעך. איר זײַט, חלילה, טעמפּ אין זײַער עברי? — האָט אײנער פון די ײדן, װאָס האָבן באַגלײט שלום־עליכם'ן, אַ פרעג געטאָן. — און דאַכט זיך, אַז איר לאַכט גאָר? איר װילט זיך טאַקע שערן? מהיכא־תּיתי, קומט, אַדרבּא, זאָל אַ ײד פאַרדינען.

זײ זענען אַרײַן אין שטוב. זײ אַנטקעגן איז געגאַנגען אַ הױכע, באַיאָרטע פרױ, זי האָט אײַלנדיק אָפּגעװישט מיטן פאַרטעך אַ טאַבורעט און געבעטן זיך זעצן. די פרױ האָט מיט נײַגער באַטראַכט שלום־עליכם'ן.

אין די שטעט, װוּ שלום־עליכם איז געװען די לעצטע צײַט, האָט ער געפּרוּװט זאַמלען פאַרשײדענע פאָלקלאָר־מאַטעריאַלן: פאָלקס־לידער, גלײַך װערטלעך, מעשׂות. שלום־עליכם האָט געװוּסט, אַז די בעסטע

יידישע פאָלקס־לידער קאָן מען פאַרשרייבן ביי די פרויען פון דער ייִדי־שער פאָלקס־מאַסע.

ער האָט פאַרפירט א געשפרעך וועגן דעם בערדיטשעווער קלעזמער סטעמפעניו, וועגן בערדיטשעווער פורים־שפּילער און וועגן אַזוינע, וואָס קענען זינגען לידער. ער האָט זיך געווענדט צו דער פרוי, אפשר וועט זי אים אויפזינגען א ליד.

— יעדערער זוכט זיך אויס א פרנסה... רוּאיקע קעפּ. גאָר לידער אין מיטן מיטוואָך... עס קומט אויס צו זאָגן, אַז מער פעלט אייך אפּנים גאָרנישט... איר האָט דאָס גאָר קיין ווייב און קינדער נישט? מער ווי אויף זינגען זייט איר נישט אויפגעלייגט? א בעלנות א ביסל!...

— אָבער איר האָט גאָר קיינמאָל נישט געזונגען קיין לידער? אַמאָל, אַז איר זייט געווען א מיידל און איר פלעגט וועלן געפעלן ווערן טאַקע אייער שיקען? — האָט שלום־עליכם געפרעגט.

די פרוי איז געשטאַנען אַנטקעגן שלום־עליכם'ן און זיינע באַגליי־טער און באַהאַלטן די הענט אונטערן פאַרטעך.

אָט זינגט זי שוין אָפּ עפּעס א לידל, — האָט זיך אַריינגעמישט מ א י ר פּאָלקאָוואי, — זי דאַרפן דאָס האָבן צום רומל. ס'איז זייער געשעפט. יעדערן געפעלט זיין געשעפט. פאַרוואָס זאָל מען נישט טאָן אַ מענטשן אַ טובה... עס קאָסט אייך געלט... איר קויפט עס ביים קצב?

— אוי, זאָל זי שוין דער אייבערשטער צושיקן בעסערע פרנסות. און ווידער, כ'האָב שוין לאַנג פאַרגעסן. אפשר וועט שרה זי אָפּזינגען א פּאָר לידער? נישט לאַנג זענען דאָך ביי איר געווען די האָלאָדריגעס פון טריאטער, די יידישע אַקטיאָרן. פרנסות ביי לייטן!.. שרייבן לידער, אַקטיאָרן, טריאטער... מער ליגט זיי אין קאָפּ נישט...

— ס'איז מיינע אַ טאָכטער, — האָט מאיר פּאָלקאָוואי געגעבן צו פאַרשטיין, — געווען א יפת־תואר, א שיינהייט. זינגט מיט אַזאַ מתיקות אָט זייערע... די היינטיקע לידער...

— ווייסט איר וואָס, — האָט שלום־עליכם געזאָגט, — מיר וועלן גאָר אַריין צו איר אין צימער.

מאיר פּאָלקאָוואי האָט אָן עפן געטאָן די טיר פון צימער, און עס האָט מיטאַמאָל א שפּאַר געטאָן מיט אַ שאַרפן, גרויען, שטויביקן, נעפּל. אין צימער אויף דער ערד זענען געלעגן שמאַטעס קופּעסווייז, העכער און נידעריקער. שלום־עליכם האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט איבער די שמאַטעס און האָט דערזען א פרוי, וואָס איז געזעסן אויף דער ערד

אַרומגעריגלט מיט די שמאַטעס. איר יונג און אָן אַ צייט פאַרעלטערט פּנים, אירע שוואַרצע האָר זענען געווען באַשאָטן מיט שטויביקער גרויקייט. זי האָט געלאַטעט זעק.

שלום־עליכם'ס „גוט־מאָרגן" האָט עפּעס מאָדנע פרעמד אָפּגעקלונגען אין אָט דער שטיקנדיקער שטויביקער גרויקייט. די פרוי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי פון אַ יאָד, אויסגעצויגן דעם קאָפּ פאָרויס, און אירע אויגן האָבן עפּעס ווי געוואָלט זיך דורכרייסן דורך דעם שטויביקן נעפּל.

דאָס בילד האָט געדריקט אויף שלום־עליכם'ן, און פון די ווינקעלעך פון זיין מויל איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן דער שמייכל. זיינע פיס האָבן געשאַרט איבער די שמאַטעס און געזוכט אַ האַרטן שטיק דיל, וווּ אַוועקצושטעלן זיך פעסטער.

— זיצט, — האָט די פרוי אַ כאַפּ געטאָן פון ווינקל אַ טאַבורעט, אָפּגעווישט אים מיט אַ קויטיקן זאַק און געווענדט זיך צו שלום־עליכם'ן — איר זייט מיר עפּעס אַזוי קענטלעך, כ'האָב אייך ערגעץ געזען...

— זיי וועלן אונדז שוין אָפּנים גוט באַשרייבן, — האָט זיך מאיר פאָלקאָוואָי אָפּגערופן, — אַ יושר כ'לעבן... זאָל די וועלט וויסן... וואָס, דאָס זענען מיר אַליין? גאַנץ פעסקי, אַ וועלט מענטשן... מען זיצט אָן אַ שטאָך אַרבעט... אַ וועלט — אַ קבצן...

— איאָ, איך האָב זיך שוין דערמאָנט, פאַרוואָס איר זייט מיר אַזוי קענטלעך, — די פרוי האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט אַ פרייַלעכע אָנגעוויזן אויף דער וואַנט, — אָט זייט איר דאָך. שלום־עליכם! אָט איז דאָך אַ קאַרטל מיט אייער פאָטאָגראַפיע.

עס זענען זיך באַלד צונויפגעקומען אַלע שכנים פון שטוב און פון הויף. יעדערער האָט זיך געשטופּט צו זיגעגן און צו דערציילן עפּעס פאַר שלום־עליכם'ן, באַזונדערס די יונגע. און די פאַרדראַגהטע באַיאָרטע פרוי דוואָסיע צירולניקאָווע האָט זיך שוין אַליין אָנגעשלאָגן צו זינגען.

שלום־עליכם האָט שוין איצטער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו פאַרשרייבן אין זיין בלאָקנאָט. צופיל האָט מען געטומלט, און צו שטאַרק איז געווען דער גערודער פון די פאַרזאַמלטע, אַז שלום־עליכם'ס אויג און געהער זאָלן זיך דעמלט אַריינטאָן אין פּאַפּיר.

עס איז שוין געווען אָוונט, ווען שלום־עליכם איז אַוועקגעגאַנגען פון דעם שערערס וווינונג. ער איז געגאַנגען מיט זיין ברודער און האָט

געשוויגן. ער האָט זיך דערמאָנט אין ט י ס אָ ס בוך וועגן רוסלאַנד, ווו ער רעדט וועגן דער יידישער אָרעמשאַפט אין בערדיטשעוו.

„דער יידישער אָרעמער המון איז אויפגעשטיקט אין אָט דער דאָזיקער אויך מיר פאַרשטאָט — פּעסקי. ער טרינקט זיך אין קויט און אין מיסט צווישן פאַרשידענע אומרייניקייטן און אָפּגאַנגען, וועלכע רינען אָן אַהער פון שטאָט, ווען דעם רעגן פאַרווילט זיך מאַכן ריין די שטאָט. איך געדענק נישט, אַז עס זאָל זיך מיר מאַכן צו זען אַן אָרט אַ מער עקלהאַפטיקס, אַ מער אָפּשטויסנדיקס, אַ מער ליידנדיקס, אַ מער אומגליקלעכס, קיין איין בוים, קיין איין גרין גרעזעלע. דער מענטש-לעכער שכל קען גאָר נישט באַנעמען, ווי אַזוי קענען עס לעבן מענטשלעכע ווערעם אין אָט דער דאָזיקער אַטמאָספער פון קרעץ און מיאזמען, אין אָט דער שרעקלעכער מיסטגרוב. קופּעס קינדער מיט צעשויבערטע האָר אָן געשרייען און אָן פריילעכקייט, מיט בלאָנדזשענדיקע פאַרוויטלטע אויגן, מיט אַ גרינלעכער פאַרב פון פּנים, אין מוראדיקע שמאַטעס, וואַלגערן זיך אויף די שוועלן פון די שטינקענדיקע כאַטקעס“.

— עס איז ריכטיק, — זאָגט שלום-עליכם, — אַז דער דלות איז דאָ שרעקלעך. עס איז אָבער נישט ריכטיק, אַז דאָ איז נישטאָ קיין לעבן, אַז אָט די מענטשן, וועלכע איך האָב געזען, שטרעבן נישט צום לעבן און קעמפן נישט פאַר אַ בעסער לעבן. ס'איז נישט ריכטיק, אַז די דאָ-זיקע מענטשן זענען צופרידן מיטן קויט און מיט די שמאַטעס און אַז זיי האָבן קיין כוח נישט צו שאַפן זיך אַ לעבן אָן קויט און אָן שמאַטעס.

— אמתע שרייבער, אַזוינע ווי מאַקסים גאָרקי, אַשטייגער, — — האָט פאָרגעזעצט שלום-עליכם, — דערציילן נישט נאָר וועגן די שמאַטעס, וואָס הילן איין זייערע טיפּן, זיי דערציילן וועגן דעם שטאַרקן און געזונטן גייסט, וואָס לעבט אונטער די שמאַטעס און וואָס שטרעבט צום לעבן. איך וויל ווייזן דער וועלט מענטשן, וואָס לעבן אין קויט און אין שמאַטעס, וואָס זענען אָבער געזונט און לעבנספעיק. דאָס איז קאַסרילעווקע, דאָס זענען די קוואַרטאַלן פון דער יידישער אָרעמשאַפט אין אַלע שטעט און שטעטלעך פונעם יידישן תחום אין צאַרישן רוסלאַנד

## דער קישעניעווער פּאָגראָם

נאָך אַ סיסטעמאַטיש-דורכגעפירטער צוגרייטונג מצד דעם צאַריזם איז אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם אין דער שטאָט קישעניעוו אין בעסאַראַ-

ביע. דאָס איז געווען דעם 6־טן אַפּריל פון יאָר 1903. דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט געדויערט אַ שוידערהאַפטע שחיטה פון דער שוצלאָזער יידישער באַפעלקערונג. דריי טעג נאָכאַנאַנד איז דער ברוק פון די קישעניעווער גאַסן באַגאָסן געוואָרן מיט מענטשלעך בלוט. גאַנצע מחנות שיכורע כוליגאַנעס האָבן זיך געיאָגט נאָך יידן. זיך געיאָגט מיט אייזערנע לאָמען, מיט העק, מיט מעסערס און מיט אַנדערע מינים געווער.

די גאַנצע צייט פון פּאָגראָם איז די פּאָליציי געשטאַנען און האָט מיטגעהאָלפן די מערדער און רויבער. די שטאָט קישעניעוו האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א הרובער שטאָט, גלייך ווי נאָך אַן אָנגריף פון אַ מלחמה־שונא. און נאָך די דריי טעג פון דער שחיטה האָט מען געפונען איבער פופציק געהרגעטע, ביי הונדערט שווער פאַרוואונדעטע ביז פינף הונדערט פארהעלטניסמעסיק לייכט פאַרוואונדעטע; טויזנט פינף הונדערט הייזער און קראָמען זענען צעשטערט און צעראַבירט געוואָרן.

די בעסטע טיילן פון דער רוסישער געזעלשאַפט האָבן זיך מיט שוידער אָפּגעקערט פונעם פּאָגראָם. מאַקסים גאָרקי האָט אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע אויסגאַבע, אין וועלכער עס האָבן גענומען אָנטייל די פאָרגעשריטענע רוסישע שרייבער.

שלום־עליכם איז געווען פון די יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך געסטאַרעט דורך זייערע ווערק אויפצוקלערן די יידישע פאָלקס־מאַסן, אַז אין צאַרישן רוסלאַנד זענען אונטערגעדריקט נישט בלויז די יידישע פאָלקס־מאַסן, נאָר אויך אַלע פעלקער אין לאַנד.

ער זעצט דערמיט פאָר צו שרייבן זיינע „מעשׂות פאַר יידישע קינדער“. אין „גרינס אויף שבועות“ דערציילט ער וועגן דער פריינד־שאַפט פון דער יידישער און נישט־יידישער אָרעמשאַפט. אין „כפּרות“ רופט ער אין אַן אַלעגאָרישער פאָרם די יידישע באַפעלקערונג צו קעמפן קעגן די פּאָגראָמען.

שלום־עליכם פאַרפירט דערמיט א קאָרעספּאָנדענץ מיט די פאָר־געשריטנסטע רוסישע שרייבער, ווי לעוו טאָלסטאָי, טשעכאָוו, קאָראָ־לענקאָ, גאָרקי. ער נעמט זיך דערמיט צוזאַמענשטעלן אַ זאמלבוך לטובת די געליטענע פון קישעניעווער פּאָגראָם. „הילף“ הייסט דער זאַמלבוך. דער זעלביקער נאָמען, ווי דער זאַמלבוך — „פּאָמאָשטש“, וועלכן ס'האָט צוליב דעם זעלביקן צוועק אַרויסגעגעבן אין רוסיש מאַקסים גאָרקי.

שלום־עליכם קלײַבט מאַטעריאַל פֿאַר דעם זאַמלבוך ביי די רוסישע שרײַבער.

אַלע דערמאָנטע גרויסע רוסישע שרײַבער האָבן זיך באַלד אָפּגעגערופֿן אויף שלום־עליכמ׳ס ווענדונג און האָבן אים צוגעשיקט מאַטעריאַלן פֿאַרן זאַמלבוך. ריירנדיק איז דער הינזיכט איז דער בריוו פֿון אַנטאָן פּאַוולאָוויטש טשעכאָוו צו שלום־עליכמ׳ן.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע יאָר פֿון טשעכאָווס לעבן. עס האָט אים געמאַטערט אַ שווערע קרענק, אָבער ער האָט באַלד געענטפֿערט שלום־עליכמ׳ן, — אַז איבער זײַן קרענק קאָן ער זיך נישט נעמען פֿאַר דער טעמע, וואָס שלום־עליכם האָט אים פֿאָרגעלייגט. ער בעט דעריבער, ער זאָל אויסקלײַבן אַ דערציילונג פֿון זײַנע געדרוקטע ווערק, איבערזעצן זי אויף יידיש, און דאָס וועט ער, טשעכאָוו, פֿאַרשאַפֿן פֿיל פֿרייד אין דער שווערער צײַט. די מאַטעריאַלן פֿון די רוסישע שרײַבער זעצט שלום־עליכם אַליין איבער.

אין קיעווער אַרכיוו פֿון זשאַנדאַרמען־פֿאַרוואַלטונג געפֿינען מיר אַ „דיעלאָ“ וועגן שלום־עליכמ׳ן, וועגן זײַן דעמלטיקער קאָרעספּאָנדענץ מיט ל. טאָלסטאָי. פֿון דאָרטן דערווייסן מיר זיך, אַז די זשאַנדאַרמעריע האָט אײַנגעשטעלט אַ נאָכשפּירונג נאָך שלום־עליכמ׳ן.

אין יאָר 1903 האָבן זיך שלום־עליכמ׳ס ליטעראַרישע פֿרײַנד געקליבן צו פֿײַערן זײַן צוואַנציקיאָריקן יוביליי. אָבער די בלוטיקע געשעענישן איבעם געוועזענעם יידישן תחום האָבן אָפּגערוקט די פֿײַערונג. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער יוביליי־דאַטע האָט דער רעדאַקטאָר פֿון דער „יידישער פֿאָלקס־צײַטונג“ מ. ספּעקטאָר אַרויסגעגעבן, אַלס אַ בײַלאַגע צו זײַן צײַטונג שלום־עליכמ׳ס ווערק.

## שלום־עליכם אין דער היים

„ביי אונדז איז כמעט נישטאָ קיין איין שרײַבער, וואָס זאָל לעבן פֿון דער פֿעדער. ביי אונדז שרײַבט יעדערער וועד עס וויל, נישט דער, וואָס קען, וואָרעם דער, וואָס קען, יענער קאָן נישט שרײַבן, מחמת ער איז פֿאַרטראָגן גאָר אין עפּעס אַנדערש, אין דאגות־פּרנסה, ער זוכט אַ שטיקל ברויט“.

אָט די ווערטער האָט שלום־עליכם געשריבן אין 1900. אין די האָזיקע

ווערטער האָט שלום־עליכם אויסגעצייכנט איבערגעגעבן די מאַטעריעלע לאַגע ביי אונדזערע בעסטע שרייבער אין יענער צייט.

„א יידישער מחבר איז א באַוואָרנטער מענטש, אַבי ער האָט צייט און קאָן נאָך זיין דערצו א מלמד, אַ קרעמער, א מעקלער, א שדכן, אָדער אַזוי א ייד אַ מקבל, וואָס קאָן גיין איבער די הייזער צונויפמאַכן אויף זיין בוך... איר שפּילט זיך מיט א יידישן מחבר?

ער איז באַוואָרנט פון ברויט און פון געזונט, פון גוטע פריינד, פון ווייב־און־קינדער און פון לייב־און־לעבן...“ — האָט שלום־עליכם ביי אַן אַנדער געלעגנהייט געשריבן. און אָט די דאָזיקע שורות זענען אויך נישט קיין איבערגעטריבענע כאַראַקטעריסטיק פאַר דער ווירקלעכער לאַגע פונעם יידישן שרייבער אין דער צייט פונעם צאַריזם.

מיר ווייסן דאָך שוין, אַז שלום־עליכם איז שטענדיק געווען פאַרטאַ־רעראַמט אויסער זיין ליטעראַרישן שאַפן. ער טראַכט וועגן זיינע טעמעס, און מיטאַמאָל עם קומט א געוויסער פאַרשויז, שלאָגט אים איבער זיינע געדאַנקען און לייגט אים פאַר עפּעס א געשעפט. די ליטעראַרישע שאַפונגען זיינע גיבן אים נישט צום לעבן. און ער מוז די בעסטע צייט פון טאָג אָפּגעבן פאַר „דאגות־פּרנסה“.

בייטאָג איז שלום־עליכם נישטאָ אין זיין שרייב־צימער. ער טראָגט זיך אום איבער דער שטאָט. אַהיים קומט ער א מידער און א פאַרהאַ־וועטער.

אין דער היים וואַרט אויף אים זיין פאַמיליע. שוין אומעטום אָנגע־ליען זיך, און עס איז נישטאָ קיין גראָשן אין שטוב.

א האַרבסטיקער, אַ כמורנער טאָג. אַ רעגן הערט נישט אויף צו שפּריצן. א גאַנצן טאָג גייט שלום־עליכם אַרום פאַרשמייעט אויף דער בירזשע. ער האָט פאַרשפּעטיקט צום מיטאָג אין דער היים. ער עסט מיטאָג אַליין, זיין פרוי זיצט לעבן אים. ער דערציילט איר עפּעס מיט אָפּגעהאַקטע פראַזן, אז אומזיסט האָט ער געשמייעט דעם גאַנצענעם טאָג אויף דער בירזשע.

— גאָרנישט, גאָר גאָרנישט? — פרעגט די פרוי.

— גאָרנישט, גאָר גאָרנישט.— ענטפערט שלום־עליכם און גיט אַ מאַך מיט דער האַנט.

אין אַזעלכע טעג לאָזט זיך שלום־עליכם אין גאַס נאָך גמילות־חסדים. ער באַגעגנט עמעצן פון זיינע באַקאַנטע, גיט זיך אַ חיצל, זיין

פנים צעגיסט זיך מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל. און מיטאַמאָל ווערט ער ערנסט און פרעגט ביי זיין מיטשפּרעכער:

— צי האָט איר נישט אויף אַ פּאָר טעג אַ פינף־און־צוואַנציקער צו אַנטלייען?

אַמאָל קריגט ער, און אַמאָל נישט. און ווען ער קריגט אַ גמילות־חסד, איז ער ווידער אַ לוסטיקער, פריילעכער שלום־עליכם. ער קומט אַהיים און ברענגט אַפילו נייע שפּילצייג פאַר זיינע קינדער.

אין אַזאַ טאָג שרייבט ער אין זיין קליין בלאָקנאָטל. ער שטייט ביי זיין הויכן פּולט און זשעסטיקולירט, מאַכט מיט די הענט, כאַפּט זיך אָן פאַר די לאָצן פון זיין ראָק, רעדט צו זיך אַליין, גייט אָפּ פונעם טישל, רעדט ווידער צו זיך אַליין און לאַכט.

די קינדער שרייען, לויפן, טאַנצן, שפּילן זיך. שלום־עליכם הערט קיין זאַך נישט, ער זעט קיינעם נישט. ער הערט נאָר בלויז די שפּראַך פון זיינע פּאַרשוינען, ער זעט בלויז די מימיק, די באַוועגונגען זייערע. ער גייט ווידער צו צום הויכן שרייבטישל, שטעלט זיך ווידער און שרייבט ווידער אין זיין בלאָקנאָטל. און עס קומען אַרויס געשטאַלטן און פּאַרשוינען, וואָס וועלן אין אַ געוויסער צייט אַרום זיך ווייזן פאַר זיינע מיליאָנען לעזער, אַרויסרופן ביי זיי אַ טרער און אַ הילכיקן געלעכטער.

אויף מאָרגן איז ביי שלום־עליכם'ן אין שטוב, אָדער, ווי ער פלעגט רופן זיין היים, אין זיין אייגענער רעפּובליק אַ יום־טובדיקער טאָג, אַ פריילעכער טאָג. פון אינדערפרי אָן איז שלום־עליכם ביים שרייבטיש. ער האָט אַרויסגענומען די קליי, די שערעלעך, האָט געשניטן זיינע פּאַרשריבענע בלעטלעך און געקלעפּט זיי און איבערגעקלעפּט ווידער־אַמאָל, געלייענט דאָס איבערגעקלעפּטע און ווידער געמעקט און געשריבן.

פון נעכטן ביז היינט האָט שלום־עליכם אָנגעהויבן און געענדיקט אַ דערציילונג. ער שרייבט לייכט, אָבער ער וועט נישט אַרויסלאָזן פון האַנט אַ „שטיקל אַרבעט“, ביז ער וועט עס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל נישט איבערקוקן, ביז ער וועט עס ווידעראַמאָל און ווידעראַמאָל נישט באַאַרבעטן, נישט דורכלייענען פאַר זיך אַליין אויפן קול אין זיין קאַבי־נעט אָט מיט די זשעסטן, מיט דער שטים און מיט די אינטאָנאַציעס, ווי די פּאַרשוינען פון זיין ווערק.

אין זיין „אייגענער רעפּובליק“ איז היינט פריילעך.

— קינדער. דער פאַ וועט היינט לייענען אַ נייע דערציילונג, — זאָגט זיי אָן די מוטער מיט פרייד.

— דער פאַ וועט היינט לייענען, — שפּרינגען די קינדער פון פרייד.

שלום=עליכם האָט שוין געענדיקט צו באַאַרבעטן זיין ניי ווערק. ער האָט עס שוין אויסגעשליפן, אויסגעגלעט, ער קלייבט צונויף אַרום זיך זיין „רעפּובליק“, ער לייענט פאַר זיינע קינדער, פאַר זיינע ערשטע צוהערער און קריטיקער. און זיי קייכן פון געלעכטער, הערנדיק זיין פאַרלעזונג. — מיר זענען צופרידן און מיר פרייען זיך. גלייך מיר אַליין וואָלטן עס געשריבן. און דערציילונגען זענען אַזויפיל, און שרייבן שרייבט זיך אַזוי גרינג. אַ טאָג, צוויי — און פאַרטיק. — דערהציילט וועגן אַזעלכע פאַרלעזונגען זיין טאָכטער ליאַלי ראַבינאָוויטש.

און זייגע געשאַפענע פאַרשוינען זענען געוואָרן ליבלעכע קרובים פון שלום=עליכם'ס קינדער. „טביה דער מילכיקער“ איז געווען פאַררעכנט ווי עפּעס אַ ליבער נאָענטער קרוב, אַ קליינשטעטלדיקער פעטער. „מנחם מענדל“ איז געווען אַ גוט באַקאַנטער שכן, אַן אָפּטער אַריינגייער און „מאָטל פּייסי דעם חזנס“ — אַ ליב, טייער, מחיהדיק שוועסטערקינד.

און פריילעך, און יום=טובדיק איז געווען יענער טאָג, ווען שלום=עליכם פלעגט פאַרלייענען זיינס אַ ווערק אין דער היים.

אויך שפּעטער ווען די קינדער שלום=עליכם'ס זענען שוין אויסגעוואַקסן, פלעגט שלום=עליכם פריער פאַר אַלץ באַקענען מיט זיין שאַפונג די היימישע סביבה. „דערביי פלעגן געמאַכט ווערן צו דעם באַזונדערע הכנות, ווי צו אַ פאַמיליען=יום=טוב. גאַנצפרי האָבן שוין די קינדער געוווסט, אַז אין אָוונט וועט דער פאָטער פאַרלייענען זיין נייע זאַך, און שלום=עליכם אַליין האָט זיך פיבעריש גענומען גרייטן צו דער פאַרלעזונג, ווי צו אַן עפנטלעכער „פּרעמיערע“: זיך אַרומגעריגלט מיט זיין גאַנצן שרייבגעצייג, געלייענט און געמעקט און אַריינגעשריבן אין דעם נייעם מאַנוסקריפּט, פלינק געקלעפּט נייע בלעטלעך, געטראַכט, געביסן די נעגל, ווידער געמעקט און ווידער געשריבן.

און אָט איז שוין אָוונט. די פאַמיליע איז שוין אַרום טיש אין גרויסער דערוואַרטונג. די נייגעריקע קוקן אַריין דורך דער אָפענער טיר צום פאָטערס שרייבטיש. און שלום=עליכם איז נאָך אַלץ פאַרטיפט אין דער אַרבעט. ער „מייסטרעוועט“ עפּעס אין זיין ווינקל מיט טינט=און=פּיער, מיט שער און קלעפּ=פּאַפּיר, מיט פלעשלעך גומיראַביק, און דאָס

פּנים איז בײַ אים אַזױ סודותדיק־קאָנצענטרירט, װי בײַ אַן אינזשיניער און דערפינדער, װאָס טאַפּט אױס און פאַרשרױפּט צום לעצטן מאָל די שרײַפעדער פון זײַן דערפינדונג, אײדער ער גײט זי דעמאָנסטרירן פאַרן װאַרטנדיקן געקליבענעם פּובליקום.

— פּאַפּאַ, פאַרטיק? — פרעגט אַן אומגעדולדיק קינד פונעם טיש, צו אױפמונטערן דעם פאָטער און באַװײַזן אים, אַז די נײַגעריקײט איז געװאַלדיק גרױס.

— פאַרטיק! — לאָזט זיך הערן פון צװײטן חדר שלום־עליכם׳ס יונג מונטער קול, און באַלד באַװײַזט ער זיך פאַר זײַן אײגענער אױדי־טאָריע מיט פלינקע באַװעגונגען, מיט בליצנדיק־שמײכלענדיקע ברילן, מיט אַ פריש־געקלעפּטן „אָנגעשװאָלענעם" מאַנוסקריפּט אין האַנט...

אױב די זאַך איז געװען אײנס פון זײַנע באַליבטע װערק, אַ שטײגער, טביה דעם מילכיקס אַ מעשה, — פלעגט שלום־עליכם צו דער ערשטער הײמישער פאָרלעזונג זיך אָנטאָן יום־טובדיק.

## קאַפּיטל צען

# א באַגעגעניש מיט גאָרקין

עס דערנענטערט זיך דאָס יאָר 1905. אין יעדער שטאָט, אין יעדן שטעטל טרעטן אַרויס די אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס קעגן זייערע עקספּלואַטאַטאָרן און קעגן דעם צאַריזם. עס קומען פאָר דע־מאָנסטראַציעס פון אַרבעטער אין די גאַסן. דאָס צאַרישע מיליטער שיסט אין די אַרבעטער. אַלץ אָפטער און אָפטער קומען פאָר פּויערים־אויפשטאַנדן אין די דערפער.

שלום־עליכם דרוקט דעמאָלט זיין נאָוועלע „לאַמקעס של חנוכה“, ווי עס איז צו זען די ווירקונג פונעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז אין לאַנד. שלום־עליכם טרעט דאָרטן אַרויס קעגן דער פינצטערער אָפּגעשטאַנענ־קייט פון דער יידישער אָרעמשאַפט. ער שילדערט, וויאַזוי א גאַנץ שטעטל איז פאַרשקלאַפט ביי איין פאַמיליע נגידים, וועלכע מע רופט דער „הויף“. עס קומט חנוכה, און דער הויף, וועלכער זויגט א גאַנץ יאָר דעם קליאָק פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, רופט דאָס שטעטל אויף לאַט־קעס. און דאָס שטעטל ווינטשעוועט דעם הויף:

— אַ גוטע־נאַכט, און אַ גוטן־יום־טוב, און אַ גוטן־תמיד, און זייט געזונט, און דערלעבט איבעראַיאָר מיט אייערע ווייב־און־קינדער, און איר זאָלט זיין נאָך רייכער, און איר זאָלט האָבן פיל נחת, און מיר זאָלן אַלעמאָל גיין צו אייך אויף שמחות!

און דער „הויף“ זיצט און הערט אויס די ווינשעוואַניעס גאַנץ קאַלט־בלוטיק און ענטפערט איינעם איבערן צענטן:

— גם־אתם! גם־אתם!

און די שטאָט שטופּט זיך צום „הויף“, הערט נישט אויף צו ווינ־שעווען, אַלע אויף איין שניט, אַלע מיט איין נשמה, און קיינעם פאַלט

נישט אײן אויף דער מחשבה, ער זאָל איבערבײַטן די װינטשעװאַניע אָט אַזױ, למשל:

— אַ גוטע־נאַכט, און אַ גוטן־יום־טוב, און אַ גוטן־תמיד, און לאָמיר אײַך זײַן געזונט, און לאָמיר אױך דערלעבן איבעראַיאָר מיט אונדזערע װײַב־און־קינדער, און לאָמיר זײַן רײַכער פֿון אײַך, און לאָמיר אײַך האָבן נחת, און גײט איר צו אונדז אױף שמחות...

שלום־עליכם װערט נישט מיד צו באַהאַנדלען אין זײַנע װערק די טראַגישע לאַגע פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן דעמלט. ער װערט אױך נישט מיד אױפֿצוקלערן די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן, אַז ס׳איז פֿאַראַן אױך אַ גרױס רוסיש פֿאָלק, װאָס לעבט אױך טראַגיש אונטערן יאָך פֿונעם צאַריזם.

שלום־עליכם באַזוכט דעם עלטסטן ייִדישן צענזאָר איננעם צאַרישן רוסלאַנד — װילנע. „איך בין געװען טאָג װי נאַכט אין דער אַרבעט. איך בין אױסגעװען אַלע מײַזן־לעבער. כ׳האָב זיך אָנגעזאָפּט װי אַ שװאָם מיט דעם אמתן ייִדישן דלות. אין צען יאָר װאָלט איך נישט געזען בײַ אונדז דאָס, װאָס כ׳האָב געזען דאָרט אין צען טעג“.

דאָס איז געװען אין די לעצטע חדשים פֿון יאָר 1904. שלום־עליכם באַזוכט דעמלט פּעטערבורג. ער פֿאָרט אַהין, כּדי צו קריגן בײַ דער צאַרישער מאַכט אַ דערלױבעניש צו עפֿענען אַ ייִדישע צײַטונג. ער האָט אָבער נאָך אַ ציל: ער װײסט דאָך, אַז אין פּעטערבורג װעט ער קענען טרעפֿן אָט דעם רוסישן שרײַפֿטשטעלער, מיט װעלכן ער פֿירט שױן עטלעכע יאָר אַ קאָרעספּאָנדענץ און װעמען עס האָט אַזױ גע־קרענקט די ביטערע לאַגע פֿון די רעכטלאָזיקע ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן. ער װיל אים זען, ער װיל זיך מיט אים דורכרײדן, מיט מאַקסים גאָרקי: אפֿשר װעט אים גרינגער װערן בײַצוקומען „אָט די אַלע טומעס, װאָס יאָגן אים אַצינד אַזױ נאָך, פּונקט װי קײנמאָל נישט“.

דאָס איז געװען דעם 14־טן נאָװעמבער פֿון יאָר 1904. שלום־עליכם האָט זיך דערװוּסט, אַז גאָרקי איז געקומען קײן פּעטערבורג. מאָרגן, דעם 15־טן, װעט ער צו אים גײן. ער האָט זיך שױן װעגן דעם אױפֿגע־רעגט. און אַ גאַנצן אָװנט פֿונעם 14־טן נאָװעמבער און דעם גאַנצן אינדערפֿרי פֿונעם 15־טן נאָװעמבער זענען פֿאַר שלום־עליכם׳ן געשטאַנען די בילדער, װאָס ער האָט געזען אױף די װילנער גאַסן:

אין אױסגעדײַטערט פֿערדל פֿירט אַ װעגל, װאָס װערט אָנגעטריבן פֿון צװײ אױסגעדאַרטע, אױפֿגעהאָרבעטע ייִדן מיט בערד. און עפּעס אַ

שרעק און א צאָרן דריקן אויס זייערע פּנימער. דאָס פירן זיי אַ באַוועג־לעכע „וואָלוועלע קיך" פאַר די הונגעריקע אַרבעטלאָזע. א המון אויסגעבלייכטע, אין שמאַטעס געקליידטע מענער און פרויען יאָגן דאָס פערדעלע, וואָס ווערט אָנגעטריבן פון די צוויי אויפגעהאָרבעטע יידן. אָט שטעלן זיי זיך אָפּ, נעמען אַראָפּ די שמאַטעס פון די בלעכענע עמער, און עס ווערן אויסגעשטרעקט הענט מיט ליידיקע קענדלעך.

און מיטאַמאָל, דער המון גיט זיך אַ וואָרף אויף צוריק, מע לאָזט זיך לויפן פון וועגעלע... אַרומגערינגלט פון א גרופּע מענטשן, ליגט אַ פאַרחלשטע פרוי אויף דער ערד, און א צווייטע פרוי לעבן איר ברעכט די הענט און שרייט מיט א וויינענדיק קול:

— א חידוש אַ ביסל, אַז ס'איז שוין ווער ווייסט וויפל וואָכן, אַז קיין בולבע איז ניטאָ אויף צו אָפּטאָיען די נשמה.

עלף אַזייגער אינדערפרי איז שלום־עליכם שוין געווען ביי מאַקסים גאָרקי. ער האָט נאָך ניט באַמערקט, וויאַזוי עס איז אַריבערגעגאַנגען א שעה צייט פון זייער שמועס. און שטאַרק איז געווען דער איינדרוק פונעם דאָזיקן שמועס מיט גאָרקין אויף שלום־עליכם'ן. אין איין טאָג האָט ער געשריבן צוויי בריוו זיינע קינדער וועגן גאָרקין.

„היינט האָב איך אייך אַלעמען געשריבן וועגן מיין ערשטן וויזיט ביי מאַקסים גאָרקי, וועלכער האָט מיך אויפגענומען העכסט פריינדלעך, ריין־חבריש און האָט מיך באַצויבערט".

„ליבע קינדער, — שרייבט שלום־עליכם אין דעם צווייטן בריוו, — איך שרייב אייך אַלעמען אונטערן פרישן איינדרוק פון מיין ערשטן וויזיט ביים ק ו מ י ר פון אונדזערע טעג, דעם באַהערשער פון געדאַנקען מאַקסים גאָרקי. ער האָט מיך אויפגענומען העכסט חבריש.

עס איז אַוועק ביי אונדז א געשפּרעך וועגן ענינים פון ליטעראַטור, פון דער אַלגעמיינער און פון דער יידישער, און, כ'לעבן, כ'האָב מיך אפילו נישט אומגעקוקט, ווי עס איז אוועק ביי אונדז א שעה... ער האָט געבעטן אַריינקומען צו אים גאַנץ פּשוט".

„ער האָט אַליין געגומען אויף זיך באַקענען מיך מיט די בעסטע פאָרשטייער פון דער פּרעסע... זיין אויסזען איז גאָר נישט דאָס, וואָס מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט. אַן אינטערעסאַנטער... מיט א גוטן, אָפּע־נעם, פּנים און מיט אַ ברייטער נאָז, אַליין אַ הויכער, א געזונטער (גאָר נישט קיין קראַנקער), א ווייכער, כאָטש אַ ביסל א קאַנטיקער, אין אַ בלוזע, פאַרשטייט זיך, און אין הויכע שטיוול".

אין דער גאַנצער וועלטערדיקער ליטעראַרישער טעטיקייט זיינער האָט שלום־עליכם שטענדיק געזוכט פריינדשאַפט מיט גאָרקין. און ווער האָט נאָך אין אונדזער ליטעראַטור אַזוי ליב געהאַט דעם מענטשן פון אונדזער פאָלקס־מאַסע, ווי שלום־עליכם, וועלכער האָט „געזוכט צו געפינען דאָס ליכטיקע געשטאַלט פונעם מענטשן מיט אַלע זיינע פריידן, ליידן און שטרעבונגען". און דאָס איז געווען דער שטריך אין שלום־עליכם'ן, וואָס האָט אים דערנעענטערט צו גאָרקין.

אויך גאָרקי האָט הויך געשאַצט שלום־עליכם'ס טאַלאַנט און האָט זיך באַצויגן מיט דער גרעסטער ליבע צו זיין שאַפן. אין יאָר 1910, ווען עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין שלום־עליכם'ס ווערק אין רוסיש, האָט גאָרקי אַזוי געשריבן וועגן „מאָטל פייסי דעם חזנס" צו שלום־עליכם'ן:

„האַרציק געאַכטער מיטברודער!

אייער בוך באַקומען, איבערגעלייענט, געלאַכט און געוויינט — א וווּנדערלעך בוך! די איבערזעצונג, הוכט מיר, איז געמאַכט געשיקט און מיט ליבע צום אויטאָר, כאָטש ערטערהווייז פילט זיך, אז אויף רוסיש איז שווער איבערצוגעבן דעם פרויעריקן און האַרציקן הומאָר פונעם אָריגי־נאַל. איך זאָג — עס פילט זיך.

דאָס בוך געפעלט מיר שטאַרק — איך זאָג נאָכאַמאָל — אַן אויסגעצייכנט בוך!

עס שטראָמט פון אים דורכווים אזא ווילע, עכטע און קלוגע ליבע צום פאָלק, און דער דאָזיקער געפיל איז אַזוי זעלטן אין אונדזערע טעג.

איך דריק פעסט די האַנט.

מ. גאָרקי".

## דער 9-טער יאַנואַר

מחנות אַרבעטלאָזע האָבן זיך געשטופּט צו זאַוואָדישע טויערן און געוואַרט אויף אַרבעט. יעדן טאָג פלעגט אויסקומען דער פּאָליציי צו צעטרייבן אָט די דאָזיקע פאַרצווייפלטע מענטשן, וואָס האָבן זיך הונגע־ריקע און דערצאָרנטע געשלעפּט איבער די גאַסן אין אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע שמאַטעס. די מלחמה מיט יאַפּאָניע, וואָס דער צאַר האָט דורך איר געמיינט אונטערצודריקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, האָט איבער דער בישטיקער אָנפירונג פון די צאַרישע גענעראַלן געפירט פון איין מפּלה צו א צווייטער. דער הונגער־טויט טראָגט זיך איבער שטאָט

און דאָרף. די אַרבעטער שטרייקן, דער פּראָוואָקאַטאָר, דער גלח גאַפּאָן רעדט איין די פּעטערבורגער אַרבעטער, זיי זאָלן גיין בעטן ביים צאַר און זאָלן אים שרייבן א פּעטיציע.

און דעם 9־טן יאַנואַר פון יאָר 1905 איז א המון פון הונדערט פערציק טויזנט מענטשן — אַרבעטער מיט זייערע פרויען און קינדער — אַוועק צום ווינטער־פּאַלאַץ. זיי זענען געגאַנגען אומבאַוואָפנטע, און מ'צ האָט זיי באַגעגנט מיט אַ שיסעריי. די פּעטערבורגער גאַסן זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. פאַר אַלעמען איז קלאָר געוואָרן, אַז מע טאָר נישט גלייבן דעם צאַר און זיינע דינער. אין אָט פונעם זעלביקן טאָג האָבן די אַרבעטער גענומען בויען באַריקאַדעס אין די פאָרשטעט. אויף די באַריקאַדעס האָבן געפלאַטערט רויטע פאָנען.

אַ שווערן איינדרוק האָט אָט די דאָזיקע געשעעניש געמאַכט אויף שלום־עליכם'ן. ער גיט איר אָפּ א באַזונדער־האַרציקן קאַפּיטל אונטערן נאָמען „דער בלוטיקער זונטיק“ אין זיין ראָמאַן „דער מבול“, ווי שלום־עליכם האָט געפּרוווט צו שילדערן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר א בעסערער צוקונפט.

באַלד נאָכן 9־טן יאַנואַר שרייבט שלום־עליכם אָן א חוזקדיק לידל אויפן צאַר און אויף זיין רעגירונג און פאַרשפּרייט עס צווישן די יידישע אַרבעטער. און אין די אַרבעטער־ווינונגען, אויף דעמאָנסטראַציעס האָט צוגלייך מיט דער אַרבעטער־מאַרסעליעזע, מיט דער וואַרשאַוויאַנקע אויך געקלונגען די פאָלגנדיקע ליד פון שלום־עליכם'ן:

שלאָף, אליעקסע, יורש פּינער,
ליכטיקער פאַרשוין!
שלאָף, בן־יחיד, קדיש מיינער!
שלאָף זשע, שלאָף, נישט וויין!

זאָלסט מיר וואקסן, זיין אַ גרויסער,
האָבן קאַסעס געלט,
שטעט און דערפער, זיין אַ קייסער
איינער אין דער וועלט,

וועסט מיר זיין אַ גרויסער חכם,
קליגער נאָך פון מיר,
און אַ מלך שבמלכים
מיט אַ לאַנד סיביר.

וועסט אם־ירצה־השם פאַרמאָגן
רענטעס פולע זעק,
און פיל שענקען מיט אָסטראָגן,
קלויסטערס אָן אַן עק.

און זשאַנדאַרמען מיט קאַזאַקן,
שומרים ביי דער טיר,
די, וואָס קענען בראָקן, האַקן,
שמייסן אָן אַ שיר.

. . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . .

צאָלן וועסטו קאָנטריבוציע,
שטילער! מאַך אַ שווייג!
זאָג זיי צו אַ קאָנסטיטוציע —
נ׳שטעל זיי אויס אַ פייג.

לאָזן פלאַפּלען סאָציאַליסטן,
מיינען סט׳עפּעס זיין,
לאָזן שיסן אַנאַרכיסטן,
וויפל ס׳וועט אַריין.

וועסט אין ספּאַלניע זיך פאַרשליסן,
פונקט ווי איך אַצינד,
לאָז דאָרט טרערן, בלוט זיך גיסן —
דו זאָלסט זיין געזונט.

לאָזן האוקען די גאַזעטן,
שרייען אויף די ציין,
פּובליציסטן און פּאָעטן
לאָזן זינגען שיין.

לאָזן באָמבעס דאָרט זיך רייסן,
ס'איז שוין נישט קיין נייס;
מ'עט זיי כאַפּן, מ'עט זיי שמייסן,
הענגען איינציקווייז.

פּ'ראַן פּאָליציע פּ'אַלע עקן,
סישטשיקעס אַ סך,
פּ'ראַן אַ קאָנטשיק, פּ'ראַן אַ שטעקן,
פּ'ראַן אַ גוטע זאַך,

וואָס מע רופט עס אַן „קראַמאָלאַ
ניעזיבליעמיך אָסנאָוו"...
שלאָף, אליעקסע, ס'איך, ניקאָלא, —
ס'לידל נעמט אַ סוף.

און נאָך פיל אַלעגאָרישע נאָוועלן האָט שלום־עליכם אָנגעשריבן אין יענעם יאָר: „דאָס נײַ־געבוירענע", וווּ ער לאַכט אויס די צאַרישע קאָנסטיטוציע, און „דער פעטער פּיניע און די מומע רייזע", וווּ שלום־עליכם לאַכט אויס די קולטורעלע און טעכנישע אָפּגעשטאַנענקייט פונעם צאַרישן רוסלאַנד און די צווישנפעלקערלעכע בורזשואַזע דיפּלאָמאַטיע.

## קאַמף פאַר אַ קינסטלערישן טעאַטער

איצט האָט דאָך „יוחנן הער שוסטער" אויפגעוואַקסט, אַט ידער אַלטער באַקאַנטער פון שלום־עליכם'ן, וועלכן עס האָבן אַזוי אויסגעלאַכט די בורזשואַזע און רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישע פעליעטאָניסטן פון „המליץ", „הצפירה" און „פאָלקסבלאַט" אין די צייטן פון דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק".

די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון יאָר 1905 האָבן שלום־עליכם'ן געשטויסן צו זוכן אַלץ עפעקטיווערע מיטלען, וויאַזוי צו באַווירקן אַמשטאַרקסטן די מאַסן. ער ווענדט זיך דעמלט ווידעראַמאָל צום דראַמאַטישן זשאַנר. און אויב פריער, אין די 90־ער יאָרן און אָנהויב פונעם 20־טן יאָרהונדערט, האָט ער ווייניק געהאָפט, אַז זיינע פיעסן זאָלן געשטעלט ווערן אין יידישן טעאַטער, איז אָבער איצטער, אינעם יאָר 1905, זיין

האָפֿענונג צו זען זיינע דראַמאַטישע ווערק אויף דער יידישער בינע אַלץ שטאַרקער און שטארקער געוואָרן.

אין די רוסישע צייטונגען, אַזוי אויך אין דער יידישער צייטונג „דער פריינד“ האָט זיך אין יאַנואַר חודש פון יאָר 1905 געוויזן א ידיעה, אַז די צאַרישע מאַכט האָט כלומרשט אָפּגעשאַפֿן דעם פֿאַרבאָט פונעם יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד.

דער יידישער טעאַטער האָט זיך דעמלט געפֿונען אין א באַזונדער קלעגלעכער לאַגע. ער האָט עקזיסטירט אונטער אַ פרעמדן נאָמען „יידיש=דייטשישע אָפּערעטע“. פון דער בינע האָט דער יידישער צושויער פון פֿאָלק געהערט א געמישטע, צעהרגעטע שפראַך פון יידיש און דייטש. און געזען האָט ער פֿאַרשידענע מאַלאַנטלאָזע שטיק, וואָס האָבן פֿאַרגרעבט דעם געשמאַק און פארטונקלט דעם באַוווסטזיין, אַרויסגערופֿן האמעטנעם גראַביונגערישן געלעכטער, און נישט מער. אָט די דאָזיקע קלעגלעכע לאַגע פון איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע קולטור=צווייגן פון די יידישע פֿאָלקס=מאַסן אין רוסלאַנד האָט באַזונדערס געקרענקט די פריינד פון דער פאַרגעשריטענער יידישער קולטור און צווישן זיי שלום=עליכם'ן, וואָס איז געווען איינער פון די מעכטיקע שעפער פון דער יידישער ליטעראַטור.

אין מינסק האָבן די פּאָרגעשריטענע שיכטן פון דער יידישער און פוילישער געזעלשאַפטלעכקייט געווירקט אויף הינער אָרטיקער שטאָטדומע, זי זאָל זיך ווענדן צום גובערנאַטאָר, ער זאָל זיך משתדל זיין וועגן דערלויבן טעאַטער אין מינסק אויף יידיש און אויף פויליש. אין אָדעס האָט מען טאַקע אין יאַנואַר חודש פון יאָר 1905, ווען עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן די ידיעה, אַז עס ווערט ווידער דערלויבט דער יידישער טעאַטער, אָרגאַניזירט אַ זאַמלונג פאַר א פאָנד צו בויען אַ געביידע פאַר א יידישן טעאַטער. אין אַ קורצער צייט איז צענויפגעזאַמלט געוואָרן פערציק טויזנט רובל. אומעטום, ווו עס האָט נאָר געשלאָגן דער פּאָרגעשריטענער געדאַנק צווישן די יידן אין רוסלאַנד, אומעטום אין די גרעסערע יידישע צענטרען איז באַהאַנדלט געוואָרן דעמלט די פראַגע פון באַפרייען דעם יידישן טעאַטער פון „גזירת=דייטש“.

שלום=עליכם האָט איצט איינגעפֿונען, אַז עס איז געקומען די צייט אויפצוטאָן פאַר דער געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער דאָס, וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער מיט פון די 80=ער יאָרן, אַראָפּרייסנדיק די מאַסקע פון שמ“ריזם.

דער יידישער טעאַטער האָט, לויט שלום-עליכם'ס מיינונג, זיך גענייטיקט אין אַ ראַדיקאַלער איבערבויונג. דער יידישער טעאַטער איז, לויט זיין מיינונג, אַראָפּ פון דעם וועג, אויף וועלכן עס האָט אים געפירט דער שעפער פון מאָדערנעם יידישן טעאַטער אברהם גאָלדפאַדן. מע האָט פאַרקריפּלט זיינע ווערק, געשענדט זיי אויף דער יידישער בינע. דער יידישער טעאַטער האָט, לויט שלום-עליכם'ס מיינונג, געדאַרפט אַרויסגעריסן ווערן פון די הענט פון פאַרשידענע הענדלער און שאַכער-מאַכערס. אַזאַ לאַגע, ווו דער אַקטיאָר איז בלויז נישט מער ווי אַ מענטש, וואָס קרימט זיך, האָפּקעט פאַר דעם עולם, און דער טעאַטער אַ באַלאַגאַן, קאָן מער נישט זיין.

שלום-עליכם האָט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען דעם טעאַטער אַלס אַזאַ, וואָס זאָל קענען עקזיסטירן אָן אַן אמת קינסטלערישן דראַמאַטורגישן מאַטעריאַל. ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז בלויז ער אַליין איז באַרופן צו שאַפן אַ קינסטלערישן רעפּערטואַר. ער האָט זיך געווענדט מיט אַ בריוו צו די יידישע שרייבער.

„עס איז נאָענט דער טאָג, — האָט ער געשריבן אינעם בריוו, — ווען די צונויפגעמאַכטע טעאַטערן... פונעם עכט יידישן פאָלקס-טעאַטער וועלן געעפנט ווערן. עס איז נאָענט דער טאָג, וואָס מע וועט שוין נישט הערן מער אינעם יידישן טעאַטער דייטש, אָט אַ יענעם בערדיטשעווער דייטש, וואָס קערט זיך איבער די גאַל הערנדיק. די יידישע שפּראַך, די אמתע פאָלקס-שפּראַך, דער „זשאַרגאָן“ וועט פאַרנעמען זיין אָרט. און דאָס יידישע פאָלק, דער המון וועט געוואר ווערן, אַז מע קאָן שוין הערן אַ יידיש וואָרט אין טעאַטער, וועט ער זיך אַ לאָז טאָן אין יידישן טעאַטער אַריין. ער וועט וועלן הערן און זען דאָס, וואָס מ'דאַרף הערן און זען אין אַ טעאַטער. ער וועט וועלן הערן קענטלעכע דיבורים, זען באַקאַנטע פאַרשוינען, קענטלעכע פּנימער, סצענעס און טיפּן אַזעלכע, וואָס שפּיגלען אָפּ אין זיך דאָס געוויינלעכע אַלטעגלעכע לעבן“.

שלום-עליכם האָט זיך אַנדערש נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דער יידישער טעאַטער זאָל זיך נישט שטעלן דעם ציל אויפצוקלערן, צו פירן אויף אַ רעכטן וועג די סאַמע ברייטע פאָלקס-שיכטן. פריער פון אַלץ דאַרף, לויט זיין מיינונג, געפירט ווערן אַ קאַמף אין יידישן טעאַטער קעגן „חילדע געדאַנקען, אומגעלומפּערטע מאָנאָלאָגן, פּלאַטשיקע ווערטלעך, ברחנישע לידער, פאַרשימלטע חכמות, קופּלעטן און ניבול-פּה“, וואָס איז אין יידישן טעאַטער „אַ סך מער, ווי אין ערגסטן צירק, אינעם

די אויסצורויכערן געמיינסטן באַלאַגאַן". ער האָט איצט גערופן זיין פון צייט דער אין ווי גלייך בינע, דער פון שונד אומגעלומפערטע ביכעג־ בסעוודאָגים ס. אונטערן ער האָט פאָלקס־ביבליאָטעק" יידישער ,,די ליטעראטור יידישער דער פון אויסגערויכערט פרעסער די פון ,,סאטיריקא" אידיאָטישע און עס־האַרצישע פּאַלגטלאָזיקע, אַנדערע. און דלוגאטש, אָסטראָווסקים, בּעקערמאַנס, מאַראַכאָווסקים, אויף צוריקקערן געקאָנט נישט טעאַטער יידישער דער וואָלט אַנדערש ער איז געגאַנגען זיין וועג פון רעאַליזם און פאָלקישקייט, אין וועלכן אין דער צייט, ווען עס האָט מיט אים אָנגעפירט זיין שפּעטער אַבּרהם גאָלדפאַדן. דער יידישער טעאַטער, האַלט שלום־עליכם, דאַרף פונקט ווי די יידישע ליטעראַטור אָפּשפּיגלען דאָס ווירקלעכע לעבן, פירן דאָס פאָלק פאָרויס צו די בעסטע אידעאַלן פון דער מענטשלעכקייט. אָן דער הילף פון דער יידישער ליטעראַטור קאָן קיין טעאַטער נישט געשאַפן ווערן. און שלום־עליכם רופט די יידישע שרייבער צו שאַפן אַ רעפּערטואַר

,,א יונגס, אפשר נאָך נישט אַזוי רייף, נאָר עפּעס, עפּעס לאָמיר געבן אונדזער פאָלקס־טעאַטער!.. מיט לעבנס־פּיעסן, מיט רעכטע לעבע־דיקע פּיעסן וועלן מיר אויסרויכערן דאָס גאַנצע דראַמאַטישע שמוץ, ווי מיר האָבן מיט גאָטס הילף ארויסגערויכערט (אויב נישט אינגאַנצן, האַלב אוודאי!) דעם שמוץ פון אונדזער פאָלקס־ליטעראַטור".

שלום־עליכם וויל קיינמאָל נישט פאַרפירן דעם לעזער און שטענדיק, ווען ער רעדט נאָר מיט אים, דערמאָנט ער אים די ווירקלעכע סיבות, פון וואַנען די אָדער יענע דערשיינונג אינעם לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן און פון דער יידישער קולטור שטאַמט. די שווערע לאַגע פונעם יידישן טעאַטער איז בלויז א רינג פון דער אַלגעמיינער פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער רעכטלאָזיקייט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. דער קלעגלעכער צושטאַנד פון דעם רעפּערטואַר איז א רעזולטאַט פון דעם פאַרבאָט פון דעם יידישן טעאַטער.

אין יאָר 1903 האָט שלום־עליכם אָפּגעדרוקט אין ספּעקטאָרס ,,יידישע פאָלקס־צייטונג" זיין פּיעסע ,,צעזייט און צעשפּרייט", וועלכע איז דעמלט באַשטאַנען פון דריי אַקטן. שלום־עליכם גופא איז מיט דעם ווערק נישט געווען פולשטענדיק באַפרידיקט, אָבער דער יידישער פאָר־געשריטענער צושויער, וואָס האָט געוואָלט זען א שפּיגל פון לעבן אויף דער בינע, האָט באַלד פאַרגעדענקט שלום־עליכם'ס נייע פּיעסע. און מע

האָט געגומען זוכן מיטלען, וויאַזוי אָט די פּיעסע אַוועקצושטעלן אויף דער בינע. מאַרק ארנשטיין, דעמאָלט נאָך אַ יונגער שרייבער, האָט שלום־עליכם'ס „צעזייט און צעשפּרייט" איבערגעזעצט אין פּויליש און האָט זי אונטער זיין רעזשי געשטעלט אין וואַרשעווער פּוילישן טעאַטער אין פרילינג פון יאָר 1905. די פּאָרשטעלונג האָט צוגעצויגן מאַסן צושויער. און שלום־עליכם האָט דעמאָלט באַקומען א באַגריסונג־טעלעגראַמע, ווו עס איז צווישן אַנדערן געווען געשריבן אָט וואָס:

„ביים דערשינען צום ערשטן מאָל אויף דער בינע פון דיין שאַפונג, אין וועלכער דו האָסט מייסטערהאַפט געשילדערט דעם פאַנאַנדערפאַל פון דער הייַנטיקער יידישער פאַמיליע און דאָס שימערן אין איר די גייסטיג שטרעבונגען צו א נייעם יידישן לעבן, שיקן מיר אונדזער הייסע באַגריסונג צו אונדזער באַליבטן פאָלקס־שרייבער שלום־עליכם".

אויף דער צווייטער פּאָרשטעלונג פון „צעזייט און צעשפּרייט" איז בייגעווען שלום־עליכם. און ער דערציילט וועגן דעם אַזוי:

„אַזעלכעס האָב איך נישט געזען אַפילו אין מיין שרייבערישער פאַנטאַזיע. נאָכן ערשטן אַקט האָט מען מיך (בוכשטעבלעך) פאַרשאָטן מיט בלומען. דערנאָך, נאָך יעדן אַקט, האָט מען מיך וויפל מאָל ארויסגערופן. ביים פערטן אַקט איז דאָס פּובליקום פשוט ארויס פון די כלים, האָט אַפּלאָדירט יעדע פראַזע, וואָס האָט אויסגעדריקט וועלכע־עס־איז שייכות מיט דער אידעע פון דער פּיעסע. און נאָכן שלום האָבן געגומען פליען היטלען. און עפּעס א ווילדע עלעמענטאַרע קראַפט האָט זיך צו מיר געריסן ווי איינצושלינגען מיך. פאַר איין מאָמענט האָב איך געמיינט, אז דאָס טעאַטער פאַלט איין. איך האָב מורא געהאַט פאַר דעמאָנסטראַציעס".

נאָך אַ גרעסערע קראַפט האָט זיך געריסן ארייגצונעמען אין זיך דעם פאָלקס־שרייבער מחוץ פון די ווענט פון טעאַטער. דאָס זענען געווען די טויזנטער אַרבעטנדיקע, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער גאַס לעבן טעאַטער, האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן אויטאָר, געזונגען מיט באַגייסטערונג זיין נאָר וואָס פאַרפאַסטן פאַמפלעט קעגן דעם צאַר ני־קאָליי „שלאָף אַלעקסע". די דאָזיקע אָוואַציעס האָבן ביז גאָר איבערגעשראָקן די פּאָליציי.

אין די טעג פון דעם גרויסן דערפאָלג האָט שלום־עליכם נישט פאַרגעסן וועגן די יידישע פאָלקס־מאַסן און עס האָט זיך אים געוואָלט, אַז די פּיעסע זאָל געשטעלט ווערן אויף דער יידישער שפּראַך און ער

זאָל פּילן דעם ווירקלעכן קאָנטאַקט מיט די מאַסן. אין דער זעלביקער צייט שרייבט ער פון וואַרשע צו זיין טאָכטער: „גאָט מיינער, וואָס וואָלט שוין געווען, ווען עס זאָל מעגלעך זיין צו שפּילן אויף יידיש!" און דעמלט האָט ער ווירקלעך דערפילט, אז זיין גורל איז נישט נאָר צוגעבונדן מיט דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך מיט דעם יידישן טעאַטער. „מיין גורל און אייער צוקונפט, — שרייבט ער אינעם זעלביקן בריוו, — זענען ענג פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער. פאַרשרייב דאָס דיר".

נישט נאָר דער צושויער האָט מיט באַגייסטערונג אָפּגעשאַצט די פאָרשטעלונג „צעזייט און צעשפּרייט", נאָר אויך די פּרעסע האָט אין דער ווירקלעכקייט געגעבן אין גרונט א פּאָזיטיווע מיינונג וועגן דער פאָרשטעלונג. „דאָס שטיק האָט אַלע גרויסע מעלות, — האָט געשריבן י. ל. פּרץ, — און אַלע קליינע חסרונות פון שלום-עליכם, וואָס ווערט זיך קיינמאָל פון קיין וויץ נישט אָפּזאָגן, ווו מע דאַרף יאָ ווו מע דאַרף נישט. דאָס שטיק גרענעצט זיך דעריבער מיטן פאַרס".

דער איינציקער אומצופרידענער מיט דער פּיעסע איז געווען שלום-עליכם אַליין. וועגן דעם דערציילט מיר זיך פון זיין אריינפיר צו דער איבעראַרבעטונג פון „צעזייט און צעשפּרייט" אין יאָר 1905.

„מיט אייניקע יאָר צוריק — שרייבט שלום-עליכם — האָט זיך געדרוקט פון מיר א פעליעטאָן אין דער „יידישער פאָלקסצייטונג" אונטערן נאָמען „צעזייט און צעשפּרייט", בילדער פון יידישן לעבן". הגם די דאָזיקע בילדער זענען געשריבן אין א דראַמאַטישער פאָרם, דאָך האָט זיך מיר אפילו נישט געחלומט, אז איך וועל אַמאָל זוכה זיין צו זען זיי אויף דער סצענע. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט מען די פּיעסע איבערגעזעצט אין דער פּוילישער שפּראַך און מע האָט זי געשפּילט אין פּוילישן טעאַטער זייער ראַשנד, די גאַלעריע האָט געפּאַטשט „בראַוואָ" ווי געווײנלעך. נאָר וואָס מער דער עולם האָט געגוואַלדעוועט, אַזוי מער האָט דאָס דעם מחבר פאַרדראָסן; ער האָט געפילט, אַז דער פּיעסע פעלט אַסך מער, וויפל זי פאַרמאָגט: ער האָט געפילט, אַז אויף דער בינע וועהט געשפּילט א פעליעטאָן, נישט קיין דראַמע. דאָס וואָס איך האָב דעמלט געליטן, קאָן מען אָנרופן „חיבוט-הקבר". קיינער ווייסט נישט, זאָגט מען, וועמען דער שוך קוועטשט". איך בין געווען דענסטמאָל אויב נישט דער איינציקער, וואָס האָט אויסגעפייפט דעם מחבר פון דער

פּיעסע. איצט, ביי דער צווייטער אויפלאַגע, צום אויפפירן זי אויף דער יידישער בינע, האָב איך זי גענומען צום אויסבעסערן. דאָס „אויסבע־סערן“ האָט מיך אָבער אַזוי ווייט פאַרשלעפּט, אַז איך האָב כמעט אָנגעשריבן אַ גאַנץ נייע פּיעסע. כמעט גאָר איבערגעלאָזט דעם הויפּט־געדאַנק, די נעמען פון די פּאַרשוינען און אַ צוויי־דריי סצענעס אומגעענדערט, איך האָב געוואָלט, אַז מיין ערשטע פּיעסע אויף דער יידישער בינע זאָל האָבן כאָטש אַ שטיקל פּנים פון אַ פּיעסע. אַזוי אַז אויב די גאַלעריע וועט זיך נישט קאָנען איינהאַלטן און וועט אַמאָל וועלן פּאַטשן „בראַוואָ“, זאָל זי נישט פּאַטשן אומזיסט. „יונגע דראַמאַטורגן — זאָגט טשעכאָוו — באַדאַרף מען ווייניקער אַפּלאָדירן און מער אויספייפן“. גאָלדענע ווערטער!

אָבער די דאָזיקע פאָרשטעלונג האָט פאָרט באַגייסטערט שלום־עליכם'ן, אַז ער האָט אויף זיך גענומען קוקן, ווי אויף דעם שעפער פון אַ נייער עפּאָכע אינעם יידישן טעאַטער. פּונקט אַזוי האָט דאָס טעאַטער גענומען קוקן אויף שלום־עליכם'ן. און אין אַפּריל פון יאָר 1905 ווערט שוין דערציילט אין דער צייטונג „טעאַטראַלנאַיאַ ראָסיאַ“:

„דער יידישער שרייבער שלום־עליכם האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון ספּיוואַקאָווסקיס טרופּע, וואָס שפּילט איצט אין וואַרשע“. אין דער נאָטיץ ווערט דערציילט וועגן דער קלעגלעכער לאַגע פון דעם יידישן טעאַטער און אַקטיאָר, וועגן דעם, אַז די אמתע טאַלאַנטן אַקטיאָרן פלעגן אומקומען סיי מחמת דער רעכטלאָזער לאַגע פון דעם יידישן טעאַטער און סיי מחמת דעם פעלן פון רעפּערטואַר. און „איצט, — ווערט געזאָגט אין דער נאָטיץ, — ווען צווישן די יידישע דראַמאַטורגן האָט זיך אַרויסגערוקט אַזאַ גרויסער טאַלאַנט ווי שלום־עליכם, טרעט דער יידישער טעאַטער אַריין אין אַ נייער ערע, וועלכע מע קאָן באַגריסן. שלום־עליכם וועט אַכטונג געבן אויפן רעפּערטואַר און וועט אַליין אויך שרייבן פּיעסן. צום פאָרשטייענדיקן סעזאָן קלייבט זיך ספּיוואַקאָווסקיס טרופּע צוריק קיין אָדעס“.

און אין יוני פון יאָר 1905 שליסט שלום־עליכם אַן אָפּמאַך מיט דער דירעקציע פונעם יידישן טעאַטער ספּיוואַקאָווסקי און אַדלער. אין אַ בריוו צו זיין טאָכטער שרייבט ער דעמלט:

„איך האָב שוין אָפּגעמאַכט מיט דער דירעקציע פון ספּיוואַקאָווסקי און אַדלער, וועלכע האָבן געדונגען דעם גרויסן טעאַטער אין אָדעס פאַרן ווינטערדיקן סעזאָן. איך האָב גענומען אויף זיך, ערשטנס, אַ פאַרפליכטונג

— איבערצוגעבן אין זייער אויסשליסלעכן רשות מיינע פיעסעס אויף א גאנץ יאָר; פיעסעס, וואָס זענען שוין אָנגעשריבן און וואָס דאַרפן ווערן אָנגעשריבן פון מיר. צווייטנס, רעדאַקטיר איך פיעסעס, וואָס זענען געשריבן פון אַנדערע מחברים. איך דאַרף ביייזיין אויף די רעפּעטיציעס און פּרעמיערעס פון מיינע פיעסעס. עס וועלן אויפגעפירט ווערן נאָר מיינע פיעסעס אָדער אַזעלכע, וואָס איך וועל גוט הייסן... הכלל, זיי האָבן זיך גענומען מיט מיין הילף ריכטיק אַוועקצושטעלן די זאַך פונעם יידישן טעאטער, אויפצובויען א מין יידיש־ליטעראַרישן קונסט־טעאטער".

אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט שלום־עליכם'ס פרייד דער צאַריזם און זיינע אַגענטן שלאָפן נישט. זיי שמעקן, זיי נישטערן אַרום שלום־עליכם'ן. צו גרויס איז זיין פּאָפּולאַריטעט צווישן די יידישע מאַסן.

דעם 20־טן סעפּטעמבער פון יאָר 1905 שרייבט דער אָדעסער יידישער צענזאָר אין צענזור־קאָמיטעט:

„...איך מאַך אייך אויפמערקזאַם אויף דער ידיעה אין דעם היינטיקן נומער פון „אָדעסקע נאָוואָסטי", אַז ספּיוואַקאָווסקיס יידיש־דייטשישע טרופּע, וואָס קומט באַלד צו פאָרן, קלייבט זיך שטעלן שלום־עליכם'ס פּיעסעס, וואָס זענען נישט ווייניקער טענדענציעז פון זיין דערציילונג „פּעטער פּיניע". איך נעם זיך דערייבער די מוט אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג, אַז ס'וואָלט ווינטשנסווערט געווען אָנצונעמען מיטלען, כדי די פּיעסן זאָלן באַזייטיקט ווערן פונעם רעפּערטואַר און ס'זאָל נישט דערלאָזט ווערן זייער פּראָקלאַמירונג אין אָפישן און אַנאָנסן".

און שלום־עליכם'ס פּלענער וועגן א יידישן קינסטלערישן טעאטער זענען צונישט געוואָרן.

## אין האָטעל „אימפּעריאַל"

קיעוו 1905. פון 18־טן ביזן 21־טן אָקטיאָבער.

דריי טעג נאָכאַנאַנד, אַז שלום־עליכם און זיין פאַמיליע געפינען זיך נישט אויף זייער שטענדיקער דירה, זיי זענען אַוועק פון דאָרטן. ניין, זיי זענען אַנטלאָפן ראַטעווען זיך, ראַטעווען דאָס לעבן זייערס. און שוין דריי טעג, אַז שלום־עליכם און זיין פאַמיליע זיצן אין האָטעל „אימפּעריאַל". זיי זענען נישט אַליין, מיט זיי זענען נאָך הונדערטער פאַמיליעס אַלע צונויפגעשטיקט, צעשראָקענע, טוליען זיי זיך איינע צו די אַנדערע.

זיי באַהאַלטן זיך פונעם טויט, וואָס בושעוועט שוין דריי טעג איבער קיעוו דער שטאָט. עס טראָגן אים, דעם טויט, גאַנצע כאָפטעס כוליגאַנעם, פאָליציי. זיי גייען מיט אַ ווילדן געזאַנג, באַגלייט מיט שיכורע אויסגעשרייען פון הורא. אויף פיל גאַסן האָבן שוין די פאָגראָמשטשיקעס דערהרגעט נישט איין מאַמע, נישט איין טאַטן, נישט איין קינד פון דער פרידלעכער באַפעלקערונג, נישט איין רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער און אַרבעטנדיקן.

מע האָט אונטערגעקויפט דעם שווייצאַר, וועלכער שטייט ביי דער טיר פונעם האָטעל „אימפעריאַל“. ער האַלט אַן איקאָנע אין האַנט און נאַרט אָפּ די פאָגראָמשטשיקעס, אַז דאָרטן אין האָטעל „אימפעריאַל“ זיצן לויטער גאָטספאָרכטיקע פרומע קריסטן.

הינטער דעם פענצטער, הערט זיך אַ טיוואָלאָניש געשריי און עס גייט אַ שדים־טאַנץ. עס האָט זיך אויסגעמישט אינאיינעם אַ פייפן, אַ הודזשען, אַ קלאַפן, אַ ברעכן, אַ יאָמער מיט אַ געלעכטער... מיט אַ הורא! און עס האָבן זיך אויסגעמישט פעדערן מיט בלוט, מיט שערבלעך, מיט האָר, מיט שטיקלעך פאַפיר, מיט מאַרך, מיט צעריסענע ספרים, מיט צעגאָסענעם וויין, אַ מאָדנער מיש־מאַש פון זאַכן.

און דעמלט, זיצנדיק אין דעם באַשיצטן האָטעל, שלאָגט אים אַ געדאַנק, צי זאָל ער זיך נישט נעמען צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן, וואָס עס האָט אים פאָרגעלייגט אַ יידישער געלערנטער פון אַמעריקע ד״ר פישבערג, אריבערצוואַנדערן אין ניו־יאָרק און פאַרבינדן זיך דאָרטן מיט דעם יידישן טעאַטער, מיט דער יידישער פרעסע. יאָ. ער וועט עס טאָן, ער וועט אים שרייבן, דעם ד״ר פישבערג, ער זאָל דאָרטן פירן אַ קאַמפּאַניע פאַר אַריבערנעמען אים, 'שלום־עליכם'ן, אין אַמעריקע. ער וואָלט עס טאַקע געטאָן, אָבער ווי פאַרלאָזט מען דאָס פאָלק, אָט דאָס אָרעמע פאָלק!

„דאָס האַרץ בלוטיקט מיר — שרייבט דעמלט שלום־עליכם אין זיינעם אַ בריוו צום ד״ר פישבערג — אויף מיין עלנט אָרעם פאָלק, און עס איז מיר אַ בזיון דאָס אוועקצוּוואַרפן אין אַזאַ טרויעריקער לאַגע... נאָכאַמאָל זאָג איך אייך, איז נאָר דער געדאַנק וואָס זעקס אָדער זיבן מיליאָן נפשות בלייבן דאָ אַזוי אומגליקלעך, ווערנד איך איינער וועל ווערן פריי“.

אָבער דער שווערער איינדרוק, וואָס דער פאָגראָם האָט געמאַכט אויף אים און זיין פאַמיליע, די אומגעהויערע שרעק, וואָס זיי זענען דעמלט אויסגעשטאַנען, האָט געווירקט, אַז שלום־עליכם זאָל באַשליסן אוועקצו־

פאָרן אויף אַ געוויסער צייט פון רוסלאַנד. „מיטן לעבן אַרויס פון געפאַר, כמעט אויף אַ האַלב יאָר, ביז דער הוראַגאַן וועט דורכגיין, און עס וועט אויפגיין די שיינע ליכטיקע זון פון פרייהייט!". דאָרטן וועט ער אויך קאָנען דינען דעם פאָלק און זיין פאָטערלאַנד. ער וועט אַרויסטרעטן אין אייראָפּע, אין אַמעריקע אויף גרויסע מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, אין פּאַריז, אין ניו־יאָרק, אין לאָנדאָן, ער וועט זען ווירקן, אַז אין אויסלאַנד זאָל יעדער פאָרגעשריטענער און אמתער פריינד פון דער מענטשהייט זיין מיט דער רוסישער רעוואָלוציע, זיין מיט די בעסטע פון די פעלקער אין רוסלאַנד — מיט די רעוואָלוציאָנערן. ער וועט אויך ווירקן, אַז אין אויסלאַנד זאָל מען נישט געבן קיין הלוואה דעם בלוטיקן צאַריזם. די אַגיטאַציע קעגן דער הלוואה פירט ער שוין אין די בריוו צו זיינע פריינד אין אַמעריקע. אין זיינע בריוו וועגן דער לאַגע אין רוסלאַנד, וואָס ער האָט געשריבן אין דער אַמעריקאַנער יידישער פרעסע, האָט ער גערופן זיינע לעזער צו „העלפן דעם אָרעמען אומגליקלעכן פאָלק נישט נאָר מיט געלט אַליין, נאָר אויך מיט עפּעס אַנדערש..." געמיינט האָט ער דעמלט אָט וואָס: אַגיטירן קעגן אַ הלוואה דעם בלוטיקן צאַריזם, וועלכער „דאַרף געלט נאָך מער, ווי די צעראַבעוועטע יידן".

ער איז אָבער געווען גענאַרט אין די ראָטשילדס, אין די מענדעלסאָנס און אין פיל אַנדערע באַנקירן, פּונקט ווי אייניקע זיינע קאָסריעלעווקער געשטאַלטן. און ער האָט אויף אַ רגע געמיינט, אַז אָט די באַנקירן גייט אינדערהאמתן אָן דאָס בלוט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, כאָטש ער אַליין האָט עס נישט איין מאָל שאַרף אָפּגעלייקנט, אין זיינע ווערק. „טאָמער גייט איצט אַרויס אַ ייד אַ מיליאָנער מיט אַ הלוואה, — שרייבט שלום־עליכם, — איז קוילעט ער אָן אַ מעסער זעקס מיליאָן יידן (אַ חוץ הונדערט מיליאָן קריסטן) און דאָס בלוט פאַלט אויף זיין קאָפּ". יאָ, ביי דעם אימפּעריאַליסט שטייען די אינטערעסן פון דער אייגענער קעשענע העכער פון אַלץ. דער באַראָן גינזבורג פון פּעטערבורג האָט גיכער דערפילט דעם פולס פון דער וואַליוטע, איידער די ווי־געשרייען פונעם פאָלק און האָט זיך געלאָזט מאַכע היצמלט אין פּאַריז אויסצופועלן אַ הלוואה פאַרן צאַריזם.

עס האָט זיך אים געוואָלט, שלום־עליכם'ן, אַז אין אַמעריקע זאָל מען דורכן טעאַטער זען דעם העראָישן קאַמף, וואָס עס פירן די פעלקער פאַר זייער באַפרייונג אין רוסלאַנד. און ער האָט אָנגעשריבן פאַרן טעאַטער די דראַמע „דער לעצטער קרבן, אָדער די בלוטיקע טעג". צווישן די

פערזאָנען פון דער פיעסע „די בלוטיקע טעג“ איז שלום-עליכם'ן באַזונ-דערס ליב געווען יוליק דראַטווע.

„זייער א דאנקבארע ראָל פאר א גוטן טראגיקער, א יונגער שום-טער, א רעוואָלוציאָנער, — האָט שלום-עליכם צו זיך א זאָג געטאָן, בא-טראכטנדיק אין קאָפּ אלע פארשוינען, — הכלל, באוואָרנט אלע אק-טיאָרן“.

און ווי פארשעמט פאר זיין אייגענעם גרויסן טאלאנט, א זאָג געטאָן:

— נישט איך האָב באוואָרנט, נאָר דאָס לעבן גופא האָט באוואָרנט.

די צעבושעוועטע קאָנטררעוואָלוציע אין לאַנד האָט שלום-עליכם'ן ארייַנגעוואָרפן אין טרויער און אין פארצווייפלונג, און יענע טעג האָט שלום-עליכם דערזען דעם שאָטן פון זיין אייגענעם טויט.

און ער האָט אָנגעשריבן דאן די באקאנטע עפּיטאַפיע פאר זיין מצבה:

געווען א ייד א פשוטער,
געשריבן עברי־טייטש פאר ווייבער
און פארן פראָסטן פאָלק האָט ער —
דאָ ליגט א זשארגאָניסט א שרייבער.

דאָס גאנצע לעבן אויסגעלאַכט,
געשלאָגן מיט דער וועלט כפרות.
די גאנצע וועלט האָט גוט געמאכט. —
אליין, אוי וויי, געווען אויף צרות!

און דווקא, ווען דער עולם האָט
געלאכט, געקוועלט און פלעגט זיך פרייען,
האָט ער געוויינט — דאָס ווייסט נאָר גאָט —
בסוד, אז קיינער זאָל נישט זעען...

שלום־עליכם.

קאַפּיטל עלף

# אין וואַנדערונג

„עס איז געווען אַ נאַסער, אַ קאַלטער פרימאָרגן, איינער פון יענע קאַלטע נאַסע אָסיענדיקע טעג, וואָס מע זאָגט, אַז עס איז „אַן עבירה אַ הונט אַרויסצולאָזן אויף דער גאַס“, און דאָך איז דער באַנהויף... געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, און איבערהויפּט די דריטע קלאַס. עס איז נישט געווען אַ נאָדל דורכצוּוואַרפן. מערסטנס פּאַסאַזשירן זענען געווען, קאָן מען זאָגן, כמעט לויטער יידן. געזעסן און געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ, ווייבער מיט קינדער, מיט טשעמאָדאַנעס, טאָרבעס, זעק און פּעקלעך און קישנס, קישנס, קישנס!.. די פּנימער ביי אַלע אָנגעשראָקענע, פאַרצווייפלטע, קוקן זיך אַרום אויף אַלע זייטן, ציטערן פאַר אַ געשריי, פאַר אַ פייף. און לויט די שמועסן פון די פּאַסאַזשירן דאַרף מען רעכענען, אַז דאָס זענען עמיגראַנטן, וואָרום עס לאָזן זיך הערן די ווערטער: „ליבוי... האַמבורג... שיפסקאַרטן... אַמעריקע...“

דאָס געשריי איז גרויס, דער טומל מיטן לויפן, מיטן שטופּן זיך איז נאָך גרעסער.

באַזונדער אין אַ ווינקעלע זיצט אַ געזינדל: אַ פאָטער, מוטער, זעקס קינדער, פיר יינגלעך, — יינגלעך איז אין אַמעריקע, זאָגט מען, אַ גליק, זיי גייען אַרבעטן. צוויי מיידלעך, — מיידלעך, זאָגט מען, איז אויך אַ גליק אין אַמעריקע, זיי גייען אַרבעטן, און אַ באָבע מיט אַ זיידן זענען דאָ. די באָבע וואָלט אפשר אויך געפאָרן מיט די קינדער קיין אַמעריקע, קאָן זי נישט איבערן זיידן, ווייל ער איז אַ בלינדער. אַ בלינדן לאָזט מען קיין אַמעריקע נישט אַריין, מוז זי דאָ בלייבן מיטן אַלטן, סיידן אַמאָל, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, וועלן זיי איר צושיקן פון דאָרטן אַ שיפסקאַרטע... דערווייל זאָל ער לעבן. גענוג, אַז גאָט האָט אים גע=

שטראָפט... און דער אַלטער זיידע גלעט די אייניקלעך איבער די קעפּלעך, וויינט מיט זייגע בלינדע אויגן און זאָגט צו זיי:

— איך וועל אייך שוין מער, קינדערלעך, נישט זען קיין מאָל! קיין מאָל אייך נישט זען מער!......

— האָסט אַ טעות, טאַטע, מיר וועלן נאָך קומען צוריק אַלע און איך אוודאי...

אַזוי זאָגט חיים צום פאָטער און ער וויל אים איינריידן, אַז ער, חיים, פאָרט נישט אַהין אויף שטענדיק און נישט צוליב זיך פאָרט ער, נאָר צוליב זיי, און זאָל זיך נאָר אַביסל איבערקאָכן אָט דאָ, וועלן אַלע פאָרן צוריק אַהער „צו אונדז", אַזוי ווי מע פאָרט אַצינד אהין, קיין אַמעריקע...

אם ירצה השם! — מישט זיך אַריין אַ ייד אַ ווילד פרעמדער פון דער זייט, וואָס שניידט דינע רעפטעליך ברויט מיט אַ קליין שאַרף מעסערל און באַשמירט דאָס מיט אַ געלכל פון אַן איי און בעט אויס אַביסל זאַלץ ביי אַ פרעמדער יידענע מיט אַ פאַרוויינט פנים צו זיך אין הויפן אַריין".

און צווישן אָט אַ די פאַרשווינגען אויף דעם באַנהויף, וואָס זעגענען זיך אָפּ מיט זייער חיים און פאָרן ערגעץ זוכן אַ נייע חיים אויף אַ ביסל צייט, נישט אויף שטענדיק, ביזוואַנען „עס וועט אַביסל איבערקאָכן דאָ", געפינט זיך אויך דער גרויסער יידישער פאָלקס-שרייבער שלום-עליכם, דער אויטאָר פון דער געבראַכטער באַשרייבונג. ער איז דאָ מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, מיט זיין פרוי און קינדער. ער שלעפּט זיך אויך מיט זיין גאַנצן האָב און גוטס, ער שטייט צווישן אָט דעם עולם און באַטראַכט יעדערן. עס קומען אים ארויף מחשבות וועגן דעם גורל פון די יידישע פאָלקס-מאַסן.

— אַ פאָלק, — הערט שלום-עליכם, ווי מע זאָגט אין דער הויך, און אַלע, וואָס זענען אַרום, הערן עס, — אַ פאָלק... פונוואַנען נעמט זיך צו אים אַזויפיל כוח און גבורה?

אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער געלאָקטער ווייסער באָרד, מיט בימרע אויגן, מיט אַן אויסגעבויגענער נאָז, מיט אַ קאַפּעליוש אַ צעקנייטשטן אויפן קאָפּ, אַ הויכער, אַמאָל געווען אַ שלאַנקער, און איצט — אַן איינגעבויגענער, ענטפערט פאָעטיש מיט אַ ניגון פון אַ מגיד:

— לך-לך, זאָלסט אַרויסגיין פון דיין לאַנד און פון דיין געבורטס-

אָרט און פון דיין פּאָטערס הויז, גיי ארויס סיי מיט דיין גוף, סיי מיט דיין נשמה.

— ווען מיר וועלן אַלע פאָרן צוריק אַהער, צו אונדז אהיים, וועט דעמולט קיין גלות נישט זיין, און „ראסיי" וועט ווערן דעמלט נישט אונדזער שטיפמאַמע, נאָר אונדזער מאַמע... יאָ, יאָ, דאָס וועט זיין. מע דאַרף נאָר פּטור ווערן פון ניקאָלייקען, — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט א זוגנטלעכער, וואָס האָט אויסגעשטעלט פאר אימפּעט זיינע הענט, אויף וועלכע עס זענען געווען קענטיק סימנים, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז זייער באַזיצער איז אן אַרבעטער.

די וואָקזאַל־אָנגעשטעלטע האָבן מיטאַמאָל געגומען קלינגען אין די גלעקער און דערביי אויסגעשריען: „צוגן גייען אָפּ אויף ליבוי, ווערזשבאלאווא, זשמערינקע..." דער עולם האָט זיך געכאַפּט צו די בעבעכעס, צום האָב און גוטס, צו די קליינע קינדער, א לאָז געטאָן זיך צו דער פּלאַטפּאָרמע, געשטויסן זיך איינע איבער די אַנדערע, געשריען, געשאָלטן, געוויינט און ווידער געשטויסן זיך.

און שלום־עליכם האָט זיך איינגעם מיט אַלעמען געלאָזן צו דער פּלאַטפּאָרם צו פאָרן מיט יענעם צוג, וואָס גייט אָפּ צו דער גרענעץ, און ער איז אַוועקגעפאָרן, אַוועקגעלאָזן זיך אין וואַנדער איינגעם מיט די ברייטע, לייַדנדיקע, עלנטע, פארוואָגלטע יידישע פאָלקס־מאַסן.

און געפרעגט האָט ער דעמלט זיך אַליין, וויאַזוי צו דערקלערן אָט די דאָזיקע דערשיינונג אין די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, אין די באַציונגען צווישן פעלקער, ווען די בלומרשט ציוויליזירטע מענטשהייט מאכט זיך נישט זעענדיק אויף אַזעלכע אכזריות. וואָס ווערן אָנגעווענדט בנוגע די אָרעמע יידישע פאָלקס־מאַסן. און שפּעטער האָט ער זיינע מחשבות, וואָס ער האָט געטראכט, לויפנדיק פון זיין היימלאַנד, פאַרשריבן מיט די פלאַגנדיקע ווערטער: אין אונדזער ליטעראַטור:

„דער יידישער היסטאָריקער, וואָס וועט אַמאָל קומען באַשרייבן די געשיכטע פון זיין פאָלק אינעם אָנפאַנג פונ׳ם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וועט זיך געווים אָפּשטעלן און פאַרטראַכטן. וואָס וועט זיין דאָס פאַרטראַכטן זיך?... נישט איבער דעם, וואָס מענטשן זענען געפאַלן אַזוי נידעריק, אַז זיי האָבן אָן א שום אורזאַכע און אפשר גאָר אן שום אויפרעגונג געטויט אַלטע לייט, פאַרגוואַלדעוועט קראַנקע פרויען, געפייניקט אומשולדיקע מיידלעך, געריסן קליינע קינדער; נישט איבער דעם, וואָס עס האָבן זיך געפונען מענטשן אינטעליגענטן, פּראָפעסאָרן

פון אוניווערסיטעטן, רעדאַקטאָרן פון צייטונגען, פּראָפעסאָר פון ביכער, געלערנטע אינזשעניערן און לערער, וואָס האָבן אונטערגעגעבן היינט די פּראָווילדעוועטע כוליגאַנעס, זיי זאָלן פאַרניכטן די יידן און אַלעס, וואָס געהערט צו יידן...

אַז הײַנטיקער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט זיך פאַרטראַכטן, וועט ער זיך פאַרטראַכטן אויף אַן אַנדער זאַך, ער וועט זיך פרעגן: „וויאַזוי האָט די גאַנצע מענטשהייט אין יענער צייט געקאָנט צוזען אַזעלכע מערדערייען אינמיטן העלן טאָג אינעם נאָמען פון פּאָליטישן קאַמף — און נישט איינשטעלן זיך פאַרן שוואַכערן, פאַרן אומשולדיקן און פאַרן אומבאַוואָפנטן? וויאַזוי האָבן געקאָנט אַזויפיל מעכטיקע לייט זען, ווי מע שלאַכטעט טאָג־טעגלעך טויזנטער פון מענטשן — און נישט אַריינמישן זיך אַפילו מיט קיין וואָרט אין נאָמען פון עפּעס אַ צוגעטראַכטן פּרינציפּ, וואָס איז ענלעך מיטן פּרינציפּ: „צווישן פרעמדע מאַן און ווייב טאָר מען זיך נישט מישן"... אָבער מיט נאָך מער פאַרוואונדערונג וועט דער צוקונפטיקער היסטאָריקער פרעגן: „וויאַזוי האָבן געקאָנט אין יענע צייטן די יידן פון די איבעריקע זאַגענאַנטע ציוויליזירטע לענדער לייענען אַלע טאָג, אַז מע קוילעט אומברחמנות אויף אַ שענדלעכן אופן זייערע ברידער און שוועסטער — און שווייגן?... וויאַזוי האָבן געקאָנט יענע יידן אין יענער צייט אין יענע לענדער רוען, עסן, טרינקען, שלאָפן, לעבן? לעבן ווי האָבן זיי געקאָנט?!...

און דאָס וועלן זיין די מחשבות און געדאַנקען, אין וועלכע דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט זיך פאַרטראַכטן און נישט קאָנען גיין ווייטער פאָרזעצן זיין אַרבעט, ער וועט זיך קוים גלויבן, אַז ער וועט זיך נעמען גריבלען אין די פּאַפּירן פון יענער צייט, און ער וועט זאָגן: ע נ ט ו ו ע ד ע ר־אָ ד ע ר: ענטוועדער יענע מענטשן אין יענע צייטן האָבן נישט ריכטיק געשריבן, אָדער מיר פאַרשטייען נישט זייער שפּראַך..."

אָט וויאַזוי דער גרויסער פאָלקס־שרייבער האָט דעמלט אויפגעדעקט די ריכטיקע נאַטור פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

* * *

כמעט אַ גאַנץ יאָר האָט שלום־עליכם מיט זיין פאַמיליע געוואַנדערט איבער אייראָפּע, פון נאָוועמבער 1905 ביז סעפּטעמבער 1906. ער

פאָרט אַרום איבער די שטעט און שטעטלעך פון גאַליציע, פון רומעניע. ער טרעט אַרויס אויף אָוונטן. ער לייענט פאַר זיינע ווערק. ווידער א גייער טריומף. גייע באַגעגעגישן מיט די יידישע פאָלקס־מאַסן.

ער וואַנדערט אַרום איבער גאַליציע, דעמלט אייגער פון די טראַנזיט־פונקטן פון דער עמיגראַציע פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. שלום־עליכם זעט זיי ווידער, די עלנטע וואַנגלער, וואָס זוכן א היים. ער באַקאַנט זיך מיט די מערב־אייראָפּייאישע יידישע בורזשואַזע בעלי־טובות. ער איבערצייגט זיך אין די „גליקן", וואָס עס טראָגן פאַר די יידישע מאַסן די „אליאַנסן" און אַנדערע אַזעלכע בורזשואַז־פילאַנטראָפּישע חברות.

שלום־עליכם האָט זיך צייטווייליק באַזעצט אין דער שווייץ. ער באַזעצט זיך אין דשענעווע. א שטאָט, וו עס האָבן זיך דעמלט געפונען פיל רוסישע עמיגראַנטן רעוואָלוציאָנערן.

שלום־עליכם און זיינע עלטערע קינדער לויפן אויף מיטינגען, זיי הערן די אַרויסטרעטונגען פון די רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן.

— איך וועט נאָך זען, — זאָגט שלום־עליכם צו זיינע קינדער, — אין רוסלאַנד וועט נאָך זיין א גרויסע רעוואָלוציע... אָבער ווי דערלעבט מען אָט די צייט, וויאַזוי?!

כמעט די גאַנצע ניין חדשים פון זיין וואַנדערן איבער אייראָפּע האָט שלום־עליכם זיך אַלץ באַמיט וועגן זיין רייזע קיין אַמעריקע. די יידישע בורזשואַזע פּרעסע האָט געטומלט און האָט אַרום דער אַקציע שלום־עליכם געמאַכט גאָר נישט שלעכט. איין צייטונג „דער מאָרגן־זשורנאַל" האָט געדרוקט זיינע פּאָגראָם־בילדער און האָט זיך נישט געאיילט צושיקן דעם פולן האָנאָראַר „דעם גרויסן ליטעראַט", וואָס האָט זיך געפונען אין אן אויסערסט שווערער לאַגע; אַנדערע האָבן געעפנט א זאַמלונג, כדי „צו רעטן דעם פאָלקס־דיכטער".

זיין פּיעסע „דער לעצטער קרבן", וואָס האָט געהאַט פיל בילדער און געשטאַלטן פון זיין שפּעטערדיקן ראָמאַן „דער מבול", איז אין אמעריקע נישט געשטעלט געוואָרן.

שלום־עליכם האָט שטענדיק געקעמפט פאַר דער ריינקייט פון דער קונסט. ער האָט זיך תמיד גערעכנט מיט דער קריטיק און מיטן לעזער. ער האָט אָבער נישט געוואָלט וויסן פון אַראָפּלאָזן זיך צו א נידעריקערן געשמאַק און האָט שטענדיק געהויבן זיין לעזער און צושויער צו א העכערער פאָרגעשריטענער שטופע פון אַנטוויקלונג. אַוועקשיקנדיק, בעת

שלום־עליכם און ח. נ. ביאַליק (האַאַג, אויגוסט 1907).

זיין וואנדערן איבער אייראָפּע, זיין פּיעסע „דער לעצטער קרבן“ אין אמעריקע, האָט שלום־עליכם אָנגעזאָגט די אַקטיאָרן, אַז ער וועט זיך „קיינמאָל נישט דערלויבן נאָכצוגעבן דעם אַמעריקאַנישן געשמאַק און פאַרבייגן די געזעצן פון דער קונסט“.

די „גרויסע סטאַרן“ פון אמעריקאַנער טעאטער האָבן זיך באַלד אָפּגעטרייסלט פון דער פּיעסע, וואָס איר אויטאָר וויל זיך נישט אונטער־געבן דעם האמעטניעם מגושמדיקן געשמאַק פון דעם אלרייטניק.

די אמעריקאַנער אונטערנעמער האָט זיך בכלל געגלוסט, אַז שלום־עליכם זאָל, ביי זיין קומען אין אמעריקע, אָרגאַניזירן געצאָלטע פאָרלע־זונגען ספּעציעל וועגן די פּאָגראָמען און, אויף אזא אופן, פון די בלוטיקע געשעענישן מאַכן געלט. שלום־עליכם האָט זיך דערפון קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

„קיין שום פאָרלעזונגען פון פּאָגראָמען לעז איך נישט און וועל נישט פאַרלעזן אין אַמעריקע אויף דער הייסער שעה, בכדי צו מאַכן געלט, איך לעז פאַר נאָר מיינע אייגענע ווערק, קליינע סקיצן און מעשהלעך פון קאַסרילעווקע, מאַזעפּאָווקע, בערדיטשעוו וכדומה, פון וועלכע דער עולם שטאַרבט פאַר געלעכטער, פאַרלירט אָפּטמאָל פאַרביי א טרער, און דאָס איז דער עיקר. אין די פאָרלעזונגען שפּיגלען זיך אָפּ, — זעצט פאָר שלום־עליכם, — אַלע זייטן פונעם יידישן לעבן אינעם בלוטיקן לאַגע, אויך די פּאָגראָמען, קאָנסטיטוציע אאַוו.“

שלום־עליכם, וועלכער האָט אַזוי שווער איבערגעלעבט דעם פּאָגראָם, האָט אין זיינע געליבסטע ווערק זיך געסטאַרעט וואָס ווייניקער צו ווייזן בלוטיקע סצענעס. אין דער הינזיכט איז כדאי צו דערמאָנען די שילדע־רונג פון אַ פּאָגראָם, וואָס ער גיט אין זיין „טביה דער מילכיקער“ אין דער דאָזיקער סצענע האָט שלום־עליכם'ן מער פון אַלעמען געלונגען צו ווייזן די אמתע סאָציאַל־פּאָליטישע סיבות פון די פּאָגראָמען אויף יידן אין רוסלאַנד אין יאָר 1905.

אויפן וועג קיין אַמעריקע האָט זיך שלום־עליכם אָפּגעשטעלט אין לאָנדאָן, איינעם פון די צענטערס, וווהין עס האָט געשטראָמט די יידישע עמיגראציע.

דאָ אין לאָנדאָן האָט שלום־עליכם אומגעריכט דערזען פאַר זיך זיין אַלטע קאַסרילעווקע, וואָס האָט מיט אירע ביגבעכעס אויף די פּלייצעס דורכגעשפּאַנט אייראָפּע און איבערגעשווומען דעם ים. ער האָט דערזען, אַז אויך דאָ פאַרקויפט מען „פיש און פליישׂ“, סידורים, ציצית,

עפּל, קוואַס, טאָרט מיט צוקערלעקעכלעך, מיט אַנגעשניטענע שטיקלעך הערינג, טליתים, לימענעס, וולוטשקע, אייער, גלעזלעך, טעפּ, קאַלאַיִשן, לאָקשן, בעזעמער, פּייפעלעך, — פּעפער, שטריק — פּונקט דאָס אייגענע, ווי ביי אונדז, און שמעקן שמעקט דאָ אויך ווי ביי אונדז. אמאָל גאָר ערגער... בערדיטשעוו! מיר זענען נישט אין לאָנדאָן, מיר זענען אין בערדיטשעוו!...“

אויך דאָ איז מער פאַראַן דער „געמיינער מאַן, דער אָרעמאַן, דער געבעך־אָרעמאַן, דער גרויסער אָרעמאַן, דער געפאַלענער, דער מקבל, דער קבצן, דער דלות, דער דלפן, דער עני, דער עני ואביון“.

דער געניאַלער קינסטלער שלום־עליכם האָט גלייך באַמערקט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג מיט דער „ציוויליזאַציע“. ער האָט געזען באַשיינפּערלעך, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג דערלייזט בשום אופן נישט די „יידן־פראַגע“, ווי זי דערלייזט נישט בכלל די פראַגע פון אַלע אונטערדריקטע און געיאָגטע.

## ביים אַמעריקאַנער אַלרייטניק

שוין באַלד א יאָר, אז די יידישע עמיגראַנטן אין ניו־יאָרק לייענען ידיעות אין די צייטונגען, אַז עס פאָרט צו זיי שלום־עליכם. צו דער בענקעניש פון די פאַרטריבענע יידישע פאָלקס־מאַסן נאָך זייער אַלטער היים, עלטערן, ברידער און שוועסטער איז צוגעקומען א נייע בענקעניש, די בענקעניש נאָך דעם גרויסן יידישן פאָלקס־שרייבער. ער האָט זיי אַזויפיל געמונטערט אין די שווערסטע טעג פון זייער לעבן אין דער אַלטער היים.

שטענדיק נאָכן טאָג פון שווערער מי און האָרעוואַניע פלעגט דאָך די בעסטע זייערע פאַרווייַלונג זיין שלום־עליכם'ס א פּריילעכע און האַרציקע דערציילונג פון זייער לעבן. און דאָ, אין דער נייער היים זייערער, ווען זיי פלעגן זיך דערמאָנען אין אַמאָל, פלעגט איניינעם מיט זייערע דערינערונגען אַרויפשווימען שלום־עליכם מיט זיינע דערציילונגען. פון טאָג אויף טאָג האָבן זיי אַלץ געוואַרט אויף אים, אויף דעם, וואָס פלעגט זיי באַשיינען דאָס לעבן פון דלות און פון ליידן.

היינט איז דער 20־ער סעפּטעמבער פון יאָר 1906. גאַנצע מענגעס אַרבעטער און אַרבעטנדיקע ציען זיך צום האַפן פון ניו־יאָרק. דאָס גייען זיי באַגעגענען זייער פאָלקס־שרייבער.

די שיף גייט צו לאַנגזאַם צום ברעג.

— „שלום־עליכם!" „שלום־עליכם!", „ווילקאָמען, שלום־עליכם!"

— אַזעלכע אויסגעשרייען הערן זיך אויפן ברעג.

אָט איז ער שוין, שלום־עליכם, אויפן ברעג. מע טראָגט אים אויף די הענט. אַ פרייליכער אויסגעשריי „הורא!" דער ייִנגסטער זון שלום־עליכם׳ס האָט זיך צעשריען:

— וווהין טראָגן עס די פעטערס און מומעס דעם טאַטן?

אַ כוואַליע האָט אים אויפגעהויבן הויך, הויך. כוואַליעס מענטשן טראָגן זיך, שטויסן זיך איינע איבער די אַנדערע. און אין די אויערן קלינגט און שאַלט:

— „שלום־עליכם!", ווילקאָמען, שלום־עליכם!"

אין איינעקע טעג אַרום נאָך זיין קומען אין אַמעריקע שרייבט שלום־עליכם צו זיינע קינדער: „מיר זענען דאָ אַרייַנגעפאַלן, פונקט ווי אין אַ קעסלגרוב... נאָך דעם — דעלעגאַציעס אָן אַ סוף, אינטערוויוערס איינגעגעסענע, און ביזנעס — געשעפטן, געשעפטן, געשעפטן. מע זאָגט צו גילדערנע בערג פון אַלע זייטן. פאַרשטייט זיך, דעם ערשטן טאָג איז נאָך גישטאָ, פונוואַנען דאָס געלד זאָל זיך שיטן. נאָר די נאָענטע צוקונפט זאָגט פאַרויס אַ סך, אַ סך גוטס. אפנים, אַ נייע ערע גייט אויף אויף אונדזער. האָריזאָנט..."

יאָ, זייער שטאַרק האָט די ערשטע טעג פון זיין קומען אין אַמעריקע שלום־עליכם געגלויבט אין די אַמעריקאַנער גליקן. ער איז געווען באַגייסטערט פונעם קבלת־פנים, וואָס די אַרבעטנדיקע האָבן אים געמאַכט אין ניו־יאָרק.

„דער כבוד, וואָס איך האָב געהאַט ביי מיין אָנקומען מיטן שיף פון דעם ערשטן טאָג ביזן זאָגענאַנטן רעספעקשאַן, איז שוין אַביסל צו פיל, — שרייבט שלום־עליכם צו חיים נחמן ביאַליק — אָבער דעם כבוד וואָס מע האָט דאָ אָפּגעגעבן אונדזער יידישער ליטעראַטור און אונדזער געליבטן פאָלקס־לשון, האָט מיר ווירקלעך צוגעטיילט אַזויפיל נחת, אַז עס האָט מיר פאַרזיסט מיין לעבן אינעם לאַנגן גלות, וואָס איך האָב אויף זיך גענומען, האָפנטלעך, דאָ איז אַן עק פון מיין גלות. אַ זייער, זייער גלענצנדיקע צוקונפט ווייזט זיך דאָ פאַר מיר". שלום־עליכם האָט זיך דאָ אָבער אָפּגענאַרט.

נישט לאַנג האָבן זיך געצויגן די „אַמעריקאַנער גליקן". דער טעאַטער, וואָס ער האָט אויף אים געלייגט זיינע גרעסטע האָפענונגען, האָט

אָפּגענאַרט. ער האָט ניט געקאָנט פאַרווירקלעכן זיין געדאַנק צו שילדערן די העראָישע טעג פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. די פּיעסע „דער ערשטער קרבן" האָבן די אַמעריקאַנער טעאַטערן ניט געשטעלט...

די פּלענער וועגן בויען אַ קינסטלעריש יידישן טעאַטער, וועלכע עס האָבן זיך אים ניט איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן אין רוסלאַנד, האָט שלום-עליכם געטרוימט צו פאַרווירקלעכן אין אַמעריקע. דאָס איז אָבער געווען אַ חלום. ניט באַלד האָט זיך אים איינגעגעבן מאַכן די ערשטע טריט אויף דער בינע פון דעם אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער. ערשט אין פינף חדשים אַרום נאָך זיין קומען, דעם 8-טן פעברואַל פון יאָר 1907 זענען פאָרגעקומען די פּרעמיערעס פון שלום-עליכם'ס צוויי טעאַטער-שטיק „שמואל פּאַסטערנאַק אָדער דער אויסוואורף" (באַאַרבעט פון „יקנה"ז) אין יעקב אַדלערס „גראַנד-טעאַטער" און „יידישע טעכטער" (באַאַרבעט פון „סטעמפּעניו") אין באָריס טאָמאַשעווסקיס „פּיפּלס-טעאַטער".

עס זענען געווען אין די צייטונגען געדרוקט מיט גרויסע אותיות רעקלאַמעס אויפן ספּעציפישן אַמעריקאַנער שטייגער. אָט איז איין אַפּיש וועגן דער פאָרשטעלונג פון שלום-עליכם'ס „סטעמפּעניו". מע קען זיך פאָרשטעלן, וויאַזוי שלום-עליכם האָט זיך געפילט, לייענענדיק זיי:

„שלום-עליכם אין פּיפּלס-טעאַטער צום ערשטן מאָל אַלס דראַ-מאַטורג. שלום-עליכם'ס גרעסטע מייסטערווערק „סטעמפּעניו", וואָס האָט די גאַנצע וועלט אין שטוינען געבראַכט און איז אין אַלע שפּראַכן איבערגעזעצט געוואָרן, איז איצט דראַמאַטיזירט געוואָרן פון שלום-עליכם פאַר פּיפּלס טעאַטער. פרייטיק אין אָוונט, שבת און זונטיק מאַטינע און אָוונט — אַן אמת-אָריגינעלע יידישע חסידישע פּיעסע פון אמתן לעבן. „יידישע טעכטער אָדער סטעמפּעניו", אין 4 אַקטן, פון שלום-עליכם, סצענירט און אויפגעפירט פון ב. טאָמאַשעווסקי. ספּעציעל געשריבן פאַר הער און מאַדאַם טאָמאַשעווסקי. פאָלקס-לידער עקסטראַ געקליבן פון שלום-עליכם. מוזיק פון הער פרידעל און מר. מאַגולעסקאָ, מיט דער מיטווירקונג פאָזיטיוו פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע".

פּונקט אַזעלכע רעקלאַמעס האָט אויך געגעבן יעקב אַדלערס טעאַטער וועגן „שמואל פּאַסטערנאַק, אָדער דער אויסוואורף". דער דער-פאָלג אין ביידע טעאַטערס איז געווען אַ גרויסער. שלום-עליכם האָט געמוזט אין איין אָוונט אויפנעמען באַגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטן פון די

צושויער אין ביידע טעאַטערן. וועגן דעם דערציילט זיינע קינדער שלום־עליכם פאָלגנדיקעס:

„נו, דעם עקזאַמען האָב איך אויסגעהאַלטן און, דאַכט זיך, גלענצנד. די זאַך דערפון איז, וואָס ס'איז נישט מעגלעך געווען אַרויסצוטראָגן אַ גאַנצן איינדרוק, ווייל ס'איז אויסגעקומען צו צערייסן זיך אויף צוויייען: איך בין געווען אויף צוויי אַקטן אין איינעם און אויף צוויי אַקטן אינעם צווייטן טעאַטער. אי דאָ, אי דאָרטן האָט מען מיך אַרויסגערופן אַ סך מאָל, געמאַכט אָוואַציעס. דער עולם, ווי עס שיינט, איז געבליבן צופרידן. יערענפאַלס איז געווען אַזויפיל נייקייט, אַז עס האָט געקלעקט גענוג. „סטעמפעניו“ האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס, וואָס איז פּאָעטיש, פּאַטריאַרכאַליש. „דער אויסוווּרף“ ווידער האָט געצוווּנגען דאָס פּובליקום די גאַנצע צייט צו האַלטן אָפן דאָס מויל און צו לאַכן, ביזוואַנען דער פאָרהאַנג איז געפאַלן. דאָס איז אויך דאָ ניי, מחמת די באַלאַגאַן־סאַטירע האָט זיך שוין צוגעגעסן, און דער הומאָר פון די היגע מאָדישע דראַמאַטורגן איז אַזוי אָרעם, אַז ס'איז פּראָסט אַ רחמנות אויף זיי. זיי קויפן „וויצן“ פאַר געלט אָדער זיי נעמען איינער ביים אַנדערן אויף פּראָקאַט... וואָס ס'איז שייך דער פּרעסע, איז... פון איר הינטערוואַרט איך קיין שום גוטס נישט... זי איז אינגאַנצן ווערט אַ גראָשן. דער עיקר איז דאָס פּובליקום, דער גרויסער עולם“.

ווי איר זעט, לעבן מיר אין אַ באַזונדערער, טעאַטראַלישער וועלט. דאָס לעבן האָט אונדז אַריינגעשטופּט אין אָט דער וועלט, און עס שטייט מיר נאָך פאַר אַ סך שטרויכלונגען אויף דעם דאָזיקן נייעם וועג, אַ גרויסער קאַמף, און איך האָף אַרויסצוקומען אַ באַזיגער“.

די פאַרגעשריטענע צושויער פונעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע האָבן אין שלום־עליכם'ס פאָרשטעלונגען דערזען דעם אָנקום פון אַ נייעם עטאַפּ אין דער געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. אָבער די פאַרקויפטקייט פון דער געלער פּרעסע אין אַמעריקע האָט באַלד געווירקט אַז שלום־עליכם זאָל נישט זיין דער זיגער, נאָר פאַלן אַ קרבן פון דעם שונדיסטישן און האַלב־שונדיסטישן אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער און רעפּערטואַר.

די געלע פּרעסע אין אַמעריקע האָט באַלד נאָך שלום־עליכם'ס קומען אַהין אויפגעהויבן — פריער אַ באַהאַלטענעם און שפּעטער אַן אָפענעם קאַמף קעגן אים. דאָ, אין אַמעריקע, האָט שלום־עליכם דערזען פאַר זיך אַזאַ ליטעראַרישן שונא, וועלכן ער האָט שוין אין רוסלאַנ־

בייגעקומען נאָך מיט אַ יאָר פֿופֿצן צוריק. דאָס איז געווען דער שמ״ריזם אין זיין אַמעריקאַנער פֿאָרם.

דער שמ״ריזם האָט דאָ נאָך געוועלטיקט אין טעאַטער, אין דער ליטעראַטור, אין דער פּרעסע. און שלום־עליכם האָט פֿאַר זיך דערמלט אויפֿדאָסניי געשטעלט דעם ציל צו באַקעמפֿן דעם אַמעריקאַנער שמ״ריזם. ער האָט אויסגעקליבן דערווייל איין געביט פֿון ליטעראַרישן שאַפֿן — די דראַמאַטורגיע.

און פּונקט ווי מיט זיין ראָמאַן „סטעמפּעניו״ האָט ער ענדע די אַכציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט געשלאָגן איבערן שמ״ריזם אין רוסלאַנד, האָט ער זיך איצט אויך גענומען צו דער טעמע „סטעמפּעניו״, האָט זי באַאַרבעט פֿאַרן טעאַטער און געפּרוווט דערמיט באַקעמפֿן דעם שמ״ריזם אין אַמעריקאַנער טעאַטער. ער אַרבעט אויך איבער זיין פּיעסע „יקנה״ז״. די אַמעריקאַנער באַדינגונגען, דער אַמעריקאַנער אַלרייטניק שטויסן אים דערצו. ער פֿאַרשאַרפֿט מער די נעגאַטיווע שטריכן פֿונעם רוסלענדישן אַלרייטניק, — פֿונעם טרעגער פֿון שמ״ריזם גופֿא.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם גרויסן דערפֿאָלג, וואָס שלום־עליכם׳ס פּיעסן האָבן געהאַט אויף דער בינע פֿון די גרעסטע יידישע טעאַטערן אין ניו־יאָרק, האָט די אַמעריקאַנער געלע פּרעסע אָפּגעשטויסן שלום־עליכם׳ן און זיין ווירקונג אויף דעם אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער.

דאָ אין אַמעריקע, אין דער סאַמע געדיכטעניש פֿונעם קאַפּיטאַליסטישן לעבן, איז שלום־עליכם געקומען צום געדאַנק, אַז „די צרות מיט די ליידן, די זיפֿצן מיט די טרערן, די בזיונות מיט די שפֿיכת־דמים זענען געבליבן די זעלבע, און וועלן מסתמא בלייבן מיטן אייבערשטנס הילף די זעלבע, כל־זמן מענטשן וועלן געוועלטיקן אויף מענטשן, כל־זמן מענטשן וועלן אַרויסבאַווייזן פֿון צייט צו צייט, אַז אין זיי געפֿינען זיך נאָך סמנים פֿון חיות...״

דער אַמעריקאַנער אָלרייטניק האָט שלום־עליכם׳ן נאָך מער אויפֿגערעגט, ווי די סענדער בלאַנקס און די יידישע אויפֿגעקומענע בורזשואַזיע אין רוסלאַנד.

עס איז כאַראַקטעריסטיש דער פֿאָלגנדיקער אַנעקדאָט, וועלכער איז באַקאַנט צווישן די יידישע ליטעראַטן:

שלום־עליכם האָט אויף איינעם אָן אָוונט אין ניו־יאָרק געלייענט זיינע ווערק. נאָך דער פֿאָרלעזונג איז צו אים צוגעגאַנגען אַ באַוווסטער

ניו־יאָרקער אַדוואָקאַט און רופֿט זיך אָן צו אים מיט ברייטקייט, האַלטנדיק די הענט אין די הויזן־קעשענעס:

— וועלל, מיסטער שלום־עליכם, איך מוז אייך זאָגן אַ קאָמפּלימענט: איך האָב עס געמאַכט אָלרייט, נישט ערגער פֿון אונדזער מיסטער זאַנגוויל. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן הער איך פֿון אַ שרייבער אַזעלכע פיינע וויצן אין אונדזער אייגענעם זשאַרגאָן!

שלום־עליכם האָט באַטראַכט דעם אַדוואָקאַט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און האָט איבעראַנגעענטפֿערט אין זיין טאָן:

— וועלל, איך מוז אייך אויך מאַכן אַ קאָמפּלימענט: דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן זען איך אַ ניו־יאָרקער אַדוואָקאַט מיט די הענט אין זיינע אייגענע קעשענעס!

שלום־עליכם האָט געשטרעבט אויסצוראָטן דעם אַמעריקאַנער שמר“ריזם אין דער ליטעראַטור, און דעמאָלט פֿאַרטראַכט ער שוין זיין ראָמאַן „די בלאָנדזשענדע שטערן“. ער האָט זיך דעמאָלט אויך גענומען צו ווייזן פֿאַר דער וועלט די „גליקן“, וואָס דער קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקע ברענגט פֿאַר די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, וואָס וואַנדערן אַהין איבער, און אין דער זעלבער צייט, ווען ער דרוקט זיין ראָמאַן „דער מבול“, ברענגט ער אויך זיין מנחם־מענדלען קיין אַמעריקע. ער הייבט דעמאָלט אויך אָן צו שאַפֿן איינעם פֿון זיינע גרעסטע און בעסטע ווערק „מאָטל פּייסי דעם חזנס“.

קאַפּיטל צוועלף

# צי וועל איך דיך פאַרגעסן

קיין קאַרגן יאָר איז שלום־עליכם נישט אויסגעזעסן אין אַמעריקע. עס האָט אים געצויגן צוריק אַהיים, אַהין, וווּ די פאָלקס־מאַסן האָבן אונטערן האָגל פון קוילן געקעמפט פאַר אַ הערלעכער צוקונפט פון דער מענטשהייט. און שלום־עליכם פאָרט פון אַמעריקע צוריק. ער קומט אין זשענעווע, וווּ עס איז געזעסן זיין פאַמיליע. דאָרטן דערפילט ער ווידער דעם גייסט, מיט וועלכן עס אָטעמט זיין היימלאַנד. ער גייט ווידער אויף מיטינגען, אויף פאַרזאַמלונגען פון די עמיגראַנטן — רוסישע רעוואָלוציאָנערן. ער שטופט זיך מיט זיינע קינדער צו קריגן אַ בילעט אויף לעגינס אַ לעקציע.

דאָ אין זשענעווע געפינט זיך אויך זיין ליטעראַרישער „זיידע" מענדעלע מוכר־ספרים.

*

*  *

יעדן טאָג קומט ער צו דער אַזיערע ליעמאַן און זעצט זיך קעגנאיבער דעם אינדזל, פון וואַנען עס דערהויבט זיך דער דענקמאָל פון זשאַן־זשאַק רוסאָ.

עס קאָנען אים שוין פיל פון די אָרטיקע איינוואוינער, אָט דעם מיטל־וווּקסיקן מאַן מיט די לאַנגע קאַשטאַנאָווע האָר, מיט די פינקלענדיקע אויגן אין דער נאַז. ער קומט אַהער מיט אַ בלאָקנאָט אין דער האַנט, זעצט זיך אַוועק, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און שרייבט עפּעס תמיד אַזוי גע־שווינד, געשווינד. דאָס רוב טרעפט מען אים אַליין. אָפטמאָל זיצט אויך מיט אים גאַנץ נאָענט אַ הויכער שטשופּלער זקן. זיי שמועסן אַזוי גע־

„פיר זענען מיר געזעסן“
ח. נ. ביאַליק, מ. בן־עמי, שלום־עליכם און מענ־
דעלע מוכר־ספרים (זשענעווע, סעפּטעמבער 1907).

מיטלער און צופרידן איינער פונעם צווייטן, ווי אַלטע גוטע פריינד, וואָס האָבן זיך אַ לאַנגע צייט נישט געזען.

נישט איין מאָל שטעלן זיך אָפּ פאַרבייגייער און באַאָבאַכטן אָט די צוויי, וואָס אונטערשיידן זיך אַזוי מיט זייער אַרט ריידן, מיט זייער נישט־היימישקייט, מיט זייער נייגעריקייט צום אַרום, אָבער אָפטער זעט מען אים אַליין, אָט דעם מיטלוווקסיקן מאַן מיט די קאַשטאַנאָווע האָר. שטענדיק, ווען ער שרייבט אַזוי אין בלאָקנאָט, רייסט ער מיטאַמאָל איבער און פאַרטראַכט זיך. עפּעס זענען דעמלט זיינע אויגן אַזוי טיף־בלוי, זיין פּנים פאַרבענקט, און עס שלאָגט אויף אים אָפּ דער זוניקער גלאַנץ, וואָס שטראָמט איבער דער אָזיערע פון הינטער די שנייאיקע שפּיצן פון מאָנבלאַן.

עס ווייסן אַלע, אָט דער מאַן — דאָס איז אַ שרייבער פון רוסלאַנד, וואָס איז אַוועק פון זיין היימלאַנד, גלייך ווי די הונדערטער עמיגראַנטן און רעוואָלוציאָנערן, וואָס געפינען זיך אין זשענעווע היינט און אַז רופן רופט ער זיך, אָט דער מאַן מיטן בלאָקנאָט, שלום־עליכם.

יעדן טאָג קומט ער קעגנאיבער דעם אינדזל, פונוואַנען עס דערהויבט זיך דער דענקמאָל פון זשאַן־זשאַק רוסאָ. עס קומען אַהין פיל רוסישע עמיגראַנטן־רעוואָלוציאָנערן, באַגריסן זיך מיט אים פריינדלעך, שטעלן זיך אָפּ לעבן אים, שמועסן, טוישן זיך מיט מיינונגען וועגן די געשעענישן אין זייער לאַנד. עס באַשעפטיקן אים איצט מער ווי אַלעמאָל, פראַגן פון פּאָליטיק. דער זקן, וואָס זיצט אָפט לעבן אים, — דאָס איז מענדעלע מוכר־ספרים. ער איז אויך געקומען אַהער צוליב די זעלביקע סיבות, ווי פיל פון זיינע לאַנדסלייט.

און ווען דער „זיידע" מיטן „אייניקל" בלייבן אַליין, עס פאַרלאָזן זיי זייערע באַקאַנטע און פריינט, קוקן זיי אַ ווײַלע מיט אַ טיפער בענקשאַפט איבער דער שניי־גלאַנציקער ווייסקייט פון די בערג, קוקן אַזוי אין טיפן שווייגן.

זיי ביידע, דער „זיידע" און דאָס „אייניקל", פאַרפעלן נישט כמעט קיין איין לעקציע, קיין איין פאָרטראַג, קיין איין דיסקוסיע, קיין איין מיטינג. און יעדע פאַרזאַמלונג שטראַלט אין זיי דמיונות וועגן דער צוקונפט פון זייער היימאַט און פון זייער פאָלק.

שוין אַ פּאָר טעג, אַז שלום־עליכם האָט זיך נישט געזען מיטן „זיידן". ביידע האָבן זיי זיך געפילט נישט מיט אַלעמען, און שווער איז געווען דאָס שטיקל צייט פאַר זיי. און ווי נאָר שלום־עליכם איז צוריק געקומען

צו זיך, האָט ער מיטן שטאָק אין דער האנט אוועקגעשפּאנט צו מענדעלען. ווי אלעמאָל, האָט ער היינט אויך געלייענט די צייטונג, גייענדיק אין גאס.

די ידיעות פון רוסלאנד האָבן אים שטענדיק אויפגערודערט. יעדע שורה וועגן די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין זיין היימלאנד האָט אים געטרייסט און געמונטערט. און באלד פלעגט ער רעאגירן און דורכשמועסן זיך וועגן דעם מיט מענדעלען און מיט זיינע פריינד. עס האָט זיך אים געוואָלט טיילן מיט דעם „זיידן", מיט דעם, וועלכער איז, לויט זיין מיינונג, דעמלט געווען „ביי אונדז דער איינציקער קלאסיקער, וואָס זיינע ווערק מוז יעדער ייד האָבן ביי זיך אין שאַפע, אין גאָלדשניט געבונדן". דעם זיידן", אינטערעסירן אויך, גלייך ווי אים, די פראַגן וועגן דער צוקונפט פון רוסלאנד, די פראגן, וואָס זענען אזוי ענג פארבונדן מיט דער צוקונפט פונעם יידישן פאָלק.

עס האָט זיך אים אזוי געוואָלט, שלום-עליכם'ן, זען די היים א באַפרייטע, הערזען דעם אויפבלי פון אונדזער פאָלק, שפּאַנען איבער די חורבות פון „דער וואנט, וואָס מע האָט אויפגעפירט צווישן פאָלק און פאָלק" (פון זיין פאָררעדע צו דער ערשטער אויסגאבע פון זיינע רוסישע איבערזעצונגען).

— דער אמת מוז זיגן; די פרייהייט מוז קומען! — האָט שלום-עליכם אויסגעשריען, אריינקומענדיק צו מענדעלען אין שטוב און בלייבנדיק שטיין ביי דער אָפענער טיר. — איר וועט זען, די רעוואָלוציע וועט ווידער קומען. — און ער האָט געטייטלט אין צייטונג.

— וואָס איז דאָס פאר א שטאט, אייניקל, ווו איז דרך-ארץ? אזוי קומט מען עס צו א זיידן, אָן א גוט-מאָרגן אפילו, הא? גלאט אזוי, גאָר להבדיל, ווי אין א גלופּסקער אכסניה? — האָט מענדעלע איבערגעשלאָגן שלום-עליכם'ס אימפעט, צוגעגאַנגען צו אים, א נעם געטאָן אים פאר דער האנט, אָפּגעפירט פון דער טיר און אוועקגעזעצט אויפן שטול.

— אָט אזוי, אייניקל, זיצט, נאָר נישט געהויצט זיך. אנו, ווייזט זשע, לאָמיר א קוק טאָן, וואָס טייטלט איר דאָרטן? — און מענדעלע האָט זיך אוועקגעשטעלט מיט צעפירטע הענט, פארוואָרפן אָן א זייט זיין געקרויזטן גרויען קאָפּ און מיט א ניגן א זאָג געטאָן:

— ווי טוט טאָן דעם זיידן, וואָס די אייניקלעך טוען אים טאָן טייטלען. — מיט א געמאכטן ערנסט האָט ער געדראָט מיטן פינגער,

געקוקט א וויילע שטרענג און געזאָגט: — איר האָט אוודאי פארגעסן, ליב אייניקל, וואָס דער דאָקטער האָט געזאָגט: ווייניקער געהיצט זיך.

— זייט זשע מוחל, זיידעניו! — האָט שלום־עליכם מיט ערנסט זיך געבעטן. — עס ציט אזוי אהין, אוי, עס ציט, זיידעניו! זייט זשע מוחל און שטעלט מיר נישט צו קיין בענקעלע. — און ער האָט ווידער מיט הארציקייט גענומען רעדן וועגן רוסלאנד, וועגן די יידישע פאָלקס־מאסן, וועגן דער יידישער ליטעראטור, וועגן פרצן, שלום אשן, ביאליקן און אנדערע. און אָט רעדט ער ווידער וועגן ביאליקן, און פון ביאליקן איז ער אריבער צו יהודה הלוי, האָט זיך אוועקגעשטעלט און גענומען דעקלאַמירן זיינע ים־ליִדער:

כ׳האָב פארגעסן אַלע ליבסטע,
כ׳האָב פארלאָזט מיין אייגן הויז,
כ׳האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן:
טראָג מיך, ים, צו מוטער־שוים...

ער פארענדיקט נישט דאָס ליד, גייט האסטיק אריבער צו דער געשיכטע פון די יידן אויפן פירענעישן האלב־אינדזל. מיט אַ באַזונדער היץ און פארדראָס רעדט ער וועגן דער טראַגעדיע פון אַ פאָלק, וואָס ווערט שטענדיק פארטריבן פון זיין היים.

— מיר וואָרצלען זיך איין, און מע וואָרצלט אונדז אויס.

און שלום־עליכם האָט די דאָזיקע ווערטער ארויסגעזאָגט אזוי האסטיק און מיט אזויפיל צער, אז מענדעלע, וועלכער איז געווען דאָסמאָל געניינט צו שפּאַסן, האָט מיטאמאָל פארלוירן זיין זיידעשע מילדקייט און ווייכקייט. ער האָט גענומען שפּאנען איבערן צימער, גלייך עס האָט אים געטריבן אַן אינערלעכער ווייטיק און צער.

— אַ פריי רוסלאנד וועט אונדז קיינמאָל נישט אויסוואָרצלען פון אונדזער היימאט. — האָט שלום־עליכם ווידער געזאָגט, נישט באמערקנדיק, ווי מענדעלע איז אָפּגעגאנגען פון אים. ער האָט די דאָזיקע ווערטער ארויסגערעדט און איז שטיל געבליבן. און איבערן צימער האָט זיך געטראָגן אַ מאָדנע פייערלעכקייט, אַ שווייגעניש, וואָס האָט געערדט אויפן לשון פון טרויער און פון האָפענונג. אַ קליינע וויילע האָבן די צוויי ריזן פונעם יידישן פאָלק אין רוסלאנד, פארוואָרפן ווייט פון זייער היים, אויף די שוועלן פון מאָנבלאַן, נישט גערעדט, זיי האָבן געשפּאנט ארום טיש,

מענדעלע אפריער און שלום=עליכם נאָך אים. געשפּאַנט, ווי געאָרעמט מיט דער עלנטער שווייגעניש. מיטאַמאָל האָט זיך מענדעלע א קער געטאָן, אָפּגעשטעלט זיך, שלום=עליכם איז געבליבן שטיין אַנטקעגן אים.

— דער גרויסער הלוי, — האָט מענדעלע איבערגעריסן די שווייגעניש, — מיט וואָס האָט ער אזוי באגייסטערט אלעמען? — ער האָט עטוואָס אויפגעהויבן דעם קאָפּ, — איר ווייסט מיט וואָס? איך מיין... אַז אפשר מיט דעם טראַגיזם, וואָס ער האָט געהאַט איבערצולעבן, ווען אין זיין אינעווייניק האָט געשריען צו אים די אמתע ליבע צו זיין היימאט שפּאניע און ער האָט עס געמוזט דערשטיקן אין זיך — מענדעלע האָט זיך פארטראכט א ווײַלע, א שאָקל געטאָן מיט זיין גרויען קאָפּ. — אפשר איז ער מיט דעם אזוי גרויס געווען, הא, ווי מיינט איר? — האָט ער זיך געווענדט צו שלום=עליכם'ן. — אפשר הערפאַר האָט זיך הייגריך היינע אזוי באגייסטערט מיט אים, ווײַל ער האָט טיף געבענקט נאָך זיין היימאט דייטשלאַנד און האָט די האַזיקע בענקשאַפט און ליבע, צו זיין היימאט געמוזט דערשטיקן אין זיך?

שלום=עליכם האָט גענומען פאָרזעצן מענדעלעס געדאַנק:

— מוטער=שוים... יעדער וואָרט, יעדער באגריף האָט זיין באזונדער טייטש אין זיין צייט, — האָט ער געזאָגט, — נישט תמיד פילסטו דעם פולן באטייט פון וואָרט, נישט תמיד זעסטו עס מיט די אויגן אָט אזוי לעבעדיק, מיט זיין טעמען, מיט זיין נשמה, מיט זיינע אָפּשניצלעך...

— און נתגלה ווערט דער תוך פון וואָרט, — האָט מענדעלע פאָרגעזעצט — עפּעס אין אן אויסערגעווייינלעכער צייט, ווי וואָלטן עס געזאָגט די בעלי=התלמוד, בדור שכולו זכאי או בדור שכולו חייב... און לייבטשיכע... און גדאליע=הערש... ווי וואָלטן זיי עס געזאָגט, הא? אָדער אין פריידן, אָדער אין ליידן, הארצעדיקער פאָטער!

שלום=עליכם האָט זיך אביסל פארטראכט, זיין שטענדיקער שמייכל אין די ווינקעלעך פון זיין מויל האָט ווידער א גלאנץ געטאָן:

— אם אשכחך, ייִדעניו, איז אוודאי דער טייטש אָט אזוי: צי וועל איך דיך פארגעסן, דו ווייסינקע בעריאָזקעלע, וואָס שעפּטשעט שטיל אויף רוסישע וועגן... אם אשכחך... צי וועל איך אייך פאַרגעסן בויבעריק און דניעפּר? — און ער האָט זיך ביטער צעלאכט.

— אמר מענדעלע מוכר=ספרים, — האָט דער „זיידע“ מיט א באזונדער התלהבות און מיט א ניגון א זאָג געטאָן — ענטפערט בויבעריק, ענטפערט קאפּצאנסק: מיר וועלן אייך קיינמאָל נישט פארגעסן, און דער

דגיעפּר און דער טיעטיערעוו טוען פּאטשן מיט די דלאָניעס: מיר וועלן אייך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. — און דער „זיידע" האָט גענומען פּאַטשן מיט די הענט א פריילעכער. —אוי, א פאַרשייט אייניקל דאָס איז, גאָר א נייע רש"י, א נייער טייטש, הא? און דו, מיין אלטער גוטער באַקאַנטער בנימין, ווי האלסטו פון אזא טייטש?

שלום־עליכם, וואָס איז שוין געזעסן ביים טיש א פריילעכער, האָט שמייכלענדיק געזאָגט:

— נישט נאָר איך, אייער אייניקל, טייטש אַזוי. דער „גאָספּאָדין טעוועל מאַלאָטשני יעווריי", זיינע טעכטער און זייערע איידעמס, אָט דער טעוועל, אונדזער נאָענטסטער קרוב, ער טראַכט אויך אזוי. עס איז אים און זיין משפחה מסוכן טייער די היים, ווו ער איז איינגעוואָרצלט. מע וויל נישט אויסגעוואָרצלט ווערן. מע וויל נישט... הערט איר, זיידע, אין אמעריקע אויף פאַרזאמלונגען פון יידישע עמיגראַנטן האָב איך געהערט א נישט געקינצלט יידיש פאָלקס־ליד, וואָס, ווען דער גאַנצער עולם פלעגט עס זינגען, פלעגן אַלע דורכגענומען ווערן עפּעס מיט אַזאַ מין גרויל, און איך, אייער אייניקל, וואָס מאַכט לאַכנדיק נישט איין פאַר־דאַגהטן יידן, האָב פון אָט דעם דאָזיקן פאָלקס־ליד נישט איין מאָל, איך שעם זיך אייך צו זאָגן, נישט איינמאָל געוויינט. — און שלום־עליכם האָט מיט א ציטעריקער שטים גענומען זינגען:

אָ, רוסלאַנד, קוים הער איך דיין שפּראַכע,
דערפיל איך א פרייד און א שמערץ,
געפילן פון ליבע און ראַכע
ערוואַכן גאַנץ טיף אין מיין הערץ.

אָ, רוסלאַנד, ווי וואָלט איך צעקושן
דיין יעטוועדער שטיינדל אַצינד.
אָ, רוסלאַנד, ווי וואָלט איך צעריסן
דיין צאַר, אָט דעם בלוטיקן הונט.

ווידער איז שטיל געוואָרן אין צימער. דער „זיידע" האָט געשפּאַנט אַהין און צוריק. שלום־עליכם איז געזעסן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געטראָגן וואָקזאַלן און פּלעצער ארום זיי. און אין די וואָקזאַלן און אויף די פּלעצער — פאַרהוישכטע, פאַרדאַגהטע יידן מיט

זייערע ווייבער און קינדער, אויסגעבלייכטע, מיט דערשראָקענע אויגן, וואָס זוכן עתגעץ א מקום־מנוחה, וואָס שטויסן זיך איינער איבער דעם אנדערן און וואָס זענען איבעריק איינער דעם צווייטן.

— מע גייט, מע פאָרט, ווייט פון דער היים, אומעטום, דוכט זיך, וועט מען זיך אויפדאָסניי איינפלאַנצן. עס וועלן געבוירן נייע דורות, וואָס האָדעוען זיך אויף דעם נייעם אָרט, זיי האָבן ווידער ליב זייער נייע היים. עס גייען אוועק יאָרן, און דער עגאָיזם, די רויבעריי וואַרצלט זיי ווידער אויס, און זיי לאָזן זיך ווידער אין וועג זוכן א נייע היים. ניין, מיר גייען פון אונדזער היים אוועק נישט אויף שטענדיק — האָט ער ציטירט די ווערטער פון זייגעם א העלד, א יידישן אַרבעטער, — אָט ביז וואַנען ס'וועט זיך איבערמאַכן און עס וועט געבוירן ווערן א ניי רוסלאַנד, וואָס וועט שוין אונדז מער קיין שטיף־מאַמע נישט זיין.

שלום־עליכם האָט אָפּגעזיפצט שווער, האָט זיך איינגעקוקט אין מענדעלעס פנים און האָט געזאָגט: — אפשר וועט דער טרוים פאַרווירקלעכט ווערן, ווי מיינט איר?

— נו, גענוג עצבות, ליב איניקל. וואָס ווייניקער הבקות. גענוג תשעה־באב'דיקע יידן, גענוג צו זיין פאַרשייט. וואָס וועט זאָגן דער דאָקטער? א געטריי איניקל פאָלגט דעם זיידן, אהיים. שוין צייט.

— יאָ, שוין צייט.

דער „זיידע" האָט אים אַרויסגעפירט אויף דער גאַס און נאָכגעקוקט, ווי ער גייט. שלום־עליכם איז לאַנגזאַם געגאַנגען אַליין. דער פרייליכער איוב פון די יידן אין צאַרישן רוסלאַנד, טביה, האָט טיף גערעדט אין אים.

## געפערלעך קראַנק

אָפּגעוועזן א קורצע צייט אין זשענעווע, פאָרט שלום־עליכם קיין רוסלאַנד. שוין קאַרגע דריי יאָר נישט געטראָפן אויף דער ערד פון דער היימאַט. שוין דריי יאָר נישט געזען זיין קאַסרילעווקע. ער פאָרט איבער פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, טרעט אַרויס אויף אָוונטן מיט פאָרלעזונגען פון זיינע ווערק.

אויפן וועג פון מינסק קיין וואַרשע פאַרבלייבט ער אינעם שטעטל באַראַנאָוויטש אויף אַן אָוונט, וווּ ער טרעט אַרויס מיט א פאָרלעזונג.

קאַרגע דריי יאָר וואַנדערונג איבער אייראָפּע און אַמעריקע, דאָס



ש ל ו ם־ע ל י כ ם  קראַנקערהײט אין באַראַנאָװיטש (הארבסט 1908).

אַרומשלעפּן זיך פון שטאָט צו שטאָט האָט זייער שווער געווירקט אויף דעם אַזוי אויך שוואַכן געזונט=צושטאַנד פון שלום=עליכם'ן. די מאַטעריעלע באַדינגונגען זענען געווען שווער. ער איז געווען מיד און אָפּגעשוואַכט פיזיש.

אינעם שטעטל באַראַנאָוויטש איז שלום=עליכם געפערלעך קראַנק געוואָרן, ער האָט באַקומען א לונגען=אָנצינדונג.

אויפן סאַמע נאָכטסמן אופן האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן די טראַגישע לאַגע פונעם יידישן פאָלקס=שרייבער אינעם צאַרישן רוסלאַנד. פינף און צוואַנציק יאָר — פון יאָר 1883 ביזן יאָר 1908 — האָט שלום=עליכם געמונטערט די יידישע פאָלקס=מאַסן, געריסן די שווערע דעק פון אומעט און טרויער, וואָס האָט איינגעהילט די קוואַרטאַלן פון דער יידישער אָרעמשאַפט אין צאַרישן רוסלאַנד. פינף און צוואַנציק יאָר האָט ער זיך געטראָגן, דער פריילעכער העלד פון דער יידישער פאָלקס=לעגענדע שלום=עליכם, איבער די שטעט און שטעטלעך פונעם יידישן תחום. און אָט איז ער, אין רעזולטאַט פון מאַטערנישן און נויט, געפערלעך קראַנק געוואָרן.

דער קראַנקער פאָלקס=שרייבער האָט אויפגערודערט דאָס פאַרוואָרפענע שטעטל, אין וועלכן ער איז געלעגן, א גאַנצן טאָג שטייען מחנות מענטשן ביים הויז, וווּ עס געפינט זיך שלום=עליכם.

צוויי חדשים נאָכאַנאַנד ליגט שלום=עליכם אויף זיין קראַנקנבעט אין באַראַנאָוויטש. פון באַראַנאָוויטשער איינוווינער דערוויסט מען זיך אין די גרויסע יידישע צענטערס ווי שווער עס איז די לאַגע פון שלום=עליכם'ן. שלום=עליכם'ס קרענק ווערט א פאָלקס=צער און אַ פאָלקס=טרויער. דאָס גאַנצע פאָלק לאָזט זיך רעטן זיין באַליבטן שרייבער. ער ווערט אָבער אויך אַן אָביעקט פון בורזשואַזער פילאַנטראָפּיע. עס ווערט געשאַפן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט, וועלכער גיט אַרויס אַ קול=קורא צום יידישן פאָלק. און דער דאָזיקער קול=קורא פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון צדקה, און איז באַזוימט מיט פסוקים פון תנך.

„מיר ווילן גלויבן — האָבן געשריבן די קאָמיטעטשיקעס, — אַז יעדער ייד וועט זיך אַצינד אָפּרופן, אחד המרבה ואחד הממעיט, עס באַדאַרף נישט באַטראַכט ווערן אַלס נדבה; אומגעקערט, נדבות האָט שלום=עליכם אונדז געגעבן. צענדליקער יאָרן האָט ער מנדב געווען זיינע געדאַנקען, זיין וויץ, זיין האַרץ און זיין בלוט. מיר מוזן אים אצינד אָפּגעבן א ח ו ב, א ו ן ד ע ר צ ו אַ ן אַ ל ט ן. הכּלל, ברידער,

באַצאָלט ווי אַמגיכסטן אייער חוב, דאָס איז די איינציקע תשובה אויף די פּיל בריוו, וואָס מיר באַקומען יעדן טאָג מכל תפוצות ישראל, מיט פראגעס, וויאַזוי צו באַערן דעם באַליבטן שלום־עליכם".

און פון יעדער שטאָט און שטעטל האָבן די יידישע אַרבעטער, די יידישע פאָלקס־מאַסן מיט ליבע אויסגעטיילט זייערע גראָשנס פאַר דעם באַליבטן פאָלקס־שרייבער.

קאַפּיטל דרייצן

# מע פּראָוועט זיין יובילייאָן אים

נאָך זיין שווערער קראַנקייט האָט זיך שלום-עליכם ווי-עס-איז געשטעלט אויף די פיס. ער איז אַוועקגעפאָרן אויף א קוראָרט אין נערווי, אין איטאַליע. די פאַמיליע זיינע איז איבערגעבליבן אין רוסלאַנד.

אין יעדער שטאָט, אין יעדן שטעטל פונעם צאַרישן רוסלאַנד האָבן זיך אין אָקטאָבער פון 1908 אָנגעהויבן די פייערונגען פון שלום-עליכם'ס פינף-און-צוואַנציקיאָריקן יובילייאוף די יובילייאָונטן פלעגן געמאַכט ווערן געלט-זאַמלונגען פאַר דעם קראַנקן יובילאַר.

אָט איז א דאָקומענט, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין איינעם פון די דעמאָלטיקע זשורנאַלן:

„ביז 27 נאָיאַבער האָט די רעדאַקציע פון „ראַזסוועט" באַקומען פאַר שלום-עליכם'ן פאָלגנדיקע סומען:

| | |
|---|---|
| פון ה. אַלטמאַן — זשוואַנעץ . . . . . . | 25 ר. |
| פון פרוי גליקמאַן — קישעניעוו . . . . . | 3,50 ר. |
| פון ה. אי. ליצווין — בריאַנסק . . . . . . | 8 ר. |
| פון ד'ר ב. ווילענסקי — צאַריצין . . . . . | 50 ר. |
| פון ה. דובראָוו — קאָנסטאַנטינאָגראַד . . . . | 60 ר. |
| פון ה. געסטרין — קריוואָי-ראָג . . . . . | 50 ר. |
| פון ה. בערלינראוט — וואָלאָגדע . . . . . | 58 ר. |
| פון א. ראליגע-טשודנאָוו, וואָל. גוב. . . . . | 17,50 ר. |
| סך-הכל . . . | 272 ר. |

דאָס געלט איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין קיעווער שלום-עליכם קאָמיטעט".

מיר קאָנען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי שלום=עליכם האָט זיך געפילט אין די טעג פון זיין פינף=און=צוואַנציקיאָריקן יובילײ.

ערגעץ אין איטאַליע, אין נערווי, ווייט פון זיין קאַסרילעווקע, ווייט פון זיין ליבער היים, האָט שלום=עליכם אַן אײנזאַמער, אַ געפערלעך=קראַנקער אונטערגעפירט סך=הכל׳ן פון זיין אומדערמידלעכער אַרבעט. דאָ זעצט ער זיך און שרייבט אָן זיין דערציילונג „שמואל שמעלקעס און זיין יובילעום״, וואָס איז אַ האַרץ=אויסגוס פונעם קראַנקן שלום=עליכם אין יענע טעג.

שלום=עליכם פרעגט ביי זיך, וואָס האָט ער אויפגעטאָן פאַר דער ליטעראַטור. ער ווייסט, זיינע פאַרשוינען זענען נישט אין זיידנס געקליידט, זענען נישט קיין מענטשן פון דער הויכער וועלט, וועלכע עס אַכטעט אַזוי דער קאַפּיטאַליסטישער לעזער. זיי, די געליבטע פאַרשוינען זיינע, זענען נישט קיין גרויסע ערד=אײגנטימער, האָבן נישט קיין מוזייען, קיין בילדער=גאַלערייען, און לעבן זיי נישט אויף דער פרייער נאַטור, צווישן שמעקנדיקע בלומען און אויסגעצירטע וועלדער.

— אָבער „האָט ער זיך נישט באַלייכט, — פרעגט שלום=עליכם,

— מיט זיין קליין פייערל אַ קליין שוואַרץ פינטעלע אויף דער ערד, וואָס מע רופט דאָס קאַסרילעווקע? ווער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געגעבן צו וויסן דער וועלט, אַז ס׳איז גאָר פאַראַן ערגעץ אַ קאַסרילעווקע, און אַז אין קאַסרילעווקע איז פאַראַן אַ בלאָטע, און אַז אין דער בלאָטע טיאָפּקען אַרום מאָדנע מינים נפשות, קליינע מענטשעלעך, וואָס קוויטשען, און וואָס דריקן, און וואָס פרעסן, און וואָס פרעסן איינע דאָס אַנדערע מחמת ענגשאַפט און מחמת עיפּוש? ווער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַוויזן, וואָס פאַר פערלען עס וואַלגערן זיך אָט דווקא אין דער דאָזיקער בלאָטע, אָט דווקא אין דער דאָזיקער פינצטערניש, אָט דווקא אין דער דאָזיקער ענגשאַפט און דעם דאָזיקן עיפּוש?...

שלום=עליכם, וואָס די יובילײ=פייערונגען האָבן אים באַגייסטערט און אויפגעהויבן זיין שטאָלץ, גלייבט אויף אַ האָר נישט די צוזאָגונגען פון דער יידישער בורזשואַזיע, פון די „נתן קורח׳ס״ און זייערע מאָדערנע זין, „יאָסעפּעצעס״, וואָס האָבן זיך צוגערוקט פאַר מחותנים צו זיין יובילײ. ער ווייסט, אַז אַלץ, וואָס זיי זאָגן צו, איז בלויז אַ חלום.

— העכער דרייסיק יאָר, — אַזוי זאָגט רב נתן קורח צום גאַנצן עולם מיט זיין זיס=לאַקרעצדיק שמייכעלע, — העכער דרייסיק יאָר, אַז איך גיי נישט אַרויס מפּתח ביתי, נאָר צוליב אַזאַ טאָג, כע=כע, האָב

איך זיך מישב געווען, ווי זאָגט איר, פּאָרט א מענטש, וואָס שרייבט אַזעלכע גוטע זאַכן, בע־כע,־שוין פינף־און־צוואַנציק יאָר, קומט אים, כ׳לעבן, אַ יישר־כוח מיט אַ מתנה, כע־כע...

און ער דרייט זיך אוים מיטן פנים צוריק:

— יאָסעפּעץ, וואָס זאָגסטו?

וואַקסט אוים יאָסעפּעץ, מע ווייסט נישט פונוואַנען, שנייצט אוים די נאָז מיט צוויי פינגער און ווישט זיך אָפּ מיט דער פּאָלע.

— ס׳איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן!...“

שלום־עליכם ווייסט, אַז דאָס איז אַלץ א חלום. נישט פון די נתן־קוחח׳ס און נישט פון זיינע אויפגעקלערטע יאָסעפּעצעס וועט קומען הילף צו שלום־עליכם׳ן. נישט זיי וועלן אים באַדאַנקען, נישט זיי קומען אים א חוב.

שלום־עליכם שרייבט דעמלט צו זיין פריינד ספּעקטאָר אָט דעם קורצינקן, טרויעריקן בריוו.

„ברודער ספּעקטאָר! דאַרפסט אַליין פאַרשטיין מיין האַרץ. אין דער צייט, ווען דאָרטן אין דער ליבער היים פרייען זיך יידן מיט מיין יום־טוב, בין איך דאָ אַליין, קראַנק, פאַרוואָרפן, אָפּגעריסן, און וויין און גים מיט טרערן...

איך קאָן נישט שרייבן מער“.

## אין אויסלאַנד אין די סאַנאַטאָריעס

א פּאָר חדשים זענען אַריבער, — און שלום־עליכם האָט זיך ווידער דערפילט שאַפונגס־פעיק.

וואָס דאַרף ער אַ סך, שלום־עליכם? ער האָט גאָר קרעפטן צו גיין — איז ער שוין גרייט מיט זיין פעדער און בלאָקנאָטל אין האַנט. ער שרייבט שוין ווידער, און כאָטש ער איז ווייט פון זיין ליבער היים, שטייט זי ווידער פאַר זיינע אויגן, און ער באַשרייבט אירע ליידן און פרייד.

שלום־עליכם באַטראַכט ווידער זיינע פריערדיקע ווערק. ער פאַר־טראַכט זיך וועגן זיין גאָר וואָס אָנגעשריבענעם „שמואל שמעלקעס“.

„איך האָב אים געשריבן קראַנקערהייט“, — זאָגט שלום־עליכם, — דעריבער זאָלט איר זיך נישט וווּנדערן, טאָמער איז ער שוואַכלעך אַרויס. און אפשר איז ער גאָר נישט אַזוי שוואַך? איר ווייסט דאָך, אַז איך גלייב אַלעמען, נאָר נישט מיר. אין מיר זיצט עמעצער אינעווייניק, אַ מין מע־

פּיסטאָפּעל אַזעלכער, און לאַכט, און שפּעט, און מאַכט חוזק פון מיין שרייבעניש. אַלעמאָל, ווען איך שרייב עפּעס אָן און לייען עס דורך מיט ענטוזיאַזם, ווי געוויינלעך אַ מחבר, טוט ער גאָרנישט, נאָר ער פּייפט מיט די ליפּן, און די אויגן שמייכלען, איך זאָל אים קאָנען כאַפּן, וואָלט איך אים דערוואָרגן! אַמאָל מאַכט זיך, אַז ער הערט מיך אויס גאַנץ ערנסט און שאָקלט מיטן קאָפּ. מיין איך האָ, אַז כ'האָב ביי אים איינגאַנצן אויסגענומען, און שיק עס אוועק אין דרוק, — שיסט ער אויס א געלעכטער, מעפּיסטאָפּעל, ברענען זאָל ער!“

שלום־עליכם שפּאַסט שוין ווידער אין זיין בריוו. פאַר די ערשטע פּאָר חדשים פון זיין אויפן קוראָרט האָט זיך שלום־עליכם גוט פאַרריכט, און ער שפּאַסט איבער זיך אַ צופרידענער.

„מיר איז צוגעקומען כמעט פיר קילאָ, צען פונט הייסט עס, צען פונט פלייש... אויב עס וועט אַזוי גיין ווייטער, וועלן מיינע געשעפטן זיך... שטאַרק פאַרבעסערן. דער חשבון איז איבנאויף. ווי אויף דער דלאָניע. צען־פופצן פונט אַ חודש — האָט איר אַזוי גרויס ווי 180 פונט אַ יאָר. אַ פונט 150 האָב איך פריער געוויגן, האָבן מיר, הייסט עס, אַ קימאַ־לן פון 330 פונט, אָדער 8 פוד מיט 10 פונט. מיט אַזאַ וואָג וועל איך שוין פאַרשפּאָרן שרייבן אָדער פאָרלעזן מיינע מעשות, נאָר גלאַט אַזוי באַווייזן זיך פאַרן פּובליקום. דאָס איז פיל גרינגער, ווי שרייבן אָדער לייענען פאַר אַן עולם. און דאָס פּובליקום אַליין איז טאַקע אויך מער נייגעריק צו זען אַ גרויסן שרייבער, ווי איידער האָרכן אים לייענען. און ווער רעדט אַמעריקע — האָרט קאָן מען שאַרן גאָלד. ס'איז שוין פאַרטיק ביי מיר אין קאָפּ אפילו, ווי אַזוי צו אַנאָנסירן:

וואנדיירים פון דער וועלט!  
קומט! זעט! מאסנווייז! און שטוינט!  
דער גרעסטער הומאָריסט אין דער וועלט!  
וועגט דריי הונדערט דרייסיק פונט!  
— שלום־עליכם —

שלום־עליכם'ס געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַרבעסערט, אָבער ער האָט שוין געמוזט אויף אַ לענגערער צייט פאַרבלייבן אין אויסלאַנד, אין אַ געגנט מיט אַזאַ קלימאַט, וואָס זאָל נישט דערלאָזן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון זיין קרענק. שלום־עליכם'ס וווינאָרט זענען איצטער פאַרשידענע קור־פלעצער פון איטאַליע און פון דער שווייץ.

אויב שלום־עליכם'ס מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך ווי־עס־איז פאַר־

בעסערט. דער יובילײ־קאָמיטעט, אין װעלכן עס זענען שפּעטער אױך אַרײַן ייִדישע שרײַבער, האָט זיך סוף־כּל־סוף דערשלאָגן, אַז שלום־עליכם׳ס װערק זענען אױסגעקױפט געװאָרן פון די פאַרלעגער, װאָס האָבן געהאַט אױף זײ אײביקע רעכט. שלום־עליכם׳ס װערק זענען איבערגעגאַנגען אין גאַנצן איינעם פאָלק צום אייגנטום.

זעקס יאָר איז שלום־עליכם אָפּגעװעזן אױף די קורערטער אין אױסלאַנד, פון 1908 ביז 1914. שװער איז געװען פאַר אים די דאָזיקע צײַט. דער גרױסער פאָלקס־שרײַבער, װאָס איז שטענדיק געװען אױסגעמישט מיט די פאָלקס־מאַסן איז מיטאַמאָל געבליבן אײנזאַם, אין דער פרעמד.

אין נערװי, װוּ שלום־עליכם האָט פאַרבראַכט די װינטערן פון 1908 ביז 1912, פלעגט מען באַגעגענען שלום־עליכם׳ן שפּאַצירנדיק פאַרטראַכט אױפן ברעג ים. אַ בענקשאַפט האָט אַרױסגעקוקט פון זײַן פּנים, און זײַנע אױגן האָבן עפּעס װי געזוכט דעם ברױזנדיקן קװאַל פון זײַן שעפערישער באַגײַסטערונג. זײַנע אױערן האָבן זיך שטענדיק צוגעהערט, צי הערט מען נישט די שפּראַך פון זײַן פאָלק, פון זײַן לאַנד.

אין דער סאַנאַטאָריע באַװעגן זיך אַרום אים שאָטנס פון קראַנקע, שװאַכע, שװײַגנדיקע, פאַראומערטע פאַרשױנען. און זײַן בענקשאַפט נאָך געזונטע, אַקטיװע, לעבנסלוסטיקע מענטשן װערט נאָך שטאַרקער.

און דער קראַנקער שלום־עליכם שרײַבט העמלט אין אַ בריװ צו זײַן פרײַנד אַזױ:

„מיט אַ שטיפטל שרײַבט שלום־עליכם, ליגנדיק אין סאַנאַטאָריום צװישן האַלבע מתים“.

אױך דאָ האָט זיך אַרױסגעװיזן זײַן שלום־עליכם׳שע הומאַנישקײט. ער גײט אַרום, ער פאַרברענגט, ער שמועסט מיט די קראַנקע, ער פרעגט זיך פאַנאַנדער בײַ יעדן אײנעם װעגן זײַן קרענק. ער איז דער סאַמע נאָענטסטער פרײַנד פון אַלע קראַנקע אין דער סאַנאַטאָריע. װינטער אין נערװי, אין איטאַליע, און זומער אין סענט־בלאַזיען, אין דרום־שװאַרצװאַלד.

מיטן גרעסטן אינטערעס פלעגט זיך שלום־עליכם באַציען צו די באַזוכער פון די קורערטער, װעלכע פלעגן קומען פון רוסלאַנד. בײַ זײ פלעגט שלום־עליכם דערװיסן זיך, װאָס עס הערט זיך אין זײַן הײמאַט. דאָס פלעגט פאָרקומען אױף אַזאַ אופן: שלום־עליכם פלעגט זײ צונױפזאַמלען און פאָדערן פון זײ, זײ זאָלן רעדן, דערצײלן פון זײערע שטעט און שטעטלעך.

— פון וואָס זשע זאָל איך רעדן? — האָט איינער אַ ייד פאַרוווּנ־דערט געפרעגט ביי שלום־עליכם'ן.

— פון אַלצדינג און קודם־כל פון אייער שטעטל.

— וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו רעדן? אַ העק...

— ווייל אַ העק! איר זאָגט, איר קענט אייער שטעטל אויסנווייניק. אויסגעצייכנט! נעמט די הייזער מיט די באַלעבאַטים כסדר, פון איין עק שטעטל ביזן אַנדערן. הייבט אָן פון דער ערשטער שטוב. אַנו!...

עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד יעדן טאָג אין אַ באַשטימטער צייט, האָבן זיי ביידע אַזוי געשפּאַצירט אין וואַלד. דער ייד איז נישט מיד געוואָרן צו דערציילן, און שלום־עליכם איז נישט מיד געוואָרן צו הערן.

— גיין, אויסטראַכטן מעשות דאַרפט איר נישט, דאָס וועל איך שוין אַליין טאָן. איר דערציילט נאָר פאַקטן, — זאָגט שלום־עליכם צו זיין מיטשפּאַצירער.

— דאָס איז לויטער אמת — ענטפערט אים דער ייד, — אַ וואָכן דריי האָב איך אומגערייזט מיט דעם דאָזיקן ליידיקגייער.

— ווי האָט איר געזאָגט? ליידיקגייער, האַ? דאָס מיינט מען ביי אייך אַ צוג מיט ליידיקע וואַגאָנעס, איאָ? — און שלום־עליכם כאַפּט אַרויס זיין נאָטיצביכל, פאַרצייכנט דאָס דאָזיקע וואָרט. דער ייד דער־ציילט ווייטער:

— רופט זיך אָן דער גלח צום יידן: הער נאַר, יודקע! וואָס האָסטו דאָ דערזען? ענטפערט אים דער ייד: וואָס עפּעס יודקע? איך הייס גאָר בערקע. און אַזוי, הערט איר, יענער רופט אים יודקע, און דער זאָגט אים בערקע. ענטפערט אים דער ייד ביי זיך: וואָס עפּעס יודקע? איך הייס נישט יודקע, איך הייס בערקע. מאַכט צו אים דער גלח: לאָז זיין בערקע.

שלום־עליכם פאַרשרייבט ווידער אין בלאָקנאָטל, און דער ייד דער־ציילט ווייטער:

— שטייען זיי ביידע, דער ייד, הייסט עס, מיט דעם גלח, ביים אָפּגעמשעפּטן לאָקאָמאָטיוו, דער ייד, הייסט עס, מיטן גלח... רופט זיך אָן דער גלח צום יידן: וואָס קוקסטו האַ, אשטייגער? און דאָסמאָל שוין טאַקע בערקע. ענטפערט דער ייד: וואָס איך קוק? איך באַטראַכט גאָטס וווּנדער, ווי אַזוי איבער איין הריי, איבער איין קער, מע גייט אַ דריי אַ שרייפּל אַהער, אַ שרייפּל אַהין, הייבט אָן צו גיין אַזאַ מאַשין. רופט זיך אָן דער גלח: פונוואַנעט ווייסטו, אַז מע טוט אַ דריי אַ שרייפּל אַהער,

אָדער אַ שרייפל אַהין, הייבט אָן צו גיין אַזאַ מאַשין? ענטפערט אים דער ייד: איך זאָל נישט וויסן, וואָלט איך נישט גערעדט. ענטפערט אים דער גלח: קוגל ווייסטו, ווי אַזוי מע עסט, אָט וואָס דו ווייסט.

און פון די דאָזיקע געשפּרעכן מיט אָט דעם יידן זענען נאָכדעם באַשאַפן געוואָרן איינציקע מעשׂות פון שלום-עליכם'ס „אייזנבאַן-געשיכטעם".

שלום-עליכם האָט שוין גוט געקענט אַלע באַקאַנטע פון דעם דאָזיקן יידן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין יעדן איינעם, נישט איבערקלייבנדיק אפילו, אַבי מע ברענגט אים אַ גרוס פון דער היים. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל ער האָט זיך קיינמאָל נישט געוואָלט דערווייטערן פון זיין שעפערישן קוואַל.

שלום-עליכם האָט געשעפּט פרייד פון דער אַרומיקער נאַטור. ער האָט זיך געפרייט מיט איר, באַוואונדערט די הויכע בערג, דעם ריין-בלויען הימל, געכיעסט זיך פון דער בליונג פון די מאַנדל-ביימער און גראַנאַטן. שלום-עליכם פלעגט נאָכאַנאַנד אויפמערקזאַם מאַכן זיינע באַקאַנטע אויף דער שיינקייט פון דער נאַטור, איינזאַפּן אין זיך דורשטיק דאָס אַרומיקע.

— כ'וואָלט געגומען, — זאָגט אַמאָל שלום-עליכם אויף אַ שפּאַציר, — א קאָרסונער אָדער א באָהוסלאַווער יידן, וואָלט אים ארויסגעכאַפּט פונעם מאַרק, פון די ענגע געסלעך און פון שטיקנדיקן וואָרשטאַט, וואָלט אים פאַרבונדן די אויגן, געבראַכט אים אַהער, אָפּגעבונדן און געזאָגט:

— „נאַ, עסעם ממזר אייגער".

און שלום-עליכם פלעגט זיך שטענדיק באַרימען פאַר זיינע געסט מיט דער נאַטור, וועלכע עס רינגלט אים אַרום. באַזונדערס האָט זיך שלום-עליכם צוגעבונדן צום ים.

ס'איז געווען אַ פרימאָרגן. די זון האָט געברענט אַ וועלט, און דער ערנסטער ים האָט זיך צעשפּילט נישט אויף קאַטאָוועס. אומגעריכט גיט ער אַ הייב פון זיך אַ מעשופּעדיקן וואַסער-זייל, וואָס צעשיט און צעוואַרפט זיך אויפן ברעג אין פריילעכע טראָפּנס-שפּריצן. שלום-עליכם קוקט א שיינענדיקער, א גליקלעכער מיט אַנטציקטע אויגן און זאָגט:

„דער ים איז היינט פון זיך אליין נתפעל".

אין זיינע בריוו פלעגט שלום-עליכם קיינמאָל נישט פאַרגעסן אָפּצוגעבן דעם בעסטן און שענסטן גרוס פונעם ים אין גערווי.

ביים ברעג ים אויפן שפּאַציר הערט שלום-עליכם נישט אויף צו

שרייבן, אַרומגייענדיק. ער שטעלט זיך פּלוצעם אָפּ און צעלאַכט זיך הויך אָפן קול.

— ווער איז אָט דער מאָדנער מענטש מיט די לאַנגע קאַשטאַנאָווע האָר און מיט דעם בלאָקנאָט אין האַנט? — פלעגן די אָרטיקע איינוווינער מיט פאַרוווּנדערונג פרעגן, איידער זיי האָבן זיך דערוווּסט ווער ער איז.

טרעפנדיק אים, ווי ער גייט אַזוי פאַמעלעך און איז פאַרטאָן אין שרייבן, פלעגן זיי מיט דרך־ארץ אָפּטרעטן דעם וועג דעם שרייבער פון רוסלאַנד.

## „בלאָנדזשענדע שטערן“ און „פונעם יאַריד“

אין אָט דער צייט אַרבעט שלום־עליכם אויף זיין לאַנג פאַרטראַכט ווערק וועגן דעם יידישן פאָלקס־טעאַטער, אויף דעם ראָמאַן „בלאָנדזשענדע שטערן“. מיט אָט דעם ראָמאַן האָט ער געוואָלט פאַרענדיקן זיין טרילאָגיע וועגן די יידישע פאָלקס־קינסטלער, וואָס ער האָט אָנגעהויבן נאָך אין אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט.

„עס איז צייט, — האָט געשריבן שלום־עליכם, — זיך אַ נעם טאָן דעזינפיצירן יענעם מין ליטעראַטור, וואָס עס ברענט דער פּנים פאַר שאַנד, וואָס מיר האָבן דערלעבט צו דעם געוויסן אַמעריקאַנישן געשמאַק און זיך אומגעקערט צום אַלטן שמ״ריזם, וועלכן מיר האָבן נאָך אַזאַ שווערן קאַמף געהאַט אַמאָל — מיט צוואַנציק יאָר פריער — אַרויסגעטריבן. און אויסער דעם, האָב איך אַליין אויך געפילט אַ נויטווענדיקייט צו פאַרענדיקן מיין טרילאָגיע מיטן דריטן ראָמאַן, נאָך „סטעמפּעניו“ און „יאָסעלע סאָלאָוויי“, ווי איך האָב עס אַמאָל פאַרשפּראָכן (מיר שיינט, אין דער הקדמה צו יאָסעלע סאָלאָוויי“). דאָרט האָב איך געהאַט געזאָגט, אַז מיין דריטער „העלד“ וועט זיין שוין נישט קיין קלזעמער און נישט קיין חזן. נאָר פון אַ העכערן מין, אַן איידעלערע נשמה — אַן אַרטיסט אָדער אַ קינסטלער. נאַטירלעך, האָבן זיך די אומשטענדן אין די צוויי און צוואַנציק יאָר שטאַרק געענדערט. עס זענען אויסגעוואַקסן אויך נייע אידעען. צוגעקומען נייע געטער. געבוירן געוואָרן נייע טיפּן. קורץ, איך האָב קיין הרטה נישט, וואָס איך האָב מיין דריטן ראָמאַן אַ ביסל פאַרשפּעטיקט... אָפּגעזען דערפון, איז מיין איצטיקער, דריטער הייסט דאָס, ראָמאַן גאַנץ אַנדערש קאָנסטרואירט אַלס יענע צוויי. איך וויל נישט

זאָגן דערמיט, אַז איך גיב זיך אונטער צום געשמאַק פון דער גאַס, אום צו מאַכן אים אינטערעסאַנט און שפּאַנענד. ער איז אָבער לויט זיין אינהאַלט, על־פּי כּרחו, אַ שפּאַנענדע געשיכטע, אַ ראָמאַן פול פּאָעזיע, אָבער אויך לעבן, האַנדלונג און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַ גאַלעריע פון טיפּן און בילדלעך — גאַנץ הומאָריסטיש, — און אַנדערש קאָן איך שוין גאָר נישט שרייבן, אפילו ווען איך זאָל וועלן ווערן אַ „קלאָגמוטער". אויסער דעם, שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם דאָזיקן ווערק דאָס לעבן פון אַ געוויסן קרייז אין רוסלאַנד, ווי אויך אין אַמעריקע. דער לייטער, ווען מיר זאָגן, פונעם בנין שטייט מיט די פיס אין „אונדזער" לאַנד און מיטן שפּיץ שפּאַרט ער אָן אין אַמעריקע — און דאָרט קומט פאָר זיין אַנטבינדונג."

אזוי האָט שלום־עליכם געשריבן וועגן זיין ראָמאַן „בלאָנדזשנדע שטערן".

אין דעם ראָמאַן האָט שלום־עליכם באַוויזן, ווי די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם פאַרוואַנדלט די פאָלקס־טאַלאַנטן אין „בלאָנדזשנדע שטערן", ווי זי צווינגט זיי צו וואַנדערן פון איין טייל פון דער וועלט אין דער אַנדערער, נעמט צו ביי זיי די פרייהייט פון טאַט. לאָזט זיי נישט פילן און דענקען פריי און מאַכט פון זיי קנעכט פון געלט.

אינעם ראָמאַן „די בלאָנדזשנדע שטערן" באַווייזט אונדז שלום־עליכם צוויי טאַלאַנטירטע קינדער פונעם שטעטל, ראָזע ספּיוואַק און לעאָ ראַפאַלעסקאָ, וועלכע טרוימען אָפּצוגעבן זיך דער טעאַטראַלער קונסט. זייער בליִענדע צוגעבונדנקייט צו דער קונסט האָט זיי דערנעענטערט און געשאַפן אַ אייביקע ליבע צווישן זיי.

ספּיוואַק און ראַפאַלעסקאָ פאַלן אַריין אין די הענט פון די קרעמער פון דער קונסט. די ספּעקולאַנטן צעשיידן זיי, סטאַרען זיך, אַז זיי זאָלן נישט באַגעגענען איינער דעם צווייטן. לעאָ ראַפאַלעסקאָ, וועלכער טרעט אַרויס מיט דעם גרעסטן דערפאָלג אינעם יידישן טעאַטער, אַזוי אויך ראָזע ספּיוואַק, וועלכע שפּילט אויף דער אייראָפּעישער סצענע, בענקען תמיד איינער נאָכן צווייטן, זוכן איינער דעם אַנדערן, אָבער זיי קאָנען זיך נישט צונויפקומען, דערפאַר, וואָס ווען זיי באַגעגענען זיך, וואָלט עס געווען אַ טויט־קלאַפּ פאַר די אַנטרעפּרענעאָרן, וועלכע האָבן פאַרקנעכטעט זייער טאַלאַנט.

אָנהייב 1913 הייבט אָן שלום־עליכם צו אַרבעטן אויף זיין אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „פונעם יאַריד". לויט שלום־עליכם'ס פאַרטראַכט, האָט דער דאָזיקער בוך געדאַרפט זיין נישט בלויז זיין אייגענע אויטאָביאָגראַ־

פיע, נאָר די געשיכטע פון דעם יידישן יונגנמאַן פון דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט. ער האָט געשטרעבט צו געבן זיינע באַגעגענישן מיט שרייבער, אָפּשאַצונגען פון זייער אַרבעט און בכלל דעריגערונגען וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור.

מיטן גרעסטן ברען און ענטוזיאַזם טרעט צו שלום־עליכם צו דער אַרבעט איבער דעם דאָזיקן בוך. אָנגעשריבן דעם ערשטן טייל, וואָס כאַפּט אַרום זיין קינדהייט און יוגנט, האָט שלום־עליכם אָנגעהויבן זוכן אַ פּאַר־לעגער פאַר זיין „בוך פון די ביכער", ווי ער האָט אַליין אָנגערופן זיין ווערק, אין וועלכן ער האָט געשטרעבט צו ווייזן די קוואַל פון זיין שאַפונג.

אָבער נישט גרינג איז געווען צו געפינען אַן אַרויסגעבער. די יידישע בורזשואַזע צייטונגען און זשורנאַלן אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע האָבן איינגעפונען, אַז עס איז בעסער צו דרוקן „העכסט אינטערעסאַנטע" פּאָר־נאָגראַפישע שונד־ראָמאַנען, און האָבן אַ לאַנגע צייט נישט געוואָלט דרוקן די קינסטלערישע אויטאָביאָגראַפיע פון שלום־עליכם'ן.

## די רוסישע איבערזעצונג פון שלום־עליכם'ס ווערק

דאָס יאָר 1910 איז זייער אַ וויכטיקע דאַטע אין שלום־עליכם'ס לעבן און שאַפן. אין דעם יאָר איז פאַרווירקלעכט געוואָרן זיין אַלטער טרוים.

ביי דער מיטהילף פון די בעסטע רוסישע שרייבער, און דער עיקר פון מאַקסים גאָרקי, האָט זיך שלום־עליכם'ן איינגעגעבן צוצוטרעטן צו אַן אויסגאַבע פון זיינע ווערק אויף דער רוסישער שפּראַך.

אַ פרייידיקע געשעעניש אין שלום־עליכם'ס לעבן. דאָס גרויסע רוסישע פאָלק וועט זיך באַקענען מיט די אָרעמע יידישע פאָלקס־מאַסן, מיט זייער לעבן, מיט זייער גורל, מיט זייערע שטרעבונגען, מיט זייער קאַמף.

מיט ליבע און זעל האָט זיך שלום־עליכם אָפּגעגעבן דער אַרבעט אַרויסצוגעבן זיינע ווערק אין דער רוסישער שפּראַך. ער שטרעבט דערצו, אַז די איבערזעצונג זאָל נישט פאַרמינערן זייער קינסטלערישן ווערט.

איך וויל דעביוטירן פאַרן רוסישן עולם, — האָט געשריבן שלום־עליכם צו זיין איבערזעצער פּינוס, — מיט אַ זאַך אויב נישט קיין גרויסער, איז כאָטש לכל־הפּחות מיט אַן אָריגינעלער".

און שלום־עליכם באַשליסט אָנהייבן זיין רוסישע אויסגאַבע מיט זיינע פּרעכטיקע קינדער־געשטאַלטן.

שלום־עליכם וועט ווייזן דעם פאָרגעשריטענעם רוסישן לעזער אַ נאַיוו

קינד, וואָס קוקט זיך צו מיט זיין נאַיוון בליק צו די איבערלעבונגען, אָפּקומעניש און שטרעבונגען פון דער יידישער אָרעמשאַפט. וועלכע זוכט אַן אויסוועג פון איר רעכטלאָזיקייט און דלות. ער וועט ווייזן, ווי אָט דאָס קינד קוקט זיך צו צו אָט דעם ביטערן קאַמף פון די קליינשטעטלדיקע אָרעמעלייט פאַר זייער עקזיסטענץ, וויאַזוי זיי פאַרלאָזן זייערע איינגעזעסענע נעסטן, זייער היימאַט און לאָזן זיך אַוועק אויף יענער זייט אָקעאַן צו זוכן דאָס שטיקל ברויט. שלום־עליכם באַשליסט, אַז אָט דער דאָזיקער העלד דאַרף זיין דער ערשטער, וואָס וועט אים, שלום־עליכם'ן, פאָרשטעלן פאַרן רוסישן לעזער.

מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און ליבע, ווייזן מיר, באַציט זיך שלום־עליכם צו זיינע העלדן קינדער. נאָך טוביה דעם מילכיקן האָט ער זיי געהאַלטן פאַר די איינגעגעבנסטע אין זיין אומשטערבלעכער גאַלעריע. דעם גרויסן הומאַניסט שלום־עליכם האָבן צוגעצויגן די געשטאַלטן פון די קינדער דערפאַר, וואָס אין זיי האָט ער געזען די שטאַרקסטע שטרעבונג צו לעבן.

„צי איז אייך באַוווסט, אַז דאָס לעבן פון די קינדער איז אינטערעסאַנטער פון יעדער אַנדערן לעבנשטייגער?" — פרעגט שלום־עליכם ביי זיין איבערזעצער.

און שלום־עליכם האָט ווירקלעך מער פון אַלע יידישע קלאַסיקער זיך אינטערעסירט מיטן לעבן פון די קינדער און האָט זיך מער פון אַלעמען באַשעפטיקט מיט זיי אין זיין שאַפונג.

ער וועט דעביוטירן פאַרן רוסישן לעזער מיט „כתבים פון אַיינגל אַ יתום, וואָס באַשטייען פון צוואַנציק הומאָריסטישע דערציילונגען — באַשרייבונגען" — „מאָטל פּייסי דעם חזנס".

„אָט מיט די דאָזיקע כתבים וועט איר אָנהייבן דעם ערשטן באַנד, — שרייבט ער צו פּינוסן, — און נאָך זיי וועלן גיין אַנדערע קינדער־דערציילונגען. איך פאָדער שטרענג אָט די דאָזיקע אָרדענונג".

דער גרויסער הומאָריסט שלום־עליכם, וועלכער האָט אויפן גאַנצן שליאַך פון זיין שאַפן געקעמפט קעגן סענטימענטאַלער כליפּעריי אין דער ליטעראַטור, האָט זיך געשראָקן, אַז ביי דעם לעזער זאָל זיך נישט שאַפן קיין איינדרוק, אַז דער אויטאָר האָט כלומרשט מיט זיינע ווערק אַ ספּעציעלן ציל ארויסצורופן רחמנות צו זיינע העלדן.

אַ באַזונדערע אַכטונג לייגט שלום־עליכם אויף דעם סטיל פון דער רוסישער איבערזעצונג פון זיינע ווערק.

מיט דער הילף פון זיינע קינסטלערישע ווערק, איבערגעזעצט אויף רוסיש, האָט שלום־עליכם געהאַט אין זינען איינטים שמועסן וועגן דעם לעבן פון דער יידישער אָרעמשאַפט מיט די פאַרגעשריטענע שיכטן פונעם רוסישן פאָלק און פון אנדערע פעלקער אינעם צאַרישן רוסלאַנד, צע־שטערן די שנאה און פיינדשאַפט, וואָס די הערשנדיקע קלאַסן האָבן געזייט צווישן די פעלקער.

„שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר, אַז זי שטייט, די הויכע מעכטיקע וואַנט, און שיידט אָפּ דאָס אינעווייניקסטע יידישע וועלטל פון דער גאָרער וועלט וואָס רינגלט עס ארום, — שרייבט שלום־עליכם. — אָנשטאָט דעם, וואָס מע זאָל אָט די דאָזיקע וואַנט צעשטערן און טיפער אַריינקוקן אין אָט דעם אָפּגעזונדערטן וועלטל, זענען פאַראַן גוטע מענטשן, וואָס זיי האַלטן זי אויף כלערליי אופנים אונטער, פאַרפעסטיקן זי ווער מיט א ציגל, ווער מיט א שטיין, אַזוי, אַז זי ווערט אַלץ העכער און שטאַרקער“.

שלום־עליכם האָט קיינמאָל נישט געקוקט אויף זיין קינסטלערישן שאַפן, ווי אויף קונסט צוליב קונסט. ער האָט געשטעלט פאַר זיך די אויפ־גאַבע מיטצוהעלפן דורך זיין שאַפן אויסצוואָרצלען די קרענקלעכע הער־שיינונגען אינעם לעבן פון דער יידישער אָרעמשאַפט. ער האָט עס דורכ־געפירט אין זיין אַרבעט מיט דער הילף פון הומאָר און טיילווייז מיט דער הילף פון סאַטירע. אויף זיין אַרבעט האָט ער געקוקט, ווי אויף דער גרויסער זאַך פון אויסוואָרצלען דעם קאָנסערוואַטיזם, וואָס איז אין פאַר־לויף פון יאָרהונדערטער איינגעוואָרצלט געוואָרן דורך די הערשנדיקע קלאַסן. ער האָט שטענדיק צוגערעכנט זיך צו יענע מענטשן, וועלכע צע־שטערן די וואַנט, וואָס טיילט אָפּ די יידן פון דער אַרומיקער וועלט.

„מיט מיינע שוואַכע כוחות — זאָגט שלום־עליכם — נעם איך שוין מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט אָנטייל אין דער אַרבעט (צו צעשטערן אָט די וואַנט). איך סטאַרע זיך אויפצוכאַפּן דעם אינערלעכן זין פונעם לעבן פון די איינוווינער פונעם תחום און געפינען דאָ דעם ליכטיקן אָפּשיין פו־נעם מענטשן מיט אַלע זיינע פריידן, טרויערן און מיט זיין שטרעבונג צו אַן אידעאַל“.

געפינען דעם „ליכטיקן אָפּשיין פונעם מענטשן“ — אָט צו וואָס עס האָט געשטרעבט שלום־עליכם דער הומאַניסט.

„אַלע ווידערשפּרוכן, וואָס טרעפן זיך צווישן די אויסערלעכע באַדינ־גונגען פון לעבן פונעם פינצטערן תחום און דער ריינער באַוועגונג פון דער נשמה, שאַפן גאַנץ אָפט קאָמישע סיטואַציעס, וואָס רופן טיילמאָל אַרויס

אַ הילכיקן געלעכטער. און די דאָזיקע דערשיינונג שרייבן די לעזער צו ניט דעם לעבן זעלבסט, וואָס איז עס אייגנטימלעך, נאָר דער פאַנטאַזיע פון דער שפּאַס-שטימונג פונעם שרייבער. און איבער אַ מיט-פאַרשטענדיש קרוינט מען דעם שרייבער מיטן רום אַ „הומאָריסט".

אָט וווּ עס ליגט דער סוד פון שלום-עליכם'ס הומאָר.

דער טאָג, ווען שלום-עליכם האָט באַקומען דעם ערשטן באַנד פון דער רוסישער איבערזעצונג פון זיינע ווערק, איז געווען איינער פון די זאַמע פריידיקסטע טעג אין זיין לעבן. אין יענער גליקלעכער מינוט שרייבט שלום-עליכם צו זיין איבערזעצער:

„איך בין אייך אַזויפיל דאַנקבאַר, אַז כ'האָב אין דער מינוט קיין ווערטער ניט, איך נעם אייך ברידערלעך אַרום און קוש אייך".

## ווידער אין דער היים

1914. שלום-עליכם'ס געזונט-צושטאַנד פאַרבעסערט זיך און שטאַרקער ווערט זיין בענקשאַפט נאָך זיין היים. ער וועט זיך אומבאַדינגט לאָזן אין וועג אריין. ער וועט פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד. ער קאָן זיך שוין, שלום-עליכם, מער ניט באַגנוגענען מיט דעם בלאָסן ווידערקול פונעם לעבן אין זיין היים, וואָס ער הערט פונדערווייטן.

מיט אומגעדולד וואַרט שלום-עליכם אויפן פרילינג, דער פרילינג איז געקומען, און שלום-עליכם האָט זיך געלאָזן אין וועג אַריין. ער פאָרט אַהיים. ער וועט איצטער זען פנים צו פנים זיין קלוגן, ליידנדיקן טביה דעם מילכיקן מיט זיינע טעכטער, איידעמס און אייניקלעך. ער וועט ווידער אויפדאָסניי א קוק טאָן, וואָס עס הערט זיך מיט זיין פאַנטאַזירנדיקן, אין די הימלען פליענדיקן, שלימזלדיקן מנחם-מענדלען, ער וועט זען אָט די יעניקע, פון וועמען ער האָט געשילדערט זיינע האַרציק-לירישע קינדער-געשטאַלטן, וואָס טוט זיך מיט זיי? ער וועט זיי פאָטערלעך אַ נעם טאָן אויף זיינע הענט, א קוק טאָן טיף-טיף אין זייער קינדערשער נשמה אריין.

די יידישע פאָלקס-מאַסן, וועלכע האָבן נאָר וואָס איבערגעלעבט דעם מיטלאַלטערלעכן בייליס-פּראָצעס. די באַיקאָטן פון דער פוילישער שליאַכטע, די פויליש-שאָוויניסטישע און אַנטיסעמיטישע העצעס, האָבן מיט דער גרעסטער פרייד און באַגייסטערונג זיך געריכט צו באַגעגענען זייער באַליבטן פאָלקס-דיכטער. פון יעדער שטאָט און שטעטל זענען אין די רע-

דאַקציעס אָנגעקומען באַגריסונגס־בריוו און טעלעגראַמעס פאַר שלום־עליכם'ן.

א יום־טובדיקייט, אַ דערהייבונג צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן טראָגן אַריין די אָווענטן, וואָס ווערן איינגעאָרדנט אין פאַרשידענע שטעט מיטן אָנטייל פון שלום־עליכם'ן. עס באַגעגענען אים אַלט און יונג. אַלע שטויסן זיך אַריינצוגיין אויף זיינע פאָרלעזונגען, און אויב עס געלינגט נישט אַריינצוגיין אין טעאַטער, וואַרט מען באַמש אין די נאָענטע גאַסן, וווּ שלום־עליכם וועט דורכפאָרן, כדי אַ קוק צו געבן אויף אים.

## שלום־עליכם אין וואַרשע

ער שטייט ווידער ביים פרישן קוואַל פון יידישן פאָלקס־לעבן.

— אַ שרייבער, — האָט ער געזאָגט — מוז זיך פון צייט צו צייט אָפּפרישן אין דעם נישט אויסשעפּנדיקן פאָלקס־קוואַל, אָפּפרישן זיינע שעפערישע כוחות, ווען נישט, ווערט ער אויסגעטריקנט.

די ערשטע שטאָט, וואָס שלום־עליכם באַזוכט נאָך זעקס יאָר צעשיידט זיין מיט די יידישע פאָלקס־מאַסן, איז געווען וואַרשע, דער גרעסטער יידישער צענטער אינעם געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד. דאָ איז דער צענטער פון די יידישע ביכער־פאַרלאַגן, דער צענטער פון דער יידישער פרעסע. דאָ זענען קאָנצענטרירט גרויסע מאַסן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און פון די יידישע האַרעפּאַשניקעס.

דאָ אין וואַרשע וווינט דער גרעסטער טייל שרייבער פון עלטערן און יינגערן דור, דאָ וועט ער באַגעגענען זיינע אַלטע איבערגעגעבענע פריינד יעקב דינעזאָן, מרדכי ספּעקטאָר און דוד פרישמאַן, דאָ וועט ער באַגעגענען יצחק לייבוש פרץ, מיט וועמען ער איז איצט געוואָרן אינטים־נאָענט, וועמען ער האָט געשיקט פון איטאַליע גרוס, פון אים און „פון דער גאַנצער יידישער קאָלאָניע, וואָס קאָנען אים נישט פאַרגעסן, רעדן פון אים שטענדיק”.

די יידישע שרייבער אין וואַרשע וואַרטן מיט אומגעדולד אויף זיין קומען, שלום־עליכם וועט געווים אַריינטראָגן אַ נייעם שטראָם פון לעבן אין דער ליטעראַטור, די יידישע מאַסן וועלן זיך נאָך מער דערנעענטערן צו איר. עס וועט געוויזן ווערן עפנטלעך די מעכטיקייט פון דער יידישער

קולטור, די ליבע פון אונדזערע פאָלקס-מאַסן צו זייערע באַליבטע שרייבער.

דעם 14-טן אַפּריל פון יאָר 1914 באַטאָג איז שלום-עליכם מיט זיין פרוי אָנגעקומען קיין וואַרשע. ער איז געקומען מיטן שנעל-צוג פון בערלין. וועגן דעם, אַז שלום-עליכם דאַרף קומען אין וואַרשע און וועגן דעם טאָג און דער שעה פון זיין קומען איז אין דער פּרעסע נישט געווען געמאָלדן. דאָך האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גרויסער עולם פון פאַרשידענע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט, וואָס זענען געקומען אויפן ווינער וואָקזאַל באַגעגענען שלום-עליכם'ן, זייער באַליבטן פאָלקס-שרייבער. עס איז אויך געווען דער קאָמיטעט פון דער קינסטלערישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט „הזמיר“ מיט י. ל. פּרץ'ן אין דער שפּיץ. עס זענען געקומען נאָך פיל יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן, צווישן זיי יעקב דינעזאָן, דוד פרישמאַן.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס שלום-עליכם'ס געזונט-צושטאַנד האָט זיך פאַרבעסערט, איז ער נאָך געווען זייער שוואַך פיזיש, און די רייזע האָט נאָך מער אָפּגעשוואַכט זיין געזונט-צושטאַנד. דער „ערשטער איינדרוק ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט שלום-עליכם'ן — שרייבט דער באַוווסטער יידישער הומאָריסט, ז. ווענדראָף, וועלכער האָט זיך דעמאָלט באַגעגנט מיט שלום-עליכם'ן אין וואַרשע, — איז געווען, אַז איך זע פאַר זיך אַן ערנסט קראַנקן מענטש. דאָס פּנים איז ביי אים געווען ערד-פאַרביק און פול מיט טיפע קנייטשן, דער רוקן געבויגן, דער גאַנג לאַנגזאַם, זייער לאַנגזאַם, ווי דער גאַנג פון אַ מענטש, וואָס איז געצוווּנגען צו ציילן און מעסטן זיינע טריט. אין הרויסן איז געווען אַ וואַרעמער וואַרשעווער פרילינג, נאָר שלום-עליכם איז אָנגעטאָן געווען אין אַ וואַרעמען האַרבסט-מאַנטל, אין קאַלאָשן און מיט אַ גרויסער וואָלענער טוך אויף די אַקסלען. אַזוי איז ער נאָכדעם די גאַנצע צייט ארומגעגאַנגען איבער וואַרשע“.

די יידישע שרייבער און די וואַרשעווער פריינד פון שלום-עליכם זיינען שטאַרק געווען אומרואיק, צי וועלן זיינע אַרויסטרעטונגען און פאָרלעזונגען נישט ווירקן אויף זיין שוואַכן געזונט-צושטאַנד. שלום-עליכם האָט עס געפילט און האָט זיך געהאַלטן מונטער, כאָטש דאָס האָט אים געקאָסט פיל אָנשטרענגונג. מען האָט זיך גענומען איינאָרדענען די עפנטלעכע באַגעגעניש פון די פאָלקס-מאַסן מיט שלום-עליכם'ן. נישט גרינג איז געווען אַרויסצוקריגן אויף דעם אַ דערלויבעניש ביי דער צאַרישער פּאָליציי.

די צאַרישע פּאָליציי האָט גוט געוווּסט, וואָס פאַר אַ ווירקונג שלום-עליכם האָט אויף די יידישע לייענער, זי האָט געוווּסט, ווי ליב און טייער

ער איז דעם יידישן פאָלק, זי האָט געדענקט שלום=עליכם'ס אַלעגאָרישע דערציילונגען קעגן דער זעלבסטהערשונג, אָט די דערציילונגען, וואָס האָבן אויסגעלאַכט דעם צאַריזם און גערופן צום קאַמף מיליאָנען פּאָליטיש= און נאַציאָנאַל=אונטערדריקטע יידישע פאָלקס=מאַסן אין דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע. אָבער דער וואַרשעווער פּאָליצמייסטער, אַ דייטש אַ כאַבאַרניק, איז, פּונקט ווי פיל ענלעכע, ווי ער, „געווען אַ מענטש, וואָס לאָזט צו זיך רעדן, און נאָך דעם, ווי מען האָט אים, אפּנים, צוגעשטעלט „זאַכלעכע באַווייזן", אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג, זענען קיין שטערונגען נישט געמאַכט געוואָרן". |

אינעם זעלביקן אָוונט פון 14=טן אַפּריל איז פאָרגעקומען שלום=עליכם'ס אַ פאָרלעזונג אין גרויסן זאַל פון „מיניאַטיור" (ביעלאַנסקאַ 5). גרויס איז געווען דער עולם, וואָס איז געקומען אויף דער פאָרלעזונג. שוין עטלעכע טעג פאַר דער פאָרלעזונג זענען די בילעטן אויספאַרקויפט געוואָרן, כאָטש אין דער פרעסע זענען קיינע מעלדונגען וועגן דעם נישט געווען. דער הויף, וווּ עס האָט זיך געפונען דער טעאַטער, און די גאַנצע ביעלאַנסקאַ גאַס זענען געווען באַלאַגערט פון טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט כאָטש אַ קוק טאָן אויף שלום=עליכם'ן. און די אָוואַציעס, וואָס מען האָט אים געמאַכט סיי אין גאַס, ווען ער איז דורכגעפאָרן, סיי אין זאַל, ווען ער האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע, זענען געווען אומגעהויער גרויס און אימפּאָזאַנט. |

שלום=עליכם האָט געלייענט אייניקע זאַכן, צווישן זיי „לך=לך" פון „טוביה דער מילכיקער", מיט אַן אויסגעצייכנטער דיקציע, מיט אַ פולקאָמער מאָדעלאַציע פון דער שטים און מיט די צוגעפּאַסטע באַוועגונגען. דער ענטוזיאַזם פון דעם פאַרשידנאַרטיקן עולם איז געווען אומגעהויער. אָבער יעדער צוהערער האָט באַמערקט, ווי פיזיש שווער עס איז געווען פאַר שלום=עליכם'ן צו לייענען זיינע ווערק פאַר אַ גרויסן עולם.

דעם 17=טן אַפּריל איז פאָרגעקומען אַן אָוונט לכבוד שלום=עליכם'ן אין „הזמיר". דעם דאָזיקן אָוונט האָט געעפנט י. ל. פּרץ, וועלכער האָט פאַרענדיקט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

— איך וואָלט געקאָנט מיין אויסטייטש באַגרינדן, איז אָבער ווייניק, וואָס שלום=עליכם האָט צו אונדז געקאָנט קומען נאָך זעקס יאָר קראַנקהייט, מיר ווילן, אַז ער זאָל אונדז לאַנג, לאַנג געזונט זיין, לאַנג לעבן און אונדזער שימל קראַצן... דערצו איז די לופט אין אונדזערע הייזער, אויך

אונדזערע פֿאַרזאַמלונגען נישט גינסטיק... איך האָב אָפּ און רוף, איך בעט אייך מיטרופֿן:

— געזונט זאָל זיין שלום־עליכם!

ווי נאָר די פֿאַרזאַמלטע האָבן דערזען שלום־עליכם׳ן דאָס ערשטע מאָל אויף דער בינע, האָט דער זאַל געציטערט פֿון די אָוואַציעס און פֿון גרויס ענטוזיאַזם. נאָר ווי שלום־עליכם האָט אָנגעהויבן זיין פֿאָרלעזונג, איז באַלד שטיל געוואָרן. די שלעכטע אַקוסטיק אין זאַל האָט אָבער גע־שטערט, אַז דער עולם פֿון די הינטערשטע רייען זאָל הערן זיין שטים. און דאָ האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן דער טראַגיזם פֿון שלום־עליכם׳ן, וואָס האָט זיך אַזוי געצויגן צום לעבן, וועלכער האָט געקעמפֿט און גע־טריבן פֿון זיך זיין שווערע אָנמאַכט. שלום־עליכם דערציילט וועגן דעם דאָזיקן אָוונט:

„— פּרץ האָט נישט געלאָזט מיך זיצן מער ווי עטלעכע מינוט, כאָטש ער אַליין איז געווען דער רעדנער פֿאַר מיין כבוד וועגן, און וועלכער רעדנער וויל עס נישט, מע זאָל אים הערן?... ס׳איז אָבער געווען ענג און הייס „און ד ע ר איז ביי אונדז אַ ציטעריקער, אַן אָפּגעשריגענער“. — אַזוי האָט געטענהט פּרץ, אָנווייזנדיק אויף מיר מיט אמתער ליבשאַפֿט פֿון אַן עלטערן ברודער“.

נאָך שלום־עליכם׳ס פֿאָרלעזונג זענען אַרויסגעטרעטן רעדנער, וואָס האָבן באַגריסט שלום־עליכם׳ן. אויף אַלע רעדעס האָט שלום־עליכם אַזוי געענטפֿערט:

— „מיט זעקס יאָר צוריק האָב איך געהאַט די ערע געענטער צו באַקענען זיך מיט דעם מלאך־המות, און לסוף האָט ער מיך פֿאַרטריבן אין גלות קיין איטאַליע, אונטער אַ ליכטיקן הימל. אָבער פֿון דעם לאַנד מיט דעם בלויען הימל האָב איך שטענדיק געבענקט נאָך מיין קאַסרילעווקע; מיין קערפּער איז געווען אין איטאַליע, און דאָס האַרץ, די נשמה דאָ ביי אייך. איצט האָב איך זיך אַרויסגעפּלאָנטערט און בין צו אייך געקומען, דערביי איז מערקווירדיק, אַז פֿיל וויכטיקע מאָמענטן אין מיין לעבן זענען פֿאַרבונדן מיט דעם וואַרשעווער „הזמיר“. דער וואַרשעווער „הזמיר“ האָט מיך דער ערשטער באַקענט מיטן וואַרשעווער יידישן פּוב־ליקום, ער האָט מיר די ערשטע טעלעגראַמע געשיקט צו מיין 25־יאָריקן יובילײ. איצט, ווען איך האָב דערלעבט ווידער צו קומען צו אייך, האָט ער מיר דעם ערשטן קבלת־פּנים געמאַכט און אַדאַנק אים, האָב איך איצט די מעגלעכקייט אייך אַלעמען צו זען.

ווען איך זאָל זיין אַ מגיד, וואָלט איך וועגן דעם געקאָנט זאָגן אַ שיינע דרשה און אפילו באַנוצן זיך מיט א פסוק פון „שיר השירים“: „עת הזמיר הגיע וקול התור נשמע בארצנו“, אָבער דאָס וואָלט מיך צו ווייט פאַר־פירט. איך וועל אייך דעריבער נאָר ווינטשן, אז אייער „הזמיר“ זאָל ברייטער, העכער און ליכטיקער ווערן (דער זאַל פון „הזמיר“ איז געווען אַ שמאָלער, אַ נידעריקער, און ס'איז דאָרט געווען אַביסל פינצטערלעך), און אייך אליין — א גוטן יום־טוב און א גוטן תמיד“.

אין די איבעררייסן פון זיינע פאָרלעזונגען אויף דעם דאָזיקן אָוונט איז שלום־עליכם אַרומגעגאַנגען הינטער די קוליסן אין זיין מאַנטל מיט דעם וואָלענעם טוך אויף דעם האַלדז. אָבער די יידישע שרייבער, וועלכע האָבן זיך אַזוי געשראָקן פאַר זיין צושטאַנד, האָבן זיך געסטאַרעט עס נישט אַרויסווייזן פאַר אים.

„באַגלייטנדיק אים נאָך דער פאַרזאַמלונג צו זיין האָטעל, — דער־ציילט ז. ווענדראָף, — האָב איך זיך דאָך נישט איינגעהאַלטן און אין זיי־ער פאָרזיכטיקע ווערטער געפרעגט: צי רעכנט ער נישט, אַז די אונטער־גענומענע רייזע וועט זיין אַ צו גרויסע אָנשטרענגונג פאַר זיין געזונט...

שלום־עליכם האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ווי ער וואָלט איבערלעך גע־מאָסטן די מאָס אָנשטרענגונג, וואָס אים שטייט פאָר, נאָכדעם האָט ער מיך געגומען הינטערן אָרעם און שטיל, און לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט גע־רעדט מער צו זיך אַליין, ווי צום צוהערער, געזאָגט:

— אפשר וועט עס זיין... ס'וועט געווים זיין א צו גרויסע אָנשטרענ־גונג פאַר מיין געזונט... אָבער... אָבער איך האָב געמוזט מאַכן די רייזע... איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך יידן, מיין פריינד, נאָך פשוטע יידן פון אַ גאַנץ יאָר, נאָך יידן־האָרעפּאַשניקעס, נאָך יידן־באַלמעלאָכעס, נאָך יידן קרעמער און לופט־מענטשן, נאָך עמך... איך מוז זען יידן מיט זייער הילוך, מיט זייערע תנועות און העוויות. איך מוז הערן יידן רעדן, שרייען, זידלען זיך, שעלטן זיך... יידן, ווי זיי זענען. יידן, אַז מען זעט זיי נישט צו לאַנג, פאַרלירט מען דעם חוש: אנשטאָט צו לעבן מיט יידן, הויבט מען אָן צו לעבן מיט ד ע ר י נ ע ר ו נ ג ע ן וועגן יידן, דאַן הויבן אָן אַרויסצוקו־מען פון אונטער דער פּען שאָטנס פון מענטשן, אנשטאט מענטשן... פאַר די זעקס יאָר אין דער שווייץ, אין איטאַליע האָב איך געזען טשאַכאָ־טאָטשניקעס, געסט, באַזוכער, טוריסטן, נאָר נישט קיין יידן, אפילו ווען די טשאַכאָטאָטשניקעס, געסט און באַזוכער זענען געווען יידן... איך וויל זען, רעדן, אָטעמען איין לופט מיט יידן פון די נאַלעווקעס, פון קרעשטשאַ־

מיק, פון פאָדאָל, פון דעריבאַסאָווקע און מאָלדאַוואַנקע... זען יידן קאָסט געלט, מיין פריינד. געלט דאַרף מען פאַרדינען... פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס איך האָב ג ע מ ו ז ט אונטערנעמען די ר יי ז ע?...“

אָבער די באַגעגענישן פון שלום־עליכם פנים אל פנים מיטן פאָלק האָבן אים אין דער אמתן געהיילט זיין קראַנקהייט. גרויס איז געווען פאַר אים די פרייד פון באַגעגעניש מיט דעם „פּראָסטן ערלעכן פאָלק“, וועלכער איז געווען ביי אים ביז הייליק טייער. און גליקלעך איז ער געווען, ווען ער האָט נאָך אַזאַ לאַנגן איבעררייס זיך געקאָנט פון דער נאָענט צוהערן צו זיין שפּראַך, צוקוקן זיך צו זיין לעבן.

דעריבער איז שלום־עליכם שטאַרק אויפגעבראַכט געווען דעמלט אויף דער רעדאַקציע פון דער טעגלעכער צייטונג „דאָס לעבן“ („פריינד“), וועלכע האָט אָפּגעדרוקט אן אומגעלומפּערטן פעליעטאָן־שאַרזש, ווי א באַריכט פון דעם קבלת־פּנים, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר שלום־עליכם'ן אין וואַרשע. דער פעליעטאָן האָט געהייסן „דער פאָלקס־דיכטער אין מאַזעפּעווקע“. אין דעם דאָזיקן באַריכט איז כלומרשט אויף א הומאָריסטישן שטייגער איבערגעגעבן געוואָרן די שטימונג אין זאַל, ווו „מענטשן מיט חסרונות, מיט מיאוסע צונעמענישן זענען אַרומגעגאַנגען אומרואיקע: אַ קשיא אויף אים, ער קאָן נאָך „באַשרייבן“... „מען האָט גערעוועט, געשריען, און געיאָדלט, און געוויכצט, און געטופּעט מיט די פיס, און געדונערט מיט שטעקלעך אויף די בענק, און געקלאַפּט מיט אַ ברעט אָן וואַנט... געליאַרעמט... בראַוואָ, פאָלקס־שרייבער, יחי פאָלקס־שרייבער!“... „דער שרייבער איז געווען גערירט, האָט געשמייכלט, געקוועטשט הענט, געחתמעט קאַרטלעך, געדאַנקט פאַר די רעדעס און שטילערהייט געזאָגט צו זיין אימפּרעסאַריאָ: וואַרט אויס, ס'וועט א רוח אין זייער טאַטנס טאַטן אריין, איכ'ל זיי אָפּצאָלן פאַר אלץ כפל־כפלים“.

ניין, שלום־עליכם האָט קיינמאָל נישט אויסגעלאַכט די יידישע פאָלקס־מאַסן גלאַט אין דער וועלט אַריין. ער איז נישט געווען דער, ווער עס האָט זיך געהאַלטן פאַר געלעכטער צוליב געלעכטער. ער האָט אויסגעלאַכט די פאַרקריפּלטקייטן, וואָס זענען געקומען אַלס רעזולטאַט פון די שווערע באַדינגונגען פונעם לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אינעם צאַרישן רוסלאַנד. מיט דער גרעסטער ליבע, מיט די סאַמע טיפסטע געפילן האָט ער באַזונגען די שיינקייט און הויכקייט פון זייער נשמה... באַלד ווי דער דאָזיקער פעליעטאָן איז דערשינען איז שלום־עליכם אַוועק

אין דער רעדאַקציע „דאָס לעבן“ און זייער שאַרף פּראָטעסטירט. רערבײַ האָט ער געזאָגט: „מיר איז דאָך באמת טייער יעדער אײַנציקער לייענער, יעדער אײַנציקער, וואָס קומט צו מיר אַרײַן“. די רעדאַקציע האָט געמוזט אָפּדרוקן זײַן פּראָטעסט.

אין וואַרשע האָט שלום-עליכם זיך גלײַך אַוועקגעלאָזט איבער די יידישע גאַסן: איבער די נאַלעווקעס, דזשיקע, פּאַוויע, נאָוואָליפּיע. ער איז אַוועק אין די גאַסן פֿונעם וואַרשעווער יידישן דלות, פֿון דער יידישער אונטערוועלט, אַרײַנגעגאַנגען אין גראַשענע יידישע געוועלבלעך, אָפּגעשטעלט זיך לעבן שוסטערשע און שנײַדערשע וואַרשטאַטן, געשמועסט, געוויצלט זיך און אויסגעהערט ווערטלעך.

„בעת די דאָזיקע שפּאַצירן זײַנע צווישן דער רעכטער געדיכטעניש פֿון די פֿאָלקס-מאסן — דערציילט ווייטער ז. וועגדראָף — איז שלום-עליכם'ן געווען נישט צו דערקענען. די גאַנצע מידקייט, די גאַנצע געבוויגנקייט, די גאַנצע קראַנקייט זײַנע איז ווי אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אים. ער האָט געשפּרודלט מיט לעבן, מיט ענערגיע, מיט נײַגער, מיט וויץ און שאַרפֿזין. קוקנדיק אויף אים האָט זיך אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז אפשר וועט אים די דאָזיקע לופֿט ברענגען מער נוצן, ווי די לופֿט פֿון איטאַליע“.

## שלום-עליכם איבערן תחום

אָט איז שלום-עליכם אַרויס פֿונעם גאַסט-הויז. ער האָט זיך נאָר באַוויזן אין גאַס. א גרופּע שול-קינדער רינגלען אים אַרום, נעמען זיך פּאַר די הענטלעך, לאָזן אים ווײַטער נישט גיין און טאַנצן אַרום אים א קאַראַהאָד. ער פֿאַרלירט זיך פֿון דער פּלוצלונגדיקער באַגעגעניש, אָבער גלײַך דערוואַכט אין אים זײַן קינסטלעריש-קינדישע נשמה. ער וועט נישט אַוועקגיין פֿון זיי, פֿון זײַנע מאָטעלעך. די קינדער זינגען א קינדיש פֿאָלקס-לידל, פּליעסקען מיט די הענטלעך און זענען צופֿרידן מיט זייער „געפֿאַנגענעם“, און דער „געפֿאַנגענער“ מיט זיי.

שלום-עליכם האָט זיך שוין באַפֿרײַט פֿון די קינדער. ער שפּאַצירט. עלטערע, יינגערע הורכגייער און דורכגייערינס לאָזן זיך לויפֿן אינמיטן דער גאַס, יאָגן אים איבער, קערן זיך אום און גייען אים אַנטקעגן, כדי נאָכאַמאָל א קוק טאָן אויף אים. פֿון דעם המון רײַסט זיך אַרויס א יונגערמאַן און באַגריסט אים אין גראַמען.

שלום-עליכם שמײכלט, מאַכט אויפֿמערקזאַם דעם גראַמען-זאָגער,

אז צו „שלום־עליכם“ האָט ער נאָך קיין גראם נישט געזאָגט. דער יונגער־מאַן האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ, אַ שאַר געטאָן דעם קאַפּעליוש אַראָפּ, א דריי געטאָן מיטן וויַיז־פינגער פון דער רעכטער האַנט אין דער לופט און האָט באַלד געענטפערט.

„כאָטש צו שלום־עליכם איז נישטאָ קיין גראַם,
ווינטש איך דאָך אים ברכות א ים!“...

אויפן שפּאַציר ווענדט זיך שלום־עליכם צו זיין באַגלייטער אזוי:

— אוי, ווי גוט! אָט וואַקסט קראָפּעווע, קראָפּעווע וואַקסט! אמתע כּאַסרילעווקער קראָפּעווע, פון וועלכע עס ווערן אויף די פיס בלאָטערן... זעט נאָר, ווי עס פליען פליטערלעך, ווי שנייעלעך פאַלן זיי! נאָר ביי אונדז אין רוסלאַנד זעט איר זיי אזוי פליענדיק!... ס'א מחיה. די שווייץ איז שיין, א רייכע נאַטור, אָבער אומעטום, אויפן שפּיץ פון העכסטן באַרג... ביים וואַסערפאַל... אומעטום זעסטו צייכנס פון מענטשלעכע הענט, וועלכע האָבן די נאַטור אין ארענדע גענומען... מאַכן פון איר געשעפט און ביז־נעס... כ'פיל זיך דאָ אין רוסלאַנד עפּעס אזוי היימיש, ס'דערמאָנט מיר מיין יוגנט און קינדהייט...

איר פרעגט, ווען איז ביי מיר געבליבן צו פאָרן קיין רוסלאַנד? אייגנטלעך, נאָך מיט דריי יאָר צוריק, באַלד ווי כ'האָב זיך אָנגעהויבן פילן בעסער.

מילא, אז מע טאָר נישט פאָרן, ווען ס'איז דיר דאָס שטרענג פאַר־באָטן, איז די בענקשאַפט נישט אזוי גרויס. ווי באַלד אָבער, אז די דאָק־טוירים האָבן מיר אזאַ נסיעה דערלויבט, איז מיר דאָס זיצן געוואָרן ממש אומדערטרעגלעך. כ'האָב דערשפּירט א קרענקלעכע בענקעניש... כהאָב זיך קיין אָרט נישט געפונען... דערווייל איז אונטערגעקומען די ביילים־געשיכטע, און פונוויַיטנס איז די מעשה אזוי מגושמדיק ווילד און די עוולה אזוי גרויס!

וואָס נעענטער צו דער רוסישער גרענעץ, אלץ מער איז מיין אומ־געדולד געוואָקסן... כ'האָב אין די וואַגאָן־שייבלעך געקוקט: שוין?

און אז כ'האָב דערזען דעם ערשטן רוסישן סלופּ מיט די שוואַרץ־ווייסע פּאַסן; דער ערשטן רוסישן זשאַנדאַרם מיט די געזונטע פּלייצעס און ברייטער ברוסט, האָט מיך א מאָדנער געפיל באַהערשט, א געפיל אויסגעמישט מיט וואַרעמקייט און קעלט, ליבשאַפט און שרעק...

אין דער פרעמד, ווייט פון דער היים, אָנלייענענדיק זיך מיט אלע צייטונג־ידיעות, האָט מיר אויסגעזען, אז אין כּאַסרילעווקע ליגט שוין דער

הימל אויף דער ערד און מײַנע קאַסרילעווקער ליגן אויף די פּנימער. עס, „ניע טאַק טשאָרט סטראַשען!“

אונדזער יונגן דור האָב איך געפֿונען אין אַ סך אַ בעסערן מצב, ווי כ׳האָב זיך פֿאָרגעשטעלט. אַ נײַער דור וואַקסט, אַ געזונטע יוגנט, נישט קיין בטלנים!

נישט לאַנג האָט אָבער שלום־עליכם געקאָנט פֿאַרבלײַבן אין רוס־לאַנד. עס האָט אים נישט דערלויבט זײַן געזונט־צושטאַנד. און שלום־עליכם צעשיידט זיך ווידער מיט זײַן לײַענער, וועלכער איז אים אַזוי ליב און טײַער.

קאַפּיטל פּערצן

# ווידער אין וואַנדערונג

אין יולי פון יאָר 1914 געפינט זיך שלום-עליכם און זיין פאַמיליע אינעם דייטשישן קוראָרט אַלבעק, אויפן ברעג פונעם באַלטישן ים.

„מיר וואַלגערן זיך אויפן ווייכן זאַמד לעבן דעם שכנותדיקן ים, — דערציילט וועגן זייער זיין אין אַלבעק די טאָכטער פונעם שרייבער ליאָלי ראַבינאָוויטש, — מיר וווינען אין א קליינער הייזקע ביי דייטשן. דער פּאַפּאַ איז אין אַ פריילעכער שטימונג. מיט צוויי אייניקלעך פון ביידע זייטן. זיי פאַרגעטערן אים.

די בעלעבאָסטע, א דייטשקע, גרייט פאַר אונדז די בעסטע מיטאָגן. אַלץ איז אזוי גוט, אַלע זענען פריילעך, אַלע זענען איינייגעם. דער וועטער — א וואונדערבאַרער, דער ים — אַ פּראַכטפולער.

איינמאָל זענען מיר געזעסן ביים טיש, געגעסן מיטאָג:

— א מלחמה!

און אַלע זענען אויפגעשפּרונגען. א מלחמה! עס איז דערקלערט א מלחמה צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד!

מיר לויפן מיטן פּאַפּאַ צום ברעג... מיר לויפן, מיר ווייסן אַליין נישט וווהין.

און אזוי, אין פינף מינוט האָט אַלץ געפּלאַצט. אַלע אונדזערע פּלע-נער צונישט געוואָרן. די באַלעבאָסטע די דייטשקע, וואָס האָט אונדז נאָר-וואָס דערלאַנגט דעם בעסטן מיטאָג, וויל אונדז אויף א מינוט מער נישט איבערלאָזן אין איר הויז... זי בעט, אז מען זאָל איר אוועקגעבן פאַר א משכון אָנשטאָט געלט דעם טאַטנס וואונדערבאַרן זייגער: אָט יענעם, וואָס שפּילט אַלע פערטל שעה אַן אָנגענעמע מעלאָדיע.

אויפן וואָקזאַל קערט זיך א וועלט. גאַנצע בערג מיט באַגאַזש...

מיר לויפן קיין בערלין. דער ווייסער זאַמד פון אַלטע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בלוטיקן קאַשמאַר. אויפן בערלינער וואָקזאַל האָבן אונדז איבער דעם וועג די ערשטע סאָלדאַטן, וואָס גייען אויפן פראָנט.

מיר שטייען און קוקן אויף זיי. דער פאָטער, אַ בלאַסער, מיט אַן אויסדרוק אין די אויגן, וועלכן עס איז אוממעגלעך איבערצוגעבן, רעדט אַרויס:

— אַ מלחמה...

איצט גלויבט ער שוין".

ווי אַ רוסישער אונטערטאַן, איז שלום־עליכם אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דייטשלאַנד, און אין זיין לעבן הייבט זיך אָן אַ נייע צייט פון וואַנדערונג. ווי אַ יידישער שרייבער, קאָן ער זיך איצטער אין רוסלאַנד נישט צוריקקערן. די צאַרישע מאַכט האָט פאַרווערט די יידישע אויסגאַבן און די יידישע שפּראַך. שלום־עליכם באַשליסט אַוועקצופאָרן קיין אַמעריקע.

„עס האָבן מיך פאַרכאַפּט, — שרייבט ער צו מענדעלע מוכר־ספרים שוין פון אַמעריקע, — די שונאים די דייטשן, אָפּגענומען דעם געזונט, דאָס געלט און דאָס גלייכגעוויכט פונעם גייסט. אַ סך אַרומגעשלעפּט זיך איבער די נייטראַלע לענדער, געווען קראַנק אי פיזיש איז גייסטיק. שיר נישט געשטאָרבן".

דער געזונט־צושטאַנד פון שלום־עליכם ווערט ערגער. עס מאַטערט אים אַ דורשט. ער הערט נישט אויף צו טרינקען. ער טרינקט און קאָן נישט שטילן זיין דורשט. דערזעט ער נאָר אַ קראַן פון דער וואַסערלייטונג, מאַכט ער פאַפירענע קריגעלעך, פילט זיי אָן מיט וואַסער און טרינקט.

אין אָט דער שווערער צייט שרייבט ער איינעם אַ באַקאַנטן, קלאָגנדיק זיך אויף זיין קרענק. און ווי שטענדיק, איז איצט אויך זיין בריוו דורכגעדרונגען מיט אַ טרויעריקן הומאָר:

„איר ווייסט, אין וואָס עס באַשטייט מיין קרענק? איך שטאַרב פון דורשט, איך טרינק וואַסער. דער ים איז ווייניק פאַר מיר. אַ דאַנק גאָט, וואָס, זייענדיק אין אַ פרעמד לאַנד מיט אַ גרויסער פאַמיליע און אָן שום מיטלען צו עקזיסטירן, בין איך פאָרט פאַרסטראַכירט — איך וועל שוין פון הונגער נישט שטאַרבן. איך וועל שטאַרבן פון דורשט.

און דאָס איז צום גוטן. זאָל די וועלט נישט זאָגן, אַז שלום־עליכם איז געשטאָרבן פון הונגער. פע! פון דורשט איז אַ סך שענער און אַריגינעלער. פון הונגער שטאַרבן פיל. פון דורשט — בלויז איין שלום־עליכם. אַ רעכטער חברהמאַן!"

אזוי האָט שלום־עליכם אין די סאַמע שווערסטע מינוטן פון זיין לעבן געשפּאַסט איבער זיינע ליידן און צרות.

קוים מיט צרות דערשלאָגן זיך צו אַ קליין שוועדיש שיפל, וואָס האָט פאַר אַ הויכן פּרייז געפירט שלום־עליכם׳ן און זיין פאַמיליע קיין מאַלמע.

„דאָס שיפל איז געווען איבערגעפּאַקט מיט אַנטלאָפענע, כמעט אַלע רוסישע יידן, און נאָר אַ קליינער פּראָצענט רוסן און פּאָליאַקן. צווישן די עטלעכע קריסטן האָט זיך אויך געפונען דער דעמלטיקער צאַרישער בילדונגס־מיניסטער קאַסאָ, וואָס איז געווען באַרימט מיט זיינע גזירות קעגן דער יידישער לערן־יוגנט. דערהערט, אַז קאַסאָ איז צווישן אונדז, האָבן די יידן אויפן שיפל אָנגעהויבן צו רודערן. אַ טייל האָט געוואָלט אין אים נקמה, אַ טייל האָט געהאַט הנאה, וואָס זיי פאָרן מיט אַ „מיניס־טער", און אַנדערע, מאַמעס פון גימנאַזיסטן און סטודענטן, האָבן אפילו זיך געקליבן אַ פּרוּוו מאַן שתדלנות: אפשר וועט זיי דאָ געלונגען צו באַ־קומען פּראָטעקציע פאַר זייערע קינדער? שלום־עליכם׳ן האָט דער דאָזיקער גערודער מצד די יידן שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט געזאָגט, אַז שענער וואָלט געווען, מען זאָל קאַסאָן אינגאַנצן איגנאָרירן, זיך גאָרנישט אומ־קוקן אויף אים.

ער האָט געכאַפּט אַ קוק פון דער זייט אויפן געבראָכענעם מיניס־טער: אַ הויכער פאַרשוין, מיט אַ טונקל פּנים און מיט שוואַרצע, טריבע, קרומלעכע אויגן, אין וועלכע דאָס בייזע פייער איז צייטווייליק געווען פאַר־שטיקט.

קאַסאָ האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. די יידן האָבן אים געשטאָכן מיט זייערע בליקן. ער איז אריין אין דעם קאַפּיטאַנס קאַבי־נע, — אַ קעמערל די גרויס ווי אַ שפּאַן, — אָבער אויך דאָרטן האָבן יידן פאַרנומען אַלע פּלעצער. האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַ דערשלאָגע־נער הין און הער איבערן דעק פונעם שיפל.

עס האָט אָנגעהויבן צו רעגענען. דער ים איז געוואָרן שטורעמדיק און האָט גענומען וואַרפן דאָס שיפל, ווי אַ שפּענדל, אַרויף און אַראָפּ. שלום־עליכם, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די לופט פון דער גע־דיכט־אָנגערייכערטער קאַבינע, האָט זיך אויסגעזוכט אַ פּלאַץ אויפן דעק און געזעסן אין רעגן אונטערן אָפענעם שירעם. קאַסאָ איז עטלעכע מאָל פאַרביי־געגאַנגען מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער פונעם מאַנטל און האָט געוואָרפן פאַרגנבעטע בליקן אויף שלום־עליכם׳ן. ווייזט אויס, אַז שלום־עליכם׳ס אויסזען האָט אים פאַראינטערעסירט, און עס האָט אים געצויגן

צו פאַרבינדן מיט אים א שמועס, אפשר כדי נישט צו פילן זיך אזוי איינזאם.

ער איז ענדלעך צוגעגאַנגען צו שלום=עליכם'ן און זיך געווענדעט צו אים גלייך אויף רוסיש:

— קאָן מען זיך צוזעצן אונטער אייער שירעם?

— ביטע — האָט אים שלום=עליכם געענטפערט העפלעך, נאָר טרוקן, געמאַכט פאר אים פלאַץ און אָנגעבויגן צו אים א האַלבן שירעם.

— א שרעקלעכע לאַגע? — פרווט קאַסאָ אריין אין א געשפרעך.

— יאָ! — זאָגט שלום=עליכם.

קאַסאָ באטראכט מיט איין אויג זיין איינגעהאלטענעם שכן, דערזעט ביי אים אָפן קייטל פונעם זייגער א גאָלדענעם זשעטאָן.

— איר דינט אין דעם אינזשיניערן=דעפאַרטאַמענט פון דעם אייזנבאַן=מיניסטעריום? — פרעגט ער און ווייזט מיטן פינגער אויפן זשעטאָן.

— ניין, זאָגט שלום=עליכם, — דאָס איז א זשעטאָן פונעם פעטערבורגער פאריין פון שריפטשטעלער און דראמאטורגן.

— זייט איר, הייסט עס, א שריפטשטעלער? א דראמאטורג?

— יאָ, ענטפערט שלום=עליכם קורץ.

פון קאַסאָס זייט איז געזעסן א יידישע פרוי. אין דער צייט פון זיין קורצן געשפרעך מיט שלום=עליכם'ן איז דער פרוי געוואָרן נישט גוט פונעם וואָרפן, און זי האָט אָנגעהויבן אויסצוברעכן. קאַסאָ האָט עלעגאַנט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און אונטערגעהאַלטן די פארחלשטע פרוי. אָפגעטאָן די ארבעט, רופט ער זיך אָן צו שלום=עליכם'ן:

— אין אזא לאַגע קומט אוים אמאָל צו זיין אפילו א באַרעמהאַרציקע שוועסטער.

— עס שאַדט נישט, אז מע איז דאָס אין אלע לאַגעס, — האָט שלום=עליכם א זאָג געטאָן גאַנץ געלאַסן.

דער האָזיקער ענטפער האָט געמאכט א סוף צו זייער געשפרעך. ווי נאָר דער רעגן איז געוואָרן שוואַכער, האָט קאַסאָ זיך אַרויסגערוקט פון אונטער שלום=עליכם'ס שירעם אַ בורטשע געטאָן אַ דאַנק און איז נישט געוואָרן.

דעם זעלבן אָוונט זענען מיר צוגעפאָרן צו מאַלמע מיט דער באַן. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין מיט שלום=עליכם'ן צופוס איבער האַלב=פינצטערע ליידיקע גאַסן, געטריבן פון א שטאַרקן ים=ווינט, ביז מיר האָבן געפונען א האָטעל.ביים אריינגאַנג פונעם האָטעל איז אויף אונדז אָנגע=

לאָפּן אַ הויכע פיגור, מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער און מיט אַ משעמאָדאַן אין דער האַנט — קאַסאַ. ווי נאָר ער האָט אונדז דערזען, האָט ער באַלד פאַרקערעוועט צוריק און איז מיט גיכע טריט נעלם געוואָרן אין דער נאַכט".

פון מאַלמע האָט זיך שלום-עליכם דערקליבן ביז קאָפּענהאַגען. דאָרטן האָט ער זיך פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט צום גונסטן פון די רוסישע יידן, וואָס זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דייטשלאַנד. ער טרעט אַרויס אויף אָוונטן, און דאָס אויפגעזאַמלטע געלט גייט לטובת די אַנטרונענע.

„דאָ אין קאָפּענהאַגען איז געווען אַן אָוונט פאַר די אָרעמע עמיגראַנטן, פאַרשטייט זיך, מיט מיין אָנטייל. עס איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן פיל געלט. און אַצינד וועט דאָ איינגעאָרדנט אַ קיך פאַר אָרעמעלייט. איך האָב געלייענט, דאָס פּובליקום האָט געלאַכט, ווי אַלעמאָל. אָבער קיינעם איז גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז דער סאַמע אומגליקלעכסטער און אויסגעמוטשעטער עמיגראַנט, דאָס בין איך, שלום-עליכם".

אָט אַזוי דערציילט וועגן דער צייט שלום-עליכם אין די שורות פון די וויכטיקע בריוו, וואָס זענען דערמלט דערגאַנגען פון שלום-עליכם'ן קיין רוסלאַנד.

## די לעצטע צוויי יאָר

שווער איז געווען שלום-עליכם'ס לעבן אין אַמעריקע. עס איז אים געווען פרעמד די סביבה, אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן, די יידישע אַמעריקאַנער געלע פרעסע, ווי עס איז אים אויסגעקומען צו אַרבעטן. עס האָט זיך אים געבענקט אַהיים. עס האָט אים געצויגן קיין רוסלאַנד. זיין שטימונג איז געווען פּונקט אַזאַ, ווי די שטימונג פון פיל יידישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, וואָס פלעגן אויף זייערע אָוונטן און פאַרזאַמלונגען זינגען דאָס נישט-געקינצלטע פאָלקס-ליד:

אָ, רוסלאַנד, קוים הער איך דיין שפּראַכע,
דערפיל איך אַ פרייד און אַ שמערץ,
געפילן פון ליבע און ראַכע
ערוואַכן גאַנץ טיף אין מיין הערץ.
אָ, רוסלאַנד, ווי וואָלט איך צעקושן
דיין יעטוועדן שטיינדל אַצינד.

א, רוסלאנד, ווי וואָלט איך צעריסן
דיין צאַר, אַט דעם בלוטיקן הונט.

דער געזונט־צושטאַנד פון שלום־עליכם'ן ווערט אַלץ ערגער און ערגער. און עפּעס פילט ער, אַז ער וועט שוין אהיים צוריק נישט אומקערן זיך.

זיין גייסטיקן צושטאַנד אין דער פרעמד האָט ער גאַנץ קלאָר אויסגעדריקט אין זיינע בריוו צו זיינע קיעווער קרובים. אין די בריוו דערציילט שלום־עליכם וועגן זיין בענקשאַפט אהיים, וועגן זיין שווער לעבן אין אמעריקע. אין זיין לעצטן בריוו צו מענדעלע מוכר־ספרים פון 8־טן מאי 1915, וועלכער איז געשריבן אויף רוסיש, פרעגט ער: „צי וועלן מיר זיך שוין ווען זען?“

„וויפל מאָל האָב איך זיך געקליבן אייך שרייבן. עס האָט זיך אזויפיל אָנגעקליבן אויפן הארצן, — שרייבט שלום־עליכם צו מענדעלען אין דעם בריוו, — אז עס וואָלט שוין געווען גלייכער אפשר גאָרנישט שרייבן. אָבער פונדעסטוועגן, וואָס קאָן מען מאַכן? עס ווילט זיך דאָך דורכרעדן מיט נאָענטע און ליבלעכע. צי לעבט איר? צי זייט איר געזונט? דאָס איז דער עיקר, דאָס איבעריקע — איז שוין פוסטע זאַכן. געוויינט דערצו. וועגן מיר וועל איך קיין סך זיך נישט פארשפרייטן. ס'וואָלט אויסגעקומען א סך צו שרייבן“.

שלום־עליכם האָט געפילט, אז עס קומען אָן זיינע לעצטע טעג. פיבערהאַפט טרעט ער צו צו פאַרווירקלעכן זיינע ליטעראַרישע פּלענער. אין אמעריקע פאַרענדיקט ער זיין סאַטירע „קאַסרילעווקער פּראָגרעס“ — אויף דעם קאַפּיטאַליסטישן „פּראָגרעס“, וואָס האָט אויף א האָר נישט גרינגער געמאַכט די קלעגלעכע לאַגע פון די אַרבעטנדיקע. מיט גאַל שילדערט ער דאָס יידישע קולטור־וועלטל אין די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע צענטערס. אָן רחמנות שלאָגט ער דעם יידישן פּיליסטער און זיינע זייטן. מער האָבן זיך אים איינגעגעבן אין דער האַזיקער סאַטירע יענע קאַפּיטלען, וואָס שילדערן די זייטן פון דער יידישער בורזשואַזער פּרעסע אין די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע צענטערס פון אייראָפּע און אמעריקע.

שלום־עליכם דערציילט אונדז וועגן צוויי צייטונגען „דער קאַפּעליוש“ און „די יאַרמלקע“. דאָס זענען טיפּישע זאַמלונגס־נעמען פאַר דער גאַנצער יידישער בורזשואַזער פּרעסע.

עס זענען כאַראַקטעריסטיש די לאָזונגען פון די צייטונגען, וועלכע

קאַריקאַטור אויף שלום=עליכם ביי זיין צווייטן קומען קיין ניו=יאָרק סוף 1914 (געדרוקט אין „קונדס“ דעם 18=טן דעצעמבער 1914 אונטער אַ טיטל=קאָפּ: „שלום=עליכם פילט זיך דאָ היימיש“, און מיט אָט דעם אונטערשריפט: „שלום=עליכם, וווּ בין איך דאָ? על פּי שכל דאַרף דאָ זיין ניו=יאָרק, נאָר שמעקן שמעקט דאָ מיט כתרילעווקע“).

שלום־עליכם באַשרייבט אונדז. די קלעריקאַלע „יאַרמלקע" קלייבט אויס פאַר איר דעוויז „צו גאָט און צו לייטן". דער בורזשואַזער „קאַפּעליוש" האָט אָנגעשריבן אויף זיין פאָן: „איך עקזיסטיר — אַלץ עקזיסטירט". עס איז איבעריק צו דערקלערן, אַז אין אָט דעם לאָזונג איז דער תוך פון דער אינדיווידואַליסטישער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע.

אַזעלכע צייטונגען ווייטיקן זיך נישט אין גוטע ליטעראַרישע ווערק, אין טאַלאַנטפולע שרייבער. זיי ווילן בעסער דרוקן שונד־ראָמאַנען. אָט אַזעלכע, ווי „דער פאַרבאַטענער קוש פון דער געגנבעטער כלה", אָדער „דער געגנבעטער קוש פון דער פאַרבאַטענער כלה".

די דאָזיקע צייטונגען פאַרנעמען זיך מיט שדכנות און גיבן אויף דעם אַפּ גאַנצע זייטן אונטערן פאַלגנדיקן קעפּל: „פונעם חתן צו דער כלה און פון דער כלה צום חתן".

אין דעם דאָזיקן ווערק זיינעם לאַכט שלום־עליכם אויס נישט בלויז די רעדאַקציע, זייער שונד, ער לאַכט אויס בייסנדיק די באַרימערייַ פון די שרייבער, וועלכע גרופּירן זיך אַרום דעם ליבעראַלן „קאַפּעליוש" און אַרום דער קלעריקאַלער „יאַרמלקע". אָט די שרייבער איגנאָרירן דאָס טאַלאַנטפולע, דאָס קולטורעלע און באַציען זיך צום פאָלק ווי צו א פּינצ־טערן המון, וועלכער פאַרדינט נישט קיין שום אַכטונג מצד די „געניאַ־לע" באַוווּנער פון דעם אָלימפּ. וועגן איינעם אַזאַ דיכטער דערציילט שלום־עליכם, אַז „ער איז געווען אמאָל אין באָד און דערזען זיך א נאַ־קעטן, איז ער געוואָרן מלא כעס וחמה: אַזאַ גרויסער דיכטער, זאָל מען אים זען א נאַקעטן?"

דער דאָזיקער פּאָעט און זיינע קאָלעגן, וועלכע גיבן דעם טאָן אין דער „קאַפּעליוש"־ליטעראַטור, שטויסן אָפּ פון זיך אַלע טאַלאַנטפולע און אָרנטלעכע שרייבער.

שלום־עליכם באַשרייבט א יובילייַ פון אַן אַלטן טאַלאַנטפולן שריי־בער, און עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָ מיינט ער זיך אַליין. דער שרייבער איז אַזוי אָרעם, אַז ער מוז לייען א קאָסטיום צו זיין יובילייַ־אָוונט. די שרייבער לאַכן הינטער די פּלייצעס פון זייער אָרעמען קאָלעגע:

— ס'איז נישט זיין קאַפּאָטע. ס'א געליענע. מחמת ער איז, לא עליכם, א גרויסער אביון. און דער יובילייַ, וואָס מיר מאַכן אים, איז נאָר מצד רחמנות.

— וואָס הייסט מצד רחמנות?

— אַזוי, א מענטש פּלאָגט זיך כל־ימיו, געלט פון זיינע שרייבעכצן

האָט ער ווינציק וואָס געהאַט, כבוד — נאָך ווינציקער, לאָז ער כאָטש אויף דער עלטער האָבן א ביסל נחת־רוח, א שטיקל יובליי".

אויפן אָווגט זענען דאָ פאָרשטייער פון דער פּרעסע — פון דער „יאַרמלקע" און פון דעם „קאַפּעליוש".

די אָנפירער פון ביידע ריכטונגען מאַכן אָן אָנשטעל, אז זיי אינטע־רעסירן זיך מיטן גורל פונעם שרייבער, האַלטן רעדעס. אָבער דער יובליי ווערט באַלד פארשטערט. דער פאָרזיצער פון יובליי־קאָמיטעט כאַפּט שיר נישט קיין פּעטש.

„רבותי! — האָט דער געלער פּרעזידענט אָנגעהויבן זיין ערשט וואָרט. — רבותי! מיר האָבן זיך צונויפגעזאַמלט דאָ היינטיקע נאַכט צו פייערן דעם יובליי פון דעם עלטערן און גרעסערן פון אונדזערע שריפט־שטעלער...

— דעם „גרעסערן"? — האָט זיך אָנגעכאַפּט דער דיכטער מיט די שוואַרצע קודלעס.—דעם „עלטערן" פארשטיי איך נאָך, אָבער דעם „גרע־סערן", וואָס פאַר א „גרעסערן"?

— אַ ביסעלע אַ גוזמא — האָט אים אונטערגעהאַלטן דער דראַמאַ־טורג מיט די בלויע ברילן.

— נישט קיין גוזמא, נאָר אַ חוצפה, — האָט זיך אָפּגערופן דער ראָמאַנען־שרייבער מיט די קאַליע אויגן...

גאַנצענע טעג מיט גאַנצענע נעכט זיצט ער, אָט דער ראָמאַנען־שריי־בער, און שרייבט ראָמאַנען. נישט אומזיסט זיינען אים קאַליע געוואָרן די אויגן. צוליב וואָס ער שרייבט ראָמאַנען, ווייסט קיינער נישט. בסך־הכל האָט ער אויף זיין לעבן אָנגעשריבן עפּעס אַ מעשה, און די „יארמלקע" האָט זי אָפּגעדרוקט. פון דעמלט האַלט ער, אָט דער ייד, אין איין שרייבן ראָמאַנען.

דער פּאָעט מיט די שוואַרצע קודלעס האָט אונטערגעכאַפּט אויף אַ קול:

— א גרויסע חוצפה! אַ חוצפה און אַן אידיאָטסטווע!

איר זענט אַליין אן אידיאָט! — האָט שוין דער פּרעזידענט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן מער, און דער דיכטער מיט די שוואַרצע קודלעס האָט אַזש אָנגעהויבן צו ציטערן פאַר כעס".

נאָך מיט מער סאַרקאַזם שילדערט שלום־עליכם די זיטן פון די זשור־נאַליסטן פון דער „יארמלקע" און פונעם „קאַפּעליוש". ער שילדערט נישט נאָר זייערע קרעמערישע נענג אין דער צייט פון זייער אַרבעט נאָר אויך

זייער נידעריקן קולטורעלן און מאָראַלישן ניוואָ. אַלע אינטערוויוערס, פעליעטאָניסטן, פובליציסטן זיינען דאָ מענטשן עם=הארצים, וואָס באַגיסן איינער דעם אַנדערן מיט שמוץ.

עס איז כאַראַקטעריסטיש צו באַמערקן, אַז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן און שאַפן נאָך פאַר אַמעריקע קערט זיך שלום=עליכם אום צו זיינע אַלטע טעמעס, ווידער שרייבט ער וועגן די פאַמיליען=זיטן פון דער יידישער בורזשואַזיע („זומערדיקע ראָמאַנען“), אַ טעמע, וואָס ער האָט באַאַרבעט, ווי מיר ווייסן שוין, אין זיין „סענדער בלאַנק“.

די לעצטע צוויי יאָר, וואָס שלום=עליכם האָט געלעבט אין דעם טומלדיקן ניו=יאָרק, זענען פאַר אים געווען די סאַמע טונקעלע און שווערע יאָרן פון זיין לעבן. שלום=עליכם איז געוואָרן חושך אָפּגעצערט. דער שטענדיק פרייליכער שמייכל פאַרשווינדט, און דאָס פּנים איז פאַרצויגן מיט טרויער.

מיט אַ שטעקל אין האַנט האָט שלום=עליכם געשפּאַצירט אין די נאָענטע גאַסן לעבן זיין וווינונג, אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרטיפטער אין זיך, פאַרזונקען אין זכרונות וועגן זיין ווייטער היים, ווו עס זענען פאַרגאַנגען זיינע בעסטע שאַפונגס=יאָרן.

„קוקנדיק אויף אים פון דער זייט, איז שווער געווען צו גלייבן, אַז דאָס איז דער פריערדיקער שלום=עליכם: אַזאַ טיפער אומעט אין די אויגן, אַזאַ געלייטערטער טרויער אין דעם גאַנצן אויסדרוק פון דעם פריער רירעוודיקן, אַרטיסטיש=חנעוודיקן געזיכט!“ — אַזאַ איינדרוק איז פאַרבליבן ביי שלום=עליכם'ס קינדער וועגן די לעצטע אַנדערהאַלבן יאָר פון זיין לעבן.

נאָך מער באַטריבט האָט שלום=עליכם'ס לעצטע טעג דער פאַקט, וואָס די רעדאַקטאָרן פון די בורזשואַזע צייטונגען אין ניו=יאָרק, ווו עס האָט זיך געדרוקט שלום=עליכם'ס „פונעם יאַריד“, פלעגן אַלץ פאָדערן פון אים, ער זאָל פאַר זיי בעסער שרייבן שפּאַנענדיקע ראָמאַנען, איידער זיין אויטאָביאָגראַפיע.

איצט, צו זיין צווייט מאָל זיין אין אַמעריקע, האָט שלום=עליכם נאָך מער געליטן פונעם אָלרייטניק, און נאָך שטאַרקער איז געוואָרן זיין שנאה צו אים. ער ווידמעט דעמלט איינציקע סאַטירישע ווערק זיינע דעם אַמעריקאַנער אָלרייטניק.

סוף זומער פון יאָר 1915 קומט פאָר אַ קאַטאַסטראָפע אין שלום=עליכם'ס פאַמיליע: עס שטאַרבט זיין זון מישאַ אין עלטער פון 26 יאָר. דאָס האָט נאָך מער באַטריבט און פאַראומערט זיין לעבן. דאָס האָט נאָך

מער געווירקט אויף זיין געזונט־צושטאנד. און אָט אַזוי האָט זיך געצויגן זיין פאַראומערט לעבן ביזן פרילינג פון קומענדיקן יאָר.

אין פרילינג פון יאָר 1916 ווערט שלום־עליכם ווידער קראַנק, און אַצינד שוין דאָס לעצטע מאָל.

## אויפן טויטן־בעט

דעם 9־טן מאַי פון יאָר 1916 איז שלום־עליכם אַזוי שטאַרק פאַר־שלאָפט געוואָרן, אַז ער האָט שוין נישט געקאָנט אַרומגיין און האָט זיך געמוזט לייגן אויפן קראַנקן־בעט. די דאָקטוירים, וואָס האָבן אים גע־היילט, האָבן פעסטגעשטעלט, אַז ער איז קראַנק אויף די נירן און אויפן האַרץ. שלום־עליכם האָט געפילט, אַז דאָס מאָל וועט שוין זיין שוואַכער, אויסגעמאַטערטער אָרגאַניזם נישט זיין אימשטאַנד בייצוקומען זיין שווע־רע קרענק.

אַ גאַנצן טאָג — דעם 12־טן מאַי פון יאָר 1916 — האָט שלום־עליכם נישט גערעדט. איצט האָט ער אויפגעעפנט זיינע אויגן און האָט זיך גע־בעטן ווי אַ קינד:

— איך וויל זיצן... איך וויל זיצן...

אויפגערעגט און מיט ציטער האָט שלום־עליכם'ס פרוי פאַרהאָנגען דעם שפּיגל. זי האָט זיך דערשראָקן, אַז דער קראַנקער זאָל זיך איצטער נישט דערזען אינעם שפּיגל. נאָך מיט אַ פּאָר טעג פריער, ווען עס האָט אים געטראָפן דער ערשטער אָנגריף פון זיין לעצטן קראַנק ווערן, האָט ער געבעטן, מע זאָל פאַרהענגען דעם שפּיגל: ער קאָן נישט אָנקוקן דעם לאַנגווייליקן, גרויזאַמען טויט, וואָס האָט זיך צעלייגט מיט אַ געל־וואַקסע־נעם שאָטן פון גליווער אויף זיין פּנים.

די נאָענטע פרייַנט זענען מונטערער געוואָרן פון די אָנשטרענגונגען זיינע. ער וועט זיך ארויסראַטעווען, ער וועט ווידעראַמאָל באַקעמפן דעם טויט, גלייך ווי מיט אַכט יאָר צוריק אין באַראַנאָוויטש. האָט דאָך דער דאָקטער די גאַנצע צייט געטענהט, — האָט זי אַלעמען פאַרכאַפט איין פרייַדיקער געדאַנק, — ער מוז אַליין באַקעמפן זיין קרענק, ער טאָר זיך דעם טויט נישט אונטערגעבן.

שלום־עליכם האָט זיך אַוועקגעזעצט און גענומען בייסן די נעגל, ער האָט זיך פאַרטראַכט, גלייך ווי ער וואָלט געשריבן איצט זייגס אַ ווערק.

ש ל ו ם=ע ל י כ ם אויפן טויטן=בעט (געצייכנט פון מאָלער יואל לעוויט).

ער איז אָבער ווידער אנידערגעפאַלן אויפן קישן, אַרום זיין בעט שטייען זיינע קינדער און זיין פרוי. און אָט רעדט ער מיט זיינע לעצטע כוחות:

— וועסט מיך נעמען אַהיים, אַהיים אויף אַ קיעווער בית־עולם.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט דאָס האַרץ אויפגעהערט צו קלאַפּן. און עס איז אויף אייביק אַנטשוויגן געוואָרן שלום־עליכם׳ס הילכיקער געלעכטער.

* *
*

די צוויי טעג, וואָס דער פאַרשטאָרבענער איז געבליבן ליגן אין זיין דירה, זענען די טירן געווען אָפן פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט זיך געוואָלט געזעגענען מיטן קערפּער פון גרויסן שרייבער. און כאָטש די דירה איז געווען זייער ווייט פון איסט־סייד, פון דעם הויפּט־צענטער פון דער יידישער עמיגראַנטישער מאסע, זענען פאר די צוויי טעג דורכגעגאַנגען צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס זענען געקומען זעגענען זיך מיטן פאַרשטאָרבענעם.

ביים אָרון האָט זיך די גאַנצע צייט געפונען אַן ערן־קאַראַול פון יידישע שרייבער. שטיל פלעגן אַריינגיין די באַזוכער, וואָס פלעגן אַריינגעלאָזן ווערן לויט דער ריי אין צימער, וווּ עס איז געשטאַנען דער אָרון מיטן קערפּער פון דעם פאַרשטאָרבענעם. אייניקע פון זיי זענען ספּעציעל געקומען פון דער פּראָווינץ. און אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען גאַנצע דריי טעג.

דעם 15־טן מאַי איז פאָרגעקומען די לוויה. הונדערטער טויזנטער יידישע אַרבעטער, באַלמעלאָכעס און אָנגעשטעלטע האָבן געוואָרפן זייער אַרבעט און זענען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן חוב זייער געליבטן פאָלקס־שרייבער.

דער טאָג איז געווען אַ כמורנער, אַ קאַלטער. דער טרויעריקער פּראָצעסיע איז אויסגעקומען דורכצומאַכן נישט ווייניקער פון פינף און צוואַנציק קילאָמעטער וועג פון דער דירה פונעם פארשטאָרבענעם ביזן בית־עולם. אויף דער דאָזיקער שטרעקע איז אויסגעקומען דורכצושניידן פיר ראַיאָנען, וואָס זענען באַזעצט דורכאויס פון יידן, און אומעטום אויפן וועג זענען געשטאַנען אומענדלעכע שוואַרצע שערענגעס פון מענטשן, אומעטום, אין די פענצטער, אויף די באַלקאָנען און אַפילו אויף די דעכער.

די הויפּט־מאַסע פון די באַגלייטער האָט זיך אויפגעקליבן אין איסט־סייד, אינעם צענטער פון דער יידישער עמיגראַנטישער באַפעלקערונג.

די באַוועגונג האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס איז אויסגעוואַקסן אַ וואַנט פון מענטשלעכע קעפּ און קערפּערס, וואָס האָט מיט גרויס מי דורכגע־לאָזן דעם טרויעריקן שטראָם פון דער פּראָצעסיע. די פּראָצעסיע וואָס האָט זיך געלאָזן אין וועג פון דער ריחה פונעם פאַרשטאָרבענעם אין דער־פרי, איז געקומען אויפן בית־עולם ערשט אין אַכט שעה אַרום.

דער באַשיידענער בית־עולם האָט לאַנג נישט געזען אַזאַ פילקעפּיקן המון, כאָטש נאָר אַן אומבאַדייטנדיקער טייל פון די, וואָס זענען גע־גאַנגען נאָכן אָרון, האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו דערגרייכן דעם בית־עולם איבער דער ווייטקייט פון דער שטרעקע. דעם אָרון מיטן קערפּער האָט מען אין קבר נישט אַראָפּגעלאָזן, ווייל לויט דער בימע פונעם פאַר־שטאָרבענעם האָט מען זיין קערפּער נאָך דער מלחמה געדאַרפט איבער־פירן קיין רוסלאַנד.

אין אַמעריקע האָט זיין קערפּער געדאַרפט האָבן בלויז אַ צייטווייליקע רו, באַערדיקט האָט ער געוואָלט ווערן נאָר אין דער אַלטער היים.

די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן באַוויינט דעם טויט פון שלום־עליכם׳ן דעם שרייבער, וועלכער איז אין פאַרלויף פון כמעט פינף און דרייסיק יאָר געווען זייער פריינד, זייער יום־טוב, זייער פרייד, דער וועקער פון זייער געזונטן אָפּטימיזם.

אין די אויערן פון די, וואָס האָבן באַגלייט דעם שרייבער אין זיין לעצטן וועג, האָבן געקלונגען די ווערטער פון שלום־עליכם׳ס צוואה, וואָס איז געלייענט געוואָרן ביים אָנהייב פון דער לויה:

„ווו איך זאָל נישט שטאַרבן, זאָל מען מיך באַהאַלטן נישט צווישן אַריסטאָקראַטן, מיוחסים, אָדער גבירים, נאָר גראָד צווישן פּראָסטע יידן, אַרבעטער, מיטן אמתן פאָלק, אַזוי אַז די מצבה, וואָס מע וועט דערנאָך אַוועקשטעלן אויף מיין קבר, זאָל באַשיינען די איינפאַכע קברים אַרום מיר, און די איינפאַכע קברים זאָלן באַפּוצן מיין מצבה. אַזוי ווי דאָס פּראָסטע ערלעכע פאָלק האָט פאַר מיין לעבן באַשיינט זיין פאָלקס־שרייבער“.

די לוויה פון שלום־עליכם: ביי דער „אוהב צדק"־שול, 166־טע סטריט, ניו־יאָרק.

# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| | זייט |
| דאָס יאָר טויזנט אַכט הונדערט ניין און פופציק | 7 |
| אַז טאַטע־מאַמע זענען אַוועקגעפאָרן | 30 |
| אָנגעקומען אין דער „אויעזדנע“ | 56 |
| די ערשטע קאָנדיציע | 72 |
| צווישן לעבנס־אמת און קינסטלערישע וואָרהאַפטיקייט | 111 |
| נחום ראַבינאָוויטש שטאַרבט | 157 |
| דער זיידע און דאָס אייניקל | 189 |
| פריידן און ליידן | 244 |
| אַ באַגעגעניש מיט גאָרקין | 261 |
| אין וואַנדערונג | 278 |
| צי וועל איך דיך פאַרגעסן | 290 |
| מע פראַוועט זיין יובליי אָן אים | 299 |
| ווידער אין וואַנדערונג | 321 |



דא ליגט א איד א פשוט'ער
געשריבן אידיש-טייטש פאר ווייבער
און פארן פראסטן פאלק האט ער —
געווען א הומאריסט א שרייבער.

דאס גאנצע לעבן אויסגעלאכט,
געשלאגן מיט דער וועלט כפרות.
די גאנצע וועלט האט גוט געמאכט
און ער — אוי, וויי — געווען אין צרות!

און דוקא דעמאלט, ווען דער עולם האט
געלאכט, געקוויטשעט, און פלעג זיך פרייען,
האט ער געקרענקט — דאס ווייס נאר גאט —
בסוד, אז קיינער זאל ניט זעהן.

שלום-עליכם.

פאַקסימיליע פון שלום-עליכםס עפּיטאַפיע.